STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02487

# ZIKHROYNES VEGN VL.I. LENIN

Nadezhda Konstantinovna Krupskaya

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. ק. קרופּסקאַיאַ

# זיכרוינעס
וועגן
# וול. אי. לענין

צווייטער טייל

פאַרלאַג „עמעס" מאָסקווע, 1932

# אינהאלט


פאָרוואָרט

אריינפיר . . . . . . . . . . 8

רעאקציע־יאָרן. (זשענעווע 1908 יאָר) . . . . . . . . . . 15

פאריז (1909—1910) . . . . . . . . . . 39

די יאָרן פון נייעם רעוואָלוציאָנערן אופשטייג (1911—1914)

פאריז (1911—1912) . . . . . . . . . . 66

דער אָנהייב 1912 יאָר . . . . . . . . . . 80

קראָקע (1912—1914) . . . . . . . . . . 89

בערן (1914—1915) . . . . . . . . . . 145

ציוריך (1916) . . . . . . . . . . 180

1917 (ביז דער אָקטיאבער־רעוואָלוציע) . . . . . . . . . . 202




**וול. אי. לענין**

1916 יאָר

(א ציוריכער פאָטאָגראַפיע)

# פאָרוואָרט

דער צווייטער טייל זיכרוינגען איז אָנגעשריבן אין עטלעכע יאָר ארום נאָך די ערשטע, דעמלט, ווען עס זיינען שוין דערשינען אַסאַך אַנדערע זיכרוינגען, זאַמלביכער און די צווייטע אויפלאַגע פון לענינס געקליבענע ווערק. דאָס אַלץ האָט אַף די זיכרוינגען וועגן דער צווייטער עמיגראַציע אַרויפגעלייגט אַ באַשטימטן שטעמפּל. פון איין זייט האָט מען שוין איצט געקאָנט בעסער זיך קאָנטראָלירן, פון דער צווייטער זייט אָבער האָט די אומיטלבאַרקייט פון די זיכרוינגען גופא אין אַ געוויסער מאָס זיך אָפּגעריבן. אויסער דעם, איז דער פּעריאָד, וועלכער ווערט באַרירט אין די זיכרוינגען — די יאָרן 1908—1917 — אַסאַך קאָמפּליצירטער, ווי דער פאָריקער. דער ערשטער פּעריאָד — די יאָרן 1893—1907 — האָט אַרומגעכאַפּט די ערשטע טריט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג דעם קאַמף פאַר שאַפן די פּאַרטיי, דעם אַנוווּקס פון דער ערשטער רעוואָלוציע, וואָס איז געווען געווענדעט דעריקער קעגן דעם צאַריזם, און נאָכדעם — דאָס צעגראָמירן די ערשטע רע-וואָלוציע. דער אַנדער פּעריאָד — די יאָרן פון דער צווייטער עמיגראַ-ציע — זיינען אָן אַ ערעך קאָמפּליצירטער. דאָס זיינען געווען יאָרן פון פאַרסאַכאַקלען דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פונעם ערשטן פּעריאָד, יאָרן פון קאַמף קעגן דער רעאַקציע און קעגן איר צעלייגנדיקער ווירקונג אַף דער פּאַרטיי. דאָס זיינען געווען יאָרן פון פאַרביטערסטן קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם אין אַלע זיינע פאָרמען, אַ קאַמף פאַר דער נייטיקייט צוצופּאַסן די אייגענע אַרבעט צו פאַרשיידענע אומשטענדן, ניט דער-גיידערנדיק איר רעוואָלוציאָנערן טאָך, יאָרן, ווען עס האָט זיך געהאַלטן אין אָנרוקן די וועלט-מילכאָמע, ווען דער אָפּאָרטוניזם פון די אַרבעטער-פּאַרטייען האָט געבראַכט צו דער מאַפּאָלע פונעם צווייטן אינטערנא-ציאָנאַל, ווען פאַרן וועלט-פּראָלעטאַריאַט זיינען אויסגעוואַקסן אינגאַנצן

נייע אויפֿגאַבעס, ווען מע האָט געמוזט דורכלייגן אינגאַנצן נייע וועגן און אָ שטיין צו אַ שטיין פֿאַרלייגן דעם פֿונדאַמענט פֿאַרן דריטן אינטערנאַציאָנאַל, ווען מע האָט געדאַרפֿט, אין די שווערסטע באַדינגונגען, אָנהייבן אַ קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם. אין דער עמיגראַציע זײַנען אָט די אַלע אויפֿגאַבעס אַרויסגעטראָטן אין זייער גאַנצער קאָנקרעטקייט און פֿאַרשאַרפֿטקייט. ווען מע זאָל ניט באַנעמען אָט די אַלע אויפֿגאַבעס, וועט מען ניט פֿאַרשטיין, וויאַזוי לענין איז אויסגעוואַקסן אין דעם פֿירער פֿון אָקטיאַבער, אין דעם פֿירער פֿון דער וועלט־רעוואָליוציע. פֿירער פֿורעמען זיך אויס און וואַקסן אויס אין קאַמף און אין קאַמף שעפּן זיי זייער קראַפֿט. שרייבן זיכרוינעס וועגן איליטשן פֿאַר די יאָרן עמיגראַציע קאָן מען ניט, ניט צונויפֿבינדנדיק יעדע איינצלהייט פֿון זיין לעבן מיט יענעם קאַמף, וואָס ער האָט געפֿירט אין אָט די יאָרן.

פֿאַר די ניין יאָר אין דער צווייטער עמיגראַציע איז איליטש געבליבן דערזעלבער, ווי געווען. ער האָט נאָך אַלץ, ווי פֿריער, אַסאַך און אָרגאַניזירט געאַרבעט, שאַרף זיך איינגעקוקט אין יעדע איינצלהייט און נאָכדעם אַלץ צוזאַמענגעבונדן אין איין קנופּ, פּונקט אַזוי געקוקט דעם עמעס גלייך אין די אויגן, ווי ביטער ער זאָל ניט זיין. ער האָט, ווי פֿריער, געהאַסט יעדן מין אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, פּונקט אַזוי גינציק געווען איבערגעגעבן די אינטערעסן פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, די אינטערעסן פֿון די האָרעפּאַשניקעס, פּונקט אַזוי נאָענט גענומען צום האַרצן זייערע לעבנס־פֿראַגן, און דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז געווען אונטערגעוואָרפֿן די אינטערעסן פֿון דער אַרבעטער־זאַך. דאָס האָט זיך שוין בעמיילע באַקומען אַזוי, ווייל אַנדערש האָט ער ניט געקאָנט לעבן. ער האָט פּונקט אַזוי הייס און שאַרף געקעמפּט קעגן דעם אָפּאָרטוניזם, קעגן יעדן פּרווו אַרויסצודרייען זיך. ער האָט פּונקט, ווי פֿריער, איינגעריסן מיט די נאָענטסטע פֿריינט, אויב ער האָט געזען, אַז זיי שלעפּן די באַוועגונג אָפּ צוריק. ער האָט געקאָנט פּשוט, כאַוועריש, צוגיין צו אַ נעכטיקן קעגנער, אויב דאָס האָבן געפֿאָדערט די אינטערעסן פֿון דער אַרבעט, ווי פֿריער גערעדט אָפֿענע און קלאָרע דיבורים, ווי פֿריער, האָט ער ליב געהאַט די נאַטור, דעם אויפֿוואַכנדיקן וואַלד אין פֿרילינג, די באַרג־שטעגעלעך און די אָזיערעס, דעם טומל פֿון אַ גרויסער שטאָט, די אַרבעטער־מאַסע, ליב געהאַט כאַווײרים, באַוועגונג, קאַמף, דאָס לעבן אין זיין גאַנצער פֿילזייטיקייט. דערזעלבער איליטש, נאָר אַז מע שפּירט

אים נאָך טאָג־אויס, טאָג־איין, באַמערקט מען, אַז ער איז געוואָרן פיל צוריקגעהאַלטענער, נאָך אויפמערקזאַמער צו מענטשן, ער גייט אום אַ לאַנגע צייט פאַרטראַכטערהייט, און אַז דו רייסט אים אָפּ פון זיינע געדאַנקען, לויכטן זיך עפּעס אין דער ערשטער מינוט זיינע אויגן מיט אַ מין טרויער. שווערע זיינען זיי געווען, די יאָרן עמיגראַציע, און באַ וולאַדימיר איליטשן האָבן זיי אוועקגערויבט ניט ווייניק קויכעס. דערפאַר אָבער האָבן זיי פון אים אויסגעקאָוועט יענעם קעמפער, וועלכער איז געווען נייטיק די מאַסן, וועלכער האָט זיי געפירט צו ניצכוינעס.

נ. קרופּסקאַיאַ.

# אַריינפיר

די צווייטע עמיגראַציע ווערט צעטיילט אַף דריי פעריאָדן.

דער ערשטער פעריאָד (1908—1911) דאָס זיינען געווען יאָרן ווען אין רוסלאַנד האָט געהערשט די סאַמע צעיושעטע רעאַקציע. די צאַרישע רעגירונג האָט זיך אַכזאַריעסדיק אָפּגערעכנט מיט די רעוואָליוציאָנערן. די טורמעס זיינען געווען געפּאַקט, געווילדעוועט האָט אין זיי דער ערגסטער קאַטאָרגע-רעזשים, שלאָגן ביזן טויט די אַרעסטירטע איז געווען אַ געוויינלעכע זאַך, טויט-אורטיילן — איינער נאָך דעם אַנדערן. די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען געצוווּנגען אַוועקצוגיין אין טיפער אונטערערד. ניט שטענדיק האָט זיך עס איינגעגעבן. פאַר דער צייט פון דער רעוואָליוציע איז דער באַשטאַנד אין דער פּאַרטיי געוואָרן גאָר אַן אַנדערער: אין דער פּאַרטיי האָבן זיך אַריינגעגאָסן נייע קאַדרען, וועלכע האָבן ניט געוווּסט די פאָררעוואָליוציאָנערע אונטערערד און ניט געוווינט געווען צו קאָנספּיראַציע. פון דער צווייטער זייט, האָט די צאַרישע רעגירונג ניט געקאַרגט קיין געלט אַף אָרגאַניזירן די פּראָוואָקאַטעריי. די גאַנצע סיסטעם פון פּראָוואָקאַטעריי איז געווען אַ גוט דורכגעטראַכטע, אַ פאַרצווייגטע און האָט אַרומגערינגלט די צענטראַלע פּאַרטיי-אָרגאַנען. די אינפאָרמאַציע בײַ דער רעגירונג איז געווען אַ מוסטערהאַפטע.

פּאַראַלעל דערמיט פלעגט מען סיסטעמאַטיש פאַרנאָלגן די טעטיקייט פון פאַרשיידענע לעגאַלע געזעלשאַפטן, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, די פּרעסע. מיט אַלע קויכעס האָט די רעגירונג געשטרעבט אָפּצורייבן בײַ די אַרבעטער-מאַסן די רעכט, וואָס זיי האָבן געהאַט דערגרייכט פאַר די יאָרן רעוואָליוציע. אָבער אומקערן צוריק די אַלטע צייטן איז שוין געווען אוממעגלעך. פאַר די אַרבעטער-מאַסן איז די רעוואָליוציע

שפּורלאָז ניט אַדורך. און די אַרבעטער-זעלבסטטעטיקייט פּלעגט ווידער און ווידער אַמאָל זיך דורכרייסן דורך יעדער שפּאַרונג.

דאָס זיינען געווען יאָרן פון העכסטן אידייִשן פּאַנאַנדערפאַל אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער סוויווע. עס האָבן זיך גענומען ווייזן פּרוון צו רעווידירן די גרונט-יעסוידעס פונעם מאַרקסיזם, עס זיינען אויפגעקומען פילאָסאָפישע ריכטונגען, וועלכע האָבן געפּרוווט אַ וואַקל טאָן די מאַטעריאַליסטישע וועלט-אָנשויונג, אַף וועלכער עס באַזירט זיך דער גאַנצער מאַרקסיזם. די ווירקלעכקייט איז געווען אַ גרויזאַמע. און אָט האָט מען אָנגעהויבן פּרוון געפינען אַן אויסוועג און צוטראַכטן עפּעס אַ נייע פאַרפיינערטע רעליגיע און פילאָסאָפיש זי באַגרינדן.

אין שפּיץ פון אָט דער נייער פילאָסאָפישער שול, וועלכע האָט געעפנט די טירן פאַר פאַרשיידענער גאָטזוכעריי און גאָטבויעריי, איז געשטאַנען באָגדאַנאָוו, צו אים איז צוגעשטאַנען לונאַטשאַרסקי, באַזאַראָוו און אַנדערע. מאַרקס איז געקומען צום מאַרקסיזם דורך פילאָסאָפיע, דורך קאַמף מיטן אידעאַליזם. פּלעכאַנאָוו אין זיין צייט האָט דער פראַגע פון באַגרינדן די מאַטעריאַליסטישע וועלט-אָנשויונג אָפּגעגעבן זייער אַסאַך אויפמערקזאַמקייט. לענין האָט דערלערנט זייערע ווערק, נאָך אין דער פאַרשיקונג פלייסיק שטודירט פילאָסאָפיע. דעריבער האָט ער ניט געקאָנט ניט נעמען אין אַכט די באַדייטונג פונעם פילאָסאָפישן רעווידירן דעם מאַרקסיזם, דאָס ספּעציפישע געוויכט פון דער רעוויזיע אין די יאָרן רעאַקציע. און לענין איז מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אַרויסגעטראָטן קעגן באָגדאַנאָוון און זיין שול.

באָגדאַנאָוו איז געווען אַ קעגנער ניט נאָר אפן פילאָסאָפישן פראָנט. ער האָט אויך גרופּירט אַרום זיך די אָפּרופער (אָטזאָוויסטן) און אולטימאַטיסטן. די אָפּרופער האָבן געמיינט, אַז די מעלוכע-דומע איז געוואָרן אַזוי רעאַקציאָנער, אַז מע מוז אָפּרופן פון דומע די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראַקציע; די אולטימאַטיסטן האָבן געהאַלטן, אַז מע מוז איר דערקלערן אַן אולטימאַטום, אַז זי זאָל אין דומע פון דער טריבונע אַרויסטרעטן אַזוי, מע זאָל זי בעמיילע אַרויסשליידערן. אין טאָג גענומען איז צווישן די ביידע גרופּעס קיין שום כילעק ניט געווען... צו די אולטימאַטיסטן האָבן געהערט אַלעקסינסקי, מאַראַט און אַנדערע. סיי די אָפּרופער, סיי די אולטימאַטיסטן זיינען געווען אויך קעגן דעם

אָנטייל פון די באָלשעוויקעס אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַרייגען און אין די לעגאַלע געזעלשאַפטן. די באָלשעוויקעס, הייסט עס, דאַרפן זיין אייזן-האַרט און ניט ביגעוודיק. לענין האָט דעמאָזיקן שטאַנדפּונקט געהאַלטן פאַר א פעלערהאַפטן, ווייל ער האָט געפירט צום אָפּגרענעצן זיך פון יעדן מין פּראַקטישער אַרבעט, צום אָפּרייסן זיך פון די מאַסן, פון אָרגאַניזירן זיי באַ לעבעדיקער אַרבעט. די באָלשעוויקעס האָבן אינעם פעריאָד פאַר דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר באַוויזן אויסצונוצן יעדע לעגאַלע מעגלעכקייט. אין די שווערסטע באַדינגונגען האָבן זיי געקאָנט זיך דורכשלאָגן פאָרויס און פירן נאָך זיך די מאַסן. פונעם קאַמף פאַר געזאָטן וואַסער, פאַר ווענטילאַציע, האָבן זיי טראָט נאָך טראָט געפירט די מאַסן צו אַן אַלגעמיינעם באַוואָפנטן אופשטאַנד. דאָס קאָנען צופּאַסן זיך צו די סאַמע שווערע באַדינגונגען און דערביי פאַרהיטן די פּרינציפּיעלע אויסגעהאַלטנקייט, ניט אָפּגעבן די רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציעס — אָט דאָס זיינען געווען די טראַדיציעס פונעם לעניניזם. די אָפּרופער האָבן איינגעריסן מיט די באָלשעוויסטישע טראַדיציעס. דער קאַמף קעגן די אָפּרופער איז געווען א קאַמף פאַר דער אויסגעפּרוווטער באָלשעוויסטישער לענינישער טאַקטיק.

און, צולעצט, זיינען די יאָרן, 1908—1911, געווען יאָרן פון פאַרשאַרפטן קאַמף פאַר דער פּאַרטיי, פאַר איר אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע.

ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אינעם פעריאָד פון רעאַקציע האָבן די סימאָנים פון יערידע-שטימונגען זיך אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן פריער פאַר אַלץ צווישן די מענשעוויקעס-פּראַקטיקער, וועלכע זיינען אויך פריער געווען גענויגט צו שווימען מיטן שטראָם, ווו נאָר ס'איז מעגלעך אַרומשניידן די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, צווישן די, וואָס זיינען געווען ענג פאַרקניפּט מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע. די דאָזיקע יערידע-שטימונגען האָבן זייער בולעט זיך אויסגעדריקט אין דער שטרעבונג פון ברייטע שיכטן מענשעוויקעס צו ליקווידירן די פּאַרטיי, די ליקווידאַטערס האָבן פאַרזיכערט, אַז אַן אומלעגאַלע פּאַרטיי פירט נאָר צו דורכפאַלן, פאַרשמעלערט דעם שוווּנג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. אינדערעמעס אָבער וואָלט ליקווידירן די אומלעגאַלע פּאַרטיי באַטייט זיך אָפּזאָגן פון דעם פּראָלעטאַריאַטס זעלבשטענדיקער פּאָליטיק, דערנידערן די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, דאָס וואָלט באַטייט אָפּשוואַכן דעם פּראָלעטאַריאַטס אָרגאַניזירטקייט און איינייקייט

פון טאָט. ליקווידירן די פּאַרטיי וואָלט באַטייט זיך אָפּזאָגן פון מאַרקס לערע, פון אַלע זיינע איינשטעלונגען.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזוינע מענשעוויקעס, ווי פּלעכאַנאָוו, וועלכע האָבן אין זייער צייט אַזויפיל אויפגעטאָן פאַר פּראָפּאַגאַנדירן דעם מאַרקסיזם, פאַרן קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם, האָבן ניט געקאָנט ניט איינזען די גאַנצע רעאַקציאָנערקייט פון די ליקווידאַטאָרישע שטימונגען, און ווען דאָס פרייַדיקן צו ליקווידירן די פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן אַריבערוואַקסן אין פרייַדיקן צו ליקווידירן די סאַמע גרונט-יעסוידעס פונעם מאַרקסיזם, האָט ער מיט אַלע מעגלעכקייטן גענומען זיך אָפּגרענעצן פון זיי און געשאַפן זיינע אַן אייגענע גרופּע, אַ גרופּע מענשעוויקעס-פּאַרטייער.

דער פאַנאַנדערגעוויקלטער קאַמף פאַר דער פּאַרטיי האָט אַריינגעטראָגן אַ קלאָרקייט אין אַ גאַנצער ריי אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, האָט פאַרשאַרפט, פאַרפינקטלעכט און פאַרטיפט בא די ברייטע מאַסן פאַרשטייער דאָס פאַרשטיין די ראָליע פון דער פּאַרטיי און די פליכטן פון אירע מיטגלידער.

דער קאַמף פאַר אַ מאַטעריאַליסטישער וועלט-אָנשויונג, פאַר אַ בונד מיט די מאַסן, פאַר דער לענינשער טאַקטיק, דער קאַמף פאַר דער פּאַרטיי, — דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין באַדינגונגען פון אַן עמיגראַנטישער סוויווע.

אין די רעאַקציע-יאָרן איז זיך די עמיגראַציע צעוואַקסן זייער ברייט; עס זיינען צו איר קעסיידער צוגעקומען מענטשן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון די ווילדע פאַרפאָלגונגען מיצאַד דער צאַרישער רעגירונג, מענטשן אויסגעמאַטערטע מיט אומגעריסענע קויכעס און נערוון, אָן אַ פּערספּעקטיוו און אָן אַ גראָשן געלט, אָן אַ וועלכער ניט איז שטיצע פון רוסלאַנד. דעם קאַמף, וואָס איז דעמלט אָנגעגאַנגען, האָט דאָס אַלץ צוגעגעבן אַ באַזונדערס הארבן כאַראַקטער. מאַכלויקעסן, רייסערייען זיינען דעמלט פאָרגעקומען איבערגענוג.

אַציגד, אין אַסאַך יאָרן אַרום, איז שוין ביז דורכזיכטיקייט קלאָר, צוליב וואָס עס איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף. איצט, ווען דאָס לעבן האָט אַזוי אָנשוילעך באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער לענינשער ליניע, קאָן זיך שוין פאַר אַסאַך אָט דער גאַנצער קאַמף אויסווייזן ווייניק אינטערעסאַנט. אינדערעמעסן אָבער וואָלט אָן דעמדאָזיקן קאַמף די

פּאַרטיי ניט געקאָנט אַזוי שנעל פאַנאַנדערוויקלען איר אַרבעט אין די יאָרן פון אופשטייג, דער וועג אירער צום זיג וואָלט דעמלט פאַרשווערט געוואָרן. דער קאַמף איז פאָרגעקומען אין באַדינגונגען, ווען די איבערמאָנטע ריכטונגען האָבן ערשט אָנגעהויבן זיך פאָרמירן, פאַרגעקומען איז ער צווישן מענטשן, וואָס האָבן אָט ניט לאַנג געקעמפט האַנט בא האַנט און פילע האָט זיך אויסגעגעבן, אַז שולדיק אין דעם איז לעונינס ניט קאָנען איינלעבן זיך, זיין שאַרפקייט, זיין שווערער כאַראַקטער. אינדערעמעסן אָבער איז געגאַנגען אַ קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי, פאַר דער אויסגעהאַלטנקייט פון איר ליניע, פאַר דער ריכטיקייט פון איר טאַקטיק. די שאַרפע פאָרם פון דער פּאָלעמיק איז געווען דיקטירט אויך דורך דער פאַרפלאָנטערטקייט פון די פראַגן, און איליטש האָט אָפט געשטעלט די פראַגן באַזונדערס שאַרף, ווייל אַנדערש וואָלט בלייבן ניט קלאָר דער סאַמע טאָך פון דער פראַגע.

1911—1908 זיינען געווען יאָרן ניט פון סטאָם זיצן אין אויסלאַנד, נאָר פון אָנגעשטרענגטן קאַמף אַפן סאַמע וויכטיקסטן פראָנט — אַפן פראָנט פון אידעאָלאָגישן קאַמף.

דער צווייטער פעריאָד פון דער צווייטער עמיגראַציע, 1914—1911, דאָס זיינען געווען יאָרן פון אופשטייג אין רוסלאַנד. דער וווקס פונעם שטרייק־קאַמף, די לענער געשעענישן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַן איינמוטיקע אַרויסטרעטונג פונעם אַרבעטערקלאַס, די אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־פּרעסע, די וואַלן אין דומע און די אַרבעט פון דער פראַקציע אין דומע — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן צום לעבן נייע פאָרמען פּאַרטיי־אַרבעט, האָט איר צוגעגעבן אינגאַנצן אַ נייעם שוווּנג, האָט געמאַכט די פּאַרטיי לויטן באַשטאַנד מער אַן אַרבעטערשע און דערנענטערט זי צו די מאַסן.

עס האָבן זיך גיך אָנגעהויבן פאַרפעסטיקן די פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד, און די ווירקונג אַף דער רוסישער אַרבעט איז געוואַקסן. די פראַגער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין יאַנוואַר 1912 יאָר האָט אויסגעשלאָסן די ליקווידאַטערס, אויספאָרמירט אַן אומלעגאַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. פּלעכאַנאָוו איז מיט די באָלשעוויקעס ניט געגאַנגען.

אין 1912 יאָר זיינען מיר אַריבערגעפאָרן קיין קראָקע. דער קאַמף פאַר דער פּאַרטיי, פאַר איר פאַרפעסטיקונג, איז אָנגעגאַנגען שוין ניט צווישן די אויסלענדישע גרופּירונגען. דער קראָקעווער פעריאָד איז גע=

ווען אַזאַ, ווען אין רוסלאַנד האָט די לענינשע טאַקטיק זיך איינגאַנצן באַרעכטיקט אַף פאַקטן, אַף דער פראַקטיק. די פראַגן פון פראַקטישער אַרבעט פאַרכאַפן איינגאַנצן איליטשן. נאָר אין דער צייט, ווען אין רוסלאַנד האָט ברייט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַן אַרבעטער-באַוועגונג, האָט אַפן צווישנפעלקערלעכן פראָנט שוין געהאַלטן אין בליצן, אין דער לופט האָט אַלץ מער און מער פאַרשמעקט מיט מילכאָמע. און איליטש טראַכט שוין דעמלט וועגן יענע נייע צווישנבאַציונגען, וואָס דאַרפן זיך איינשטעלן צווישן פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, ווען די אָנקומענדיקע מילכאָמע וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ בירגער-קריג. לעבנדיק אין קראָקע, איז איליטשן אויסגעקומען נעענטער זיך צוזאַמענשטויסן מיט די פוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, מיט זייער שטאַנדפונקט אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ער פירט אַקשאָנעסדיק אַ קאַמף קעגן זייערע טאָעסן, פאַרשאַרפט, פאַרפינקטלעכט די פאָרמולירונגען. אינעם קראָקעווער פעריאָד האָבן די באָלשעוויקעס אָנגענומען אַ גאַנצע ריי רעזאָליוציעס איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכע האָבן געהאַט אַן אומגעהויער-גרויסע באַדייטונג.

**דער דריטער פעריאָד פון דער צווייטער עמיגראַציע** (1914—1917) כאַפט אַרום די מילכאָמע-יאָרן, ווען דער גאַנצער כאַראַקטער פון אונדזער עמיגראַציע-לעבן האָט זיך שאַרף געענדערט. דאָס איז געווען אַ פעריאָד, ווען די פראַגן פון צווישנפעלקערלעכן כאַראַקטער האָבן באַקומען אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג. ווען אויך אונדזערע רוסישע איניאָנים האָבן געקאָנט באַהאַנדלט ווערן אויסשליסלעך נאָר פונעם שטאַנדפונקט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג.

גאָר אַן אַנדער באַזע, אָן אַן ערעד אַ ברייטערע, אַ באַזע אַן אינטערנאַציאָנאַלע, האָט איצט אומפאַרמיידלעך געמוזט אוועקגעלייגט ווערן אין זייער גרונט. עס איז געטאָן געוואָרן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען צו טאָן, זיצנדיק אין אַ נייטראַל לאַנד, אַף פראָפאַגאַנדירן דעם קאַמף קעגן דער אימפעריאַליסטישער מילכאָמע, פאַר פאַרוואַנדלען זי אין אַ בירגער-קריג, פאַר פאַרלייגן די ערשטע גרונט-שטיינער פאַרן נייעם אינטערנאַציאָנאַל. די דאָזיקע אַרבעט האָט פאַרשלונגען אַלע קויכעס לענינס אין די ערשטע מילכאָמע-יאָרן (סאָף 1914—1915 יאָר).

אָבער פאַראַלעל דערמיט — אונטער דער ווירקונג פון די אַרומיקע

געשעענישן — קומט באַ אים אויף אַ גאַנצע רײ נײַע געדאַנקען: עס ציט אים צו פֿאַרטיפֿערטער אַרבעט איבער די פֿראַגן וועגן אימפּעריאַ־ ליזם, וועגן דעם כאַראַקטער פֿון דער מילכאָמע, וועגן די נײַע פֿאָרמען פֿון מעלוכע־מאַכט, וועלכע וועלן זיך אויסבילדן אַף מאָרגן נאָך דעם פּראָלעטאַריאַטס ניצאָכן, וועגן דעם דיאַלעקטישן מעטאָד און זײַן אָנ־ ווענדונג צו דער פּאָליטיק און טאַקטיק פֿונעם אַרבעטער־קלאַס.

פֿון בערן פֿאָרן מיר אַריבער קײַן ציוריך, וווּ עס איז געווען באַ־ קוועמער צו אַרבעטן, און איליטש נעמט זיך פֿעסט פֿאַרן שרײַבן, גאַנצע טעג פֿלעגט ער אָפּזיצן אין די ביבליאָטעקן, ביז עס איז אָנגע־ קומען די ידיע וועגן דער פֿעווראַלער רעוואָליוציע און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו פֿאָרן אין רוסלאַנד.

# רעאַקציע-יאָרן

## זשענעווע

### (1908 יאָר)

דעמאָלט טאָג, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין זשענעווע, איינאָונט האָט איליטש אָנגעשריבן אַ בריוו אַלעקסינסקין — דעם באַלשעוויסטישן דעפּוטאַט אין דער 2-טער דומע, וואָס איז פאַרמישפּעט געוואָרן אַף קאַטאָרגע צוזאַמען מיט אַנדערע באַלשעוויסטישע דעפּוטאַטן, און וועלכער האָט עמיגרירט קיין אויסלאַנד און געלעבט צו יענער צייט אין עסטרייך, — אַלס ענטפער אַף זיין בריוו, וואָס איז דערהאַלטן געוואָרן נאָך אין בערלין, און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער געענטפערט א. מ. גאָרקין, וועלכער האָט זייער שטאַרק געבעטן איליטשן קומען צו אים קיין איטאַליע, אַף קאַפּרי.

פאָרן אַף קאַפּרי איז געווען אומעגלעך, מע האָט געדאַרפט איינאָרדענען דעם אומלעגאַלן צענטראַלן פּאַרטיי-אָרגאַן „פּראָלעטאַרי“. טאָן דאָס האָט מען געדאַרפט וואָס שנעלער, קעדיי אין די האַזיקע שווערע רעאַקציע-יאָרן, וואָס גיכער אַוועקשטעלן דורכן צענטראַל-אָרגאַן אַ סיסטעמאַטישע אָנפירונג. פאָרן האָט מען ניט געקאָנט, איליטש האָט אָבער איגעם בריוו געטרייסט: „ווירקלעך, עס וואָלט זייער נייטיק געווען אַוועקלאָזן זיך אַף קאַפּרי!“ און ווייטער שרייבט ער: „צו אייך קומען, האַלט איך, איז בעסער דעמלט, ווען איר וועט ניט זיין פאַרנומען מיט קיין גרויסער אַרבעט, קעדיי מע זאָל קאָנען פריי אַרומשפּאַצירן און שמועסן צוזאַמען“*. פאַר דער לעצטער צייט האָט איליטש זייער אסאך איבערגעלעבט און דורכגעטראַכט און אים האָט

*) „לענין־זאַמלבוך“ 1, דריטע אופלאגע, זייט 92.

זיך געוואָלט געמיטלעך דורכשמועסן זיך מיט גאָרקין. מע האָט אָבער געמוזט די נעסיע אָפּלייגן.

ס'איז נאָך ניט געווען פעסט באַשלאָסן, צי דער „פּראָלעטאַרי" וועט דערשיינען אין זשענעווע אָדער ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט אין אויסלאַנד. מע האָט געהאַט געשריבן אין עסטרייך, צום עסטרייכישן סאָציאַל-דעמאָקראַט אַדלערן און צו יוזעפן (דזערזשינסקין), וועלכער האָט אויך דאָרטן געוווינט. עסטרייך איז נעענטער צו דער גרענעץ, אין איינציקע הינזיכטן וואָלט דאָרטן געווען באַקוועמער צו דרוקן, בעסער איינצואָרדענען דעם טראַנספּאָרט, איליטש אָבער האָט ווייניק געהאָפט, אַז מע זאָל ערגעץ-ווו, אויסער זשענעווע, קאָנען אַוועקשטעלן די אויסגאַבע פונעם צענטראַל-אָרגאַן. און האָט אָנגענומען מיטלען אַף איינצורעגולירן דעם איניען גופע אין זשענעווע. צו אונדזער גרויסער פאַרווונדערונג, האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז פון די פאָריקע צייטן איז אין זשענעווע נאָך פאַרבליבן בא אונדז א זאַץ-מאַשין, וואָס האָט אַף אסאך פאַרקירצט די הויצאָעס און פאַרייַנפאַכט דעם גאַנצן איניען.

עס איז געקומען דער כאַווער וולאַדימיראָוו — דער פריערדיקער זעצער, וועלכער פלעגט פאַר דער רעוואָליוציע זעצן אין זשענעווע די באָלשעוויסטישע צייטונג „וופּעריאָד". די אַלגעמיין ווירטשאַפטלעכע זאָרגן האָט מען אַרופגעלייגט אַף ד. מ. קאָטליאַרענקאָ.

צו פעוראַל זיינען זיך שוין צונויפגעפאָרן קיין זשענעווע אַלע כאַווירים, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד אַוועקצושטעלן דעם „פּראָלעטאַרי", ד. ה. וולאַדימיר איליטש, באָגדאַנאָוו און אינאָקענטי (דובראָווינסקי).

אינעם בריוו פונעם 2-טן פעוראַל האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן א. מ. גאָרקין:

„אַלץ איז איינגעאָרדנט, די טעג לאָזן מיר אַרויס אַן אַנאָנס, מיר שטעלן אייך אריין אלס מיטאַרבעטער. שרייבט אָן עטלעכע ווערטער, צי וואָלט איר געקאָנט געבן אונדז עפּעס-וואָס פאַר די ערשטע נומערן (צי אין דער פאָרם פון נאָטיצן וועגן באלעבעסלטום פון „נאָוואַיאַ זשיזן" אָדער אויסצוגן פון א דערציילונג, וועלכע איר שרייבט, א. ד. גל.)" *. נאָך אין 1894 יאָר, אין זיין ביכל „וואָס זיינען אַזוינס די

*) „לעניןֿ-זאמלבוך" I, דריטע אופלאגע, זייט 95.

פריינט פונעם פאָלק און וויאַזוי זיי קעמפן קעגן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן" האָט איליטש געשריבן וועגן דער בורזשואַזער קולטור, וועגן דער באַלעבעסלדיקייט, וועלכע ער האָט אַזוי פיינט געהאַט און פאַראַכט. דעריבער זיינען גאָרקיס פאַרצייכענונגען וועגן באַלעבעסלטום אים שטאַרק געווען געפעלן.

צו לונאַטשאַרסקין, וועלכער האָט זיך איינגעאָרדנט בא גאָרקין, אַף קאַפּרי, האָט איליטש געשריבן: „גיט צו וויסן, צי האָט איר זיך איינגעאָרדנט פעסט און צי זייט איר שוין געוואָרן אַרבעטפייִק?" *.

דער רעדאַקציע-דרייליניג (לעניִן, באָגדאַנאָוו, אינאָקענטי) האָט אָוועקגעשיקט אַ בריוו קיין ווין צו טראָצקין, און אים איינגעלאַדן מיטאַרבעטן אינעם „פּראָלעטאַרי". טראָצקי האָט זיך אָפּגעזאָגט, ער האָט ניט געוואָלט מיטאַרבעטן מיט די באָלשעוויקעס, ער האָט דאָס אָבער אָפן ניט געזאָגט, מאָטיווירנדיק זיין אָפּזאָג, מיט דעם, וואָס ער איז שטאַרק פאַרנומען.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן זאָרגן וועגן באַוואָרענען דעם טראַנספּאָרט פאַרן „פּראָלעטאַרי". מע האָט גענומען אויפזוכן אַלטע פאַרבינדונגען. אַמאָל פלעגט אונדזער טראַנספּאָרט גיין מיטן יאַם, דורך מאַרסעל א. אז. וו. איליטש האָט געטראַכט, אַז איצט וואָלט מען, אייגנטלעך געקאָנט איינרעגולירן דעם טראַנספּאָרט דורך קאַפּרי, ווו עס האָט געוווינט גאָרקי. האָט ער אָנגעשריבן צו מאַריאַ פיאָדאָראָוונאַ אַנדרייעוואַ, גאָרקיס פרוי, וועגן דעם, וויאַזוי איינצואָרדענען דאָס אַריבערפירן ליטעראַטור קיין אָדעס דורך די אַרבעטער און שיף-אָנגעשטעלטע. וועגן דעם טראַנספּאָרט האָט ער זיך צונויפגעשריבן דורך ווין אויך מיט אַלעקסינסקין, ווייניק, אַגעוו, האָפנדיק אַף דערפאָלג. פאַר אַזוינע איניאָנים איז אַלעקסינסקי געווען זייער ווייניק צוגעפּאַסט. האָט מען אָנגעהויבן אַרויסרופן קיין אויסלאַנד פון רוסלאַנד אונדזער „ספּעץ" איבער טראַנספּאָרט-איניאָנים — דעם כאַווער פּיאַטניצקי, איצטיקן טוער אין קאָמינטערן, וועלכער האָט אין זיין צייט זייער גוט אָוועקגעשטעלט דעם טראַנספּאָרט דורך דער דייטשישער גרענעץ. נאָר ביז אים האָט זיך איינגעגעבן אויסדרייען זיך פון אונטער דער נאָכשפּירונג, פון אונטער אַרעסט און דורכקלייבן זיך דורך דער גרענעץ איז אַריבער

---

*) „לעניִן-זאַמלבוך" 1, דריטע אויפלאַגע, זייט 160

בא אכט כאדאָשים. באלד נאָכן אָנקומען קיין אויסלאַנד האָט פּיאַטניצקי געפּרוווט אַוועקשטעלן דעם טראַנספּאָרט דורך לעמבערג, נאָר דאָרט האָט זיך גאָרניט איינגעגעבן אויפֿצוטאָן. האַרבסט 1908 יאָר איז ער געקומען קיין זשענעווע: האָט מען זיך צונויפֿגערעדט, אַז ער זאָל ווידער זיך באַזעצן אַף זיין פֿריערדיקן וווין־אָרט, אין לייפּציק, און זאָל איינרעגולירן דעם טראַנספּאָרט ווידער דורך דער דייטשישער גרענעץ און אויפֿשטעלן די אַלטע פֿאַרבינדונגען.

אַלעקסינסקי האָט באַשלאָסן אַריבערפֿאָרן קיין זשענעווע. אַלעקסינסקים פֿרוי, טאַטיאַנאַ איוואַנאָוונאַ, האָט מען גערעכנט צוציען אַלס מיינע אַ מיטהעלפֿערן פֿאַר די שריפֿטלעכע פֿאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען נאָר פּלענער. וואָס איז שייעך פֿריוו, האָבן מיר זיי מער דערוואַרט, ווי באַקומען. אינגיכן נאָך אונדזער אָנקומען קיין זשענעווע איז פֿאָרגעקומען אַ געשיכטע מיט צעבייטן געלט.

אין יולי 1907 יאָר איז אין טיפֿליס, אַפֿן עריוואַנער פּלאַץ, פֿאָרגעקומען אַן עקספּראָפּריאַציע. אין סאַמע ברען פֿון דער רעוואָליוציע, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען אַף אַ פֿאַנאַנדערגעוויקלטן פֿראָנט דער קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג, האָבן די באָלשעוויקעס געהאַלטן פֿאַר דערלאָזלעך צו פֿאַרכאַפּן די צאַרישע קאַזנאַ, מאַכן אַן עקספּראָפּריאַציע. דאָס געלט פֿון דער טיפֿליסער עקספּראָפּריאַציע איז איבערגעגעבן געוואָרן די באָלשעוויקעס פֿאַר רעוואָליוציאָנערע צוועקן. מע האָט עס אָבער ניט געקאָנט אויסנוצן. דאָס גאַנצע געלט איז געווען אַלץ אין 500 רובלדיקע אַסיגנאַציעס, און מע האָט זיי געמוזט צעבייטן. אין רוסלאַנד האָט מען עס ניט געקאָנט טאָן, ווייל אין די בענק זיינען שטענדיק געווען די צעטלען מיט די נומערן פֿון די עקספּראָפּריִרטע פֿינפֿהונדערטערס. איצט, ווען די רעאַקציע האָט געווילדעוועט אין דער העכסטער מאָס, האָט מען געמוזט איינאָרדענען באַפֿרייונגען פֿון די טפֿיסעס, וווּ די צאַרישע רעגירונג האָט געפּייניקט די רעוואָליוציאָנערן. קעדיי די באַוועגונג זאָל ניט פֿאַרטויבט ווערן, האָט מען געדאַרפֿט אָרגאַניזירן אומלעגאַלע דרוקערייען א.ד.גל. געלט האָט מען געדאַרפֿט נייטיק, ווי דאָס לעבן. און אָט האָט אַ גרופּע כאַווײרים געמאַכט אַ פּרווו צו צעבייטן די פֿינפֿהונדערטערס אין אויסלאַנד אין עטלעכע שטעט מיט אַמאָל. דער פּרווו מיטן צעבייטן דאָס געלט איז געמאַכט געוואָרן פּונקט אין עטלעכע טעג אַרום נאָך אונדזער אָנקומען קיין

אויסלאַנד. געוווּסט וועגן דעם און אַפילו אָנטייל גענומען אין אָרגאַניזירן דעמדאָזיקן צעבייט האָט דער פּראָוואָקאַטער זשיטאָמירסקי. דעמלט האָט נאָך קיינער ניט געוווּסט, אַז זשיטאָמירסקי איז אַ פּראָוואָקאַטער. אַלע האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט פולן צוטרוי. און ער האָט שוין צו יענער צייט געהאַט אַרויסגעגעבן אין בערלין דעם כאַווער קאַמאָ, בא וועמען מע האָט צוגענומען אַ טשעמאָדאַן מיט דינאַמיט און וועלכן עס איז אויסגעקומען נאָכדעם זיצן לאַנג אין דער דייטשישער טפיסע. שפּעטער האָט די דייטשישע רעגירונג אַרויסגעגעבן קאַמאָ דער רוסישער רעגירונג. זשיטאָמירסקי האָט געוואָרנט די פּאָליציי, און די, וואָס האָבן געמאַכט דעם פּרוּוו מיטן צעבייטן דאָס געלט, האָט מען פאַהאַלטן און אַרעסטירט. אין שטאָקהאָלם האָט מען אַרעסטירט איינעם אַ לעט, אַ מיטגלידער פון דער ציוריכער גרופּע. אין מינכען — אָלגאַ ראַוויטש, אַ מיטגליד פון זשענעווער גרופּע, אונדזערע אַ פּאַרטייער, וועלכע האָט ניט לאַנג זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד, באָגדאַסאַריאַן און כאָדזשאַמיריאַן. אין זשענעווע גופא האָט מען אַרעסטירט נ. אַ. סעמאַשקאָ, אַף וועמעס אַדרעס עס האָט זיך באַקומען אַ קאַרטל פון איינעם פון די אַרעסטירטע.

די שווייצאַרישע קליינבירגער זיינען געווען איבערגעשראָקן אַף טויט. מע האָט ניט אויפגעהערט ריידן וועגן די רוסישע עקספּראָפּריאַטערס. אין פּאַנסיאָן, וווּהין איך מיט איליטשן פלעגן גיין עסן מיטאָג, האָט מען וועגן דעם גערעדט מיט גרויל. ווען צו אונדז איז געקומען דאָס ערשטע מאָל מיכא צכאַקאַיאַ, אַ קאַווקאַזער כאַווער, דער פּאַרזיצער פונעם דריטן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר אין 1905, וועלכער האָט צו יענער צייט געוווינט אין זשענעווע, האָט זיין קאַווקאַזער אויסזען אַזוי איבערגעשראָקן אונדזער הויז-באַלעבאָסטע, וועלכע האָט באַשלאָסן, אַז דאָס איז עס טאַקע ער אַליין — דער הויפּט-עקספּראָפּריאַטער, — אַז זי האָט מיט אַ שוידערלעכן אויסגעשריי פאַרהאַקט פאַר אים די טיר.

די שווייצאַרישע פּאַרטיי איז דעמלט געווען געשטימט אַרכי-אָפּאָרטוניסטיש. און די שווייצאַרישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן אין צוזאַמענהאַנג מיט א. נ. סעמאַשקאָס אַרעסט גערעדט וועגן דעם, אַז בא זיי איז דאָס סאַמע דעמאָקראַטישע לאַנד און אַז די געזעצלעכקייט שטייט דאָרט אַף דער געהעריקער הייך, דעריבער דולדן זיי ניט אַף זייער טעריטאָריע קיין פאַרברעכנס קעגן אייגנטום.

די רוסישע רעגירונג האָט געפאָדערט, מע זאָל איר אַרויסגעבן די אַרעסטירטע. די סאָציאַל=דעמאָקראַטן פון שווייץ זיינען געווען גרייט זיך אַריינמישן אינעם איניען, זיי האָבן אָבער געפאָדערט, אַז די ציוריכער גרופּע, אין וועלכער עס איז אַריין דער אַרעסטירטער כאַווער, זאָל באַשטעטיקן, אַז דער יאַט, וועלכן מע האָט אַרעסטירט אין שטאָקהאָלם — איז אַ סאָציאַל=דעמאָקראַט און האָט די גאַנצע צייט געוווינט אין ציוריך. די ציוריכער גרופּע, וווּ די מערהייט איז באַשטאַנען פון מענשעוויקעס, האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן. אין דער אָרטיקער בערנער צייטונג האָבן די מענשעוויקעס אַפילע זיך צוגעיילט אָפּצוגרענעצן זיך פון סעמאַשקאָ, פאַרשטעלנדיק די זאַך אַזוי, ווי ער וואָלט גאָרניט געווען קיין סאָציאַל=דעמאָקראַט און ניט געהאַט פאַרגעשטעלט מיט זיך די זשענעווער גרופּע אַפן שטוטגאַרטער קאָנגרעס.

די מענשעוויקעס האָבן פאַרורטיילט דעם מאָסקווער אויפשטאַנד אין 1905 יאָר, זיי זיינען געווען קעגן דעם אַלעם, וואָס קאָן אָפּשרעקן די ליבעראַלע בורזשואַזיע. דאָס, וואָס נאָך דער מאַפּאָלע פון דער רעוואָלוציע איז די בורזשואַזע אינטעליגענץ אָפּגעפאָלן פון דער רעוואָליוציע, האָבן זיי דערקלערט ניט מיט דעם קלאַסן=נאַטור פון דער אינטעליגענץ גופע, נאָר דערמיט, וואָס די באָלשעוויקעס מיט זייערע קאַמפמעטאָדן האָבן זי אָפּגעשראָקן. די באַהויפּטונג פון די באָלשעוויקעס, אַז אין דער צייט פון אופשטייג אינעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף איז דערלאָזלעך געווען אַן עקספּראָפּריאַציע צוליב רעוואָליוציאָנערע צוועקן, איז דורך זיי שאַרף פאַרורטיילט געוואָרן. לויט זייער מיינונג, האָבן די באָלשעוויקעס אָפּגעשראָקן די ליבעראַלע בורזשואַזיע. דעריבער איז נייטיק צו קעמפן מיט די באָלשעוויקעס, און אין דעמדאָזיקן קאַמף זיינען אַלע מיטלען גוט.

אינ׳ן בריוו פונעם 26=טן פעברואַל 1908 יאָר, וואָס איז געווען אַדרעסירט צו פּלעכאַנאָוון, האָט פּ. ב. אַקסעלראָד אַנטוויקלט אַ פּלאַן, וויאַזוי דיסקרעדיטירן די באָלשעוויקעס אין די אויגן פון די אויסלענדער, אויסנוצנדיק צוליב דעם ציל אָט די גאַנצע געשיכטע, צונויפשטעלן אַ באַריכט, איבערזעצן אים אַף דייטש און פראַנצויזיש, אַריינשיקן דער דייטשישער פּאַרטיי=פאַרוואַלטונג (דעם פאָרשטאַנד) קאַוטסקין, אַדלערן, דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ, אין לאָנדאָן א.אַ.וו.

דערדאָזיקער בריוו אַקסעלראָדס, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן

אין אַכצן יאָרן אַרום, אין 1926 יאָר, באַווייזט אַמבוילעטסטן, ווי ווייט עס זיינען זיך אין יענער צייט פֿאַנאַנדערגעגאַנגען די וועגן פֿון די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס.

וועגן ג. א. סעמאַשקאָס אַרעסט האָט וולאַדימיר איליטש, אַלס פֿאָרשטייער פֿון ר.ס.ד.אַ.פּ. אַוועקגעשיקט אַן אָפֿיציעלע מעלדונג אין דער צווישנפֿעלקערלעכער ביוראָ. ער האָט אויך גאָרקין געשריבן, אַז אויב ער קען סעמאַשקאָן פּערזענלעך פֿון ניזשני, וואָלט ער געדאַרפֿט אַרויסטרעטן אים צו פֿאַרטיידיקן אין דער שווייצאַרישער פּרעסע. ג. א. סעמאַשקאָן האָט מען אינגיכן באַפֿרייט.

נאָך דער רעוואָלוציע איז אונדז שווער געווען ווידער זיך צוגעוווינען צום עמיגראַנטישן לעבן. גאַנצע טעג פֿלעגט וולאַדימיר איליטש אָפּזיצן אין ביבליאָטעק. אָבער אין די אָוונטן האָבן מיר ניט געהאַט וווּ זיך אַהינצוטאָן. זיצן אין דעם אומהיימלעכן, קאַלטן צימער, וואָס מיר האָבן געדונגען, האָט זיך ניט געגלוסט, עס האָט געצויגן צו מענטשן, פֿלעגן מיר יעדן טאָג ערגעץ גיין — אַמאָל אין קינאָ, אַמאָל אין טעאַטער. כאָטש זייער זעלטן זיינען מיר אויסגעזעסן ביזן סאָף, אָפּטער פֿאַר אַלץ פֿלעגן מיר אַוועקגיין אינמיטן פֿאָרשטעלונג ערגעץ וווּ אַרומבלאָנקען, דאַסראָוו צו דער אָזיערע.

ענדלעך, אין פֿעברואַל איז דערשינען שוין אין זשענעווע דער ערשטער (21-טער) נומער „פּראָלעטאַרי“. כאַראַקטעריסטיש אין אים איז וולאַדימיר איליטשס ערשטער אַרטיקל. „מיר האָבן געקאָנט, — האָט ער געשריבן, — לאַנגע יאָרן אַרבעטן ערעוו דער רעוואָלוציע. ניט אומזיסט האָט מען אונדז אָנגערופֿן שטיינפֿעסטע. די סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן אויסגעבויט אַ פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, וועלכע פֿאַלט בא זיך ניט אַראָפּ פֿונעם אומדערפֿאָלג באַם ערשטן קריג-אָנגריף, און וועלכע וועט ניט פֿאַרלירן דעם קאָפּ און ניט פֿאַרפֿירט ווערן דורך אַוואַנטיוריזם. די דאָזיקע פּאַרטיי גייט צום סאָציאַליזם ניט פֿאַרבינדנדיק זיך און דעם גורל אירן מיטן אויסגאַנג פֿון דעם אָדער יענעם פּעריאָד פֿון די בורזשואַזע רעוואָלוציעס. און נאָר דערפֿאַר טאַקע איז זי פֿריי אויך פֿון די שוואַכע זייטן אין די בורזשואַזע רעוואָלוציעס. און אָט די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי גייט צום ניצחון *.

*) לענין, באַנד XII, זייט 126.

אָט די ווערטער האָט געשריבן וולאַדימיר איליטש. און זיי האָבן אויסגעדריקט דאָס, מיט וואָס ער האָט דעמאָלט געלעבט. אין דער צייט פון מאַפּאָלע האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם פּראָלע־טאַריאַטס גרעסטע ניצחונות. אין די אָוונטן, ווען מיר פלעגן גיין באַ די ברעגעס פון זשענעווער אָזיערע, פלעגט ער שטענדיק וועגן דעם ריידן.

דעם כאַווער אָדאָראַטסקי, וועלכער איז אין 1906 יאָר געווען אַרויסגעשיקט קיין אויסלאַנד און וועלכער האָט אין אָנהייב 1908 יאָר ווידער זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, האָבן מיר נאָך דעמאָלט געטראָפן אין זשענעווע. ער דערמאָנט איצט די געשפּרעכן מיט איליטשן וועגן דעם כאַראַקטער פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע, וועגן דעם, אַז די־זאָזיקע רעוואָלוציע וועט, אָן שום צווייפל, איבערגעבן די מאַכט אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט. דעם כאַווער אָדאָראַטסקיס זכרונות שטימען אינגאַנצן מיטן גייסט פונעם אויבנגעבראַכטן אַרטיקל און מיט אַלץ, וואָס איליטש האָט דעמאָלט אַרויסגעזאָגט. אַז דעם פּראָלעטאַריאַטס מאַפּאָלע איז נאָר אַ צייטווייליקע — אין דעם האָט איליטש קיין איין רעגע ניט געצווייפלט.

דער כאַווער אָדאָראַטסקי דערמאָנט אויך, אַז וולאַדימיר איליטש האָט אים געצוווּנגען אָנשרייבן גענויע זכרונות וועגן 1905 יאָר, וועגן די אָקטיאַבער־טעג און באַזונדערס וועגן יענע פּעקציעס, וואָס האָבן אַ שייכעס צו די פראַגן וועגן באַוואָפנען די אַרבעטער, וועגן די שלאַכט־דרוזשינעס, וועגן אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד און פאַרכאַפּן די מאַכט*.

וולאַדימיר איליטש האָט געהאַלטן, אַז מע מוז אַפן סאַמע זאָרגזאַמען אויפן דערלערנען די דערפאַרונג פון דער רעוואָלוציע, אַז די־דאָזיקע דערפאַרונג וועט געוויס צונוץ קומען שפּעטער. ער פלעגט זיך איינקלאַמערן אין יעדן אָנטיילנעמער פון דעם ניט לאַנג פאַרגעקומענעם קאַמף און אַ לאַנגע צייט איינטיינען מיט אים. ער האָט געהאַלטן, אַז אַף דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס איז געפאַלן די פליכט „אופצוהיטן די טראַדיציעס פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, פון וועלכע די אינטעליגענץ און דאָס קליינבירגערטום איילן זיך אָפּצוזאָגן, אַנטוויקלען און פאַרפע־

---

* וו. אָדאָראַטסקי, „פאַר 18 יאָר", („פּראָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָלוציאַ", נומ 3 (26), 1924 יאָר, זייט 97).

סטיקן דיראַזיקע טראַדיציעס, איינוואָרצלען זיי איגעם באַוווסטזיין פון די ברייטע פאָלק=מאַסן, דערטראָגן זיי ביז דעם קומענדיקן, אומפאַרמיידלעכן אופשטייג פון דער דעמאָקראַטישער באַוועגונג"*.

„די אַרבעטער אַליין, — האָט ער געשריבן, — פירן טאַקע סטיכיש אָט די ליניע, ווייל צו לייד'נשאַפטלעך האָבן זיי איבערגעלעבט דעם קאַמף אין אָקטיאַבער און דעקאַבער, צו אָנשוילעך האָבן זיי געזען די ענדערונג אין זייער לאַגע *אויסשליסלעך* אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דעם אומיטלבאַרן רעוואָליוציאָנערן קאַמף. און איצט זאָגן, זיי, אָדער אמווייניקסטן פילן זיי אלע, ווי יענער וועבער, וואָס האָט געמאָלדן אין אַ בריוו צו זיין פראָפעסיאָנעלן אָרגאַן: „די פאַבריקאַנטן האָבן אָפּגענומען אַלע אונדזערע דעראָבערונגען, די געהילף=מייסטערס איזדיעקעווען זיך איבער אונדז אַלציינס, ווי פריער, *וואַרט צו, עס וועט נאָך ווידער קומען דאָס 1905 יאָר*".

„וואַרט צו, עס וועט נאָך ווידער קומען דאָס 1905 יאָר" — אָט וויאַזוי עס האַלטן די אַרבעטער. פאַר זיי האָט דאָס יאָר קאַמף געגעבן אַ מוסטער פון דעם, *וואָס מע דאַרף טאָן*. פאַר דער אינטעליגענץ און פאַרן רענעגאַטישן באַלעבעסלטום, איז דאָס אַ „דול יאָר", איז דאָס — אַ מוסטער פון דעם, *וואָס מע דאַרף ניט טאָן*.

פאַרן פראָלעטאַריאַט דאַרף דאָס איבעראַרבעטן און דאָס קריטישע איבערנעמען די דערפאַרונג פון דער רעוואָליוציע באַשטיין אין דעם, ער זאָל זיך אויסלערנען אָנווענדן די *דעמאָלטיקע* קאַמף=מעטאָדן נאָר *מיט מער דערפאָלג*, אַז דערזעלבער שטרייק=קאַמף אין אָקטיאַבער און באַוואָפנטער אופשטאַנד אין דעקאַבער זאָלן געמאַכט ווערן ברייטער, מער קאָנצענטרירט און מער באַוווסטזיניק**.

די פאַרשטייענדיקע יאָרן האָבן זיך פאַרגעשטעלט איליטשן אַלס יאָרן פאַר צוגרייטן זיך צו אַ נייעם אָנגריף.

מע האָט געדאַרפט אויסנוצן דעם „אָטעם=איבערכאַפּ" איגעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף פאַרן ווייטערדיקן פאַרטיפערן זיין טאָד.

פריער פאַר אַלץ האָט מען געמוזט אויסאַרבעטן אַ קאַמף=ליניע אין די באַדינגונגען פון רעאַקציע. אַריבערפירנדיק די פּאַרטיי אַף אַן אומ=

---

* לעניק, באנד XII, זייט 206.

** דאָרטן, זייט 206.

לעגאַלער לאַגע, האָט מען געדאַרפט באַטראַכטן, וויאַזוי איבערלאָזן פאַר
איר די מעגלעכקייט צו אַרבעטן מיט לעגאַלע מיטלען, וויאַזוי אויפצו=
היטן די מעגלעכקייט צו ריידן מיט די ברייטע מאַסן אַרבעטער און
פויערים דורך דער דומע=טריבונע. איליטש האָט געזען, אַז בײַ אַסאַך
פון די באָלשעוויקעס, בײַ די אַזויגערופענע אָפרופער, איז דאָ אַ
שטרעבונג אומגעהייער צו פאַרפראָסטערן דעם איגיען: וועלנדיק אויפ=
היטן אומבאַדינגט די פאָרם פון קאַמף, וועלכע איז געווען גילטיק אין
דער צייט, ווען די רעוואָלוציע איז אַמשנעלסטן געשטיגן באַרג־אַרויף,
זײַנען זיי אין די שווערע רעאַקציע=יאָרן, אין טאָך גענומען, אָפגעזאַגען
פינעם קאַמף און פון אַלע שוועריקייטן באַם צופאַסן די אַרבעט צו די
נייע באַדינגונגען. איליטש האָט אָפגעשאַצט די אָפרופעריי, ווי ליקווי=
דאַטעריי פון דער לינקער זײַט. דער סאַמע אַנטפלעקטער אָפרופער איז
געווען אַלעקסינסקי. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין זשענעווע,
זײַנען די באַציונגען צווישן אים און איליטשן זייער גיך אונטערגעריסן
געוואָרן. איבער אַ גאַנצער ריי פראַגן איז איליטשן אויסגעקומען האָבן
מיט אים צו טאָן, און איצט, מער ווי ווען עס איז פריער, האָט איליטשן
געעקלט די אין זיך אײַנגעגלויבטע באַגרענעצטקייט בײַ דעמאָזיקן
מענטשן. אַלעקסינסקין איז זייער ווייניק אָנגעגאַנגען, אַז די דומע=
טריבונע זאָל אויך אין די רעאַקציע=יאָרן זײַן אַ פאַרקער=מיטל מיט די
ברייטע מאַסן אַרבעטער און פויערים. ער, אַלעקסינסקי, האָט נאָך נאָכן
צעטרייבן די צווייטע דומע מער שוין ניט געקאָנט אַרויסטרעטן פון
דער דאָזיקער טריבונע. אַפן זשענעווער פאָן איז די זעלבסטפאַרליבטע
כוליגאַנעריי פון אָט דעם מענטשן אַרויסגעטראָטן באַזונדערס בולעט,
מיט קיין זאַך ניט פאַרשטעלט, און ער האָט זיך דאָך דעמאָלט נאָך גע=
רעכנט פאַר אַ באָלשעוויק. מיר געדענקט זיך אַזאַ מין בילד. איך גיי
איבער דער גאַס קאַרוזש („קאַרוזשקאַ“ איז פון טאָמיד אָן געווען אַן
עמיגראַנטישער צענטער) און זע, ווי צוויי בונדאָווצעס שטייען עפעס
פאַרלאָרן אינמיטן טראָטואַר; צוזאַמען מיט אַלעקסינסקין זײַנען זיי
אַרײַן אין דער קאָמיסיע אַף רעדאַגירן די פראָטאָקאָלן פונעם לאָנדאָנער
צוזאַמענפאָר (די דאָזיקע פראָטאָקאָלן זײַנען צום ערשטן מאָל דערשינען
אין 1908 יאָר אין זשענעווע), ס'איז בײַ זיי אַוועק אַ מאַכלויקעס וועגן
עפעס איינער אַ פאָרמולירונג, האָט אַלעקסינסקי זיך צעשריען, פאַר=
כאַפט פון טיש אַלע פראָטאָקאָלן און אַנטלאָפן. איך האָב געכאַפט אַ

קוק אַהינטער — האָב איך באַמערקט פון ווייטן אַלעקסינסקיס נידעריקע גיך שפּאַנענדיקע פיגור, וועלכע האָט מיט א שטאָלץ-פאַרהייבענעם קאָפּ, מיט גרויסע פּאַפּקעס פּאַפּירן אונטער די אָרעמס, פאַרקערעוועט אַהינטערן ראָג. ס'איז געווען אַפילע ניט צום לאַכן.

גאָר ניט אין אַלעקסינסקין אַליין איז דאָ געגאַנגען. עס האָט זיך געפילט, אַז אין דער באָלשעוויסטישער פראַקציע איז שוין ניט פאַראַן די פריערדיקע צונויפגעשמאָלצנקייט, אַז עס רוקט זיך אָן א שפּאַלטונג, אין דער ערשטער ריי א שפּאַלטונג מיט א. א. באָגדאַנאָוון.

אין רוסלאַנד זיינען דערשינען „אָפּהאַנדלונגען איבער דער מאַרקסיסטישער פילאָסאָפיע“ מיט באָגדאַנאָווס, לונאַטשאַרסקיס, באַזאַראָווס, כוואָראָווס, בערמאַנס, יושקעוויטשעס און געלפאַנדס אַרטיקלען. די דאָזיקע „אָפּהאַנדלונגען“ זיינען געווען א פּרווו צו רעווידירן די מאַטעריאַליסטישע וועלט-אָנשויונג דאָס מאַטעריאַליסטיש-מאַרקסיסטישע באַנעמען די אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, דאָס באַנעמען דעם קלאַסנקאַמף.

די נייע פילאָסאָפיע האָט געעפנט די טירן פאַר פאַרשיידענע מינים מיסטיק. אין די רעאַקציע-יאָרן האָט דער רעוויזיאָניזם געקאָנט זיך צעבליען באַזונדערס העל, די יערידע-שטימונגען צווישן דער אינטעליגענץ וואָלטן דערצו זייער פיל מיטגעהאָלפן. אָפּגרענעצן זיך איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך.

איליטש האָט שטענדיק זיך אינטערעסירט מיט פילאָסאָפישע פראַגעס און אין דער צייט פון פאַרשיקונג זייער פיל פאַרנומען זיך מיט דעם. ער האָט גוט געוווּסט ק. מאַרקס, פ. ענגעלס, פּלעכאַנאָווס אַרויסזאָגונגען אף דעם געביט, דערלערנט העגעלן, פייערבאַכן, קאַנטן, נאָך אין דער פאַרשיקונג האָט ער שטאַרק זיך געקריגט מיט די כאַווייריס, וועלכע האָבן געהאַט זיך אָפּגעגעבן צו קאַנטן, ער האָט נאָכגעשפּירט נאָך דעם, וואָס מע האָט געשריבן אין דער „Neue Zeit“, וועגן אָט דער פראַגע און, ביכלאַל, איז ער אָפן פילאָסאָפישן געביט געווען גאַנץ באַהאַוונט.

אינעם בריוו צו גאָרקין פונעם 25-טן פעווראַל (10 מאַרט) האָט איליטש געשילדערט די געשיכטע פון זיינע מיינונג-פאַרשיידנהייטן מיט באָגדאַנאָוון. נאָך אין דער פאַרשיקונג האָט איליטש געלייענט באָגדאַנאָווס בוך „די גרונט-עלעמענטן פונעם געשיכטלעכן קוק אף דער נאַ-

מור“. די דעמאָלטיקע פּאָזיציע באָגדאַנאָווס איז אָבער געווען אַן איבערגאַנג צו זײַנע שפּעטערדיקע פילאָסאָפישע אָנשויונגען.

שפּעטער, אין 1903, ווען איליטש האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט פּלעכאַנאָוון, האָט פּלעכאַנאָוו פאַר איליטשן ניט אײַנמאָל געזידלט באָגדאַנאָוון פאַר זײַנע פילאָסאָפישע אַרויסזאָגונגען. אין 1904 יאָר איז דערשינען באָגדאַנאָווס ביכל „עמפּיריאָמאָניזם“ און איליטש האָט אָפן דערקלערט באָגדאַנאָוון, אַז ער האַלט, אַז ריכטיק איז פּלעכאַנאָווס שטאַנדפּונקט, און ניט זײַנער, באָגדאַנאָווס.

„דעם זומער און האַרבסט 1904 יאָר זײַנען מיר זיך ענדגילטיק צונויפגעגאַנגען מיט באָגדאַנאָוון, אַלס באָלשעוויקעס, — האָט איליטש געשריבן גאָרקין,—און געשלאָסן צווישן זיך יענעם שווײַגעוודיקן בלאָק, וואָס ווענדט אָפּ שווײַגנדיק די פילאָסאָפיע, אַלס נייטראַלן געביט, אַ בלאָק, וועלכער האָט עקזיסטירט די גאַנצע צײַט פון דער רעוואָליוציע און האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט צוזאַמען דורכפירן אין דער רעוואָליוציע יענע טאַקטיק פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע (פון באָלשעוויזם), וועלכע איז, לויט מײַן טיפסטער איבערצייגונג, געווען די איינציק ריכטיקע.

פאַרנעמען זיך מיט פילאָסאָפיע אין סאַמע ברען פון רעוואָליוציע איז אויסגעקומען ווייניק. אין טורמע, אין 1906 יאָר, האָט באָגדאַנאָוו אָנגעשריבן נאָך אַ זאַך, — דאַכט זיך דאָס דריטע העפט פונעם „עמפּיריאָמאָניזם“. זומער 1906 י. האָט ער מיר עס פּרעזענטירט, און איך האָב זיך אײַנגעזעצט און אויפמערקזאַם עס דורכגעשטודירט. איבערגעלייענט, בין איך געוואָרן בייז און שטאַרק אויפגערעגט: פאַר מיר איז געוואָרן נאָך מער קלאָר, אַז דער וועג זײַנער איז אינגאַנצן אַ פאַלשער, ניט קיין מאַרקסיסטישער. האָב איך אים דעמאָלט אָנגעשריבן אַ „ליבע-דערקלערונג“, אַ בריוועלע איבער פילאָסאָפיע אויף דרײַ העפטן פּאַפּיר. דערקלערט האָב איך אים דאָרטן, אַז אין פילאָסאָפיע בין איך, פאַרשטייט זיך, אַן איינפאַכער מאַרקסיסט, נאָר דאַפקע זײַנע דײַטלעכע פּאָפּולערע, זעלטן גוט אָנגעשריבענע אַרבעטן איבערצייגן מיך ענדגילטיק אין זײַן אומגערעכטיקייט לויטן טאָך און אַז גערעכט איז פּלעכאַנאָוו. די דאָזיקע העפטלעך האָב איך באַוויזן איניקע פרײַנט (דערין אויך לונאַטשאַרסקין) און אַפילו אַ טראַכט געטאָן וועגן אָפּדרוקן זיי אונטערן קעפּל „נאָטיצן פון אַן איינפאַכן מאַרקסיסט וועגן פילאָסאָפיע“,

איך האָב זיך אָבער אַלץ ניט אויסגעקליבן. איצטער טוט מיר באַנג, וואָס איך האָב עס דעמלט טייקעף ניט אָפגעדרוקט.

איצט זיינען דערשינען „אָפהאַנדלונגען וועגן דער מאַרקסיסטישער פילאָסאָפיע". איך האָב שוין איבערגעלייענט אַלע אַרטיקלען, אויסער סוואָראָווס (איך האַלט ערשט אין לייענען), און מיט יעדן אַרטיקל בין איך געוואָרן אַלץ מער צערייצט און אויפגעבראַכט... איך וועל זיך בעסער לאָזן פערטלען, איידער מאַסקים זיין אָנטייל צו נעמען אין אַן אָרגאַן אָדער אין אַ קאָלעגיע, וועלכע פריידיקט אַזוינע זאַכן.

מיך האָט ווידער אַ צי געטאָן צו די „נאָטיצן פון אַן איינפאַכן מאַרקסיסט וועגן פילאָסאָפיע", און איך האָב זיי אָנגעהויבן שרייבן, און אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטשן (באָגדאַנאָוון) — אין פראָצעס פון לייענען די „אָפהאַנדלונגען", — האָב איך, פאַרשטייט זיך, דערקלערט מיינע איינדרוקן אָפן און גראָב" *.

אַזוי האָט וולאַדימיר איליטש געשילדערט דעם איגיען פאַר גאָרקין.

ביים עס איז דערשינען דער ערשטער אויסלענדישער נומ. „פראָלעטאַרי" (13 פעווראַל, 1908 יאָר) זיינען שוין איליטשס באַציונגען מיט באָגדאַנאָוון געווען קימאַט אינגאַנצן איינגעריסן.

נאָך אין סאָף מאַרט האָט איליטש געהאַלטן, אַז מע קאָן און מע דאַרף אָפטיילן די פילאָסאָפישע מאַכלוקעסן פון דער פאָליטישער גרופירונג אין דער באָלשעוויסטישער פראַקציע. ער האָט געהאַלטן, אַז די פילאָסאָפישע רייסערייען אינעווייניק אין דער פראַקציע וועלן אַמבולטסטן באַווייזן, אַז מע קאָן ניט אַוועקשטעלן קיין גלייכונג-צייכן צווישן דעם באָלשעוויזם און דער באָגדאַנאָווישער פילאָסאָפיע.

פונדעסטוועגן איז מיט יעדן טאָג געוואָרן קלאָרער, אַז די באָלשעוויסטישע פראַקציע וועט אינגיכן זיך פאַנאַנדערפאַלן.

אין אָט דער שווערער צייט האָט איליטש באַזונדערס זיך דערנעענט מיט אינאָקענטין (דובראָווינסקי).

ביזן 1905 יאָר האָבן מיר פון אינאָקענטין נאָר געהערט. אים האָט פאַרליבט דער „פעטערקע" (לידיאַ מיכײַלאָוונאַ קניפאָוויטש), וועלכע האָט אים געקאָנט לויט דער פאַרשיקונג אין אַסטראַכאַן, געליבט אים האָבן אויך די סאַמאַרער (די קזשיזשאַנאָווסקים), אָבער באַגעגענען זיך

---

* „לעניןיזאַמלבוך" 1, דריטע אויפלאַגע, זייט 99—100.

מיט אים איז אונדז ניט אויסגעקומען. קיין שריפטלעכע פארבינדונג איז צווישן אונדז אויך ניט געווען. איינמאל נאר, נאכן צווייטן פארטיי־צוזאמענפאר, ווען עס האט זיך צעפלאקערט דער קריג מיט די מענשעוויקעס, האט זיך באקומען פון אים א בריוו, וו ער האט געשריבן וועגן דער נייטיקייט אפצוהיטן די פארטייישע איינהייט. נאכדעם איז ער אריין אינעם קאמפראמיסלעכן צ״ק און איז דורכגעפאלן צוזאמען מיט אנדערע צעקיסטן בא לעאניד אנדרייעוון אין דירע.

אין 1905 יאר האט אילימש דערקענט אינאקענטין בא דער ארבעט. ער האט געזען, ווי גינציק ער איז געווען איבערגעגעבן דער רעוואליוציע, ווי ער האט אף זיך שטענדיק גענומען די סאמע שווערסטע, די סאמע געפערלעכסטע ארבעטן — דעריבער טאקע איז אינאקענטין ניט אויסגעקומען בייצוזיין אף קיין איינעם פון די פארטיי־צוזאמענפארן: ערעוו יעדן צוזאמענפאר פלעגט ער סיסטעמאטיש דורכפאלן. אילימש האט געזען, ווי אנטשלאסן אינאקענטי איז אין קאמף — ער האט אנטייל גענומען אינעם מאסקווער אופשטאנד, געווען בייסן אופשטאנד אין קראנשטאט. אינאקענטי איז ניט געווען קיין ליטעראטאר, ער פלעגט נאר ארויסטרעטן אף ארבעטער־פארזאמלונגען, אין די פאבריקן, זיינע רעדעס פלעגן באגייסטערן די ארבעטער צום קאמף, נאר, פארשטייט זיך, אז קיינער האט דידאזיקע רעדעס זיינע ניט פארשריבן, ניט סטענאגראפירט. אילימש האט זייער געשעצט אינאקענטיס גינציקע איבערגעגעבנקייט דער ארבעט און איז געווען זייער שטארק צופרידן מיט זיין קומען קיין זשענעווע. זייער פיל זאכן האט זיי דערנענטערט צווישן זיך. סיי דער, סיי יענער האבן צוגעגעבן אן אומגעהייער גרויסע באדייטונג דער פארטיי און האבן געהאלטן, אז עס איז נייטיק דער סאמע אנטשיידענער קאמף קעגן די ליקווידאטערס, וועלכע האבן געטיינעט, אז די אומלעגאלע פארטיי דארף מען ליקווידירן, ווייל זי שטערט נאר ארבעטן. סיי דער, סיי יענער האבן געשעצט פלעכאנאוון און געווען צופרידן, וואס פלעכאנאוו סאלידאריזירט זיך ניט מיט די ליקווידאטערס, ביידע האבן זיי געהאלטן, אז אפן פילאסאפישן געביט איז גערעכט פלעכאנאוו און גערעכנט, אז אין געביט פון פילאסאפישע פראגן מוז מען אנטשיידן זיך אפגרענעצן פון באגדאנאוון, אז איצט איז אזא מאמענט, ווען דער קאמף אפן פילאסאפישן פראנט האט באקומען גאר א באזונדערע באדייטונג. אילימש האט געזען, אז קיינער פארשטייט אים ניט אפן וונק

אַזוי גוט, ווי אינאָקענטי. ער פֿלעגט קומען צו אונדז עסן מיטאָג, און נאָכדעם פֿלעגן זיי שאָענלאַנג זיצן און באַטראַכטן די אַרבעט־פּלענער, באַהאַנדלען די געשאַפֿענע לאַגע. אין די אָוונטן פֿלעגן זיי זיך טרעפֿן אין קאַפֿע „לאַנדאָלד“ און דאָרטן פֿאַרזעצן די אָנגעהויבענע געשפּרעכן. איליטש פֿלעגט אָנשטעקן אינאָקענטין מיט זיין „פֿילאָסאָפֿישער פֿאַרשיקערטקייט“ — ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט. דאָס אַלץ האָט זיי ביידן צווישן זיך דערנענטערט. איליטש האָט זיך דעמאָלט שטאַרק צוגעבונדן צו אינאָקענטין.

די צייט איז געווען אַ שווערע. אין רוסלאַנד האָבן די אָרגאַניזאַציעס געהאַלטן באַם פֿאַנאַנדערפֿאַלן זיך. מיט דער הילף פֿון די פּראָוואָקאַציעס פֿלעגט די פּאָליציי אויספֿאַנגען די סאַמע אָנגעזעענע טוער. צונויפֿרופֿן גרויסע פֿאַרזאַמלונגען אָדער קאָנפֿערענצן איז געוואָרן אוממעגלעך. מענטשן, וועלכע זיינען נאָרוואָס געווען באַ אַלעמען אַף די אויגן, זאָלן אַוועקגיין אין אונטערערד, איז אויך ניט גאָר פֿון די לייכטע זאַכן. פֿרילינג־צייט (אַפּרעל־מיי) האָט מען אַרעסטירט אין גאַנס קאָמעניעוון און וואַרסקין (אַ פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַט — דזערזשינסקים, טישקעס און ראָזע לוקסעמבורגס נאָענסטער כאַווער); אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אַרעסטירט, ווידער אין גאַס, זינאָוויעוון און צולעצט, ג. אַ. ראָזשקאָוון (אַ מיטגליד פֿון אונדזער צ. ק. — אַ באָלשעוויק). די מאַסן האָבן זיך פֿאַרגראָבן אין זיך. זיי האָט זיך געוואָלט באַזינגען דאָס געשעענע, גוט דורכטראַכטן עס, די אַגיטאַציע פֿון אַלגעמיינעם כאַראַקטער האָט שוין דערעסן, האָט שוין קיינעם ניט באַפֿרידיקט, מע איז גערן געגאַנגען אין די קרייזלעך, נאָר ווער עס זאָל אָנפֿירן מיט די קרייזלעך איז ניט געווען. אַפֿן באָדן פֿון אַזוינע שטימונגען האָט אַ געוויסן דערפֿאָלג געהאַט די אָטרופּעריי. איבערבלייבנדיק אָן דער געהעריקער אָנפֿירונג מיצאַד דער אָרגאַניזאַציע, אַרבעטנדיק ניט אַפֿן פֿאָן פֿון מאַסן־קאַמף, נאָר אויסער אים, אומאָפּהענגיק פֿון אים, האָבן די שלאַכט־גרופּעס גענומען דעגענערירן, און אינאָקענטין איז אויסגעקומען פֿאַנאַנדערצוקלייבן ניט איין האַרבן איניען, וואָס איז אויפֿגעקומען אַף אָט דעם באָדן.

גאָרקי האָט גערופֿן איליטשן צו זיך אַף קאַפּרי, ווו עס האָבן דעמאָלט געוווינט באָגדאַנאָוו, באַזאַראָוו און אַנדערע, קעדיי אַלע צוזאַמען ווי עס איז זיך צונויפֿרעדן. איליטש איז ניט געפֿאָרן. ער האָט גוט גע־

וויסט, אַז צונויפֿרײדן זיך איז אומעגלעך. אינעם בריוו פון 16 אַפּרעל האָט איליטש געשריבן גאָרקין:

„מיין פאָרן וועט זיין אומזיסט און שעדלעך. ריידן מיט מענטשן, וואָס האָבן גענומען פרייידיקן אַ בונד צווישן דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם מיט רעליגיע, קאָן איך ניט און וועל דאָס ניט טאָן. די צייט פון שרייבן העפטלעך איז שוין אַריבער. קריגן זיך קאָן מען ניט און אומזיסט פאַטערן נערוון איז נאַריש“ *.

איליטש האָט נאָכגעגעבן גאָרקיס פאָדערונגען און אין מיי כוידעש איז ער צוגעפאָרן קיין קאַפּרי. פאַרהאַלטן זיך דאָרט האָט ער סאַכאַקל אַ פּאָר טעג. די נעסיע האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געבראַכט צו קיין העסקעם מיט באָגדאַנאָווס פילאָסאָפישע אָנשויונגען. איליטש פלעגט נאָכדעם דערמאָנען, וואָס ער האָט געזאָגט באָגדאַנאָוון און באַזאַראָוון — ס'וועט אויסקומען אַף אַ יאָר צוויי-דריי זיך פאַנאַנדערגיין און גאָרקיס פרוי, מאַריאַ פיאָדאָראָוונאַ, האָט לאַכנדיק גערופן אים צו אָרדענונג.

ס'איז געווען אַסאַך אוילעם, געווען טומלדיק, מע האָט געשפּילט אין שאַך, זיך געשיפט. איליטש האָט עפּעס ווייניק דערציילט וועגן זיין נעסיע. ער האָט מער גערעדט וועגן דער שיינקייט פונעם יאַם און וועגן דאָרטיקן וויין. אָבער וועגן די געשפּרעכן אַף די אָנגעווייטיקטע טעמעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אַף קאַפּרי האָט ער זייער ווייניק גערעדט, עס איז אים געווען שווערלעך וועגן דעם צו ריידן.

און איליטש האָט ווידער זיך גענומען פאַר דער פילאָסאָפיע.

אָט וויאַזוי וולאַדימיר איליטש כאַראַקטעריזירט די געשאַפענע לאַגע אין אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן זומער 1908 יאָר צו וואָראָווסקין — אַ כאַווער לויט דער אַרבעט אין „וופּעריאָד“ און ביים דער רעוואָלוציע אין 1905 יאָר. געווינט האָט וואָראָווסקי צו יענער צייט אין אָדעס.

„טייערער כאַווער! אַדאַנק פאַרן בריוו. אייערע ביידע „כשאַדן“ זיינען ניט קיין ריכטיקע. איך האָב זיך ניט דענערווירט, נאָר די לאַגע איז בא אונדז אַ שווערע. עס רוקט זיך אָן אַ שפּאַלטונג מיט באָגדאַנאָוון. די עמעסע סיבע — אַ באַליידיקונג פאַר אַ שאַרפער קריטיק ביים די רעפעראַטן (בעשומויפן ניט אין דער רעדאַקציע) איבער זיינע פילאָסאָ-

* „לענין־זאמלבוך“ I, דריטע אופלאגע, זייט 109.

פּישע אַרויסזאָגונגען. איצטער גראָבט אויס באָגדאַנאָוו פאַרשיידענע מיינונג־פאַרשיידנהייטן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַף דער ליכטיקער וועלט א בויקאָט באַנאַנד מיט אַלעקסינסקין, וועלכער סקאַנדאַלעוועט אַף רעכטס און אַף לינקס און מיט וועמען איך בין געווען געצוווּנגען צערייסן יעדע מין באַציונג. די שפּאַלטונג גרייטן זיי אָפּן עמפּיריאָמאָ־ניסטיש־באָיקאָטיסטישן באָדן. דער איניען וועט אויסברעכן אינגיכן. אַף דער אָרדנטלעכער קאָנפערענץ איז אומפאַרמיידלעך א געשלעג. ס'איז זייער מעגלעך א שפּאַלטונג, ווי נאָר די ליניע פונעם „לינקן", עכטן באָי־קאָטיזם וועט נעמען די איבערהאַנט, גיי איך אַרויס פון דער פראַקציע. אייך האָב איך גערופן מיטן מיין, אַז אייער גיכער קומען וועט העלפן איינצושטילן די געמיטן. פונדעסטוועגן אין אַווגוסט, לויטן נייעם סטיל, רעכענען מיר אַף אייך אויס, ווי אַף אַן אָנטיילנעמער אין דער קאָנפע־רענץ. אָרדנט אומבאַדינגט איין אַזוי, איר זאָלט קאָנען דורכפאָרן זיך קיין אויסלאַנד. געלט אַפּן וועג וועלן מיר אַרויסשיקן פאַר אַלע באָלשע־וויקעס. אַף די ערטער גיט אַרויס א לאָזונג: מאַנדאַטן געבן נאָר די אָרטיקע און נאָר די עכטע טוער. מיר בעטן שטאַרק שרייבן פאַר אונ־דזער צייטונג. מיר קאָנען איצט צאָלן פאַר אַרטיקלען און צאָלן וועלן מיר פּינקטלעך.

איך דריק אייער האַנט.

צי ווייסט איר ניט עפּעס א פאַרלעגער, וואָס זאָל זיך אונטערנעמען אַרויסצוגעבן מיין פילאָסאָפיע, וואָס איך קלייב זיך אָנשרייבן?" *.

צו יענער צייט האָבן די באָלשעוויקעס געקראָגן א פעסטע מאַטע־ריעלע באַזע.

דער צווייאונצוואַנציקיאָריקער ניקאָלײַ פּאַוולאָוויטש שמידט, מאָראָ־זאָווס פּלימעניק, אַן אייגנטימער פון א מעבל־פאַבריק אַף מאָסקווער פּרעסניע, איז אין 1905 יאָר אינגאַנצן אַריבער אַף דער זייט פון די אַרבעטער און איז געוואָרן א באָלשעוויק. ער האָט געגעבן געלט אַף דער „נאָוואַיאַ זשיזן", אַף באַוואָפענונג, דערנעענט זיך מיט די אַרבעטער און געוואָרן זייערער א גאָר נאָענטער פריינט. די פּאָליציי האָט שמידטס פאַבריק אָנגערופן די „טייוולשע נעסט". בײַם מאָסקווער אופשטאַנד האָט דידאָזיקע פאַבריק אָפּגעשפּילט א גרויסע ראָל. ניקאָלײַ פּאַוולאָ־

---

* „לעניו־זאַמלבוך", XIII, זייט 169.

וויטשן האָט מען אַרעסטירט, אין טפּיסע האָט מען אים אָפּ פּאַרשיידע=
נע אויפֿאַנים געפּייניקט, אַרומגעב[illegible]ט ווייזן, וואָס עס איז געוואָרן פֿון
זיין פֿאַבריק, געפֿירט ווייזן די דערהאַרגעטע אַרבעטער, און שפּעטער האָט
מען אים אין טפּיסע געהאַרגעט. פֿאַרן טויט האָט ער באַוויזן איבערגעבן
אַף דער פֿריי, אַז זיין גאַנץ פֿאַרמעגן לאָזט ער איבער די באָלשעוויקעס.

ניקאָליי פּאַוולאָוויטשעס יינגערע שוועסטער — יעליזאַוועטאַ פּאַוו=
לאָוונאַ שמידט — האָט דעם טייל יערושע, וואָס איר איז אָנגעקומען
נאָכן ברודערס טויט, באַשלאָסן איבערגעבן די באָלשעוויקעס. זי האָט
נאָך אָבער ניט געהאַט דערגרייכט דעם געהעריקן עלטער און מע האָט
איר געמוזט איינאָרדענען אַ פֿיקטיווע הייראַט, קעדיי זי זאָל קענען
פֿריי באַגיין זיך מיטן געלט. יעליזאַוועטאַ פּאַוולאָוונאַ האָט כאַסענע גע=
האַט מיטן כאַווער איגנאַטיעוו, וועלכער האָט דעמאָלט געאַרבעט אין
דער שלאַכט־אָרגאַניזאַציע און איז אין דערזעלבער צייט געבליבן לע=
גאַל, זי האָט זיך גערעכנט פֿאַר זיין פֿרוי און מיטן מאַנס דערלויבעניש
האָט זי שוין געקאָנט טאָן מיטן געלט, וואָס זי האָט געפֿונען פֿאַר ניי=
טיק. אינדערעמעסן איז אָבער יעליזאַוועטאַ פּאַוולאָוונאַ געווען די פֿרוי
פֿון אַ צווייטן באָלשעוויק, וויקטאָר טאַראַטוטאַ. די פֿיקטיווע הייראַט האָט
געגעבן די מעגלעכקייט טייקעף צו באַקומען די יערושע, דאָס געלט האָט
מען איבערגעגעבן די באָלשעוויקעס. אָט פֿאַרוואָס איליטש האָט אַזוי
זיכער גערעדט וועגן דעם, אַז דער „פּראָלעטאַרי“ וועט צאָלן פֿאַר אַר=
טיקלען און די דעלעגאַטן וועט מען אַרויסשיקן געלט אָפּן וועג.

זומער=צייט איז וויקטאָר טאַראַטוטאַ געקומען קיין זשענעווע, אָנגע=
הויבן העלפֿן אין די ווירטשאַפֿטלעכע איניאָנים און געפֿירט די שריפֿט=
לעכע אונטערהאַנדלונגען מיט די איבעריקע אויסלענדישע צענטערס
אַלס סעקרעטאַר פֿון דער אויסלענדישער ביוראָ פֿונעם צענטראַל=קאָמי=
טעט.

ביסלעכווייז האָבן זיך איינגעשטעלט די פֿאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד,
עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שריפֿטלעכער פֿאַרקער, פֿרייע צייט אָבער
פֿלעגט באַ מיר נאָך בלייבן אַ סאַך. עס האָט זיך געפֿילט, אַז זיצן אין
אויסלאַנד וועט נאָך אויסקומען לאַנג און איך האָב באַשלאָסן פֿעסט
פֿאַרנעמען זיך מיט דערלערנען די פֿראַנצויזישע שפּראַך, קעדיי אַריינ־
גיין אין דער אַרבעט פֿון דער אָרטיקער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער פּאַר=

טיי. אָנגעקומען בין איך אַף קורסן פֿאַר דערלערנען די פֿראַנצויזישע שפּראַך, וועלכע פֿלעגן זיך אָרגאַניזירן זומער באַם זשענעווער אוניווערסיטעט פֿאַר די אויסלענדער־פּעדאַגאָגן — לערער פֿון דער פֿראַנצויזישער שפּראַך. איך האָב זיך צוגעקוקט צו די אויסלענדישע פּעדאַגאָגן און האָב זיך אויסגעלערנט אַף די קורסן ניט נאָר די פֿראַנצויזישע שפּראַך, נאָר אויך דאָס שווייצאַרישע קענען זאַכלעך, אָנגעשטרענגט און געווויסנהאַפֿט אַרבעטן.

ווערנדיק מיד פֿון דער אַרבעט איבער זײַן פֿילאָסאָפֿיש בוך, פֿלעגט איליטש געמען מײַנע פֿראַנצויזישע גראַמאַטיקעס, ביכלעך איבער דער געשיכטע פֿון דער שפּראַך און וועגן דערלערנען די אייגנשאַפֿטן פֿון דער פֿראַנצויזישער שפּראַך און שאַענוויז ליגנדיק אין בעט, ביז עס פֿלעגן זיך ניט באַרויקן די נערוון, וואָס זײַנען געווען שטאַרק אופגעשרויפֿט דורך די פֿילאָסאָפֿישע מאַכלויקעס.

דערלערנט האָב איך אויך, וויאַזוי עס איז אָוועקגעשטעלט דאָס שולוועזן אין זשענעווע. אָט דאָרט האָב איך ערשט פֿאַרשטאַנען, וואָס הייסט אַ בורזשואַזע „פֿאָלק־שול“. איך האָב געזען, ווי אין זעלטן־שיינע געביידעס, מיט גרויסע, ליכטיקע פֿענצטער דערציט מען פֿון אַרבעטער־קינדער געהאָרכזאַמע קנעכט. איך האָב געזען, ווי אין איינעם און דעם זעלבן קלאַס שלאָגן די לערער, גיבן פּעטש די אַרבעטער־קינדער און די רײַכע קינדער לאָזן זיי צורו, איך האָב געזען, ווי אַזוי מע דערשטיקט יעדן זעלבשטענדיקן געדאַנק באַם קינד, ווי אַלץ ווערט פֿאַרפֿולט דורך דעם טויטן אײַנכאַזערן אַף אויסווייניק און ווי אַף יעדן טראָט טײַנעט מען אײַן מיטן קינד וועגן בוקן זיך פֿאַר קראַפֿט, פֿאַר רײַכקייט. איך האָב זיך גאָר קיינמאָל ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן אַזוינס אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד. וועגן מײַנע אײַנדרוקן פֿלעג איך אויספֿירלעך דערציילן איליטשן, און ער פֿלעגט מיך זייער אופמערקזאַם אויסהערן.

אין דער ערשטער עמיגראַציע — ביזן 1905 יאָר — פֿלעגט איליטשס אופמערקזאַמקייט, בײַם ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער אַרומיקער אויסלענדישער ווירקלעכקייט, דעריקער זיך צוגעשמידט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, אים האָבן באַזונדערס אינטערעסירט די אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס און אַנד. בא אונדז אין רוסלאַנד איז דאָס אַלץ ניט געווען ביזן 1901 יאָר, ווען איליטש איז אָפּגעפֿאָרן קיין

אויסלאַנד. איצטער אָבער, נאָך דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר, נאָכן קאָלאָסאַלן אופשטייג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד, נאָכן קאַמף פון די פאַרטייען, נאָך דער דערפאַרונג מיט דער דומע און באַזונדערס נאָכן אופקומען פון די ראַטן פון אַרבעטער-דעפוטאַטן האָט שוין איליטש, באַגלייך מיטן אינטערעס צו די פאָרמען פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, באַזונדערס גענומען זיך אינטערעסירן אויך מיט דעם, וואָס שטעלט מיט זיך אַזוינס פאָר, אין טאָך גענומען, די בורזשואַזע דעמאָקראַטישע רעפובליק, וואָס פאַר אַ ראָל עס שפילן אין איר די אַרבעטער-מאַסן, ווי גרויס עס איז אין איר די ווירקונג פון די אַרבעטער און ווי גרויס עס איז די ווירקונג פון אַנדערע פאַרטייען.

מיר האָט זיך פאַרגעדענקט, ווי אַזוי איליטש האָט איבערגעגעבן אין אַ האַלב פאַרכידעשטן, האַלב פאַראַכטנדיקן טאָן די ווערטער פון איינעם אַ שווייצאַרישן דעפוטאַט, וועלכער האָט געזאָגט (אין צוזאַמענהאַנג מיט אַרעסטירן סעמאַשקאָן), אַז זייער רעפובליק עקזיסטירט שוין הונדערטער יאָרן, און זי קאָן דעריבער ניט דולדן, אַז עמעצער רירט אָן די רעכט אַף אייגנטום.

„דער קאַמף פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעפובליק“ איז געווען איינער פון די פונקטן אין אונדזער דעמאָלטיקער פראָגראַם. איליטשן האָט די בורזשואַז-דעמאָקראַטישע רעפובליק גענומען איצט באַזונדערס שאַרף זיך אויסמאָלן אַלס אַ מער פאַרפיינערט געצייג איידער דער צאַריזם, אָבער דאָך, אָן שום סאָפעק, אַלס אַ געצייג צו פאַרשקלאַפן די האָרעפאַשנע מאַסן. די אָרגאַניזאַציע פון דער מאַכט אין אַ דעמאָקראַטישער רעפובליק האָט אַף פאַרשיידענע אופאַנים מיטגעהאָלפן דערצו, אַז דאָס גאַנצע לעבן זאָל דורכגעזאַפט ווערן אַף דורך און דורך מיטן בורזשואַזן גייסט.

איך מיין, אַז ניט איבערלעבנדיק די רעוואָליוציע פון 1905 יאָר, ניט איבערלעבנדיק די צווייטע עמיגראַציע, וואָלט איליטש ניט געקאָנט אָנשרייבן זיין בוך „מעלוכע און רעוואָליוציע“.

די פאַנאַנדערגעוויקלטע דיסקוסיע איבער די פילאָסאָפישע פראַגעס האָט געפאָדערט, אַז מע זאָל וואָס גיכער אַרויסלאָזן דעם פילאָסאָפישן בוך, וואָס איליטש האָט אָנגעהויבן שרייבן. איליטש האָט אָבער געדאַרפט דערצו קריגן אייניקע מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן אויסגעפעלט אין זשענעווע, דערצו נאָך האָט די עמיגראַנטישע אַטמאָספער מיט

אירע רייסערייען זייער פיל געשטערט אים אין דער אַרבעט, דעריבער איז ער אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, קעדיי אן אַרבעט טאָן דאָרטן אינעם בריטישן מוזיי און פאַרענדיקן דעם אָנגעהויבענעם בוך.

אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט איז פאָרגעקומען לונאַטשאַרסקיס אַ רעפעראַט. אַף דעמדאָזיקן רעפעראַט איז אַרויסגעטראָטן אינאָקענטי. איליטש האָט צוגעשיקט טעזיסן, אין וועלכע אינאָקענטי האָט אַריינגעטראָגן זיינע אויסבעסערונגען. ערעוו דער אַרויסטרעטונג איז ער געווען שטאַרק צעטראָגן, גאַנצע טעג געזעסן בא אונדז אַרומגעלייגט מיט ביכער און געשריבן אויסצוגן. די אַרויסטרעטונג איז געווען אַ געלונגענע. ער האָט דערקלערט אין זיין אייגענעם נאָמען און אין לעניִנס נאָמען, אַז דער באָלשעוויזם האָט קיין שום געמיינזאַמעס ניט מיט באָגדאַנאָווס פילאָסאָפישער ריכטונג (עמפּיריאָמאָניזם,) אַז ער און לעניִן זיינען אָנהענגער פונעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם און סאָלידאַריזירן זיך מיט פּלעכאַנאָוון.

כאָטש דעם רעפעראַט האָט געהאַלטן לונאַטשאַרסקי, אָבער דער הויפּט־פּאַרטיידיקער פונעם עמפּיריאָמאָניזם אַף אָט דעם רעפעראַט איז געווען באָגדאַנאָוו, וועלכער איז באַזונדערס שאַרף אָנגעפאַלן אַף אינאָקענטין, ער האָט גוט געקענט אינאָקן, געוווּסט, אַז ער איז פאַר אַן אָפענער, אַקשאָנעסדיקן קאַמף אַפן פילאָסאָפישן פראָנט, געוווּסט, ווי נאַטירלעך עס איז פאַר אינאָקן דאָס געפיל פון רעוואָליוציאָנערן שטאָלץ און ערע און דערווידערנדיק אים, האָט ער זיך געסטאַרעט דערלאַנגען אים אַ קלאַפּ דאַפקע איבער דעמדאָזיקן געפיל. „אַרויסגעפאָרן — האָט ער געזאָגט וועגן דעם פּאָרטרעגער, — איז אַ ריטער אין אַ קראַנץ פון רויזן, נאָך דער קלאַפּ איז אים געקומען פון הינטן אַרום“ אינאָקענטי האָט זיך פון אַזוינע רייד פונדעסטוועגן ניט פאַרלאָרן. ער האָט נאָכדעם אַלץ אויספירלעך איבערגעגעבן איליטשן, וועלכער איז אינגיכן געקומען צוריק פון לאָנדאָן.

מיט זיין נעסיע קיין לאָנדאָן איז איליטש געווען צופרידן — אים האָט זיך איינגעגעבן צונויפזאַמלען דעם נייטיקן מאַטעריאַל און אים באַאַרבעטן.

אינגיכן נאָך לעניִנס אומקערן זיך פון לאָנדאָן, דעם 24־טן אַווגוסט, איז פאָרגעקומען אַ פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט. אַפן פּלענום פון צ.ק. האָט מען באַשלאָסן וואָס גיכער צונויפרופן די פּאַרטיי־קאָנפערענץ.

אף אָרגאַניזירן די קאָנפערענץ איז קיין רוסלאַנד געפאָרן אינאָקענטי. צו יענער צייט האָט זיך שוין גענומען בוילעט אַנטפלעקן און פאַרפעסטיקן די ליניע פון דער ליקווידאַטאָרײַ, וועלכע האָט אַרומגעכאַפט ברייטע שיכטן צווישן די מענשעוויקעס. די ליקווידאַטאָרן האָבן געוואָלט ליקווידירן די פאַרטיי, איר אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט, לויט זייער מיינונג, געפירט נאָר צו דורכפאַלן: זיי האָבן געוואָלט האַלטן דעם קורס אַף לעגאַלער און נאָר אַף לעגאַלער טעטיקייט אין די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פאַרשיידענע געזעלשאַפטן א. ד. גל. אין די רעאַקציע־באַדינגונגען וואָלט דאָס געהייסן פולשטענדיק אָפזאָגן זיך פון יעדן מין רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט, פון אָנפירונג, — אָפגעבן אַלע פאָזיציעס. פון דער אַנדער זייט, זיינען אין דער באָלשעוויסטישער פראַקציע די אולטימאַטיסטן און אָפרופער אַריינגעפאַלן אין פאַרקערטער עקסטרעמקייט: זיי זיינען געווען קעגן אָנטיילנעמען ניט נאָר אין דער דומע, נאָר אַפילע אין די קולטור־אופקלערישע געזעלשאַפטן, אין דער קלוב־אַרבעט, אין די שולן און לעגאַלע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אין די סטראַכיר־קאַסעס. זיי זיינען אינגאַנצן אָפגעגאַנגען פון דער ברייטער טעטיקייט צווישן די מאַסן, פון אָנפירן מיט זיי.

אינאָקענטי און איליטש האָבן ניט ווייניק געשמועסט צווישן זיך וועגן דער נייטיקייט צו קאָאָרדינירן די פאַרטיי־אָנפירונג (צוליב וואָס מע האָט געמוזט אומבאַדינגט אופהיטן דעם אומלעגאַלן אַפאַראַט) מיט דער ברייטער טעטיקייט צווישן די מאַסן. אַפן טאָג־סדר איז געשטאַנען דאָס צוגרייטן די פאַרטיי־קאָנפערענץ. אַפן גרונט פון וואַלן האָט מען דאָ געדאַרפט פירן א ברייטע אַגיטאַציע קעגן דער ליקווידאַטאָרײַ סיי פון רעכטס, סיי פון לינקס.

אינאָק איז טאַקע דעריבער געפאָרן קיין רוסלאַנד, כדי דאָס אַלץ דורכפירן אין לעבן. ער האָט זיך באַזעצט אין פיטער, אַוועקגעשטעלט דאָרט די אַרבעט פונעם צעקאַ־פינפלינג, וווהין עס זיינען אַריין ער, מעשקאָווסקי (גאָלדענבערג), דער מענשעוויק מ. אי. בראָודאָ, א פאָרשטייער פון בונד און א פאָרשטייער פון די לעטן. אַוועקגעשטעלט האָט אינאָק אויך די אַרבעט פון ביוראָ, וווהין עס איז, אַחוץ אים, אַריין גאָלובקאָוו, וועלכער איז נאָכדעם געפאָרן אַלס דעלעגאַט פון ביוראָ פונעם צ. ק. אַף דער פאַרטיי־קאָנפערענץ. אינאָק אַליין איז אַף דער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דעקאַבער 1908 יאָר, ניט בייגעווען.

צוויי וואָכן פאַר דער קאָנפערענץ האָט ער זיך אויסגעקליבן פאָרן קיין אויסלאַנד, האָט מען אים אָבער אַפּן וואָקזאַל אין ווארשע אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט אין וואָלאָגדער גובערניע.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וועגן אינאָקענטיס פאָרן קיין אויסלאַנד האָט די פּאָליציי געוווּסט באַצייטנס. און עס איז קיין שום ספק ניט אַז וועגן דעם האָט דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט איבערגעגעבן זשיטאָמירסקי. אויסער דעם, האָט מען צו דער אַרבעט פונעם ביוראָ פונעם צ. ק., וואָס אינאָקענטי האָט אָרגאַניזירט, צוגעצויגן די פרוי פון דעם דעפּוטאַט אין דער צווייטער דומע סעראָוו — „ליוסיאַ“. די דאָזיקע „ליוסיאַ“, ווי עס זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן, איז געווען אַ פּראָוואָקאַטערן.

איליטש האָט פאַרענדיקט זיין פילאָסאָפישן בוך אין סעפּטיאַבער, שוין נאָך אינאָקענטיס אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד. דערשינען איז עס אַסאַך שפּעטער, ערשט אין מאַי 1909 יאָר.

מיר האָבן זיך שוין געהאַט גרינטלעך באַזעצט אין זשענעווע.

עס איז געקומען צופאָרן די מוטער מיינע, און מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אַף אַ היימישן אופן — געדונגען אַ דירע, פאַרפירט אַ באַלעבאַטישקייט. דאָס אויסערלעכע לעבן האָט שוין ווי אָנגעהויבן אַריין אין דער קאָליע. פון רוסלאַנד איז געקומען צופאָרן מאַריאַ איליניטשנאַ, עס האָבן אָנגעהויבן קומען אויך אַנדערע כאַווירים. איך געדענק, עס איז געקומען דער כאַווער סקריפּניק, וועלכער האָט דעמלט דערלערנט די פראַגן פון קאָאָפּעראַציע. אַלס איבערזעצער בין איך צוזאַמען מיט אים געגאַנגען צום שווייצאַרישן דעפּוטאַט סיג (אַ שרעקלעכער אָפּאָרטוניסט). גערעדט האָט מיט אים דער כאַווער סקריפּניק וועגן קאָאָפּעראַציע. סקריפּניק איז צוגעגאַנגען פונעם שטאַנדפּונקט פון אַ רעוואָלוציאָנער, סיג אָבער האָט קיין זאַך ניט אַיינגעזען אין דער קאָאָפּעראַציע, אויסער אַ גוט איינגעאָרדנט „סאָכריש קרעמל“.

פון רוסלאַנד זיינען געקומען צופאָרן זינאָוויעוו און לילינאַ. באַ זיי איז געבאָרן געוואָרן אַ זון, האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט איינאָרדענען דאָס פאַמיליען־לעבן. נאָכדעם איז געקומען קאַמעניעוו מיט דער פאַמיליע. נאָך פּיטער איז אין דעמדאָזיקן רויִקן, קליינבירגערלעכן געמיינעכץ — זשענעווע געווען שטאַרק אומעטיק. עס האָט זיך געוואָלט אַריבערציען ערגעץ־ווו אין אַ גרויסן צענטער, די מענשעוויקעס און עסער־

האָבן זיך שוין געהאַט אריבערגעקליבן קיין פּאריז. איליטש האָט זיך אַליין געוואַקלט: אין זשענעווע איז דאָס לעבן וועלוועלער, בעסער צו אַרבעטן. צולעצט אָבער זיינען געקומען צופאָרן פון פּאריז ליאַדאָוו און זשיטאָמירסקי און גענומען איינריידן, מע זאָל אומבאַדינגט אריבערפאָרן קיין פּאריז. מאָטיוון זיינען געווען פאַרשיידענע: 1) מע וועט קאָנען אָנטייל נעמען אין דער פראַנצויזישער באַוועגונג, 2) פּאריז איז א גרויסע שטאָט — דאָרט וועט מען וויניקער נאָכשפּירן. דער לעצטער אַרגומענט האָט איליטשן איבערצייגט און אין שפּעטן האַרבסט האָבן מיר זיך גענומען קלייבן אין וועג.

אין פּאריז איז אויסגעקומען דורכמאַכן די סאַמע שווערע עמיגראַציע־יאָרן. איליטש פלעגט וועגן זיי שטענדיק דערמאָנען מיט א שווער געמיט און ניט איינמאָל האָט ער נאָכדעם איבערגעזאָגט: „וואָסער טייוול האָט אונדז געטראָגן קיין פּאריז!“ ניט קיין טייוול, נאָר די נויטווענדיקייט צו פאַנאַנדערוויקלען דעם קאַמף פאַרן מאַרקסיזם, פאַרן לעניניזם, פאַר דער פּאַרטיי אין צענטער פונעם עמיגראַנטישן לעבן. און אזא צענטער אין די רעאַקציע־יאָרן איז געווען פּאריז.

# פּאַריז

## (1909—1910)

האַלב דעקאַבער האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזן קיין פּאַריז. דעם 21-טן האָט דאָרט געזאָלט פאָרקומען אַ פאַרייניקטע פּאַרטיי-קאָנפערענץ, צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס. וולאַדימיר איליטשס אַלע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט דער דערדאָזיקער קאָנפערענץ. מע האָט געדאַרפט געבן אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג פונעם מאָמענט, אויסגלייכן די פּאַרטיי-ליניע — זיך דערשלאָגן, אַז די פּאַרטיי זאָל בלייבן אַ קלאַסן-פּאַרטיי, זי זאָל פאַרבלייבן דער אַוואַנגאַרד, וועלכער קען אַפילו אין די סאַמע שווערע צייטן זיך ניט אָפּרייסן פון די מאַסן, נאָר העלפן זיי בייקומען אַלע שוועריקייטן און אָרגאַניזירן זיך פאַר נייע שלאַכטן. מע האָט געדאַרפט געבן אַ קלאַפּ איבער די ליקווידאַטערס. מיט די רוסישע אָרגאַניזאַציעס זיינען די פאַרבינדונגען שוואַכע, די קאָנפערענץ האָט ניט געקאָנט אויסרעכענען אַף באַזונדערער הילף מיצאַד די רוסישע אָרגאַניזאַציעס (פון די רוסלענדער זיינען געקומען אַף דער קאָנפערענץ נאָר אַ פּאָר מאָסקווער, פון אוראַל איז געווען באַטורין, און אויפן צווייטן טאָג איז געקומען פון פּיטער דער מיטגליד אין דער דריטער דומע פּאָלעטאַיעוו), די אָפּרופער האָבן זיך אָרגאַניזירט באַזונדער און האָבן זיך גוואַלדיק דערנערווירט. די מענשעוויקעס האָבן ערעוו דער פּאַרטיי-קאָנפערענץ צונויפגערופן אין באַזעל אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע זייערע אויסלענדישע גרופּעס, ווו מע האָט אָנגענומען אַ גאַנצע ריי שפּאַלטערישע רעזאָליוציעס. די לופט איז געוואָרן שטאַרק אָנגעגליט.

אַף אונדזער גאַנצן האַווען מיטן איינאָרדענען אַ היים אויפן נייעם אָרט האָט איליטש דעמאָלט געקוקט מיט אָפּגעפרעמדטע אויגן: ס'איז אים ניט געקראָכן אין קאָפּ. אַ דירע האָבן מיר געדונגען אויפן עק שטאָט באַם סאַמע שטאָט-וואַל, אַף איינער פון די גאַסן, וועלכע ליגן נעבן דער

אווענוי ד׳אָרלעאַן, אַף דער גאַס באַניע, ניט ווייט פֿונעם מאָנסוריער פּאַרק. די דירע איז געווען אַ גרויסע, אַ ליכטיקע און אַפּילע מיט שפּיגלען איבער די קאַמינען (דאָס איז געווען די אייגנשאַפֿט פֿון די נייע הייזער). געווען איז דאָרט אַ צימער פֿאַר מיין מוטער, פֿאַר מאַריאַ איליניטשנאַ, וועלכע איז צו יענער צייט געקומען קיין פּאַריז, אַ צימער פֿאַר מיר מיט איליטשן און אַן אויפנעם־צימער. נאָר דידאָזיקע קימאַט גרויסאַרטיקע דירע איז געווען גאָר ווייניק אָנגעמאָסטן פֿאַר אונדזער לעבן־שטייגער און פֿאַרן „מעבל", וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פֿון זשענעווע. מע האָט געדאַרפֿט זען מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַראַכטונג עס האָט געקוקט די קאָנסיערזשקע (הויז־וועכטערן) אַף אונדזערע ווייסע טישן, אַף די פּראָסטע שטולן און טאַבורעטן. אין אונדזער „אויפנעם־צימער" זיינען געשטאַנען נאָר אַ פּאָר שטולן און אַ קליין טישעלע, ס׳איז ניט געווען קיין סימען היימלעכקייט.

אַף מיר זיינען באַלד אויסגעפֿאַלן אַסאַך פֿאַרשיידענע זאָרג פֿאַר דער באַלעבאַטישקייט.

אין זשענעווע פֿלעגן אַלעווירטשאַפֿטלעכע איניאָנים זיך איינאָרדענען אַסאַך איינפֿאַכער, און דאָ האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן אַ גאַנצע פֿאַרדרייעניש: מע האָט געדאַרפֿט עפֿענען דעם גאַז, האָט מען געמוזט אַמאָל דריי פֿאָרן ערגעץ אין צענטער שטאָט אַף דערשלאָגן זיך דאָס נייטיקע פּאַפּירל. דער ביוראָקראַטיזם אין פֿראַנקרייך איז אַן אומגעהייערער. קעדיי באַקומען אַ ביכל פֿון דער קאָמונאַלער ביבליאָטעק, האָט מען געדאַרפֿט ברענגען אַן אָרוועס פֿונעם באַלעבאָס, און ער האָט זיך — איבער אונדזער אָרעמער הויז־אויסשטאַטונג ניט אַנטשלאָסן פֿאַר אונדז אָרעוו צו זיין. מיט דער באַלעבאַטישקייט איז די ערשטע צייט געווען אַ גרויסע קאָפּ־דרייעניש. אַ באַלעבאָסטע בין איך געווען אַ שלעכטע — נאָר איליטש און אינאָק האָבן זיך געהאַלטן בײַ אַן אַנדער מיינונג, אָבער מענטשן, וואָס זיינען געוווינט צו געווען צו אַן עמעסער באַלעבאַטישקייט, האָבן זיך זייער קריטיש באַצויגן צו מיין פֿאַראיינפֿאַכטער אויפֿירונג.

אין פּאַריז האָט זיך געלעבט זייער טומלדיק. פֿון אומעטום האָט זיך דערמלט צונויפֿגעצויגן קיין פּאַריז עמיגראַנטישער עולעם. איליטש פֿלעגט ווייניק זיצן אינדערהיים. ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין פֿלעגט אונדזער עולעם אָפּזיצן אין קאַפֿע. אַ באַזונדערס גרויסער ליבהאָבער

פון קאפע איז געווען טאראטוטא. ביסלעכווייז האָבן זיך אריינגעצויגן אויך די איבעריקע.

אָף דער פּאַרטיי-קאָנפערענץ אין דעקאַבער, נאָך גרויסע מאַכלוי-קעס, האָט זיך פונדעסטוועגן אָנגעצייכנט אַן אַלגעמיינע ליניע. דער „סאָציאַל-דעמאָקראַט" האָט געזאָלט ווערן דער אַלגעמיינער אָרגאַן. אפּן פּלענום, וועלכער איז פאָרגעקומען נאָך דער קאָנפערענץ, האָט מען אויסגעוויילט אַ נייע רעדאַקציע פאַרן „סאָציאַל-דעמאָקראַט": לע-נין, זינאָוויעוו, קאַמענעוו, מאַרטאָוו, מאַרכלעווסקי. אין משך פון יאָר האָט מען ארויסגעלאָזן ניין נומערן. אין דער רעדאַקציע איז מאַר-טאָוו געווען איינציקער און ער פּלעגט אָפט פאַרגעסן אַז ער איז מענשעוויק. אמאָל, געדענק איך, האָט וולאַדימיר איליטש, מיט אַ צופרידן פּנים גערעדט וועגן דעם, אַז מיט מאַרטאָוון איז זייער גוט צו אַרבעטן, אַז ער איז אַ זעלטן באַגאַבטער זשורנאַליסט. געווען איז עס אָבער אַלץ ביז עס איז געקומען צופאָרן דאַן.

און וואָס איז שייעך דער לאַגע אינווייניק אין דער באָלשעוויסטי-שער פראַקציע, האָבן זיך די באַציִונגען מיט די אָפּרופּער אַלץ מער און מער פאַרשאַרפט. די אָפּרופּער זיינען ארויסגעטראָטן אָנגרייפעריש. סאָף פעוראַל זיינען די באַציִונגען מיט זיי אינגאַנצן איבערגעריסן גע-וואָרן. פאַר דעם האָט מען אַ יאָר דריי נאָכאַנאַנד געאַרבעט, מיט באָג-דאַנאָוון און מיט זיינע אָנהענגער האַנט בא האַנט,—ניט פּראָסט גע-אַרבעט, צוזאַמען געקעמפט. קיין זאַך דערנעענטערט ניט אַזוי ווי אַ געמיינזאַמער קאַמף. איליטש האָט אָבער נאָך דערצו פאַרמאָגט יענע באַזונדערע אייגנשאַפט, וואָס ער האָט, ווי קיינער, געקאָנט פאַרכאַפּן מענטשן מיט זיינע אידייען, אָנשטעקן זיי מיט זיין ליידנשאַפטלעכקייט, און אין דערזעלבער צייט האָט ער געקאָנט דערוועקן און אַנטפּלעקן אין זיי זייערע בעסטע פייִקייטן און נעמען פון זיי דאָס, וואָס אַנדערע האָבן נעמען ניט געקאָנט. אין יעדן פון די באַוויירים-מיטאַרבעטער האָט זיך געפילט אַ טייל פון איליטשן — דעריבער, עפּשער האָט מען אים געפילט אַזוי נאָענט.

דער צעפּלאַקערטער קאַמף אינווייניק אין דער פראַקציע האָט אין אַ היפּשער מאָס געטרייבערט די נערוון. אַמאָל, געדענק איך, נאָך עפּעס אַ היציקן שמועס מיט די אָפּרופּער, איז איליטש געקומען אַהיים בלאַס, ווי קאַלך, אַפילע די צונג איז בא אים געוואָרן שוואַרץ. האָבן מיר באַ-

שלאָסן, אַז ער זאָל זיך דורכפאָרן אַף א וואָך צייט אין ניצע, דאָרט אַביסל אָפּרוען פון דעם גאַנצן טומל. זיצן אַף דער זון. איז ער אַוועקגעפאָרן און געקומען צו זיך.

אין פּאַריז טאָן עפּעס איז געווען זייער ניט באַקוועם. די נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק איז געווען זייער ווייט. געוויינלעך פלעגט איליטש אַהינצו פאָרן אַף א וועלאָסיפּעד, נאָר פאָרן אַף א וועלאָסיפּעד אין פּאַריז איז גאָר ניט דאָס, וואָס אין דער אומגעגנט פון זשענעווע — עס האָט זיך געפאָדערט א גרויסע אָנשטרענגונג. איליטש פלעגט שטאַרק מיד ווערן פון אַזאַ מין געסיע. אַף וואַרעמעס־צייט פלעגט די ביבליאָטעק זיך צומאַכן. מיטן אויסשרייבן די נייטיקע ביכער איז אויך געווען א גרויסע ביוראָקראַטישע פּאַרשלעפּעניש. איליטש האָט שטאַרק געזידלט די ביבליאָטעק און צוזאַמען מיט איר גאַנץ פּאַריז. האָב איך אָנגעשריבן א בריוו צו א פראַנצויזישן פּראָפעסער, וועלכער האָט זומער־צייט אַף די זשענעווער קורסן אונטעריכט די פראַנצויזישע שפּראַך, מיט א ביטע, ער זאָל אונדז אָנווייזן אַנדערע גוטע ביבליאָטעקן. איך האָב טייקעף באַקומען אַן ענטפער מיט אַלע נייטיקע אָנווייזונגען. איליטש איז אויסגעווען אין אַלע אָנגעוויזענע ביבליאָטעקן, און צו קיין איינער פון זיי זיך ניט צוגעפּאַסט. סאָפּקאָלסאָף האָט מען בא אים אַוועקגעגאַנוועט דעם וועלאָסיפּעד. ער פלעגט אים טאָמיד איבערלאָזן אַף די טרעפּ אין איין הויז, בישכיינעס מיט דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, און פלעגט אָפּצאָלן דערפאַר דער קאָנסיערזשקע 10 סאַנטים, אָבער איינמאָל, אַז ער איז געקומען נאָכן וועלאָסיפּעד, האָט ער אים שוין ניט געפונען. די קאָנסיערזשקע האָט געטענהט, אַז זי האָט זיך ניט אונטערגענומען צו היטן דעם וועלאָסיפּעד, אַז זי האָט נאָר דערלויבט איבערלאָזן אַף די טרעפּ.

באַם אַרומפאָרן אַף א וועלאָסיפּעד אין פּאַריז אָדער אַרום פּאַריז, האָט מען געמוזט זיין שטאַרק פאָרזיכטיק. פאָרנדיק אַפן וועג קיין זשוויזי, איז איליטש אַמאָל אונטערגעפאַלן אונטער אַן אַוטאָמאָביל, ער האָט קוים באַוויזן אָפּשפּרינגען אָן א זייט, דער וועלאָסיפּעד איז אינגאַנצן צעקאַליעטשעט געוואָרן.

עס איז געקומען צעפאָרן אינאָק, וועלכער איז אַנטלאָפן פון סאָלוויטשעגאָדסק. זשיטאָמירסקי האָט אים זייער העפלעך פאָרגעלייגט זיך באַזעצן בא אים אין דירע. אינאָק איז געקומען איינגאַנצן א קראַנקער. ביים ער איז געגאַנגען צופוס אין פאַרשיקונג, האָבן אים די קאַנדאַלן

אָנגעריבן די פּיס ביז ווונדן. אַז אונדזערע דאָקטוירים האָבן אַ קוק געטאָן אַף אינאָקענטיס פוס, האָבן זיי אַף אים אָנגעוואָרפן אַ גרויל. איז איליטש אוועקגעפאָרן זיך דאַן אַן אייצע האַלטן צום פראַנצויזישן פּראָפעסער דיובושע, אַן אויסגעצייכנטער כירורג, וועלכער האָט ביים דער רעוואָליוציע אין 1905 יאָר געאַרבעט אַלס דאָקטער אין אָדעס. געפאָרן צו אים איז איליטש צוזאַמען מיט נאַטאַשע גאָפּנער, וועלכער האָט אים געקענט פון אָדעס. אויסגעהערט, וואָס אונדזערע כאַווײרים-דאָקטוירים האָבן אָנגערעדט אינאָקענטין, וואָס פאַר אַ פּאַכעד זיי האָבן אַף אים אָנגעוואָרפן, האָט דיובושע שטאַרק זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. „אײערע כאַווײרים-דאָקטוירים זיינען גוטע רעוואָליוציאָנערן, נאָר אַלס דאָקטוירים — זיינען זיי אייזלען!“ איליטש האָט געלאַכט ביז טרערן און נאָכדעם פלעגט ער אָפט איבערכאַזערן דיזאָזיקע כאַראַקטעריסטיק. פונדעסטוועגן איז אינאָקן אויסגעקומען אַ לאַנגע צייט היילן דעם פוס.

איליטש האָט זיך זייער דערפרייט מיט אינאָקס אָנקומען, ביידע זיינען זיי געווען העכסט צופרידן דערפון, וואָס פּלעכאַנאָוו האָט אָנגעהויבן זייער אַנטשיידן זיך אָפּגרענעצן פון די ליקווידאַטערס. וועגן זיין אַרויסגיין פון דער רעדאַקציע „גאָלאָס סאָציאַל-דעמאָקראַטאַ“, וו די אויבערהאַנט האָבן גענומען די ליקווידאַטערס האָט פּלעכאַנאָוו דערקלערט נאָך אין דעקאַבער 1908 יאָר, נאָכדעם האָט ער דיזאָזיקע מעלדונג צוריקגעצויגן, אָבער די באַציונגען זיינע מיט די ליקווידאַטערס האָבן זיך די גאַנצע צייט אַלץ מער און מער פאַרשאַרפט, און אין 1909 יאָר, ווען עס איז אַרויס דער ערשטער באַנד פונעם מענשעוויסטישן זאַמלבוך „די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג אין רוסלאַנד אין אָנהייב 20 יאָרהונדערט“, וו עס איז געווען געדרוקט פּאָטרעסאָווס אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער לייקנט אָפּ די פירנדיקע ראָל פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע, איז פּלעכאַנאָוו, דעם 26-טן מיי, אינגאַנצן אַרויס פון דער רעדאַקציע „גאָלאָס“. און סיי איליטש, סיי אינאָק האָבן נאָך געהאָפט, אַז מיט פּלעכאַנאָוון וועט נאָך מעגלעך זיין אַ געמיינזאַמע אַרבעט. דער יינגערער דאָר האָט שוין ניט געפילט צו פּלעכאַנאָוון דאָס, וואָס עס האָט געפילט דער עלטערער דאָר מאַרקסיסטן, אין וועמעס לעבן פּלעכאַנאָוו האָט אָפּגעשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָליע. דעם קאַמף אַפן פילאָסאָפישן פראָנט האָבן איליטש און אינאָק גענומען זייער נאָענט צום האַרצן. פאַר זיי ביידן איז

די פילאסאפיע געווען א געווער אין קאמף, און איז געווען ארגאניש פארבונדן מיט דער פראגע פון אפשאצן פארשיידענע געשעענישן פונעם שטאנדפונקט פון דיאלעקטישן מאטעריאליזם, מיט פראגן פון פראקטישן קאמף אין אלע ריכטונגען. איליטש האט צוגעיילט אנא איליניטשנע מיט ארויסגעבן דאס ביכל, געשריבן איר וועגן דעם קיין רוסלאנד. ס'האט זיך אנגעמערקט א פארברייטערטע זיצונג פון דער רעדאקציע „פראלעטארי“, אף וועלכער מע האט געהאט בעדייע ענדגילטיק זיך אפגרעגעצן אויך פון די אפרופער. „בא אונדז זיינען די געשעפן טרויעריקע—האט וולאדימיר איליטש געשריבן צו דער שוועסטער—אנא איליניטשנע דעם 26טן מיי:—א שפאלטונג וועט זיכער פארקומען; איך האף, אז אין א כוידעש־אגדערהאלבן ארום וועל איך דיר קאנען וועגן דעם געבן גענויע יעדיעס“ *.

אין מיי איז דערשינען איליטשס ביכל „מאטעריאליזם און עמפיריאקריטיציזם“.

אלע פראגן זיינען פארשארפט געווארן. פאר איליטשן זייגען די פילאסאפישע פראגן געווען ענג פארבונדן מיט די פראגן פון קאמף קעגן רעליגיע. אט פארוואס איליטש האט אין מיי כוידעש אין קלוב „פראלעטארי“ דורכגעלייענט א רעפעראט אף דער טעמע: „רעליגיע און דער ארבעטער־קלאס“ און האט אנגעשריבן פארן 45־טן נומער „פראלעטארי“ אן ארטיקל וועגן דער באציונג פון דער ארבעטער־פארטיי צו רעליגיע און פארן 6־טן נומער „סאציאל־דעמאקראט“ אן ארטיקל: „די קלאסן און די פארטייען אין זייער באציונג צו דער רעליגיע און דער קירך“. די דאזיקע ארטיקלען, באזונדערס דער ארטיקל אין „פראלעטארי“, האבן א באדייטונג נאך ביז היינטיקן טאג. מיט דער גאנצער קראפט איז אין זיי אונטערגעשטראכן דער קלאסן־כאראקטער פון דער רעליגיע, דארט ווערט אנגעוויזן דערוף, אז אין די הענט פון דער בורזשואזיע איז רעליגיע — א מיטל אפצוווענדן די מאסן פונעם קלאסן־קאמף, אף פארטשאדען און פארטונקלען זייער באוווסטזיין. מע קאן ניט דורכגיין גלייכגילטיק פארביי אט דעם קאמף־פראנט, ניט דערשאצן אים. מע קאן אבער אויך ניט צוגיין צו אט דער פראגע צו־

* וו. אי. לענין, „בריוו צו די קרוייווים“ פארלאג „גיז“, 1931 יאר, זייט 343.

איינפאַך, מע דאַרף אויפדעקן די סאָציאַלע וואָרצלען פון דער רעליגיע, אַרומנעמען די פראַגע אין איר גאַנצער קאָמפּליצירטקייט.

דעם שאָדן פון רעליגיע האָט איליטש פאַרשטאַנען שוין צו פופצן יאָר. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם קרייץ, אויפגעהערט צו גיין אין קירך. דעמלט איז עס געווען ניט אַזוי פּראָסט, ווי היינט.

אָבער פאַר באַזונדערס שעדלעך האָט לענין געהאַלטן די רעליגיע די פאַרפיינערטע, די אָפּגערייניקטע פון פאַרשיידענע אייגרייידעניש, וועלכע וואַרפן זיך יעדערן אין די אויגן, די אויסגעשיילטע פון די אויסערלעכע שקלאַפן־פאָרמען. אַזאַ מין פאַרפיינערטע רעליגיע איז פעיִק צו ווירקן נאָך שטאַרקער. פאַר אַזאַ פאַרפיינערטער רעליגיע האָט ער געהאַלטן די גאָטבויעריי, די פּרוּוון אויסצוטראַכטן עפּעס אַ נייע רעליגיע, אַ נייעם גלויבן.

אין יוני האָבן שוין גענומען ביסלעכווייז זיך צונויפאָרן די דעלעגאַטן אַף דער פאַרברייטערטער רעדאַקציע פונעם „פּראָלעטאַרי“. פאַרברייטערטע רעדאַקציע פונעם „פּראָלעטאַרי“ האָט געהייסן, אין טאָך גענומען, דער באָלשעוויסטישער צענטער, וווהין עס זיינען צו יענער צייט אַריין אויך די וופּעריאָדאָווצעס.

פון מאָסקווע איז געקומען גאָלובקאָוו (דאַווידאָוו), אַ פּאַרטיי־טוער, וועלכער האָט אין רוסלאַנד געאַרבעט אין ביוראָ פון צ״ק אונטער אינאָקענטיס אָנפירונג און איז בייגעווען אַף דער פּאַריזער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין 1908 יאָר. געקומען איז שוליאַטיקאָוו (דאָנאַט), דער דומע־דעפּוטאַט. שורקאַנאָוו (שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטער). דער לעצטער, אַגעוו, ניט אַף דער באַראַטונג.

לויטן פראַנצויזישן מינהג זיינען אונדזערע אַוועק מיט זיי אין קאַפע. שורקאַנאָוו האָט געזויפט ביר אַ קופל נאָך אַ קופל, אויך שוליאַטיקאָוו האָט געטרונקען. שוליאַטיקאָוו האָט אָבער ניט געטאָרט טרינקען, ער איז געווען אַ געבאָרענער אַלקאָהאָליקער. די ביר האָט בא אים אַרויסגערופן אַ שאַרפן נערוון־שלאָג. אַרויסגייענדיק פון קאַפע האָט ער פּלוצעם זיך אַרופגעוואָרפן אַף שורקאַנאָוון מיט אַ שטעקן. אינאָקענטי און גאָלובקאָוו האָבן אים קוים איינגעהאַלטן און געבראַכט צו אונדז. ביז זיי זיינען אַוועק זוכן אַ דאָקטער און אַ צימער הינטערן שטאָט אים דאָרט איינצואָרדענען, בין איך מיט אים געבליבן זיצן. אַ

צימער האָבן זיי געפונען אין פּאַנטעלעי=אַראַז, ווו עס האָבן געוווינט
סעמאַשקאָ און וולאַדימירסקי.
אַ שאָ צוויי בין איך אָפּגעזעסן מיטן קראַנקן שוליאַטיקאָוון אין
אונדזער פּוסטן „אופּגעם-צימער“. ער האָט זיך גערוויייש ארומגע=
וואָרפן, אופגעשפּרונגען פונעם אָרט, אים איז די גאַנצע צייט געשטאַ=
נען פאַר די אויגן זיין אופּגעהאַנגענע שוועסטער. עס איז אויסגעקו=
מען אים באַרויקן, אָפּווענדן זיינע געדאַנקען, האַלטן אים בײַ דער האַנט.
ווי נאָר איך פלעג די האַנט אָפּלאָזן, פלעגט ער באַלד זיך נעמען וואַרפן.
איך האָב קוים זיך דערוואַרט אף אינאָקענטין מיט גאָלובקאָוון, וועלכע
זיינען נאָך אים געקומען.
אין דער באַראַטונג פון דער פאַרברייטערטער רעדאַקציע „פּראָלע=
טאַרי“ האָבן אָנטיילגענומען די פאָלגנדיקע רעדאַקציע=מיטגלידער: לע=
נין, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, באָגדאַנאָוו, פאָרשטייער פון די אָרטיקע באָל=
שעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס — טאָמסקי (פּעטערבורג), שוליאַטיקאָוו
(מאָסקווע), נאַקאָריאַקאָוו (אוראַל), די מיטגלידער פון צ"ק — אינאָ=
קענטי, ריקאָוו, גאָלדענבערג, טאַראַטוטאַ און מאַראַט (שאַנצער). אוי=
סער דעם זיינען אַף דער באַראַטונג בייגעווען סקריפּניק (שטשור), ליו=
בימאָוו (זאָמער, מאַרק) פאָלעטאַיעוו (מיטגליד פון דער מעלוכע=דומע)
און האָווידאָוו—גאָלובקאָוו. די זיצונגען פון דער פאַרברייטערטער רע=
דאַקציע האָבן זיך געצויגן פונעם 4=טן ביזן 13=טן יולי.
עס זיינען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס וועגן די אָטזאָוויסטן-אול=
טימאַטיסטן, פאַר דער פּאַרטיי=איינהייט, קעגן א ספּעציעל באָלשעווי=
סטישן צוזאַמענפאָר. די פראַגע וועגן דער קאַפּריער שול איז געשטאַ=
נען באַזונדער. פאַר באָגדאַנאָוון איז געווען קלאָר, אז די באָלשעוויס=
טישע פראַקציע מוז זיך אומפאַרמיידלעך צעפאַלן, האָט ער טאַקע דע=
ריבער פאַרפריער אונטערגעקליבן און אָרגאַניזירט זיינע אן אייגענע
פראַקציע. באָגדאַנאָוו, אַלעקסינסקי, גאָרקי און לונאַטשאַרסקי האָבן אף
קאַפּרי אָרגאַניזירט א העכערע סאָציאַל=דעמאָקראַטישע פּראָפּאַגאַנדיס=
טישע שול פאַר אַרבעטער. צוהערער פאַר דער דאָזיקער שול האָט אין
רוסלאַנד אונטערגעקליבן דער אַרבעטער ווילאָנאָוו — פּעסטע, זיבערע
זיינען זיי געקומען זיך לערנען. נאָך דער דורכגעמאַכטער רעוואָלוציע
האָבן די אַרבעטער זייער שאַרף געשפּירט די נויטווענדיקייט פון א טעָ=
אָרעטישער צוגרייטונג, דערצו נאָך אין די צייט געווען אזא, ווען דער

דירעקטער קאמף איז איינגעשטעלט געוואָרן. זיי זיינען געפאָרן לערנען זיך, אָבער פאר יעדער אויסגעפרווטן פארטיי-טוער איז געווען קלאָר, אז די שול קאפרי וועט פארלייגן א פונדאמענט פאר א נייער פראקציע. און די באראטונג פון דער פארברייטערטער רעדאקציע „פראָלעטארי" האָט פארורטיילט אָט דאָס אָרגאניזירן א נייע פראקציע. באָגדאנאָוו האָט דערקלערט אָפן, אז ער ווארפט זיך ניט אונטער די באשלוסן פון דער באראטונג, און ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער באָלשעוויסטישער פראקציע. פאר אים האָט זיך אָנגענומען קראסין און די באָלשעוויסטישע פראקציע האָט אָנגעהויבן זיך צעפאלן.

פרילינג-צייט, נאָך ביז דער באראטונג פון דער פארברייטערטער רעדאקציע „פראָלעטארי", איז מאריא אילינישנא זייער ערגסט פארשלאפט געוואָרן. איליטש האָט זיך עס זייער שטארק גענומען צום הארצן. עס האָט זיך אָבער איינגעגעבן באצייטנס צו פארכאפן די קראנקייט, דורך אן אָפעראציע. די אָפעראציע האָט געמאכט דיובושע. דאָס פאריכטן זיך איז אָבער געגאנגען לאנגזאם. מע האָט געמוזט אָפּריוען ערגעץ-ווו אויסער פאריז, אַף דער פרייער נאטור.

די באראטונג האָט אָפגענומען ניט ווייניק קויכעס בא איליטשן, און נאָך דער באראטונג האָט ער אויך געמוזט זיך אָפרוען ערגעץ אפן גרינעם גראָז, דאָרט, ווו ער וואָלט געקאָנט זיין פריי פון די עמיגראנטישע רייסערייען און טומל.

איליטש האָט גענומען דורכקוקן די פראנצויזישע צייטונגען, זוכנדיק דאָרט מעלדונגען וועגן וואָלוועלע פאנסיאָנען. געפונען האָט ער אזא מין פאנסיאָן אינעם דאָרף באָנבאָן, אינעם דעפארטאמענט סענע און לואר. ווו פאר פיר מענטשן האָט מען געדארפט צאָלן סאכאקל 10 פראנק א טאָג. נאָכדעם האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָרט איז זייער באקוועם און מיר זיינען דאָרט אָפגעזעסן בא א כוידעש צייט.

אין באָנבאָן האָט איליטש קיין זאַך ניט געטאָן און וועגן די אָנגעווייטיקטע פראגן האָבן מיר זיך געסטארעט ניט צו ריידן. ארומגעשפאצירט, כימעט יעדן טאָג ארומגעפאָרן אַף וועלאָסיפעדן פאר 15 קילאָמעטער אין קלאמארער וואלד. מיר האָבן זיך אויך צוגעקוקט צו די פראנצויזישע מידעס. אין דעם פאנסיאָן, ווו מיר האָבן זיך באזעצט, האָבן געוווינט פארשיידענע קליינע אָנגעשטעלטע, א פארקויפערן אין א גרויסן מאָדע-מאגאזין מיט א מאן און מיט א טאָכטער, א קאמער-

דינער עפּעס באַ איינעם א גראַף א. א. וו. ניט ווייניק אינטערעסאַנט איז געווען נאָכצושפּירן אָט דעם אוילעם, וואָס איז געווען אַף דורך און דורך דורכגעזאַפּט מיט דער קליינבירגערלעכער פּסיכאָלאָגיע. פון איין זייט, איז דאָס אַן אוילעם אַן אַרכיפּראַקטישער, וועלכער האָט געזען, מע זאָל געבן צו עסן זאַט און אז אַלץ זאָל זיין איינגעאָרדנט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. פון דער צווייטער זייט, האָבן זיי אַלע געשטרעבט צו זיין ענלעך אַף עכטע פּריצים. באַזונדערס טיפּיש אין דעם זין איז געווען מאַדאַם לאַגורעט (אַזוי האָט געהייסן די פּאַרקויפּערן), וועלכע איז געווען דורכגעגאַנגען אַי פייער אי וואסער, האָט געשאָטן מיט צווייידייטיקע אַנעקדאָטן און אין דער זעלבער צייט געטרוימט, ווי אַזוי זי וועט פירן די טאָכטער אירע אין קירך צום ערשטן ווידע, ווי רירנד דאָס וועט זיין א. א. וו. פאַרשטייט זיך, אין א גרויסער מאָס פלעגט עס אונדז שטאַרק דערעסן. נאָך גוט, וואָס מע האָט דאָרט געקאָנט לעבן אָפּגעזונדערט, ווי יעדער איינעם האָט זיך געוואָלט, אין אַלגעמיין אָבער האָט איליטש אין באַנבאַן אָפּגערוט ניט שלעכט.

האַרבסט־צייט האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן אין אַן אַנדער דירע, אין דערזעלבער געגנט, אין א פאַרוואָרפן געסל מאַרי־ראָז. די דירע איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן מיט א קיך. די פענצטער זיינען אַרויסגעגאַנגען אין עפּעס א סאָד. דער „אופנעם־צימער" אונדזערער איז איצט געווען די קיך, דאָרטן האָבן זיך געפירט אַלע אינטימע געשפּרעכן. באַ איליטשן איז דעמלט געווען אַן אַרבעט־שטימונג. ער האָט זיך איינגעפירט א רעזשים („פּריזשים" — א „צוואַנג" — פלעגט ער וועגן דעם זיך אויסדריקן אין א שפּאַס); אופשטיין פלעגט ער אַכט אַזייגער אינדערפרי, אַוועקפאָרן אין דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק און קומען צוריק 2 אַזייגער באַטאָג. נאָכדעם פלעגט ער זייער פיל אַרבעטן אינדערהיים. איך האָב אים שטאַרק אויסגעהיט פוגעם ארומיקן אוילעם. באַ אונדז זיינען שטענדיק געווען זייער פיל מענטשן, ניט דורכצושטופּן זיך, און נאָך באַזונדערס איצט, ווען צוליב דער רעאַקציע, צוליב די שווערסטע אַרבעט־באַדינגונגען אין רוסלאַנד, איז די רוסישע עמיגראַציע זייער שנעל געוואָקסן. מע פלעגט קומען פון רוסלאַנד, דערציילן מיט גרויסער באַגייסטערונג וואָס דאָרט טוט זיך אָפּ און נאָכדעם פלעגט מען עפּעס זייער גיך זיך אויסלעשן. עס פלעגט פאַרשלינגען דער עמיגראַנטישער אָרט לעבן, די זאָרגן וועגן פאַרדינען, וועגן די לעבנס־נויטן.

האַרבסט=צייט האָבן די צוהערער פון דער קאַפּריער שול איינגעלאַדן איליטשן, ער זאָל קומען אף קאַפּרי לייענען לעקציעס. איליטש האָט זיך קאטעגאָריש אָפּגעזאָגט, דערקלערט זיי דעם פראקציאָנעלן כאראקטער פון דער שול און גערופן זיי קיין פּאַריז. אינווייניק, אין דער קאַפּריער שול האָט זיך צעפלאקערט א פראקציאָנעלער קאמף. אָנהייב נאָיאבער האָבן פינף צוהערער (אינגאנצן איז דאָרט געווען צוועלף) פון דער קאַפריער שול, צווישן זיי ווילאָנאָוו, דער אָרגאניזאטער פון דער שול, אינגאנצן זיך אויסגעפורעמט אלס אויסגעשפּראָכענע לעניניסטן, און מע האָט זיי אויסגעשלאָסן פון דער שול. דערדאָזיקער פאקט האָט אמבוילעטסטן כאראקטעריזירט און באוויזן, ווי גערעכט עס איז געווען איליטש, ווען ער האָט אָנגעוויזן אפן פראקציאָנעלן כאראקטער פון דער שול. די אויסגעשלאָסענע צוהערער זיינען געקומען קיין פּאַריז. איך געדענק די ערשטע באַגעגעניש מיט ווילאָנאָוון. אָנגעהויבן האָט ער דערציילן וועגן זיין ארבעט אין יעקאטערינאָסלאַוו. פון יעקאטערינאָסלאַוו פלעגט אונדז פריער אָפט שיקן קאָרעספּאָנדענצן עפּעס איינער אן ארבעטער, וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן „מישע זאוואָדסקי“. די קאָרעספּאָנדענצן זיינען געווען זייער גוטע, זיי פלעגן בארירן די סאמע צאפּלדיקע פראגן פון פארטייאישן און זאוואָדישן לעבן. „צי קענט איר ניט איינעם מישע זאוואָדסקי“? — האָב איך א פרעג געטאָן ווילאָנאָוון. „דאָס בין איך טאקע אליין“ — האָט ער געענטפערט. איליטש האָט טייקעף דערשפּירט א נאָענטקייט צו מיכאילן און זיי האָבן יענעם טאָג זייער לאנג געשמועסט, און אינאָוונט האָט איליטש אָנגעשריבן גאָרקין א בריוו: „טייערער אלעקסיי מאקסימאָוויטש! די גאנצע צייט בין איך געווען פולקום איבערצייגט, אז איר און דער כאַווער מיכאיל זיינט די סאמע הארטנעקיקע פראקציאָנערן אין דער נייער פראקציע, מיט וועמען עס וואָלט געווען נאריש פון מיין זייט צו פּרווון זיך דורכריידן פריינטלעך. היינט האָב איך צום ערשטן מאָל געזען דעם כאַווער מיכאיל, געמיטלעך זיך דורכגעשמועסט מיט אים וועגן פארשיידענע איניאָנים און וועגן אייך און כ'האָב דערזען, אז איך האָב געהאַט אַ גראָבן טאָעס. ערן=וואָרט, גערעכט איז געווען דער פילאָסאָף העגעל: דאָס לעבן גייט פאָרויס דורך ווידערשפּרוכן און די לעבעדיקע ווידערשפּרוכן זיינען אָן אן ערעך רייכער, פילזייטיקער, אינהאלטלעכער איידער עס ווייזט זיך אוים דעם מענטשנס געדאנק פון אָנפאנג. איך

האָב געקוקט אױף דער שול נאָר, װי אױף אַ צענטער פֿון דער נײַער פּראַקציע. האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז דאָס איז ניט ריכטיק—ניט אין דעם זין, װאָס זי איז ניט קײן צענטער פֿון דער נײַער פֿראַקציע (די שול איז געװען און איז נאָך ביז איצט אַזאַ מין צענטער), נאָר אין דעם זין, װאָס דאָס איז נאָך ניט אַלץ, ניט דער גאַנצער עמעס. סוביעקטיװ האָבן אײניקע מענטשן געמאַכט די שול פֿאַר אַזאַ מין צענטער, און אָביעקטיװ איז די שול אַזאַ צענטער געװען. אױסער דעם אָבער האָט אָט די שול אַ שעפּ געטאָן פֿונעם עכטן אַרבעטער־לעבן עכטע פֿאָרגעשריטענע אַרבעטער". און מיט װאָס פֿאַר אַ לײַדנשאַפֿטלעכן גלױבן אין די קױכעס פֿונעם אַרבעטער־קלאַס עטעמט דער סאָף פֿון אָט דעם בריװ, װו איליטש שרײַבט װעגן דעם, אַז דעם אַרבעטער־קלאַס קומט אױס אױסצושמידן אַ פּאַרטײ פֿון פֿאַרשײדענע עלעמענטן. „יעדנפֿאַלס, זי װעט אױסשמידן, און אױסשמידן װעט זי אין רוסלאַנד אַ מוסטערהאַפֿטע רעװאָליוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אױסשמידן אַסאַך שנעלער, װי ס'װײַזט זיך אױס אַמאָל פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון דער פֿאַרפֿלוכטער עמיגראַנטישער לאַגע, אױסשמידן זיכערער, אײדער דאָס שטעלט זיך פֿאָר, אױב מע זאָל אורטײלן לױט אײניקע אױסערלעכע דערשײַנונגען און באַזונדערע עפּיזאָדן. אַזױנע מענטשן, װי מיכאַיל, זײַנען אַ גאַראַנטיע דערפֿאַר" *.

צוזאַמען מיט מיכאַילן זײַנען געקומען נאָך פֿינף צוהערער פֿון דער קאַפּריער שול. צװישן זײ האָט זיך באַזונדערס אױסגעצײכנט „װאַניאַ קאַזאַנער" (פּאַנקראַטאָװ) מיט זײַן אַקטיװקײט און גראָדליניקײט. ער איז געװען שאַרפֿער פֿאַר אַלעמען געשטימט קעגן דער קאַפּריער שול, עס זײַנען געװען נאָך — ליװשין (פּאַכאָם), קאָזירעװ (פֿאָמאַ), אוסטינאָװ (װאַסילי), ראָמאַנאָװ (אַליאַ אַלעקסינסקי). איליטש האָט זײער גערן און פֿלײַסיק געלײענט לעקציעס פֿאַר די געקומענע פֿון קאַפּרי. די צוהערער זײַנען נאָכדעם אַװעקגעפֿאָרן קײן רוסלאַנד. מיכאַיל האָט געהאַט לונגען־טובערקוליאָז, װאָס ער האָט געפּאַקט אין די ניקאָלאַיעװער אַרעסטאַנטן־ראָטעס, װו מע האָט אים אױף פֿאַרשײדענע אױפֿאַנים געפּײניקט. מיכאַילן האָט מען אײַנגעאָרדנט אין דאַװאָס, ער האָט אָבער דאָרטן לאַנג ניט געצױגן — דעם ערשטן מײַ 1910 יאָר איז ער געשטאָרבן.

---

* „לענין־זאַמלבוך" IV, זײַט 416 - 417.

סאָף דעקאבער, נאָכן ענדיקן די לימודים אף קאפּרי, זיינען אויך די איבעריקע צוהערער געקומען קיין פּאריז — און איליטש האָט פאר זיי געלייענט לעקציעס. געשמועסט האָט ער מיט זיי וועגן דעם לויפנדיקן מאָמענט, וועגן דער סטאָליפּינישער רעפאָרם און זיין קורס אף א „פעסטן" פּויער, וועגן דער פירנדיקער ראָל פונעם פּראָלעטאריאט און וועגן דער דומע-פראקציע. עמעצער פון די קאפּריער האָט, לויט כאווער קאָסירעווס רייד (קאָסירעוו איז דעמלט געווען אייגער פון די צוהערער), האָט לעבאטכילע געפּרווט כאפּן איליטשן אף דעם, אז די ארבעט פון דער מעלוכע-דומע שטעלט ער איצט העכער פון דער אגיטאציע אינעם מיליטער. איליטש האָט א שמייכל געטאָן און האָט ווייטער אָנגעהויבן ריידן וועגן דער וויכטיקייט פון דער ארבעט אין דומע. פארשטייט זיך, אז ער האָט ניט געטראכט, אז מע הארף אין דער קלענסטער מאָס אָפּשוואכן די ארבעט אינעם מיליטער, ער האָט אָבער געהאלטן, אז זי מוז מען אמבעסטן פארקאָנספּירירן. וועגן הערדאָזיקער ארבעט האָט מען געדארפט ניט ריידן, נאָר טאָן זי. פונקט צו יענער צייט האָט זיך באקומען א בריוו פון טולאָן פון א גרופּע מאטראָסן-סאָציאל-דעמאָקראטן פונעם קרייסער „סלאווא", וועלכע האָבן געבעטן צושיקן זיי ליטעראטור און באזונדערס א מענטשן, וואָס זאָל זיי העלפן פירן א רעוואָליוציאָנערע ארבעט צווישן די מאטראָסן. איליטש האָט אויסגעריכט אהין איינעם א כאווער, וואָס האָט גוט געוווסט די באדינגונגען פון קאָנספּיראטיווער ארבעט און וועלכער האָט זיך טאקע באזעצט אין טולאָן. פאר די צוהערער האָט איליטש, פארשטייט זיך, וועגן דעם קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט.

לעבנדיק אין די געדאנקען אין רוסלאנד, האָט איליטש אין דערזעלבער צייט זייער זאָרגזאַם דערלערנט אויך די פראנצויזישע ארבעטער-באוועגונג. די פראנצויזישע סאָציאליסטישע פּארטיי איז צו יענער צייט געווען אף דורך און אָפּאָרטוניסטישע. פרילינג 1909 יאָר, צום ביישפּיל, איז פאָרגעקומען א קאָלאָסאלער שטרייק פון די פּאָסט-אָנגעשטעלטע. די גאנצע שטאָט איז געווען אופגעבראכט, און נאָר די פּארטיי איז געשטאנען אָן א זייט: האָם קערן זיך אָן, הייסט עס, נאָר די פּראָפּאריינען און ניט זיי. פאר אונדז, רוסישע, האָט אזא מין ארבעט-צעטיילונג, אזא באזייטיקן די פּארטיי פון נעמען אָנטייל אין עקאָנאָמישן קאַמף, אויסגעזען מאָמעש ווילד.

באַזונדערס אויפמערקזאַם האָט איליטש נאָכגעשפּירט נאָך דער פּאַר=
וואַל=קאָמפּאַניע. דאָ איז אַלץ פאַרשלונגען געוואָרן דורך פערזענלעכע
רייסעריייען און קעגנזייטיקע דעמאַסקירונגען, פּאָליטישע פראַגן פלעגט
מען אָפּרוקן אויפן הינטערגרונט. די אַקטועלע פראַגן פון פּאָליטישן לעבן
פלעגט מען קימאַט אינגאַנצן ניט באַהאַנדלען. נאָר אייניקע פאַרזאַמ=
לונגען זיינען געווען אינטערעסאַנט, אויף איינער פון זיי האָב איך גע=
זען זשאָרעסן, זיין קאָלאָסאַלע ווירקונג אויפן עולם, די אַרויסטרעטונג
זיינע איז אָבער מיר ניט געפעלן געוואָרן — שוין צופיל אויסגערעכנט
איז געווען יעדעס וואָרט. מיר איז מער געפעלן געוואָרן וואַיאַנס אַרויס=
טרעטונג. אַן אַלטער קאָמונאַר, און די אַרבעטער האָבן אים באַזונ=
דערס ליב געהאַט. מיר האָט זיך פאַרגעדענקט די פיגור פון איינעם א
הויכן אַרבעטער, וואָס איז נאָרוואָס געקומען פון דער אַרבעט נאָך
מיט פאַרשוואַרצטע אַרבל. מיט דער טיפסטער אויפמערקזאַמקייט האָט
דערהאָזיקער אַרבעטער אויסגעהערט וואַיאַנען. „אָט ווי ער רעדט עס,
אונדזער אַלטער!“ — האָט ער אויסגעשריען. און פונקט מיט אַזא באַ=
וווּנדערונג האָבן געקוקט אויף וואַיאַנען צוויי יונגטלעכע, דעם אַרבעטערס
זין. אָבער ניט אומעטום זיינען דאָך אַרויסגעטראָטן זשאָרעס און וואַ=
יאַן. און די דורכשניטלעכע רעדנער האָבן שוין גערדייט, זיך צוגעפּאַסט
צו דער אודיטאָריע, און אַן אַרבעטער=אודיטאָריע האָבן זיי גערעדט
איינס, צווישן אינטעליגענץ — אַנדערש. דאָס באַזוכן די פראַנצויזישע
פאָרוואַל=פאַרזאַמלונגען האָט געגעבן א העל בילד, וואָס הייסט אַזוינס
וואַלן אין א „דעמאָקראַטישער רעפּובליק“. פון דער זייט האָט עס מאַ=
מעש איבעראַשט. דעריבער זיינען איליטשן געווען געפעלן די לידער
פון די רעוואָליוציאָנערע שאַנסאָנעטן=זינגער, וועלכע פלעגן אויסלאַכן די
וואַלן=קאָמפּאַניעס. איך געדענק איין לידל, ווו עס ווערט געשילדערט,
וויאַזוי א דעפּוטאַט פאָרט אין דאָרף צוגויפזאַמלען שטימען, טרינקט
אויס צוזאַמען מיט די פויערים, דערציילט זיי פאַרשיידענע בייקעס
און שיקערלעכע פויערים ווילן אים אויס צוזינגענדיק דעריבער: „Tàs
ben dit mon ga“ (ריכטיק, כעוורעמאַן, רעדסטו!) און נאָכדעם, האָבנ=
דיק די פויערים=שטימען, פלעגט דער דעפּוטאַט אָנהייבן באַקומען 15
טויזנט פראַנק דעפּוטאַטן=געהאַלט און דערפאַר פאַראַטן אין פאַלאַטע
זייערע פויערשע אינטערעסן.

איינמאָל עפּעס איז צו אונדז געקומען דער דעפּוטאַט אין דער

פראַנצויזישער פּאַלאַטע, דער סאָציאַליסט דיומאַ, ער האָט אונדז דערציילט, וויאַזוי ער איז ערעוו די וואַלן ארומגעפאָרן איבער די דערפער און ניטוווילנדיק האָבן זיך דערמאָנט די שאַנסאָנעטן-זינגער. דער אָנגעזעענסטער פון די שאַנסאָנעטן-זינגער איז געווען מאָנטעגיוס. אַ קאָמונאַרס אַ זון, אַ ליבלינג בײַ די פּאָבורן (אַרבעטער פאָרשטעט), אין זיינע לידער איז געווען אַ געמיש פון קליינבירגערלעכער סאַנטימענטאַלקייט מיט עכטער רעוואָליוציאָנערישקייט.

איליטש האָט ליב געהאַט גיין אין טעאַטער אַף די עקן שטאָט, קעדיי נאָכשפּירן נאָכן אַרבעטער-אוילעם. אַמאָל, געדענק איך, זיינען מיר געגאַנגען אַף אַ פאָרשטעלונג, וואָס האָט געשילדערט די פייניקונגען פון די שטראָף-סאָלדאַטן אין מאַראָקאָ. אינטערעסאַנט איז געווען דער צושויער-זאַל: שוין צו אומיטלבאַר האָט דער אַרבעטער-אוילעם, וואָס האָט פאַרפולט דעם זאַל, רעאַגירט אַף יעדער זאַך. די פאָרשטעלונג האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן. פּלוצעם האָט דער גאַנצער טעאַטער צום טאַקט זיך צעשריען: „דעם הוט! דעם הוט!“ ווייזט זיך ארויס, אַז אין זאַל איז אַריין עפּעס אַ דאַמע אין אַ הויכער מאָדישער הוט מיט פעדערן. דער אוילעם האָט געפאָדערט, אַז די דאַמע זאָל אומבאַדינגט אויסטאָן דעם הוט; און זי האָט עס געמוזט טאָן.

די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן. אין דער פּיעסע ווערט געשילדערט, וויאַזוי מע נעמט און מע ריכט איִם אויס אַ סאָלדאַט קיין מאַראָקאָ און די מוטער זיינע מיט דער שוועסטער בלייבן לעבן אין נויט. דער באַלעבאָס פון דער דירע איז מאַסקים צו באַפרייען זיי פון דירע-געלט נאָר מיט איין תנאַי אַז דעם סאָלדאַטס שוועסטער זאָל ווערן זיין קעפּס-ווייב. „פערד! הולטיי!“ — האָט זיך גענומען טראָגן פון אַלע זייטן. איך געדענק שוין ניט גענוי דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע נאָר געהאַנדלט האָט זיך דאָרט וועגן דעם וויאַזוי מע פייניקט אין מאַראָקאָ סאָלדאַטן, וועלכע פאָלגן ניט נאַטשאַלסטווע. געענדיקט האָט זיך די פּיעסע מיט אַן אופשטאַנד און מיט זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. אין צענטער האָט מען דיזאָזיקע פּיעסע פאַרבאָטן שפּילן, אָבער אַף די עקן פּאַריז האָט מען די פּיעסע געשפּילט און זי פלעגט ארויסרופן אַ דונער אַפּלאָדיסמענטן. אין 1910 יאָר, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַוואַנטיורע אין מאַראָקאָ, איז פאָרגעקומען אַ הונדערטטויזנט-קעפּיקע טעסט-דעמאָנסטראַציע. מיר זיינען געגאַנגען קוקן. די דעמאָנסטראַציע

איז פאַרגעקומען מיט א דערלויבעניש פון דער פּאָליציי. בעראָש זיינען געגאנגען די דעפּוטאטן — פאַרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, איבערגעבונדענע מיט רויטע שאַלעכלעך. די אַרבעטער זיינען געווען זייער קריגעריש געשטימט און, גייענדיק פארביי די רייכע קווארטאלן האָבן זיי געדראָט מיט די פויסטן. אין אייניקע הייזער אזוינע האָט מען אפילע פארהאקט די לאָדנס, די דעמאָנסטראציע איז אָבער דורכגעגאנגען פרידלעך, וואָס פרידלעכער קאָן שוין ניט זיין. זי האָט אבסאָליוט ניט געהאַט קיין אויסזען פון אַ פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציע.

דורך שארל ראפּאָפּאָרט האָט איליטש זיך פארבונדן מיט לאפארגן מאַרקס איידעם, אַן אויסגעפרווטן קעמפער, וועמעס מיינונג ער האָט באזונדערס געשעצט. פּאָל לאפארג צוזאמען מיט זיין פרוי לאורא — מאַרקס טאָכטער — האָבן געוווינט אין דרייוועל, 20-25 וויאָרסט פון פּאַריז. פון דירעקטער אַרבעט זיינען זיי שוין געווען אָפּגעגאַנגען. אַמאָל, געדענק איך, זיינען מיר מיט איליטשן געפאָרן אף וועלאָסיפעדן צו די לאַפארגס. זיי האָבן אונדז אויפגענומען זייער פריינטלעך. וולאַדימיר איליטש האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט לאַפאַרגן מיקויעך זיין פילאָסאָפישן בוך און לאורא לאפארג האָט מיך געפירט שפּאַצירן איבערן פּאַרק. איך בין געווען שטאַרק אויפגערעגט — אַ קלייניקייט, קאַרל מאַרקס טאָכטער שטייט דאָך פאר מיר; איך האָב נייגעריק זיך איינגעקוקט אין איר פּאָנעם און, ניט ווילנדיק, געזוכט דאָרט דעם פאָטערס אָנבליק. א פארלאָרענע האָב איך עפּעס גערעדט וועגן דעם אָנטייל פון פרויען אין דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, וועגן רוסלאנד; זי האָט געענטפערט נאָר קיין עכטער געשפּרעך האָט זיך עפּעס ניט באקומען. אז מיר האָבן זיך צוריקגעקערט, האָבן לאפארג און איליטש גערעדט וועגן פילאָסאָפיע. „ער וועט אינגיכן דערוויזן, — האָט לאורא געזאָגט וועגן איר מאַן, — אף וויפל אויפריכטיק עס זיינען זיינע פילאָסאָפישע איבערצייגונגען“, און זיי האָבן זיך עפּעס מאָדנע איבערגעקוקט. דעם זין פון די דאָזיקע ווערטער און פונעם איבערקוקן זיך האָב איך פארשטאנען ערשט דעמלט, ווען איך האָב זיך דערוווּסט וועגן זייער ביידנס טויט. זיי זיינען געשטאָרבן ווי אַטעיִסטן, נעמענדיק זיך דאָס לעבן דערפאַר, ווייל עס איז אָנגעקומען די עלטער און עס זיינען שוין אוועק די קויכעס, וואָס מע דארף האָבן צום קאמף.

דאָס 1910 האָט זיך אָנגעהויבן מיט א פארברייטערטן פּלענום פו-

נעם צענטראַל-קאָמיטעט. נאָך אַף דער פאַרברייטערטער זיצונג פון דער רעדאַקציע „פראָלעטאַרי" האָט מען אָנגענומען רעזאָליוציעס פאַר פאַרטיי-איינהייט, קעגן אַ באַזונדערן באָלשעוויסטישן צוזאַמענפאָר. איליטש און די גרופע כאַווירים, וואָס האָבן צו אים זיך באַהעפט, האָבן געפירט דידאָזיקע ליניע אויך אַפן פלענום פונעם צענטראַל-קאָמיטעט. די עקזיסטענץ פון דער פאַרטיי, וועלכע האָט, זאָל זיין פון אונטערערד, אָבער דרייסט געזאָגט דעם גאַנצן עמעס, איז אין דעם רעאַקציע-פעריאָד געווען באַזונדערס וויכטיק. דאָס איז געווען אַזאַ צייט, ווען די רעאַקציע האָט גראָמירט די פאַרטיי, ווען די אָפּאָרטוניסטישע סטיכיע האָט פאַרפלייצט די פאַרטיי, ווען עס איז געווען וויכטיק אום יעדן פרייז איינהאַלטן די פאָן פון דער פאַרטיי. די ליקווידאַטערס האָבן געהאַט אין רוסלאַנד אַן אייגענעם, אַ פעסטן, אַ לעגאַלן אָפּאָרטוניסטישן צענטער, און די פאַרטיי איז געווען נייטיק, קעדיי זיך קעגנשטעלן אים. דער פרווו מיט דער קאַפּריער שול האָט באַוויזן, ווי פאַרהעלטניסמעסיק, ווי אייגנאַרטיק עס איז אָפט געווען אין יענער צייט די פראַקציאָנערקייט בא די אַרבעטער. וויכטיק איז געווען, עס זאָל זיין אַן איינהייטלעכער פאַרטיי-צענטער, אַרום וועלכן עס זאָלן זיך באַהעפטן אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-מאַסן.

אין 1910 יאָר איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף פאַר דעם עצעם עקזיסטענץ פון דער פאַרטיי, פאַר דער אופווירקונג דורך דער פאַרטיי אַף די אַרבעטער-מאַסן. וולאַדימיר איליטש האָט ניט געצווייפלט, אַז איניווייניק, אין דער פאַרטיי וועלן די באָלשעוויקעס זיין אין דער מערהייט, אַז סאָפּקאָלסאָף וועט די פאַרטיי אַריבער אַפן באָלשעוויסטישן וועג, דאָס האָט אָבער געדאַרפט זיין ניט קיין פראַקציע, נאָר אַ פאַרטיי. אָט די ליניע האָט איליטש דורכגעפירט אויך אין 1911 יאָר, ווען נעבן פאַריז האָט זיך אָרגאַניזירט אַ פאַרטיי-שול, וווהין מע האָט צוגענומען סיי ферעריאָדאָוצעס, סיי מענשעוויקעס-פאַרטייער. דיזעלבע ליניע איז דורכגעפירט געוואָרן אויך שפעטער אַף דער פראַגער פאַרטיי-קאָנפערענץ, אין 1912 יאָר. ניט קיין פראַקציע, נאָר די פאַרטיי, וועלכע פירט דורך די באָלשעוויסטישע ליניע. פאַרשטייט זיך, אין דעראָזיקער פאַרטיי איז ניטאָ קיין אָרט פאַר ליקווידאַטערס, מיט וועמען מע האָט זיך געקליבן קעמפן אַנטשיידן און צוליב וואָס מע האָט געזאַמלט קויכעס. פאַרשטייט זיך, אין דער פאַרטיי איז ניט געווען קיין אָרט פאַר יענע,

וואָס האָבן לעכאטכילע באשלאָסן ניט אונטערצוווארפן זיך די באשלוסן פון דער פארטיי. אגעוו, איז דער קאמף פאר דער פארטיי בא א גאנצער ריי כאַווײרים איבערגעוואַקסן אין אַ קאָמפּראָמיס, וועלכער לאָזט ארויס פון אויג דעם ציל פון דער פאראייניקונג און גליטשט זיך אראָפּ צום קליינבירגערלעכן שטרעבן צו פאראייניקן אלץ און אלעמען, ניט געקוקט אף דעם, ווער פאר וואָס עס האָט געקעמפט. אָפילע אינאָקענטי, וועלכער איז געשטאנען אינגאנצן אף איליטש שטאנדפונקט, וועלכער האָט געהאלטן, אז דער איקער איז — פאראייניקן זיך מיט די מענשעוויקעס-פארטייער און מיט די פלעכאנאָווצעס, אפילע ער, א פארכאפּטער דורכן שטארקן ווילן צו דערשלאָגן זיך, עס זאָל פארהיט ווערן די גאנציקייט פון דער פארטיי, פלעגט זיך אמאָל אראָפּגליטשן צו א קאָמפּראָמיסלעכן שטאנדפונקט. איליטש פלעגט אים פאריכטן.

אין אלגעמיין זיינען די רעזאָליוציעס אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. ס'איז לעכערלעך צו טראכטן, אז די קאָמפּראָמיסלער האָבן איינפאך פארשריען איליטשן, און ער האָט געמוזט אָפּגעבן די פּאָזיציעס. דער פלענום האָט זיך געצויגן דריי וואָכן. איליטש האָט געהאלטן, אז ניט אָפּטרעטנדיק אף קיין האָר פון דער פרינציפּיעלער פּאָזיציע, דארף מען גיין אף די מאקסימאלסטע האנאָכעס אין אָרגאניזאציאָנעלער הינזיכט. דעם פראקציאָנעלן באָלשעוויסטישן אָרגאן „פּראָלעטארי“ האָט מען פארמאכט. די איבערגעבליבענע פינפהונדערטערס האָט מען פארברענט. די באָלשעוויסטישע פראקציאָנעלע געלטער האָט מען איבערגעגעבן די אַזוי גערופענע „אַנגעטרויטע“ — דריי דייטשישע כאַווײרים: קאוטסקי, מערינג, און צעטקינא, אז זיי זאָלן ארויסגעבן דאָס געלט אויסשליסלעך אף אלגעמיין פארטייִשע צוועקן. אפן פאל, אויב עס וועט פאָרקומען א שפּאלטונג, זאָל מען דאָס איבעריקע געלט אומקערן די באָלשעוויקעס. קאמעניעוו האָט מען אוועקגעשיקט קיין ווין, ווו ער האָט געזאָלט זיין דער פאָרשטייער פון די באָלשעוויקעס אין דער טראָצקיסטישער „פּראוודא“. „די לעצטע צייט איז בא אונדז זייער א „שטורמישע“, אָבער געענדיקט האָט זיך עס מיט א פּרווו צו מאכן שאָלעם מיט די מענשעוויקעס, — האָט וולאדימיר איליטש געשריבן צו אַנאַ איליניִשנאַ. — „יאָ, יאָ. ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין: דעם פראקציאָנעלן אָרגאן האָט מען צוגעמאכט און מיר פּרווון זיך שטארקער ארוק טאָן די פאראייניקונג“.

אינאַק און נאַגין זייַנען אוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד אָרגאַניזירן די רוסישע (ד. ה., וואָס האָט געאַרבעט אין רוסלאַנד) קאָלעגיע פונעם צענטראַל-קאָמיטעט. נאַגין איז געווען אַ קאָמפּראָמיסלער, וועלכער האָט געוואָלט פאַרייניקן אַלץ און אַלעמען, און זייַנע רעדעס פלעגן באַגעגענען אַ ווידערשטאַנד צווישן די באָלשעוויקעס. אינאַק האָט געפירט אַן אַנדער ליניע. רוסלאַנד איז אָבער ניט אויסלאַנד, וווּ יעדעס וואָרט איז אָפן און קלאָר, זייַנען אויך זייַנע ווערטער אויסגעטייטשט געוואָרן אין נאַגינישן שייַן, ווען דעם האָבן זיך שוין באַמיט אַלע ניטבאָלשעוויקעס. אין צ״ק זייַנען קאָאָפּטירט געוואָרן לינדאָוו און מיליוטין. אינאַקן האָט מען אינגיכן אַרעסטירט. לינדאָוו איז געשטאַנען אַף נאַגינס שטאַנדפּונקט. ער איז געווען ווייניק אַקטיוו. אין 1910 יאָר האָט מיטן רוסישן צ״ק געהאַלטן אַזוי שלעכט, וואָס ערגער קאָן שוין ניט זייַן.

אויך אין אויסלאַנד האָט מיט דער אַרבעט ניט געגאָלטן. מאַרק (ליובימאָוו) און ליאָווע (וולאַדימיראָוו) זייַנען געווען שאָלעם-מאַכער ביכלאַל. זייער אָפּט פלעגן זיי זיך אונטערגעבן פאַרשיידענע בייקעס ווען די רייסערייען און ניט לאָיאַלקייט פון די באָלשעוויקעס. מאַרק פלעגט באַזונדערס פיל זיך אָנהערן דערמיט, ווייל ער איז אַריין אין דער פאַריניקטער אויסלענדישער ביוראָ פון צ״ק (ז. ב. צ. ק.), וווּ עס זייַנען געווען פאָרשטייער פון אַלע פראַקציעס.

די וופּעריאָדאָווצעס האָבן ניט אופגעהערט צו אָרגאַניזירן זיך. אַלעקסינסקיס גרופּע האָט אַמאָל זיך אַרייַנגעריסן אַף אַ זיצונג פון דער באָלשעוויסטישער גרופּע, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין אַ קאַפע אַף אַוועניו ד'אָרלעאַן (Avenue d'Orléan). מיט אַ פרעך פּאָנעם האָט זיך אַלעקסינסקי אַוועקגעזעצט באַם טיש און גענומען פאָדערן אַ וואָרט. אַז מע האָט אים אין דעם אָפּגעזאָגט, האָט ער אַ שאַרפן פייף געטאָן. די וופּעריאָדאָווצעס, וואָס זייַנען מיט אים געקומען, האָבן זיך באַלד ארופגעוואָרפן אַף אונדזערע. די מיטגלידער פון אונדזער גרופּע אַבראַם סקאָווננאַ און איסאַאַק קריוואָי האָבן זיך פריער אַ לאָז געטאָן אין אַ געשלעג. נאָר ניקאָלאַי וואַסיליעוויטש סאַפּאָזשקאָוו (קוזניעצאָוו), אַ מוירעדיקער גוואַר, האָט אַ כאַפּ געטאָן אַבראַמען אונטער איין האַנט, איסאַאַקן אונטער דער צווייטער און דער אין געשלעגן דערפּאַרענער קאַפע-אייגנטימער האָט אויסגעלאָשן די שייַן, דאָס געשלעג איז ניט פאָרגעקומען. לאַנג אָבער נאָך אָט דעם צופאַל, קימאַט אַ גאַנצע

נאַכט האָט איליטש אַרומגעבלאָנקעט איבער די פּאַריזער גאַסן און אַז ער האָט זיך שוין צוריקגעקערט אַהיים, האָט ער נאָך אַלץ ניט געקאָנט איינשלאָפן.

„אַט קומט טאַקע אויס אַזוי, — האָט איליטש געשריבן גאָרקין דעם 11 אַפּרעל 1910 יאָר, — אַז „דאָס אַנעקדאָטישע“ אין דער פאַרייניקונג וועגט איצט אַריבער, ווערט אַרויסגערוקט אַפן פאָדערגרונט, גיט 'אַ געלעגנהייט צו לאַכן, צו מאַכן כוויזעק א. ד. גל.

זיצן אין דער געדיכטעניש פון אָט דער „אַנעקדאָטישקייט“, רייסערייען, סקאַנדאַלן, מאַטערניש און „אָנזאָט“ איז עקלדיק, אָנקוקן דאָס אַלץ — איז אויך דערווידער. עס איז אָבער ניט דערלאָזבאַר זיך אונטערגעבן דער שטימונג. די עמיגראַנטשטשינע איצט איז הונדערט מאָל שווערער, איידער זי איז געווען פאַר דער רעוואָליוציע. עמיגראַנטשטשינע און רייסערייען קען מען ניט צעטיילן.

די רייסערייען אָבער פאַלן אָפּ, אַף ניין צענטל בלייבט איבער די רייסעריי אין אויסלאַנד; די רייסעריי, — דאָס איז אַ בייזאַך. אָבער די אַנטוויקלונג פון דער פאַרטיי, די אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג גייט אַלץ פאָרויס און פאָרויס דורך אַלע טייוולאָנישע שוועריקייטן פון דער איצטיקער לאַגע. דאָס אָפּרייניקן די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַרטיי פון אירע געפערלעכע „אָפּנויגן“ — פון דער ליקווידאַטעריי און אָפּרופעריי, גייט קעסיידער פאָרויס אין די ראַמען פון דער פאַרייניקונג האָט זיך עם ארוק געטאָן באַדייטנדיק ווייטער, איידער פריער“.

און ווייטער: „איך קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי שווער ס'איז נאָכשפּירן נאָכן וווּקס פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג פאַר יענע, וואָס האָבן ניט געזען און ניט דורכגעלעבט דעם שווערן וווּקס פון סוף 80-ער יאָרן און אָנהייב 90-ער יאָרן. אַזוינע סאָציאַל-דעמאָקראַטן זיינען דעמאָלט געווען צענדליקער, אויב ניט יעכידים. איצט זיינען דאָ הונדערטער און טויזנטער. דערפון שטאַמען אַלע קריזיסן. און די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אינגאַנצן גענומען לעבט זיי אויס אָפן און לעבט זיי אויס ערלעך“*.

די רייסערייען פלעגן אַרויסרופן אַ שטרעבונג אַוועקצוגיין פון זיי.

* „לענין זאַמלבוך“, I, דריטע אופלאַגע, זייט 116—117.

לאַזאָווסקי, צום ביישפּיל, איז אינגאַנצן אַריין אין דער פראַנצויזישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. אויך אונדז האָט געצויגן זיך דערנענטערן צו דער פראַנצויזישער באַוועגונג. מיר האָבן געמיינט, אַז העלפן וועט דערצו, אויב מיר זאָלן זיך באַזעצן אין דער פראַנצויזישער פּאַרטייישער קאָלאָניע. געפונען האָט זי זיך באַם ברעג יאַם, ניט ווייט פון פּאָרניק, — ניט קיין גרויס שטעטל, אין דער באַרימטער וואַנדייע. לעבאַטכילע בין איך געפאָרן אַהין נאָר מיט דער מוטער. מיר האָבן זיך אָבער דאָרט ניט איינגעלעבט. די פראַנצויזן האָבן געלעבט זייער איינגעשלאָסן אין זיך. יעדער פאַמיליע האָט זיך געהאַלטן באַזונדער, צו די רוסישע האָבן זיי זיך באַצויגן אומפריינטלעך, באַזונדערס די פאַרוואַלטערן פון דער קאָלאָניע. נעענטער בין איך זיך צונויפגעגאַנגען מיט איינער אַ פראַנצויזישער לערערן. קיין אַרבעטער זיינען דאָרט קימאַט ווי ניט געווען. אינגיכן זיינען אַהין אָנגעקומען די קאָסטיצינס און סאַווושקע— ווּפּעריאָדאָווצעס — און באַלד איז בא זיי אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל מיט דער פאַרוואַלטערן. דעמאָלט האָבן מיר אַלע באַשלאָסן זיך אַריבערציען קיין פּאָרניק און שפּייזן זיך דאָרט געמיינזאַם. מיר מיט דער מוטער האָבן דאָרט אָפּגעדונגען צוויי קליינע צימערלעך בא א טאַמאָזשנע-וועכטער. אינגיכן איז געקומען אַהין איליטש. אַסאַך געבאָדן זיך אין יאַם, אַסאַך אַרומגעפאָרן אויפן וועלאָסיפּעד — דעם יאַם און די יאַם-לופט האָט איליטש שטאַרק ליב געהאַט — געפירט לוסטיקע געשפּרעכן וועגן פאַרשיידענע זאַכן מיט די קאָסטיצינס, מיט גרויס האַנאָע געגעסן די קראַבעס, וואָס דער באַלעבאָס פלעגט פאַר אונדז כאַפּן.

ביכלאַל האָט ער געפילט אַ שטאַרקע סימפּאַטיע צו די באַלעבאַטים. די גראָבע הויכריידעוודיקע באַלעבאָסטע — אַ וועשערן — האָט דערציילט וועגן איר מילכאָמע מיט די קסיאָנדזן. די באַלעבאַטים האָבן געהאַט אַ קליינעם זון, איז ער געגאַנגען לערנען אין אַ וועלטלעכע שול, נאָר אַזוי ווי דאָס קינד האָט זייער גוט געלערנט און איז געווען זייער 'א לעבעדיק, טאַלאַנטפול יאַטל, האָבן די קסיאָנדזן מיט פאַרשיידענע מיטלען זיך געסטאַרעט איינשמועסן די מוטער, זי זאָל אים אָפּגעבן לערנען צו זיי אין מאָנאַסטיר. זיי האָבן אַפילע צוגעזאָגט אַ סטיפּענדיע. און די אופגעבראַכטע וועשערן האָט דערציילט, וויאַזוי זי האָט אַרויסגעטריבן פון שטוב דעם קסיאָנדז: ניט צוליב דעם האָט

זי דאָס קינד געבוירן, זי זאָל פֿון אים מאַכן אַ יעזויִט. אָט פֿאַרוואָס איליטש פּלעגט אַזוי ליבן אין טאָג אַריין די קראַבעס אירע. קיין פּאָרניק איז איליטש געקומען צופֿאָרן דעם 1-טן אווגוסט, און דעם 26-טן איז ער שוין געווען אין קאָפּענהאַגען, וווהין ער איז געפֿאָרן אף א זיצונג פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ און אף אַ אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס. כאַראַקטעריזירנדיק די אַרבעט פֿונעם קאָנגרעס, האָט איליטש געשריבן: „די מיינונג-פֿאַרשיידנהייטן מיט די רעוויזיאָניסטן האָבן זיך שוין אָנגעמערקט, נאָר ביז די רעוויזיאָניסטן וועלן אַרויסטרעטן מיט אַן אייגענער פּראָגראַם איז נאָך ווייט. דער קאַמף מיט די רעוויזיאָניסטן איז אָפּגעלייגט, דער קאַמף וועט אָבער קומען אומפֿאַרמיידלעך". די רוסישע דעלעגאַציע אפן קאָנגרעס איז געווען אַ פּילצאָליקע — 20 מאַן: 10 סאָציאַל-דעמאָקראַטן, 7 סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן, 3 — פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען. אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער גרופּע זיינען געווען פֿאָרשטייער פֿון אַלע ריכטונגען: לענין, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, פּלעכאַנאָוו, וואַרסקי, מאַרטאָוו, מאַרטינאָוו; מיט באַראַטונג-רעכט זיינען געווען: טראָצקי, לונאַטשאַרסקי, קאָלאָנטיי א. א. וו. עס זיינען געווע אַסאַך געסט. ביים קאָנגרעס איז פֿאָרגעקומען אַ באַראַטונג, אין וועלכער עס האָבן גענומען אָנטייל: לענין, פּלעכאַנאָוו, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, די מיטגלידער פֿון דער 3-טער דומע פּאָלעטייעוו און א. פּ. פּאָקראָווסקי. אף דעראָזיקער באַראַטונג האָט מען באַשלאָסן אַרויסגעבן אַן אויסלענדישן פּאָפּולערן אָרגאַן — „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ". פּלעכאַנאָוו האָט געשפּילט אין דיפּלאָמאַטיע, ער האָט אָבער פֿאַרן ערשטן נומער געגעבן אַן אַרטיקל „אונדזער לאַגע".

נאָכן קאָפּענהאַגענער קאָנגרעס איז איליטש געפֿאָרן קיין שטאָקהאָלם זען זיך מיט דער מוטער און מיט מאַריאַ איליניטשנאַ, און ער איז דאָרט אָפּגעזעסן 10 טעג. דעמאָלט האָט ער געזען די מוטער שוין דאָס לעצטע מאָל, ער האָט עס פֿאָרויסגעפֿילט און מיט טרויעריקע בליקן באַגלייט די אָפּגייענדיקע שיף. אין 1917 — אין 7 יאָר אַרום — ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד, האָט ער זי שוין ניט געטראָפֿן.

אַז איליטש איז געקומען צוריק קיין פּאַריז האָט ער דערציילט, אַז אפן קאָנגרעס האָט זיך אים איינגעגעבן גוט דורכשמועסן זיך מיט

לונאַטשאַרסקין — צו לונאַטשאַרסקין האָט איליטש שטענדיק זיך באַצויגן מיט אַ גוואַלדיקן אינטערעס — עס האָט אים שטאַרק אונטערגעקויפט אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטשעס טאַלאַנטירטקייט. פונדעסטוועגן איז איגיכן דערשינען אין „Peple“ לונאַטשאַרסקיס אַן אַרטיקל „די טאַקטישע ריכטונגען אין אונדזער פּאַרטיי“, וווּ אַלע פראַגן זיינען געווען באַלויכטן פונעם אָפּרופערישן שטאַנדפונקט. איליטש האָט עס דורכגעקוקט און פאַרשוויגן, נאָכדעם האָט ער געענטפערט מיט אַן אַרטיקל. אויך אַנדערע אָנטיילנעמער אינעם קאָנגרעס האָבן געגעבן זייערע אָפּשאַצונגען. אין צוזאַמענהאַנג מיטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס האָט טראָצקי אָפּגעדרוקט אין („פאָרווערטס“) אַן אַנאָנימען אַרטיקל, וווּ ער איז אַרויסגעטראָטן מיט פאַרשיידענע אָנפאַלן קעגן די באָלשעוויקעס און געלויבט אין טאָג אַריין זיין וויגער „פּראַוודאַ“. קעגן דרוקן דעמדאָזיקן אַרטיקל אין „פאָרווערטס“ האָבן פּראָטעסטירט די דעלעגאַטן פונעם קאָנגרעס פּלעכאַנאָוו, לענין, וואַרסקי. נאָך פון די ערשטע טריט טראָצקיס, נאָך זיין באַווייזן זיך אין אויסלאַנד, אין 1903 יאָר, פאַרן צווייטן צוזאַמענפאָר, איז פּלעכאַנאָוו שוין געווען קעגן אים געשטימט פיינטלעך. פאַרן צווייטן צוזאַמענפאָר האָבן זיי זיך שאַרף צעקריגט איבער דער פראַגע וועגן דער פּאָפּולערער צייטונג. אַפן קאָפּענהאַגענער קאָנגרעס האָט פּלעכאַנאָוו ניט איבערריידנדיק קיין צוויי ווערטער אונטערגעשריבן אַ פּראָטעסט קעגן טראָצקיס אַרויסטרעטונג, און טראָצקי האָט אויפגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן דער „האַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ“, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן, קוואַליפיצירט זי ווי אַן ענג פראַקציאָנעלן אָרגאַן, געמאַכט אַף אָט דער טעמע אַ באַריכט אינעם ווינער קלוב, קאַמעניעוו איז צוליב דעם אַרויס פון דער רעדאַקציע פון דער טראָצקיסטישער „פּראַוודאַ“, וווּהין ער איז געווען קאָמאַנדירט אַרבעטן נאָכן פּלענום אין יאַנוואַר בוידעש. די פּאַריזער קאָמפּראָמיסלער מיט מאַרקן בעראָש האָבן, אונטער דער ווירקונג פון טראָצקיס אָנפאַלן און אויס מוירע פאַר פראַקציאָנעלקייט, אויך אויפגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן דער „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ“. איליטש האָט דולדן ניט געקאָנט די צעשוומענע פּרינציפּלאָזע פּשאָרעמאַכעריי, אַ פּשאָרע מיט אַלעמען, ווער עס וויל נאָר, וואָס איז געגליכן צו אָפּגעבן די פּאָזיציעס אין סאַמע ברען פון קאַמף.

אין נום. 50 („Neue Zeit“ „נייע צייט“) איז דערשינען טראָצקיס

אַן אַרטיקל „די אַנטוויקלונג־טענדענצן פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע“, און אין נומ. 51 — מאַרטאָווס אַן אַרטיקל „די פּרייסישע דיסקוסיע און די רוסישע דערפאַרונג“. וולאַדימיר איליטש האָט אָנגעשריבן אַן ענטפער „דער היסטאָרישער טאָך פונעם אינערלעך־פּאַרטייִשן קאַמף אין רוסלאַנד“, די רעדאַקטאָרן פון „נייע צייט“ — קאַוטסקי און וורם — האָבן לעניִנס אַרטיקל ניט געדרוקט. געענטפערט טראָצקין און מאַרטאָוון האָט מאַרכלעווסקי (קאַרסקי), וועלכער האָט פריער זיך צונויפגעשריבן מיט וולאַדימיר איליטשן.

אין 1911 יאָר איז קיין פּאַריז צו אונדז געקומען דער באַוווסטער קאַמאָ, וועמען מע האָט אין אָנהייב 1908 יאָר אַרעסטירט אין בערלין מיט אַ טשעמאָדאַן דינאַמיט. אין דער דייטשישער טורמע איז ער אָפּגעזעסן העכער אָנדערהאַלבן יאָר סימולירנדיק אַ מעשוגענעם. נאָכדעם אין אָקטיאַבער 1909 יאָר, האָט מען אים אַרויסגעגעבן דער רוסישער רעגירונג, אַוועקגעשיקט קיין טיפליס, ווו ער איז אָפּגעזעסן אין מעטעכער שלאָס נאָך אַ יאָר מיט פיר כאַדאָשים. דאָרט האָט מען אים אָנערקענט פאַר אַ פּסיכיש קראַנקן און אַריבערגעפירט אין מיכיילאָווער פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל, פון דאָרטן איז ער אַנטלאָפן, און נאָכדעם אומלעגאַל, אויסבאהאלטנדיק זיך אין א טריום, איז ער געקומען קיין פּאַריז זיך דורכשמועסן מיט איליטשן. ער האָט זייער פיל איבערגעלעבט דערפון, וואָס עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג צווישן איליטשן, פון איין זייט און באָגדאַנאָוון מיט קראַסינען — פון דער צווייטער. ער איז געווען זייער צוגעבונדן צו אַלע דרייען. אויסער דעם האָט ער שלעכט זיך אָריענטירט אין די אומשטענדן, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין די יאָרן, וואָס ער איז געזעסן אין טורמע. איליטש האָט אים דערקלערט די גאַנצע לאַגע.

קאַמאָ האָט מיך געבעטן קויפן אים מאַנדלען, און נאָכדעם איז ער געזעסן אין אונדזער פּאַריזער קיך אָדער אופּנעם־צימער, געגעסן די מאַנדלען, ווי ער פלעגט עס טאָן בא זיך אינדערהיים, און דערציילט וועגן זיין אַרעסט אין בערלין, וועגן די יאָרן סימוליאַציע, ווען ער האָט זיך געמאַכט פאַר אַ מעשוגענעם, וועגן דעם שפּערלינג, מיט וועלכן ער האָט זיך געשפּילט אין טורמע. איליטש האָט געהערט און ס'האָט אים שטאַרק באַנג געטאָן אויף דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן דרייסטן מענטשן, דעם קינדעריש־נאַיוון, מיטן ברוויזיקן האַרץ, וועלכער איז

גרייט אַף די גרעסטע העלדנטאַטן און וועלכער ווייסט ניט איצט, נאָכן אַנטלויפן, פאר וואָס פאר אַן ארבעט ער זאָל זיך נעמען. זיינע ארבעטפּראָיעקטן זיינען געווען פאַנטאַסטיש. אילימש האָט אים ניט דערווירעדט, ער האָט אָבער געסטארעט זיך זייער פּאָרזיכטיק אוועקשטעלן קאַמאָן אַף דער ערד, גערעדט וועגן דער נייטיקייט צו אָרגאַניזירן דעם טראַנספּאָרט א.אַ.וו. כאָפּקאָלסאָף האָט מען באַשלאָסן, אַז קאַמאָ זאָל אַוועקפאָרן קיין בעלגיע און אָפּערירן דאָרט דאָס אויג זיינס (ער האָט אַביסל געקאָסעט, און די שפּיקן פלעגן אים נאָך דעמדאָזיקן סימען טייקעף דעריקענען). און נאָכדעם זאָל ער מיטן יאַם זיך דורכקלייבן אַף דאָרעם און פון דאָרטן — אַף קאַווקאַז. אַרומקוקנדיק קאַמאָס מאַנטל, האָט אילימש אַ פרעג געטאָן: „און אַ וואַרעמן מאַנטל האָט איר? אין דעם וועט דאָך אייך זיין קאַלט אַרומצושפּאַצירן אַפן שיפדעק?” אילימש אַליין, ווען ער פלעגט פאָרן אַף אַ שיף, פלעגט ער שאָענלאַנג אומדערמידלעך ארומשפּאַנען אַפן שיפדעק. און אַז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין אַנדער מאַנטל האָט ער ניט, האָט אילימש אים געבראַכט צו טראָגן זיין גראָען ווייכן מאַנטל, וואָס די מוטער האָט אים געהאַט געשענקט אין שטאָקהאָלם און וועלכער איז אילימשן באַזונדערס געווען געפעלן.

דער געשפּרעך מיט אילימשן, אילימשס צערטלעכקייט האָט קאַמאָן אַביסל באַרויִקט.

שפּעטער, אין פּעריאָד פון בירגער־קריג האָט קאַמאָ געפונען זיין אָרט, און ווידער אָנגעהויבן באַווייזן ווונדער פון העלדנמוט. עמעס, באַם איבערגיין אַף דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, האָט ער זיך ווידער אַראָפּגעשלאָגן פון וועג, האָט אַלץ געטייגעט וועגן דער נייטיקייט צו לערנען זיך און אין דערזעלבער צייט געטרוימט וועגן פאַרשיידענע העלדנטאַטן. אומגעקומען איז ער ביים אילימשס לעצטער קרענק. געפאָרן אין טיפליס איבער ווערייסקער שיפּוע אַף אַ וועלאָסיפּעד, זיך אָנגעשטויסן אַף אַן אווטאָמאָביל און איז געהאַרגעט געוואָרן.

אין 1910 יאָר איז פון בריוסעל געקומען קיין פּאַריז אינעסאַ אַרמאַנד און טייקעף געוואָרן איינער פון די אַקטיווע מיטגלידער אין אונדזער פּאַריזער גרופּע. צוזאַמען מיט סעמאַשקאָ און בריטמאַנען (קאַזאַקאָוו) איז זי אַריין אין פּרעזידיום פון דער גרופּע און אַוועקגעשטעלט

אַ ברייטע שריפטלעכע פאַרבינדונג מיט אַנדערע אויסלענדישע גרופּעס. געלעבט האָט זי צוזאַמען מיט אירע צוויי קליינע טעכטער און נאָך אַ קלענערן זון. זי איז געווען זייער אַ הייסע באָלשעוויטשקע, און אונדזער פאַריזער אוילעם האָט זייער גיך אַרום איר גענומען זיך גרופּירן.

ביכלאַל האָט אונדזער פאַריזער אוילעם אָנגעהויבן בּיסלעכווייז זיך פאַרפעסטיקן. די אידיישע אייניקייט איז געשטיגן. נאָר פיל פון זיי האָבן זייער אָרעם געלעבט. די אַרבעטער פלעגן נאָך ווי עס איז זיך איינאָרדענען, אָבער די לאַגע פון דער אינטעליגענץ איז געווען זייער אַ שווערע. איבערגיין אַף דער לאַגע פון אַן אַרבעטער האָבן ניט שטענדיק געקלעקט קויכעס, לעבן אַף די מיטלען פון דער עמיגראַנטישער קאַסע, דערנערן זיך אַף באָרג אין דער עמיגראַנטישער קיך איז געווען זייער ניט אָנגענעם. מיר גערענקט זיך עטלעכע שווערע פאַלן. איינער אַ כאַווער איז געוואָרן אַ לאַקירער, די פאַרב־קענטעניש האָט זיך אים גלייך ניט געגעבן און ס'איז אויסגעקומען אָפּט בייטן די אַרבעט־פּלעצער. געוווינט האָט ער אין אַן אַרבעטער־קוואַרטאַל, ווייט פון דער עמיגראַנטישער סוויווע. און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט שוין פאַר הונגער קיין קויעך ניט געהאַט אויפצושטיין פון בעט און האָט אָנגעשריבן אַ בריוועלע מע זאָל אים ברענגען אַביסל געלט, אָבער צו אים זאָל מען ניט אַריינגיין, מע זאָל עס איבערלאָזן באַ דער קאָנסיערזשקע.

שווער איז געווען ניקאָליי וואַסיליעוויטשן סאַפּאָזשקאָוון (קוזניעצאָוון); ביידע, ער מיט דער פרוי, האָבן געפונען אַן אַרבעט — פאַרבן לייטענע געפעס, זיי האָבן אָבער ביידע צוזאַמען פאַרדינט גראָשנס, און מע האָט געזען ווי באַ אָט דעם מענטשן, באַ דעמדאָזיקן הויכן גוואַר, לייגן זיך אויס פון הונגער קנייטשן אַפן פּאָנעם, כאָטש ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקלאָגט אַף זיין שווערער לאַגע. אַזוינע פאַלן זיינען געווען אַסאַך. נאָר דער סאַמע הארבסטער פאַל איז געווען מיטן כאַווער פריגאַרא, מיטן אָנטיילנעמער אין מאָסקווער אויפשטאַנד. געלעבט האָט ער ערגעץ אין אַן אַרבעטער־פאָרשטאָט, און די כאַווירים האָבן ווייניק וואָס פון אים געוווסט. איינמאָל קומט ער אַריין צו אונדז אַ אויפגערעגטער, און ניט אָפּשטעלנדיק זיך אַף קיין רעגע, הייבט ער אָן עפּעס ריידן אין דער וועלט אַריין — וועגן רייטוואָגנס, פולע מיט גאַרבן טווע, וועגן אַ שיינהייט אַ פרוי, וועלכע איז געשטאַנען אַפן רייטוואָגן. א.א.וו.

א.א.וו. מע האט געזען בעשיימפערלעך, אז דער מענטש איז אראפ פון
זינען. דער ערשטער געדאנק, וואס איז ארופגעשווומען: פון הונגער.
די מוטער האט אפגיך גענומען אים צוגרייטן עסן, אילימש, בלייך, ווי
די וואנט, איז געבליבן מיט פריגארא, און איך בין אוועקגעלאפן נאך
א באקאנטן דאקטער, א פסיכיאטער. דער דאקטער איז געקומען, זיך
דורכגערעדט מיטן קראנקן און אנערקענט, אז דאס איז א שווערע
פארם צעמישונג, וואס איז אים געקומען פון הונגער. איצט איז נאך
גיט אזוי געפערלעך, אז עס וועט אבער אריבער אין א פארפאלגונג-
מאניע, דעמלט וועט מען אים מוזן היטן, ווייל ער קאן זיך נעמען דאס
לעבן. מיר האבן אפילע ניט געוווסט דעם אדרעס זיינעם. בריטמאן איז
אוועק אים באגלייטן אהיים, נאר אינמיטן וועג איז פריגארא ניט גע-
ווארן. האט מען אופגעהויבן אף די פיס די גאנצע גרופע אונדזערע —
א מענטש איז פארפאלן געווארן. שפעטער האט מען געפונען זיין קער-
פער אין דער סענע מיט שטיינער צוגעבונדענע צום האלדז און צו די
פיס — דער מענטש האט זיך גענומען דאס לעבן...

נאך א צוויי יאר אפלעבן אין דער אטמאספער פון רייסעריי און
עמיגראנטשינע וואלט מען זיך געווים אונטערגעריסן, זיינען אבער אנ-
שטאט די רעאקציע-יארן אונטערגעקומען יארן פון אופשטייג.

אין צוזאמענהאנג מיט ל. נ. טאלסטאיס טויט האבן זיך אנגעהויבן
דעמאנסטראציעס, ס'איז ארויס דער ערשטער נומער פון דער צייטונג
„זוועזדא“, אין מאסקווע האט אנגעהויבן דערשיינען די באלשעוויסטי-
שע „מיסל“. אילימש האט טייקעף אפגעלעבט. זיין ארטיקל „דער אנ-
הייב פון דעמאנסטראציעס“, פון 31 דעקאבער 1910 יאר עטעמט מיט
אנויסשעפלעכער ענערגיע. דער ארטיקל ענדיקט זיך מיט א רוף: „איז
פאר דער ארבעט, כאווירים! נעמט זיך אומעטום אויסבויען די ארגא-
ניזאציעס, שאפן און פארפעסטיקן די ארבעטערישע סאציאל-דעמאקרא-
טישע קעמערלעך, אנטוויקלען די עקאנאמישע און פאליטישע אגיטא-
ציע. אין דער ערשטער רוסישער רעוואליוציע האט דער פראלעטא-
ריאט אויסגעלערנט די פאלקסמאסן קעמפן פאר פרייהייט, אין דער
צווייטער רעוואליוציע דארף ער זיי ברענגען צום זיג!“ *.

---

* לענין, באנד XIV, זייט 392.

# די יאָרן פון נייעם רעוואָליוציאָנערן אויפשטייג

## (1914—1911)

## פאריז

## (1912—1911)

שוין דער סאָף 1910 יאָר איז אַדורך אונטערן צייכן פון רעוואָליוציאָנערן אויפשטייג. די יאָרן 1914—1911 זיינען געווען אזעלכע, ווען ביזן סאמע אָנהייב מילכאָמע, ביז אווגוסט 1914־טן יאָר, פלעגט יעדער כוידעש ברענגען פאקטן פון אויפשטייג אין דער ארבעטער־באוועגונג. דער אָנוווקס פון דערדאָזיקער באוועגונג איז אָבער פאָרגעקומען אין גאָר אנדערע אומשטענדן, איידער דער וווקס פון דער ארבעטער־באוועגונג פאר דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר. ער איז פאָרגעקומען אפן באָדן פון דער דערפארונג פון דער רעוואָליוציע אין 1905 יאָר. דער פראָלעטאריאט איז שוין געווען גאָר ניט דער, וואָס פריער. ער האָט שוין זייער פיל געהאט איבערגעלעבט — א גאנצע ריי שטרייקן, באוואָפנטע אויפשטאנדן, א קאָלאָסאלע מאסן־באוועגונג, ער האָט איבערגעלעבט יאָרן פון מאפּאָלע. אין דעם איז באשטאנען דער טאָך פון דער פראגע. דאָס האָט זיך בוילעט ארויסבאוויזן אין אלץ, און איליטש, וועלכער פלעגט זיך איינבייסן אינעם לעבעדיקן לעבן מיט דער גאנצער ליידנשאפט, וועלכער האָט געקענט דעשיפרירן די באַדייטונג פון יעדער פראַזע, וואָס אן ארבעטער האָט ארויסגעזאָגט, איר ספעציפישן געוויכט, מיט זיין גאנצן וועזן, מיט אלע זיינע כושים געפילט אָט דעמדאָזיקן וווקס פונעם פראָלעטאריאט. אָבער, פון דער צווייטער זייט, האָט ער געוווסט, אז ניט נאָר דער פראָלעטאריאט, נאָר די גאנצע אומגעבונג איז שוין גאָר ניט די, וואָס איז געווען פריער. די אינטעליגענץ איז שוין געוואָרן גאָר אן אַנדערע. אין 1905 י. האָבן ברייטע שיכטן אינטעליגענץ מיט אַלע מע־

לעבקייטן אונטערגעהאַלטן די אַרבעטער. איצט אָבער איז שוין געווען גאָר ניט דאָס. דער כאַראַקטער פונעם קאַמף, וואָס דער פראָלעטאַריאַט וועט פירן, איז שוין איצט געווען קלאָר. דער קאַמף וועט זיין אַ האַרבער, אַן אומבעשאָלעמדיקער, דער פראָלעטאַריאַט וועט אָפּשליידערן אַלץ, וואָס וועט זיך אים קעגנשטעלן אַף זיין וועג. און קעמפן מיט זיינע הענט פאַר אַן אַרומגעפליקטער קאָנסטיטוציע, ווי דאָס האָט געוואָלט מאָן די ליבעראַלע בורזשואַזיע, וועט מען שוין ניט קאָנען, — דער אַרבעטער-קלאַס וועט גיט לאָזן, מע זאָל זי אַרומפליקן. ער וועט פירן און ניט מע וועט אים פירן. דערצו זיינען די באַדינגונגען פון קאַמף אויך געוואָרן אינגאַנצן אַנדערע. ווייל אויך די צאַרישע רעגירונג האָט שוין היינטער זיך די דערפאַרונג פון דער רעוואָליוציע אין 1905 יאָר. איצט האָט זי שוין באַוויזן אַרומצושפינען די אַרבעטער אָרגאַניזאַציע מיט אַ גאַנצער נעץ פּראָוואָקאַטערס. דאָס זיינען שוין געווען ניט יענע אַלטע שפּיקעס, וואָס פלעגן לאָקערן אף די ראָגן, פון וועמען מע האָט געקענט זיך אויסבאַהאַלטן, דאָס זיינען שוין געווען די מאַלינאָווסקעס, ראָמאַנאָווס, ברענדינסקיס, טשערנאָמאַזאָווס, וועלכע האָבן פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אינעווייניק אין דער פּאַרטיי. נאָכשפּירונג, אַרעסטן — אַלץ האָט די רעגירונג געטאָן ניט אף בלינד, גאָר שטרענג דורכגעטראַכט.

דידאָזיקע אומשטענדן זיינען געווען דער בעסטער באָדן פאַר אויפציען אָפּאָרטוניסטן פון סאַמע העכסטן גראַד. דער קורס פון די ליקווידאַטערס צו ליקווידירן די פּאַרטיי — דעם פאָרויסגייענדיקן, דעם פירנדיקן אָטריאַד צווישן דעם אַרבעטער-קלאַס, איז געשטיצט געוואָרן דורך ברייטע שיכטן אינטעליגענץ. ווי שוואָמען זיינען די ליקווידאַטערס געוואַקסן סיי פון רעכטס, סיי פון לינקס. אַ ליאַדע קאָדעטל האָט געצילט אַ ביל צוטאָן אַף דער אומלעגאַלער פּאַרטיי. ניט פירן מיט זיי אַלעמען קיין פאַראַקשנטן קאַמף האָט מען ניט געקאָנט. די באַדינגונגען פאַרן קאַמף זיינען אָבער געווען ניט קיין גלייכע. די ליקווידאַטערס האָבן פאַרמאָגט אַ שטאַרקן, אַ לעגאַלן צענטער אין רוסלאַנד, געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פירן אַ ברייטע ליקווידאַטערישע אַרבעט צווישן די מאַסן און באַ די באָלשעוויקעס — קאַמף פאַר יעדן שפּאַן אין די שווערסטע באַדינגונגען פון דעמאָלטיקן אונטערערד.

דאָס 1911 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן, פון איין זייט, מיט דורכרייסן די

צענזור־שטרויכלונגען, און מיט אַן ענערגישן קאַמף פאַר פּאַרפּעסטיקן די אומלעגאַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע — פון דער צווייטער. אָנגעהויבן האָט זיך דער קאַמף אינווייניק אין דער אויסלענדישער פּאַרייניקונג, וועלכע עס האָט געשאַפן דער פּלענום אין יאַנוואַר 1910 יאָר. אײַנגיכן אָבער האָט דער קאַמף אַריבערגעפּלייצט אַריבער אַלע ראַנדן און צוויי מען און איז אַוועק מיט זיין אייגענעם גאַנג.

דאָס, וואָס אין פּיטער דערשיינט די „זוועזדאַ“ און אין מאָסקווע „מיסל“, האָט איליטשן זייער שטאַרק געפרייט. די אויסלענדישע אומלעגאַלע צייטונגען פלעגן דערגיין קיין רוסלאַנד אַזוי שלעכט, וואָס ערגער קאָן שוין ניט זיין, אַסאַך ערגער, ווי אינעם פעריאָד ביזן 1905 יאָר:

סיי אויסלאַנד, סיי רוסלאַנד זיינען געווען איבערגעזעטיקט מיט פּראָוואָקאַטערס, צוליב וועלכע עס זיינען פאָרגעקומען איין דורכפאַל נאָכן צווייטן. דעריבער האָט איליטשן שטאַרק געפרייט, וואָס אין רוסלאַנד גופא דערשיינען צייטונגען און זשורנאַלן, וווּ עס האָבן געקאָנט שרייבן באָלשעוויקעם.

אין דער רעדאַקציע פון דער „זוועזדאַ“ זיינען אַריין וו. באָנטשבּרויעוויטש. (א באָלשעוויק), נ. יאָרדאַנסקי (דעמאָלט א פּלעכאַנאָוועץ) און אי. פּאָקראָווסקי (פון דער דומע־פראַקציע,מיטגעפילט מיט די באָלשעוויקעם). די צייטונג האָט זיך גערעכנט פאַרן אָרגאַן פון דער דומע־פראַקציע. אינעם ערשטן נומער איז געווען אָפּגעדרוקט פּלעכאַנאָווס א פעליעטאָן. דער ערשטער נומער האָט וולאַדימיר איליטשן ניט שטאַרק באַפרידיקט, ער האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי פאַרנעפּלט. דערפאַר אָבער האָט אים דערפרייט דער ערשטער נומער פון דער מאָסקווער „מיסל“.

— „אינגאַנצן אַן אונדזעריקע און זי פרייט מיך אָן א שיר“* האָט איליטש געשריבן וועגן איר צו גאָרקין. איליטש האָט זיך גענומען פלייסיק שרייבן פאַר דער „זוועזדאַ“ און פאַר דער „מיסל“, נאָך דעמאָלט אַרויסגעגעבן לעגאַלע צייטונגען איז געווען גאָר ניט אַזוי לייכט. אין פעוראַל האָט מען אין מאָסקווע אַרעסטירט סקוואָרצאָוו־סטעפּאַנאָוון, און אין פּיטער — באָנטש־ברויעוויטשן און לידיאַ מיכיילאָווגאַ

---

* „לענין־זאמלבוך“. I, דריטע אופלאגע זייט 124.

קניפּאָוויטש, וועלכע האָט צו יענער צייט געאַרבעט צוזאַמען מיט פּאָלעטייעוון און אַנדערע. אין אַפּריל האָט מען פֿאַרמאַכט די „מיסל“, און אין יוני, אַפן 25-טן נומער, האָט מען אָפּגעשטעלט אויך די „זוועזדאַ“ אַלס אָרגאַן פון דער דומע-פראַקציע. אופגעשטעלט צוריק האָט מען זי ערשט אין נאָיאַבער (דער נומער 26 „זוועזדאַ“ איז דערשינען דעם 5-טן נאָיאַבער). עמעס, זי איז שוין דעמאָלט געוואָרן אַן אויסגעשפּראָכן באָלשעוויסטישע. אויך אין באַקו האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַ באָלשעוויסטישע ציישונג „סאָווּרעמיאָנאַיאַ זשיזן“. (הייגטצייטיקער לעבן).

אין יולי האָט מען גענומען זיך צופרידן מיטן כאַוּוער סאַוועליעוו וועגן ארויסגעבן אין פּיטער א לעגאַלן זשורנאַל „פּראָסוועשטשעניע“. אַוועקשטעלן דעם זשורנאַל האָט זיך איינגעגעבן ערשט צום סאָף 1911 יאָר.

וולאַדימיר איליטש האָט אַפן סאַמע אויפמערקזאַמסטן אויפן נאָכגעשפּירט נאָך די דיזאַזיקע אויסגאַבן, געשריבן פאַר זיי.

און וואָס איז שייעך דער פאַרבינדונג מיט די ארבעטער, האָט מען געוועזן געמאַכט אַ פּרווו אָנצווענדן די דערפאַרונג פון דער קאַפּריער שול. בענגייע די שילער פון באָלאָנער שול, דערפון איז אָבער גאָרניט ארויס.

נאָך אין נאָיאַבער 1910 יאָר האָבן די אָפּרופער אָרגאַניזירט אַ שול אין באָלאָן, אין איטאַליע; די שילער האָבן געשיקט איינלאַדונגען צו אַ גאַנצע ריי לעקטערס, דערין אויך צו דאַנען, פּלעכאַנאָוון, לענינען. וולאַדימיר איליטש האָט זיי געענטפערט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ און גערופן זיי קומען קיין פּאַריז. אָבער די ווּפּעריאָדאָווצעס, שוין איינמאָל אָנגעלערנטע דורך דער קאַפּריער דערפאַרונג, האָבן גענומען דרייען און געפּאָדערט אַן אָפיציעלע איינלאַדונג מיצאַד דער אויסלענדישער ביוראָ פון צ.ק. (אין דער „ז.ב.צ.ק.“ זיינען די מענשעוויקעס דעמאָלט געווען אין דער מערהייט) און קומענדיק קיין פּאַריז צוזאַמען מיט פרייע צוהערער, וועלכע האָבן געזאָלט געבן א ווידערשטאַנד דער לענינשער ווירקונג, האָבן די באָלאָניער געפּאָדערט פאַר זיך אַווטאָנאָמיע. סאָפּקאָלסאָף זיינען די לימודים ערשט ניט פאָרגעקומען און די „ז.ב.צ.ק.“ האָט די געקומענע אויסגעריכט קיין רוסלאַנד.

פרילינג=צייט 1911 יאָר האָט פונדעסטוועגן זיך איינגעגעבן אָוועק=
צושטעלן נעבן פאַריז אונדזערע אַן אייגענע פאַרטיי=שול. אין שול
האָט מען צוגענומען ארבעטער, אי מענשעוויקעס=פאַרטייער, אי אר=
בעטער=ווּפּעריאָדאָוועס (אָפּרופער) גאָר אי די אי יענע צוזאַמען איז
אין דער שול געווען אַ קליינע מינדערהייט.

די ערשטע זיינען געקומען די פּיטערער — צוויי אַרבעטער=מעטאַ=
ליסטן — בעלאָסטאָצקי (וולאַדימיר) און דער צווייטער — געאָרגי
(די פאַמיליע געדענק איך ניט), אַ וופּעריאָדאָוועץ, און איינע אַן אַר=
בעטערן ווערא וואַסיליעווגאַ. דער גאַנצער אוילעם, וואָס איז אָנגעקו=
מען, איז געווען אַן אַנטוויקלטער, אַ פאָרגעשריטענער. דעם ערשטן
אָוונט, וואָס זיי האָבן זיך נאָר באַוויזן אפן האָריזאָנט, האָט איליטש
זיי אוועקגעפירט ערגעץ אין אַ קאַפע עסן אָוונט=ברויט, און איך גע=
דענק, ווי היים ער האָט מיט זיי געשמועסט דעם גאַנצן אָוונט. זיך
פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן פּיטער, וועגן זייער אַרבעט. אין זייער דער=
ציילן האָט ער אָנגעטאַפּט די צייכנס פון אופשטייג אין דער אַרבע=
טער=באַוועגונג. ביזוואַנען=וואָס האָט גיקאָליי אַלעקסאַנדראָוויטש סע=
מאַשקאָ זיי איינגעאָרדנט ניט ווייט פון זיך, אינעם פאַריזער פאָר=
שטאָט פאָנטענעי=אָ=ראָז, וו זיי האָבן וואַרטנדיק ביז די איבעריקע שי=
לער וועלן קומען, געלייענט פאַרשיידענע ליטעראַטור. נאָכדעם זיינען
געקומען צוויי פון מאָסקווע: איינער אַ לעדער=אַרבעטער, פּרוסיאַגין,
דער צווייטער — אַ טעקסטיל=אַרבעטער, די פאַמיליע געדענק איך
שוין ניט. מיט פּריסיאַגינען זיינען די פּיטערער זייער גיך זיך צונויפ=
געגאַנגען. געווען איז ער ניט קיין דורכשניטלעכער אַרבעטער, פאַר
דעם האָט ער שוין געהאַט רעדאַגירט די אומלעגאַלע צייטונג בײַ די
לעדער=אַרבעטער „פּאָסאָדטשיק“ און האָט אַליין גוט געשריבן. ער איז
אָבער געווען זייער אַ שעמעוודיקער: ווי ער פלעגט נאָר אָנהייבן רייזן,
פלעגן אים פון אופרעגונג ציטערן הענט און פיס. בעלאָסטאָצקי פלעגט
אים דערמיט רייצן, אָבער זייער ווייך, גוטמוטיק.

בייסן בירגער=קריג האָט קאָלטשאַק צעשאָסן פּריסיאַגינען אַלס
פאָרזיצער פון גובפּראָפראַט אין באַרנאַול.

אָבער שוין גאָר ניט גוטמוטיק פלעגט בעלאָסטאָצקי אויסלאַכן
דעם צווייטן כאַווער פון מאָסקווע — דעם טעקסטיל=אַרבעטער. יענער
איז געווען אַ ווייניק אַנטוויקלטער, דערפאַר אָבער — שטאַרק איינגע=

גלויבט אין זיך. געשריבן לידער, געסטאַרעט זיך אויסדריקן וואָס מער געקיצלט און מיט פּליטערלעך. אַמאָל, געדענק איך, בין איך עפּעס אַריין צו זיי אין צוזאַמענוווינונג און באַגעגנט דעם מאָסקווער כאַווער. ער האָט גענומען צוגייפּרופֿן דעם אוילעם און איז דערביי אַרויס מיט אַזאַ מין לאָשן: „מיסטער קרופּסקאַיאַ איז געקומען“. פֿאַר אָט דעם „מיסטער קרופּסקאַיאַ“ האָט בעלאָסטאָצקי אופגעהויבן דעם יאַט אַף אַ הוראַ. שטענדיק פלעגן צווישן זיי פּאַרקומען קאָנפליקטן און געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס די פּיטערער האָבן געפאָדערט, מע זאָל דעם יאַט צונעמען פֿון דער שול. „ער באַנעמט גאָרניט, ווען פּראָסטיטוציע פּלוידערט ער שיידים וויסן וואָס“. מיר האָבן געפּרוווט זיי איינריידן, אַז דער יאַט וועט זיך צולערנען, אָבער די פּיטערער זייִנען באַשטאַנען אַף זייערס: איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל — אָפּשיקן צוריק. צייטווייליק האָבן מיר אים איינגעאָרדנט אַף אַרבעט אין דייטשלאַנד.

די שול האָט מען באַשלאָסן אָרגאַניזירן אינעם דאָרף לאָנזשיומאָ, 15 קילאָמעטער פֿון פּאַריז, אין אַן אָרט, וווּ עס האָט ניט געוווינט קיין איין רוסישער, קיין איין דאַטשניק. לאָנזשיומאָ איז אַ פראַנצויזיש דאָרף, וואָס ציט זיך לענגאויס דעם שאָסיי, איבער וועלכן עס פלעגן יעדע נאַכט אָן אופהער פאָרן וואָגנס, געפּאַקטע מיט פּראָדוקטן, וואָס זייִנען געווען באַשטימט אַף אָנצושטאָפּן דעם „פּאַריזער בויך“... געווען איז אין לאָנזשיומאָ גאָר אַ קליין לעדער־זאַוואָדל און פֿון אַלע זייטן — פעלדער און פרוכט־גערטנער.

דער פּלאַן צו באַזעצן זיך איז געווען אַזאַ: די שילער דינגען זיך צימערן, און אינעסאַ דינגט אָפּ אַ גאַנצע שטוב. אין דערדאָזיקער שטוב אָרגאַניזירן זיי אַ גאָרקיך פֿאַר די שילער. אויך מיר מיט די זינאָוויעווס באַזעצן זיך אין לאָנזשיומאַ. אַזוי איז טאַקע געווען. די גאַנצע ווירטשאַפט האָט אַף זיך גענומען קאַטיאַ מאַזאַנאָווא, אַ פרוי פֿון איינעם אַן אַרבעטער, וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט מאַרטאָוון פאַרשיקט אין טורוכאַנסק און נאָכדעם אומלעגאַל געאַרבעט אַף אוראַל. קאַטיאַ איז געווען זייער אַ גוטע באַלעבאָסטע און אַ גוטער כאַווער. אַלץ איז געווען איינגעאָרדנט וואָס בעסער קאָן שוין ניט זייִן. אין דער שטוב, וואָס אינעסאַ האָט אָפּגעדונגען, האָבן זיך דעמאָלט באַזעצט אונדזערע פרייע צוהערער: סערגאָ (אָרדזשאָניקידזע), סעמיאָן (שוואַרץ), זאַכאַר (ברעסלאַוו). סערגאָ איז געווען ערשט ניט לאַנג גע=

קומען קיין פּאַריז. ביז דאַן האָט ער איין צייט געוווינט אין פּערסיע און איך געדענק ווי מיר האָבן זיך דורכגעשריבן מיט אים, קעדיי קלאָר מאַכן די לאַגע, וואָס איליטש האָט פּאַרגומען בענעגייע די פּלעכאַנאָוצעס, ליקווידאַטערס און וופּעריאָדאָווצעס. מיט דער גרופּע קאַווקאַזער באָלשעוויקעס איז באַ אונדז געווען איינגעשטעלט אַ באַזונדערס פריינטלעכע שריפטלעכע פאַרבינדונג. אַפן בריוו וועגן דעם קאַמף, וואָס קומט פאָר אין אויסלאַנד, איז עפּעס זייער אַ לאַנגע צייט ניט געווען קיין ענטפער. דערנאָך קומט איינמאָל אַריין די קאָנסיערזשקע און זאָגט: „געקומען עפּעס איינער, קיין וואָרט פראַנצויזיש ווייס ער ניט, אַפּאָנעם צו אייך“. האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן — שטייט אַ מענטש מיט אַ קאַווקאַזער אויסזען און שמייכלט. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן — סערגאָ. פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן איינער פון די סאַמע נאָענטע כאַווירים. סעמיאָן שוואַרצן האָבן מיר שוין געקענט פון לאַנג, אים האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט די מוטער מיינע, אין וועמעס אָנוועזנהייט ער האָט עפּעס איינמאָל דערציילט, וויאַזוי ער, א נייַנציאָריקער יאַט, האָט צום ערשטן מאָל פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס אַפן זאַוואָד, פאַרשטעלנדיק זיך פאַר אַ שיקערן. געווען איז ער אַ ניקאָלייעווער אַרבעטער. אויך ברעסלאַוון האָבן מיר געקאָנט פון 1905 יאָר, פון פּיטער, וווּ ער האָט געאַרבעט אין מאָסקווער ראַיאָן.

אַזוי אַרום האָט באַ אינעסאַן אין שטוב געוווינט דער גאַנצער אוילעם. מיר האָבן געוווינט אַפן צווייטן עק דאָרף, נאָר עסן וואַרמעס פלעגן מיר גיין אין דער אַלגעמיינער גאָרקיך, וווּ עס איז געווען זייער אָנגענעם צו כאַפּן אַ שמועס מיט די שילער, זיך פאַנאַנדערפרעגן באַ זיי וועגן פאַרשיידענע זאַכן, וווּ מע האָט רעגולער געקאָנט באַהאַנדלען די לויפנדיקע איניאָנים.

מיר האָבן אָפּגעדונגען א פּאָר צימערן אין א צוויישטאָטיק געמויערט שטיבל (אין לאָנזשומאָ זיינען אַלע הייזער געווען געמויערטע) באַ איינעם אַ לעדער־אַרבעטער און מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט נאָכצושפּירן דעם שטייגער פון אַן אַרבעטער אין אַ קליינער אונטערנעמונג. אַוועקגיין אַף דער אַרבעט פלעגט ער גאַנץ פרי און קומען צוריק אינאָוונט אינגאַנצן אַן אויסגעמאַטערטער. פון זיינע אַרבעטכאַווירים פלעגט צו אים קיינער קיינמאָל ניט פאַרגיין. אין די זונטיקן פלעגט ער גיין אין קאָסטיאָל, וואָס איז געשטאַנען אַביסל אָן אַ זייט

פֿון אונדזער שטוב. די מוזיק פֿון קאָסטיאַל פֿלעגט אים שטאַרק פֿאַר=
כאַפּן. מאַנאַשקעס מיט זעלטענע אָפּערע=שטימען פֿלעגן קומען אַהין
זינגען, און געזונגען האָבן זיי בעטכאָווענען און אַנדערע, און פֿאַר=
שטענדלעך, ווי אַזוי דאָס פֿלעגט פֿאַרכאַפּן דעם לעדער=אַרבעטער,
וועמעס לעבן עס איז געגאַנגען אַזוי שווער און אויסזיכטלאָז. ניט
ווילנדיק פֿלעגט עס אַרויסרופֿן אַ פֿאַרגלייך מיט פּריסיאַגינען, לויטן
פֿאַך אויך אַ לעדער=אַרבעטער. אים האָט זיך אויך לייכטער ניט גע=
לעבט, אָבער ער איז געווען אַ באַוווסטזיניקער קעמפֿער, דער ליבלינג
בײַ אַלע כאַווייִרים. דעם פֿראַנצויזישן לעדער=אַרבעטערס פֿרוי פֿלעגט
גאַנץ פֿרי שוין אָנטאָן די הילצערנע שיכלעך, נעמען אין די הענט אַ
בעזעם, אַוועקגיין אין דערבייִיקן שלאָס, וווּ זי האָט געאַרבעט אַלס
טאָג=אַרבעטערן. פֿאַר אַ באַלעבאָסטע אין שטוב פֿלעגן איבערבלייבן
איר אונטערגעוואַקסן מיידעלע, וועלכע האָט אַ גאַנצן טאָג אין דער
האַלבפֿינצטערער געבײַדע זיך געפּאָרעט מיט דער ווירטשאַפֿט און
מיט די נאָך קלענערע פֿון איר ברידערלעך און שוועסטערלעך. אויך
צו איר פֿלעגן קיינמאָל קיין כאַווערטעס ניט קומען, אויך זי פֿלעגט
אַ גאַנצע וואָך האָבן צו טאָן נאָר מיט דער שטוב און אין די זונטיקן
האָט זי געהאַט — דעם קאָסטיאַל. אין דעם לעדער=אַרבעטערס פֿאַ=
מיליע איז קיינעם קיינמאָל ניט אײַנגעפֿאַלן, אַז ס'וואָלט גאָר ניט גע=
שאַדט, מע זאָל עפּעס=וואָס ענדערן אין דער עקזיסטירנדיקער אָרדע=
נונג. גאָט אַליין האָט דאָך באַשאַפֿן אָרעם און רייך, הייסט עס, אַז
אַזוי מוז זײַן — אַזוי האָט זיך געטראַכט דער לעדער=אַרבעטער.

די פֿראַנצויזישע אַם, וואָס די זינאָוויעווס האָבן גענומען צו זייער
דרייִיאָריקן זון, האָט אויך געהאַלטן פֿון דעמזעלבן שטאַנדפּונקט און
אַז דאָס יאַטל פֿלעגט פּרוּוון דורכדרינגען אין שלאָס=פּאַרק, וואָס האָט
זיך געפֿונען דערבײַ, פֿלעגט זי אים דערקלערן: „דאָס איז ניט פֿאַר
אונדז, דאָס איז פֿאַר די פּריצים“. מיר פֿלעגן זיך היפּש אָנלאַכן, ווען
דאָס יאַטל פֿלעגט זייער טיפֿזיניק איבערכאַזערן די טוירע פֿון זײַן אַם.

אינגיכן זײַנען זיך צונויפֿגעפֿאָרן אַלע שילער: אַ ניקאָלייעווער אַר=
בעטער אַנדרייעוו, וועלכער האָט שוין אין פֿאַרשיקונג, דוכט זיך, אין
וואָלאָגדער גובערניע, דורכגעמאַכט אַן אייַנאַרטיקן לערן=קורס. איליטש
האָט אים גערופֿן אין אַ שפּאַס — דער ערשטער שילער. פֿון באַקו —
דאָגאַדאָוו (פּאַוול), סיאָמאַ (סיעמקאָוו); פֿון קיעוו זײַנען געקומען צוויי:

אַנדריי מאַלינאָווסקי און טשוגורין — פּלעכאַנאָווצעס. אַנדריי מאַלי=
נאָווסקי, ווי ס'האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן, איז געווען אַ פּראָווא=
קאַטער. ער האָט זיך מיט קיינזאַך ניט אויסגעצייכנט, אויסער מיט
זיין זעלטענער שטימע: געווען איז ער אַ יאַט נאָך גאָר אַ יונגער.

אַמאָל האָט ער מיר דערציילט, ווי אַזוי קלייבנדיק זיך קיין פּאַריז,
האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פון אונטער דער נאָכשפּירונג. מיר האָט
זיך דעמלט אויסגעגעבן עפּעס ווייניק וואָרהאַפטיק, קיין שום כשאַד
אָבער האָט עס בײַ מיר ניט אַרויסגערופן. דער צווייטער, טשוגורין,
האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פּלעכאַנאָוועץ. געווען איז ער אַ סאָרמאָווער
אַרבעטער, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט אָפּגעזעסן אין טפיסע, און אַנט=
וויקלטער אַרבעטער, נאָר זייער אַ נערוועזער. אינגיכן איז ער געוואָרן
אַ באָלשעוויק. אויך פון יעקאַטערינאָסלאַוו איז געקומען אַ פּלעכאַנאָ=
וועץ — סאַווא (זעווין). באַם דינגען די דירעס פאַר די שילער, האָבן
מיר געזאָגט, אַז דאָס זיינען רוסישע דאָרפישע לערערס. זייענדיק אין
לאָנזשיומאָ איז סאַווא קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. דער פראַנצויזישער
דאָקטער, וואָס האָט אים געהיילט, פלעגט נאָכדעם איבערבאַזערן מיט
אַ שמייכל: „עפּעס מאָדנע לערערס בײַ אייך דאָרט“. מער פאַר אַלץ
האָט די פראַנצויזן געכידעשט דאָס, וואָס אונדזערע „לערערס“ גייען
אום די גאַנצע צייט באָרוועס. (יענעם זומער איז געשטאַנען אַ מוי=
עדיקע היץ. איז אַ האַלב יאָר אַרום האָט זעווין שוין אָנטייל גענומען אין
דער פּראַגער פּאַרטיי=קאָנפערענץ, און שפּעטער אַ לאַנגע צייט גע=
קעמפט אין די באָלשעוויסטישע רייען, ביז די ווייסע האָבן אים צע=
שאָסן אַלס איינעם פון די 26 באַקוער קאָמיסאַרן.

פון איוואַנאָוואָ=וואָזנעסענסק איז געקומען צופאָרן וואַסילי (ס. איס=
קריאַניסטאָוו). ער האָט זיך זייער גוט געלערנט, אָבער אויפגעפירט
האָט ער זיך עפּעס מאָדנע. מיט אַלעמען זיך געהאַלטן פונדערווייטנס און
אָפט געזעסן פאַרשפּאַרט בײַ זיך אין צימער. אַז ער האָט געדאַרפט
פאָרן קיין רוסלאַנד, האָט ער קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען
אויף זיך וואָסער ניט איז שליכעסן. ער איז געווען זייער אַ זאַכלעכער
טוער. אין מעשעך פון אַ גאַנצע ריי יאָרן האָט ער פאַרנומען פאַראַנט=
וואָרטלעכע פּאָסטנס. דאָס גאַנצע לעבן געלעבט אין דאחקעס. אַר=
בעטן אויף אַ פאַבריק אָדער זאַוואָד פלעגט מען אים, אַלס „ניט זיכערן“
אינערגעץ ניט צונעמען, און ער מיט די צוויי קינדער האָבן געמוטשעט

זיך דורכשלאָגן אַף דער ווייבס זייער קנאַפּן פאַרדינסט — אַלס ווע= בערן. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָכדעם, האָט איסקריאַניסטאָוו ניט אויסגעהאַלטן, געוואָרן אַ פּראָוואָקאַטער און אָנגעהויבן שטאַרק שי= קערן. אין לאָנזשיומאָ האָט ער ניט געטרונקען. צוריקערגדיק זיך קיין רוסלאַנד, האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און זיך גענומען דאָס לעבן. איינמאָל אינאָווגט האָט ער אַרויסגעטריבן פון שטוב דאָס ווייב און די קינדער, איינגעהייצט דעם אויוון און פאַרמאַכט דעם קוימען. אַף מאָרגן האָט מען אים געפונען אַ טויטן. באַקומען האָט ער פאַר זיין „אַרבעט" עפּעס גראָשנס, פאַר אַ פּראָוואָקאַטער האָט ער זיך גערעכנט אַ קאַרגן יאָר.

פון די פוילן איז געווען אַלעג (פּרוכניאַק). אינמיטן די לימודים איז געקומען קיין לאָנזשיומאָ מאַנצעוו.

די לימודים זיינען געגאַנגען זייער רעגוליער, וולאַדימיר איליטש האָט געלייענט לעקציעס איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע (30 לעקציעס), אי= בער דער אַגראַר=פראַגע (10 לעקציעס), טעאָריע און פּראַקטיק פון סאָציאַליזם (5 לעקציעס). מיט דער סעמינאַר=אַרבעט איבער פּאָליט= עקאָנאָמיע האָט אָנגעפירט אינעסאַ. זינאָוויעוו און קאַמעניעוו האָבן געלייענט געשיכטע פון דער פּאַרטיי, איינציקע לעקציעס האָט געלייענט סעמאַשקאָ. פון די איבעריקע לעקטאָרן האָט ריאַזאַנאָוו געלייענט וועגן דער געשיכטע פון דער מיירעוו=אייראָפּייִשער אַרבעטער=באַוועגונג, שאַרל ראַפּאָפּאָרט — וועגן דער פראַנצויזישער באַוועגונג, סטעקלאָוו און פין=יענאָטאַיעווסקי וועגן מעלוכע=געזעץ און בודזשעט, לונאַטשאַרסקי — וועגן ליטעראַטור און סטאַניסלאַוו וואָלסקי — וועגן צייטונג=טעכניק.

געלערנט האָט מען אַסאַך און זייער פלייסיק, און די אָוונטן פלעגט מען אַמאָל אַוועקגיין שפּאַצירן אין פעלד, ווו מע האָט אַסאַך געזונ= גען, געלעגן אונטער די סטויגן און געשמועסט וועגן פאַרשיידענע זאַכן. אַמאָל פלעגט אויך איליטש מיטגיין מיט זיי.

קאַמעניעוו האָט ניט געוווינט אין לאָנזשיומאָ, ער פלעגט נאָר קומען אַהין לייענען לעקציעס. ער האָט דעמאָלט געשריבן זיין ביכל „צוויי פּאַרטייען". ער האָט עס באַהאַנדלט צוזאַמען מיט איליטשן. אַמאָל געדענק איך, זיינען זיי געלעגן הינטערן דאָרף אַפן גראָז און איליטש האָט אַנטוויקלט פאַר קאַמעניעוון זיינע געדאַנקען. צו [illegible] ביכל קאַמעניעווס האָט איליטש אָנגעשריבן אַ פאָרוואָרט.

מיר פלעגט זייער אָפט אויסקומען פאָרן קיין פאַריז, אין דער עקספּעדיציע, ווו איך פלעג צוליב פאַרשיידענע איניאָנים זיך טרעפן מיט אונדזער אוילעם. דאָס איז געווען נייטיק, קעדיי אויסמיידן זייער קומען קיין לאָנזשיומאָ. אַלע אונדזערע שילער האָבן זיך געגרייט טייקעף אָפּפאָרן צוריק קיין רוסלאַנד אַף אַרבעט און מע האָט געמוזט אָנעמען מיטלען כּאָטש אַף וויפל ניט איז פאַרקאָנספּירירן זייער זיין אין פאַריז. מיט דער אַרבעט פון דער שול איז איליטש געווען זייער צופרידן. אין אַ פרייער צייט פלעגן מיר מיט אים געוויינלעך פאָרן שפּאַצירן אַף וועלאָסיפּעדן, זיך אופהייבן אַפן באַרג, און דאָרטן — פופצן קילאָמעטער ווייט — איז געווען דער אַעראָדראָם. אַ פאַרוואָרפענער ערגעץ אין דער טיף, פלעגט ער אַסאַך ווייניקער באַזוכט ווערן, איידער דער אַעראָדראָם זשיווויזי. גאַנץ אָפט פלעגן מיר זיין דאָרט די איינציקע צושויער, און איליטש האָט געהאַט די מעגלעכקייט אָנצושפּיגלען זיך, וויפל דאָס האַרץ האָט געלוסט, מיט פאַרשיידענע אַעראָפּלאַן־מאַנעוורעס. האַלב אַווגוסט זיינען מיר אַריבערגעפאָרן צוריק קיין פאַריז.

די פאַרייניקונג פון אַלע פראַקציעס, וואָס מע האָט צוגעשלאָגן מיט גרויסע שוועריקייטן אין יאַנוואַר 1910 יאָר, האָט איינגיכן זיך גענומען פאַנאַנדערפאַלן. אַף וויפל עס פלעגן אַנטשטיין פראַקטישע אופגאַבעס פון אַרבעט אין רוסלאַנד, פלעגט ווערן וואָס אַמאָל אַלץ קלאָרער, אַז אַ געמיינזאַמע אַרבעט איז אומעגלעך. די פאָדערונגען פון דער פראַקטישער אַרבעט פלעגן אַראָפּרייסן די מאַסקע פון פאַרטייישקייט, מיט וועלכער אייניקע מענשעוויקעס האָבן זיך געווען צוגעדעקט. עס איז אַרויסגעטראָטן אַף דער ליכטיקער שיין דער טאָך פון טראָצקיס „לאָיאַלקייט“, — ער האָט געשטרעבט אונטער דער מאַסקע פון לאָיאַליטעט פאַרייניקן די ליקווידאַטערס מיט די וופּעריאָדאָווצעס. ווען עס האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אין רוסלאַנד שפּירן אַ נויטווענדיקייט בעסער צו אָרגאַניזירן זיך צוליב אַרבעט, אָט דאָ האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן די גאַנצע געקינצלטקייט פון דער פאַרייניקונג. נאָך אין סאָף דעקאַבער 1910 יאָר האָבן לעניִן, זינאָוויעוו און קאַמעניעוו אָנגעגעבן אַ מעלדונג אין דער אויסלענדישער ביוראָ פון צ״ק וועגן דער נייטיקייט צונויפצורופן אין אויסלאַנד אַ פלענום פונעם צענטראַל־קאָמיטעט. ערשט אין אַ כוידעש אַרום האָבן זיי באַקומען אַן ענטפער אַף זייער מעלדונג: די מענשעוויסטישע אויסלענ-

דישע ביוראָ פון צ״ק האָט דעם געמאַכטן פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן. די אונטערהאַנדלונגען אַף דערדאָזיקער טעמע האָבן זיך פאַרצויגן ביזן סאָף מיי 1911 יאָר. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז מיט דער אבצ״ק וועט מען זיך ניט צונויפרייידן. דער באָלשעוויסטישער פאָרשטייער אין אבצ״ק, כאַווער סעמאַשקאָ, איז ארויס פון איר באַשטאַנד און די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהויבן צונויפרופן אַ באַראַטונג פון די צ״ק-מיטגלידער, וואָס האָבן זיך געפונען צו יענער צייט אין אויסלאַנד. אַזוינע מיטגלידער זיינען אין יוני 1911 יאָר געווע ניין. דער בונדיסט יאָנאָוו איז געווען קראַנק, די איבעריקע זיינען זיך צונויפגעפאָרן צום 10=טן יוני, אָבער דער מענשעוויק גאָרעוו און דער בונדיסט ליבער זיינען אַוועק פון דער באַראַטונג. די איבעריקע האָבן באַהאַנדלט די סאַמע דרינגענדיקע פראַגן, די פראַגע וועגן צונויפרופן אַ פּאַרטיי=קאָנפערענץ. מע האָט באַשטימט שאַפן אין רוסלאַנד אַ רוסלענדישע אָרגאַניזיר=קאָמיסיע אַף צונויפרופן די פּאַרטיי=קאָנפערענץ (ראָק). אין אַווגוסט זיינען קיין רוסלאַנד אַוועקגעפאָרן — ברעסלאָוו (זאַכאַר) — קיין פּיטער און מאָסקווע, שוואַרץ — אַף אוראַל און קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, סערגאָ — אַף דאָרעם. געפאָרן איז אויך ריקאָוו, ווען מע האָט אַרעסטירט אין גאַס באַלד נאָכן אָנקומען. אין די צייטונגען איז געווען געדרוקט, אַז מע האָט באַ ריקאָוון פאַרכאַפּט אַסאַך אַדרעסן. אין דערעמעסן איז עס געווען ניט אַזוי. ווירקלעך, גלייכצייטיק מיט ריקאָוון האָט מען אַרעסטירט אַ גאַנצע ריי באָלשעוויקעס, דערין אויך פּריסיאַגינען, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד. נאָכדעם אָבער האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז אין לייפּציק, וווּ איבערן טראַנספּאָרט האָט דעמלט געאַרבעט פּיאַטניצקי און וווהין עס איז פאָרן אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד פאַרפאָרן אויך ריקאָוו, האָט צו יענער צייט געוווינט אונדזער טראַנספּאָרטיאָר ברענדינסקי, צו וועמען פּיאַטניצקי און מארק האָבן זיך באַצויגן מיטן גרעסטן צוטרוי, אָבער ער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּראָוואָקאַטער. דאָס האָט ער פאַרשיפירט ריקאָוון די אַדרעסן. אָט פאַרוואָס עס איז געשען, אַז כאָטש באַ דער אונטערזוכונג האָט מען באַ ריקאָוון קימאַט גאָרנישט ניט צוגענומען, פונדעסטוועגן זיינען אַלע אַדרעסן דורכגעפאַלן.

אין באַקו האָט מען צונויפגערופן אַ באַראַטונג, און ס׳איז גאַנץ צופעליק, וואָס מע האָט זי ניט אַרעסטירט, ווייל אַרעסטירט האָט מען

אַז אָנטיילנעמער אין דער באַראַטונג, דעם אָנגעזעענעם באַקוער טוער סטעפּאַן שאַומיאַן, און אַ גאַנצע ריי אַנדערע באַקוער טוער.

די באַראַטונג האָט מען אַריבערגעטראָגן קיין טיפליס און דאָרטן טאַקע איז זי פֿאָרגעקומען. עס זיינען דאָרט געווען פֿאָרשטייער פֿון פינף אָרגאַניזאַציעס; בייגעווען זיינען אַף איר שוואַרץ, סערגאָ און אַנד. אַף דער באַראַטונג זיינען געווען פֿאָרגעשטעלט באָלשעוויקעס און די פּלעכאַנאָווצעס. בייגעווען איז דאָרט אויך טשאָרנאָמאַזאָוו, וועלכער האָט זיך נאָכדעם ארויסגעוויזן פֿאַר אַ פּראָוואָקאַטער. די רוסלענדישע אָרגאַניזיר=קאָמיסיע האָט אָבער איר אַרבעט אָפּגעטאָן — אין יאַנוואַר 1912 האָט מען די פּאַרטיי=קאָנפערענץ צונויפגערופן.

די פּאַריזער באָלשעוויסטישע גרופּע האָט אין 1911 י. פֿאָרגעשטעלט מיט זיך אַ גאַנץ פעסטע אָרגאַניזאַציע. אין איר זיינען געווען די כאַווייִרים: סעמאַשקאָ, וולאַדימירסקי, אַנטאָנאָוו (בריטמאַן), קוזנעצאָוו (סאַפּאַזשקאָוו), די בעלענקים (אַבראַם און שפּעטער אויך זיין ברודער, גרישאַ), אינעסאַ, סטאַל, נאַטאַשאַ גאָפּנער, קאָטליאַרענקאָ, טשערנאָוו (די עמעסע פאַמיליע געדענק איך ניט) לעניִן, זינאָוויעוו, קאַמענעוו, לילינאַ, טאַראַטוטאַ, מאַרק (ליובימאָוו), ליאָווע (וולאַדימיראָוו) און אַנד. אַרום און אַרום זיינען געווען העכער 40 מאַן. אין אַלגעמיין האָט די גרופּע געהאַט גאַנץ גוטע פֿאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד און אַ גרויסע רעוואָליוציאָנערע דערפאַרונג. דער קאַמף קעגן די ליקווידאַטערס און די טראָצקיסטן און אַנד. האָט פֿאַרהאַרטעוועט די גרופּע. דיזאָזיקע גרופּע האָט ניט ווייניק מיטגעהאָלפן דער רוסישער אַרבעט געפירט אַ געוויסע אַרבעט צווישן די פֿראַנצויזן און צווישן דעם ברייטן עמיגראַנטישן אַרבעטער=אוילעם. אין פּאַריז איז אַזאַ אוילעם געווען גאַנץ היפּש. אייגמאָל האָבן מיר מיט דער כאַווערטע סטאַל געפּרוווט דורכפירן אַן אַרבעט צווישן דער עמיגראַנטישער מאַסע אַרבעטערנס: מאָדיסטקעס, גייטערקעס און ד. גל. עס איז פֿאָרגעקומען אַ גאַנצע ריי פֿאַרזאַמלונגען, עס האָט אָבער געשטערט דאָס ניט דערשאַצן אָט די אַרבעט. אַף יעדער פֿאַרזאַמלונג פלעגט עמעצער אומבאַדינגט אַריינפֿאָרן מיט אַ קלאָץ=קאַשע: „צוליב וואָס דאַרף מען עס צונויפרופן דאַפקע אַ פרויען=פֿאַרזאַמלונג? א. ד. גל. און אַזוי טאַקע איז דערפון גאָר ניט געוואָרן כאָטש אַ געוויסן נוצן האָט עס, עפשער, יאָ געבראַכט. איליטש האָט געהאַלטן די אַרבעט פאַר אַ נייטיקע.

סאָף סענטיאַבער איז וולאַדימיר איליטש געפאָרן קיין ציוריך אַף אַ זיצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ. עס האָט זיך דאָרט באַהאַנדלט מאָלקענבורגס בריוו אין צ״ק פון דער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע וועגן דעם, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַלן איז איבער די געשעענישן אין מאַראָקאָ ניט קעדיי ארויסצושטעלן אַפן פאָדערגרונט די קריטיק פון דער קאָלאָניאַלער פאָליטיק. ראָזע ליוקסעמבורג האָט דאָסדאָזיקע בריוו פאַרעפנטלעכט. בעבעל איז דערפון געווען שטאַרק אויפגעבראַכט. וולאַדימיר איליטש האָט פאַרטיידיקט ראָזען. אַף דערדאָזיקער זיצונג האָט זיך שוין בוילעט אַרויסגעוויזן די אָפּאָרטוניסטישע פאָליטיק פון דער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

בעיס אָט דער נעסיע זיינער האָט איליטש דורכגעלייענט אין דער שווייץ אַ גאַנצע ריי רעפעראַטן.

אין אָקטיאַבער האָבן די לאַפאַרגס זיך גענומען דאָס לעבן. דערדאָזיקער טויט האָט געמאַכט אַף איליטשן אַ גוואַלדיקן איינדרוק. מיר פלעגן דערמאָנען אונדזער נעסיע צו זיי. איליטש האָט געזאָגט: „אויב דו קאָנסט שוין מער ניט אַרבעטן פאַר דער פאַרטיי, דאַרף מען קאָנען אַ קוק טאָן דעם עמעס גלייך אין די אויגן און שטאַרבן אַזוי, ווי די לאַפאַרגס“. און געוואָלט האָט זיך אים זאָגן איבער די קערפערס פון די לאַפאַרגס, אַז ניט אומזיסט איז אַדורך זייער אַרבעט, אַז די אַרבעט, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן, מאַרקס לערע, מיט וועלכער פאָל לאַפאַרג און לאַורא לאַפאַרג זיינען געווען אַזוי ענג פאַרבונדן, ווערט איצט פאַרברייטערט, צעוואַקסט זיך און וואַרפט זיך אַריבער אַזש אין דער ווייטער אַזיע. אין כינע האָט פונקט צו יענער צייט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסע כוואַליע פון רעוואָליוציאָנערער מאַסן-באַוועגונג. וולאַדימיר איליטש האָט זיין רעדע אָנגעשריבן און אינעסא האָט זי איבערגעזעצט. איך געדענק, ווי נערוועז ער האָט געהאַלטן אָט די רעדע אַף דער לעוואַיע אין נאָמען פון דער רסדא״פּ.

ערעוו ניי-יאָר האָבן די באָלשעוויקעס צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון אַלע אויסלענדישע באָלשעוויסטישע גרופּעס. די שטימונג איז געווען אַ מונטערע, כאָטש די עמיגראַציע האָט באַ אַלעמען איז אַ היפּשער מאָס צעטרייסלט די נערוון אין אונטערגעריסן די קויכעס.

# דער אָנהייב 1912 יאָר

עס איז געגאַנגען די צוגרייטונג צו דער קאָנפערענץ. וולאַדימיר איליטש האָט זיך צונויפגעשריבן מיטן פאָרשטייער פון דער טשעכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ, נעמעץ וועגן איינאָרדענען די קאָנפערענץ אין פּראָג. פּראָג האָט אין זיך געהאַט יענע מיילע, וואָס דאָרט איז ניט געווען קיין רוסישע קאָלאָניע, און פּראָג האָט איליטש געקענט נאָך פון דער ערשטער עמיגראַציע, ווען ער האָט דאָרט איין צייט געוווינט בא מאָדראַטשעקן.

פון די זיכרוינעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער פּראַגער קאָנפערענץ האָבן זיך בא מיר פאַרהיט נאָר צוויי (אַף דער קאָנפערענץ גופא בין איך ניט געווען). ערשטנס—אַ קריג צווישן סאַוועץ (זעווינען), דעם דעלעגאַט פון יעקאַטערינאָסלאַוו, דעם געוועזענעם צוהערער אין לאָנזשומאָווער שול, מיטן דעלעגאַט פון קיעוו, דאַווידן (שוואַרצמאַנען) און, דוכט זיך, מיט סערגאָ. כאַוועס אויפגערעגט פּנים האָט זיך מיר פאַרקריצט אין זיקאָרן. איך געדענק שוין ניט גענוי דעם אינהאַלט פונעם געשפּרעך, נאָר דאָס געדענק איך, אַז כאַוועס איז געווען אַ פּלעכאַנאָוועץ. פּלעכאַנאָוו איז אַף דער קאָנפערענץ ניט געפאָרן. „דער באַשטאַנד פון אייער קאָנפערענץ, — האָט ער געשריבן אַלס ענטפער אַף דער איינלאַדונג, — איז אַף אַזויפיל אַן איינאַרטיקער, אַז פאַר מיר איז שוין בעסער ד. ה. עס שטימט מער מיט די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי־איינקייט, אַז איך זאָל אין איר קיין אָנטייל ניט נעמען". אויך סאַוועץ האָט ער אַף אַ געהעריקן אויפן אָנגעדרייט און יענער האָט אַף דער קאָנפערענץ אַרייַנגעטראָגן איין פּראָטעסט נאָכן אַנדערן, אַף פּלעכאַנאָווס שטייגער. נאָכדעם, ווי באַוווסט, איז סאַוועץ געוואָרן אַ באָלשעוויק. דער צווייטער פּלעכאַנאָוועץ, דאַוויד, האָט געהאַלטן מיט די באָלשעוויקעס. פאַרגעדענקט האָט זיך מיר, אַז דער גאַנצער געשפּרעך איז געווען וועגן

דעם, צי זאָל סאַווע יאָ פאָרן אַף דער קאָנפערענץ, צי ניט. אין לאָנזשיומאָ איז סאַווע שטענדיק געווען אַ פרייליכער, זייער אַ מעסיקער, דעריבער טאַקע האָט מיך אַזוי פאַרכידעשט באַ אים אַזאַ אופגעבראַכטקייט.

דאָס צווייטע, וואָס מיר האָט זיך פאַרגעדענקט: וולאַדימיר איליטש איז שוין געווען אַוועקגעפאָרן קיין פראָג. איז געקומען צופאָרן פיליפ (גאָלאָשטשאָקין) צוזאַמען מיט ברענדינסקין, קעדיי פון דאָרטן פאָרן אַף דער פאַרטיי־קאָנפערענץ. ברענדינסקין האָב איך געקענט נאָר לויטן נאָמען, ער האָט דעמלט געאַרבעט באַם טראַנספּאָרט. געווױנט האָט ער אין ווילנע, ווו עס האָט דעמלט געווױנט אויך גאָלאָשטשאָקין. די הויפּטפונקציע זיינע איז געווען אַריבערפירן די באַקומענע ליטעראַטור אין די אָרגאַניזאַציעס, דערהויפּט קיין מאָסקווע. געווױנט האָט ער אַף אַ פרעמדן פּאַס. פיליפ האָט דערציילט, אַז מיט צוויי וואָכן פאַר דער קאָנפערענץ האָט מען ברענדינסקין אַרעסטירט, אַרויסגעלאָזט האָט מען אים אין אַ טאָג צען אַרום, ניט אַרויסשטעלנדיק אים קיינע באַשולדיקונגען, אָבער פאַר דער צייט, וואָס ער איז געזעסן, זיינען צו אים געקומען עטלעכע מענטשן, וועלכע מע האָט באַלד אַרעסטירט. גענוי ווער איז אַרעסטירט — איז גאָר ניט געווען קלאָר. האָב איך געבעטן פיליפן ברענגען ברענדינסקין אַהער און ביז־וואַנען וואָס ניט זאָגן אים, ווו עס וועט פאָרקומען די קאָנפערענץ. דער געשפרעך מיט ברענדינסקין האָט זיך באַקומען עפעס זייער אַ מאָדנער. פון פּיאַטניצקין פלעגן מיר באַקומען ידיעות, אַז די ליטעראַטור איז אַריבערגעפירט בעשאָלעם, אַז די ליטעראַטור איז צוגעשטעלט געוואָרן קיין מאָסקווע, און די מאָסקווער כאַווײרים קלאָגן זיך אַלץ, אַז זיי באַקומען גאָרניט. איך האָב גענומען נאָכפרעגן זיך באַ ברענדינסקין לויט וועלכן אַדרעס, וועמען גיט ער איבער די ליטעראַטור, האָט ער זיך פאַרלאָרן און געזאָגט, אַז ער גיט איצט איבער ניט ק... אָרגאַניזאַציעס, ווייל איצט איז דאָס געפערלעך, נאָר זיינע באַקאַנטע אַרבעטער. האָב איך אָנגעהויבן פרעגן די פאַמיליעס זייערע, האָט ער גענומען פּלאָנטערן און אָנרופן די ערשטע, וואָס זיינען אים געקומען אַפן זינען — קיין אַדרעסן, קלוימערשט געדענקט ער ניט. מע האָט געזען באַשיינפּערלעך, אַז דער מענטש ליִגט. האָב איך גענומען זיך פאַנאַנדערפרעגן וועגן זיינע מאַרשרוטן, וועגן עפעס איינער אַ שטאָט, דוכט זיך, יאַראָסלאַוול; האָט ער געענטפערט, אַז אַהינצו קאָן

ער ניט פאָרן, ווייל ער איז דאָרט געווען אַרעסטירט. פרעג איך אים: „צוליב וואָס פאַר אַן איניען?". ענטפערט ער מיר: „צוליב אַ קרימינעלן". בין איך באַלד געבליבן אַפּהענטיק, וואָס אַמאָל זיינען די ענטפערס זיינע געוואָרן אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט. און איך פון מיין זייט האָב אים גענומען ברייען וועגן דעם, אַז די קאָנפערענץ וועט פאָרקומען אין ברעסלאַו, אַז איליטש און זינאָוויעוו זיינען שוין אַהין אַוועקגעפאָרן. נאָכדעם האָב איך זיך צונויפגערעדט מיט פיליפן, אַז ער מיט גריגאָרין זאָלן באַנאַכט אַוועקפאָרן קיין פראָג און ברענדינסקין איבערלאָזן אַ צעטל, אַז ער פאָרט אָפּ קיין ברעסלאַו. אַליין האָב איך זיך אַוועקגעלאָזן צו בורצעוון, וועלכער האָט זיך היפּש אָנגעספּעציאַליזירט דעמלט אף אויפדעקן פּראָוואָקאַטערס: „אַן עמעסער פּראָוואָקאַטער",—האָב איך אים געזאָגט. בורצעוו האָט מיך אויסגעהערט און פאָרגעלייגט: שיקט אים צו מיר. שיקן צו בורצעוון אַ פּראָוואָקאַטער איז געווען איבעריק. שפּעטער האָט זיך אַנטפּלעקט ברענדינסקיס אַלערליי קונצן. קיין רוסלאַנד האָט ער זיך שוין מער ניט צוריקגעקערט, די צאַרישע רעגירונג האָט פאַר אים געקויפט אַ ווילע נעבן פּאַריז פאַר 40.000 פראַנק.

איך האָב זייער שטאָלצירט דערמיט, וואָס איך האָב אייגעהיט די קאָנפערענץ פון אַ פּראָוואָקאַטער. איך האָב ניט געוווסט, אַז אַף דער פּראַגער קאָנפערענץ זיינען אָן אים אויך בייגעווען צוויי פּראָוואָקאַטערס: ראָמאַן מאַלינאָווסקי. און ראָמאַנאָוו (אַליע אַלעקסינסקי)—דער געוועזענער שילער אַף קאַפּרי.

די פּראַגער קאָנפערענץ איז געווען די ערשטע פּאַרטיי-קאָנפערענץ מיט די רוסלענדישע טוער, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן צונויפרופן נאָכן 1908 יאָר. דאָרט האָט זיך איינגעגעבן באַהאַנדלען אַף אַ זאַכליכן אויפן די פראַגן, וואָס זיינען נויגייע דער רוסישער אַרבעט און אויסאַרבעטן אַ רייטלעכע ליניע פאַר דערהאָזיקער אַרבעט. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן רעזאָליוציעס וועגן לויפנדיקן מאָמענט און די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי, וועגן די וואַלן אין דער פערטער מעלוכע-דומע, וועגן דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע אין דער דומע, וועגן דעם כאַראַקטער און אָרגאַניזיר-פאָרמען פון דער פּאַרטיי-אַרבעט, וועגן די אויפגאַבן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין קאַמף קעגן הונגער, מיקוויעד דער באַציונג צום געזעץ-פּראָיעקט פון דער דומע וועגן מעלוכיישן פאַרסטראָכירן אַרבעטער, מיקוויעד דער פּעטיציע-קאָמפּאַניע.

א דייטלעכע פּארטיי־ליניע אין די פראגן פון דער רוסישער ארבעט, ווירקלעכע אנפירונג מיט דער פּראקטישער ארבעט — אט וואס די פּראגער קאנפערענץ האט געגעבן.

דערין איז באשטאנען איר קאלאסאלע באדייטונג. אף דער קאנפערענץ האט מען אויסגעקליבן א צענטראל־קאמיטעט, וווהין עס זיינען אריין: לענין, זינאוויעוו, ארדזשאניקידזע (סערגא), שווארצמאן (דאוויד), גאלאשטשאקין (פיליפּ), ספּאנדאריאן, מאלינאווסקי.

עס זיינען געווען אנגעמערקט קאנדידאטן אפן פאל פון אן ארעסט. אינגיכן נאך דער קאנפערענץ זיינען קאאפּטירט געווארן אין צ"ק סטאלין און בעלאסטאצקי (א שילער פון לאנזשיומאער שול), אין צ"ק איז געשאפן געווארן יענע איינהייט, אן וועלכער עס וואלט געווען אוממעגלעך צו ארבעטן אין אזא שווערער צייט. די קאנפערענץ איז אן צווייפל געווען א גרויסער טראט פאראויס. זי האט געמאכט א סאף צו דער צעפאלונג אין דער רוסישער ארבעט. די בייזוויליקע העצע מיצאד די ליקווידאטארס און טראצקין, די דיפּלאמאטישקייט פון פּלעכאנאוו, פון די בונדיסטן און אנד. — כאטש דאס אלץ האט געפאדערט א שארפן ווידערשטאנד, דעמאסקירונג, פונדעסטוועגן איז דאס ספּעציפישע געוויכט פון דידאזיקע אלע רייסערייען געווארן קלענער, די הויפּטאויפמערקזאמקייט איז איצט געווענדעט געווארן אף דער ארבעט אין רוסלאנד. און א האלבע צארע איז געווען דאס, וואס אין צ.ק. איז אריין מאלינאווסקי, און וואס וועגן דער באראטונג, וואס איז ארגאניזירט געווארן נאך דער קאנפערענץ — אין לייפּציק — מיט די פארשטייער אין דער דריטער דומע — פּאלעטייעוו און שורקאנאוו, איז געווען גענוי באוווסט דער פּאליציי. שורקאנאוו האט שפּעטער זיך ארויסגעוויזן פאר א פּראוואקאטער. געווים, די פּראוואקאטור האט אומגעבראכט טוער, האט אפּגעשוואכט די ארגאניזאציע, די פּאליציי איז אבער געווען אנמעכטיק אפּצוהאלטן דעם אופשטייג פון דער ארבעטער־באוועגונג און די ריכטיק אנגעמערקטע ליניע האט געפירט די באוועגונג אין דער געהעריקער ריכטונג און אופגעצויגן אלץ נייע און נייע קרעפטן.

פון לייפּציק, וווהין איליטש איז געפארן זען זיך מיט פּאלעטייעוו און שורקאנאוו, איז ער אוועקגעפארן קיין בערלין, קעדיי זיך דארט צונויפרייערן מיט „אנגעטרויטע“ וועגן אומקערן די באלשעוויקעס דאס געלט, וואס איז איצט געווען באזונדערס נייטיק פאר ארבעט. דערווייל

איז קיין פּאַריז צו אונדז געקומען שאָטמאַן. די לעצטע צייט האָט ער געאַרבעט אין פינלאַנד. די פּראָגער קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָליוציע, וואָס פאַרורטיילט שאַרף די פּאָליטיק פונעם צאַריזם און פון דער דריטער דומע בענוגע פינלאַנד, און שטרייכט אונטער די אינטערעסן-אייניקייט בײַ די אַרבעטער אין פינלאַנד מיט די רוסלענדישע אַרבעטער אין קאַמף קעגן צאַריזם און קעגן דער רוסישער קאָנטר-רעוואָליוציאָנערער בורזשואַזיע. אין פינלאַנד האָט צו יענער צייט אונדזער אָרגאַניזאַציע געאַרבעט אומלעגאַל. צווישן די מאַטראָסן פונעם באַלטישן פלאָט האָט זיך געפירט אַן אַרבעט, איז אָט שאָטמאַן געקומען צופאָרן מעלדן, אַז אין פינלאַנד איז שוין אַלץ גרייט צו אַן אויפשטאַנד, אונדזער אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע אַרבעט אין אונדזערע מיליטער-טיילן איז שוין גרייט צום שלאַכט (מע האָט גערעכנט פאַרכאַפּן סוועאַבאָרגער און קראָנשטאַטער פעסטונגען). איליטש האָט זיך נאָך ניט געהאַט צוריקגעקערט קיין פּאַריז. אַז ער איז געקומען, האָט ער מיט גרויס אינטערעס גענומען זיך פאַנאַנדערפרעגן בײַ שאָטמאַנען וועגן דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אַליין פאַר זיך אויך געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער פאַקט (אין דער אָרגאַניזאַציע האָבן געאַרבעט ראָכיאַ, ס.וו. וואָראָביאָוו, קאָקאָ). ער האָט אָבער אָנגעוויזן אויף דער ניט צוועקמעסיקייט פון אַזוינע אַרויסטרעטונגען אין געגעבענעם מאָמענט. מע האָט ניט געקאָנט זיין זיכער, אַז די פּיטערער אַרבעטער וועלן אין געגעבענעם מאָמענט אונטערשטיצן דעם אויפשטאַנד. ביז אַן אַרויסטרעטונג — ווי ס'האָט זיך אײַנגיכן אַרויסגעוויזן — איז ניט דערגאַנגען: די אָרגאַניזאַציע איז זייער שנעל דורכגעפאַלן, אײַנגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן-אַרעסטן און 52 מאַן זײַנען צוגעצויגן געוואָרן צום געריכט פאַר צוגרייטן אַן אויפשטאַנד. ביז אַן אויפשטאַנד, פאַרשטייט זיך, איז נאָך געווען ווייט, די לענער געשעענישן אָבער, וואָס זײַנען אויסגעבראָכן אין האַלב אַפּרעל, די פּראָטעסט-שטרייקן, וואָס זיי האָבן אומעטום אַרויסגערופן, האָבן בולעט באַוויזן, ווי אויסגעוואַקסן עס איז דער פּראָלעטאַריאַט נאָך די דאָזיקע יאָרן, אַז ער האָט קיין זאַך ניט פאַרגעסן, זיי האָבן באַוויזן, אַז איצט הייבט זיך שוין אויף די באַוועגונג אויף אַ העכערן שטאַפּל, אַז עס שאַפן זיך שוין גאָר אַנדערע באַדינגונגען פאַר דער אַרבעט.

איליטש האָט זיך אינגאַנצן געענדערט, מיטאַמאָל געוואָרן ווייניקער נערוועז, מער קאָנצענטרירט, מער געטראַכט וועגן די אויפגאַבן, וואָס

האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דער רוסישער אַרבעטער-באַוועגונג. מע קאָן זאָגן, אַז פולער ווי ערגעץ-ווו אַנדערש האָט איליטשס שטימונג זיך אויסגעדריקט אין זיין אַרטיקל וועגן הערצענען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אָנהייב מיי. אין אָט דעם אַרטיקל איז דאָ זייער פיל פון איליטשן, פון יענעם הייסן פאַטאָס איליטשס, וועלכער פלעגט אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּן און אָנשטעקן. „באַערנדיק הערצענען זעען מיר אָנשוילעך דריי דורעס, דריי קלאַסן, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין דער רוסישער רעוואָליוציע", — האָט ער געשריבן. „פון אָנהייב — אַדל-לייט און גוט-באַזיצער, דעקאַבריסטן און הערצען. ענג איז דער קרייז פון די דאָזיקע רעוואָליוציאָנערן. מוירעדיק ווייט זיינען זיי פונעם פאָלק. אָבער זייער אַרבעט איז ניט פאַרלאָרן געגאַנגען. די דעקאַבריסטן האָבן אויפגעוועקט הערצענען און הערצען האָט שוין פאַנאַנדערגעוויקלט אַ רעוואָליוציאָנערע אַגיטאַציע. אונטערגעכאַפּט, פאַרברייטערט, פאַרפעסטיקט און פאַרהאַרטעוועט האָבן זי די רעוואָליוציאָנערן ראַזנאָטשינצעס, אָנגעהויבן פון טשערנישעווסקין און געענדיקט מיט די העלדן פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". ברייטער איז געוואָרן דער קרייז קעמפער, נעענטער די פאַרבינדונג זייערע מיטן פאָלק. „די יונגע שטורמאַנען פונעם קומענדיקן שטורעם" — האָט זיי הערצען גערופן. דאָס איז אָבער נאָך ניט געווען דער שטורעם גופא.

דער שטורעם, דאָס איז — די באַוועגונג פון די מאַסן גופא. דער פּראָלעטאַריאַט, דער איינציקער ביזן סאָף רעוואָליוציאָנערער קלאַס, האָט זיך אַוועקגעשטעלט בעראָש פון זיי און האָט צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן צום אָפענעם, רעוואָליוציאָנערן קאַמף מיליאָנען פויערים. דער ערשטער שטורעם-אָנגריף איז געווען אין 1905 יאָר. דער צווייטער הייבט אָן שטייגן פאַר אונדזערע אויגן" *. ערשט מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק האָט וולאַדימיר איליטש אַמאָל אומעטיק אַ זאָג געטאָן אַנע איליניטשנען, וועלכע איז געקומען צופאָרן קיין פּאַריז: „איך ווייס ניט צי וועלן מיר דערלעבן ביזן קומענדיקן אויפשטייג". — איצט האָט ער שוין געפילט מיט אַלע כושים אָט דעם שטייגנדיקן שטורעם — די באַוועגונג פון די מאַסן גופא.

אַז עס איז דערשינען דער ערשטער נומער „פּראַוודאַ", האָבן מיר גענומען זיך קלייבן קיין קראָקע. אין אַסאַך הינזיכטן איז קראָקע געווען

---

* לענין, באַנד XV, זייט 469—468.

באַקוועמער, ווי פּאַריז. באַקוועמער איז דאָרט געווען אין פּאָליצייִישער הינזיכט. די פראַנצויזישע פּאָליציי האָט אַף פאַרשיידענע אויפגאַבן מיטגעהאָלפן דער רוסישער פּאָליציי. די פּוילישע פּאָליציי אָבער האָט זיך באַצויגן פיינטלעך סיי צו דער רוסישער פּאָליציי, סיי צו דער גאַנצער רוסישער רעגירונג. אין קראָקע האָט מען געקאָנט זיין רויִק אין דער הינזיכט, אַז די בריוו וועט מען ניט עפענען און נאָך די נייגעקומענע וועט מען אַזוי ניט נאָכשפּירן. דערצו נאָך איז די רוסישע גרענעץ פון דאָרטן זייער נאָענט און מע האָט געקאָנט אָפטער קומען צופאָרן. בריוו און פּאַקעטן זיינען געגאַנגען קיין רוסלאַנד אָן שום פאַרשלעפּעניש. מיר האָבן אייליק זיך געקליבן. איליטש איז געוואָרן לעבעדיקער, עפּעס באַזונדערס אופמערקזאַם איז ער געווען צו די כאַוויירים, וואָס בלייבן איבער. אונדזער דירע איז דעמלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דורכגאַנג-הויף.

איינמאָל, געדענק איך, איז געקומען אויך קורנאַטאָווסקי. קורנאַטאָווסקין האָבן מיר געקענט לויט דער פאַרשיקונג אין שושא — דאָס איז געווען שוין די דריטע פאַרשיקונג, וואָס ער איז אָפּגעקומען. ער האָט געענדיקט דעם ציוריכער אוניווערסיטעט, געווען אַן אינזשעניער-כעמיקער און געאַרבעט אַף אַ צוקער-זאַוואָד נעבן מינוסינסק: צוריקערנדיק זיך קיין רוסלאַנד, איז ער אין טיפליס ווידער אַריינגעפאַלן, אָפּגעזעסן צוויי יאָר אין דער מיליטערישער טפּיסע אין מעטעכער שלאָס, נאָכדעם האָט מען אים אַרויסגעשיקט קיין יאַקוטיע, אַפּן וועג האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין דער „ראָמאַנאָווער“ געשיכטע און מע האָט אים פאַרמישפּעט אַף 12 יאָר קאַטאָרגע. אין 1905 יאָר איז ער אַמניסטירט געוואָרן. האָט ער אָרגאַניזירט די טשיטער רעפּובליק. פאַרכאַפּט האָט אים מעלער-זאַקאָמעלסקי און שפּעטער איבערגעגעבן רענענקאַמפּן. מע האָט אים אָפּגעמישפּעט צו טויט-שטראָף און אַרומגעפירט אין צוג, ער זאָל אָנקוקן די צעשיסונגען. נאָכדעם האָט מען אים די טויט-שטראָף פאַרביטן אַף אייביקער פאַרשיקונג. אין 1906 יאָר איז קורנאַטאָווסקין געלונגען צו אַנטלויפן פון נערטשינסק קיין יאַפּאַניע. פון דאָרטן האָט ער זיך דורכגעקליבן קיין אַוסטראַליע, ווו ער האָט שטאַרק געליטן פון נויט. איין צייט איז ער דאָרט געווען אַ וואַלד-העקער און פון אַ פאַרקילונג איז אים געקומען אַן אויער-אַנציג-

דונג, ער האָט דאָרט אונטערגעריסן די גאַנצע קויכעס און קוים זיך
דערקליבן קיין פּאַריז.

דער אויסערגעוויינלעך שווערער גורל האָט אים אינגאַנצן איינגע־בראָכן. האַרבסט־צייט 1910 י. באַלד נאָך זיין אָנקומען זייענען מיר מיט איליטשן געגאַנגען צו אים אין שפּיטאָל — ער האָט דעמלט געליטן שאַרפע קאָפּ־שמערצן און האָט זיך זייער שטאַרק געמאַטערט. באַזוכט האָט אים אויך יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ אָקולאָווא, מיט איר קליינער טאָכטער אירינאַ, וואָס האָט מיט קינדערשע קאָטשערעס עפּעס געשריבן קורנאַטאָווסקין, וועלכער איז שוין אַף דער העלפט געווען טויב. נאָכדעם איז ער אַביסל געקומען צו זיך. אַריינגעפאַלן צו די פּשאַרעמאַכער און האָט שוין עפּעס ווי אָנגעהויבן אַליין אויך ריידן פּשאַרעדיקע רייד. נאָכדעם איז אונדזער באַקאַנטשאַפט אַף א צייט איבערגעריסן געוואָרן. די נערוון זייענען באַ אַלעמען געווען אָפּגעשוואַכט. נאָר האַרבסט־צייט 1911 יאָר בין איך אַמאָל צו אים פאַרגאַנגען,—אַ צימערל האָט ער זיך אָפּגעדונגען אַפן מאָנפּאַרנאַסער בולוואַר,—געבראַכט אים אונדזערע צייטונגען, דערציילט אים וועגן דער שול אין לאָנזשיומאָ, און מיר האָבן מיט אים לאַנג און האַרציק געשמועסט. ער האָט אינגאַנצן איינגעשטימט מיט דער ליניע פון צ"ק. איליטשן האָט עס זייער געפריית און די לעצטע צייט פלעגט ער גאַנץ אָפט צו אים אַריינקומען. קורנאַטאָווסקי האָט געזען, ווי מיר קלייבן זיך, ווי פרייליך מיין מוטער האָט עפּעס דאָרט פאַרפּאַקט און זיך אָנגערופן: „אָט באַ מענטשן איז נאָך דאָ ענערגיע". האַרבסט 1912 יאָר, ווען מיר זייענען שוין געווען אין קראָקע, איז קורנאַטאָווסקי געשטאָרבן.

אונדזער דירע האָבן מיר איבערגעגעבן עפּעס איינעם אַ פּאָליאַק, אַ קראַקעווער רעגענט, וועלכער האָט איבערגענומען די דירע צוזאַמען מיטן מעבל, זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט באַ איליטשן וועגן ווירטשאַפט־פראַגן: „און ווי טייער זייענען געגנדז? און קאַלב־פלייש ווי טייער?". איליטש האָט ניט געוווסט, וואָס אים צו ענטפערן: „געגנדז?" „קאַלב־פלייש?" ניט נאָר איליטש, וואָס האָט זייער אַ קנאַפּע שייכעס געהאַט צו דער באַלעבאַטישקייט, נאָר אַפילע איך האָב אים ניט געקאָנט זאָגן וועגן געגנדז און קאַלב־פלייש, ווייל אין פּאַריז האָבן מיר ניט

געגעסן ניט דאָס און ניט יענץ, און מיטן פּרייז אַף פערדן־פלייש און סאלאט האָט זיך דער רעגענט ניט אינטערעסירט.

אונדזער פאַריזער אוילעם האָט דעמלט שטאַרק געשטרעבט פאָרן קיין רוסלאַנד. געקליבן זיך אַהינצו האָבן אינעסא, סאַפּאַראָוו און אַנ־. און מיר האָבן זיך דערווייל געקליבן נענטער צו רוסלאַנד.

# קראָקע

## (1912—1914)

די קראָקער עמיגראציע איז געווען ניט ענלעך אף דער עמיגראציע אין פּאריז און אין דער שווייץ. אין טאָך גענומען איז עס געווען א האלבע עמיגראציע. אין קראָקע האָבן מיר קימאט אינגאנצן געלעבט מיט די אינטערעסן פון דער רוסישער ארבעט. מיט רוסלאנד האָבן זיך איינגעשטעלט די סאמע ענגע פארבינדונגען און זייער שנעל. די צייטונגען פון פּיטער פלעגן אָנקומען אפן דריטן טאָג. צו יענער צייט האָט אין רוסלאנד אָנגעהויבן דערשיינען די „פּראוודא“. „און אין רוסלאנד קומט פאָר א ר ע ו אָ ל י ו צ י אָ נ ע ר ע ר אופשטייג, ניט קיין אַבי וועלכער, נאָר טאקע א רעוואָליוציאָנערער,“ — האָט וולאדימיר איליטש געשריבן גאָרקין. „און אונדז האָט זיך פּאָרט אײַנגעגעבן אַוועקצושטעלן אַ טעגלעכע „פּראַוודאַ“ — אַגעוו, — נאָר אַראַנק יענער (יאַנוואַרער) קאָנפערענץ, וועלכע די נאראָנים זידלען אזוי“. מיט דער „פּראוודא“ זיינען געווען איינגערעגולירט די ענגסטע פארבינדונגען. קימאט יעדן טאָג האָט איליטש געשריבן ארטיקלען, געשיקט אהינצו בריוו, נאָכגעשפּירט נאָך דער ארבעט פון דער „פּראוודא“, ווערבירט פאר איר מיטארבעטער. ער איז באשטאנען דערוף, אז גאָרקי זאָל אומבאדינגט נעמען אין איר אנטייל. רעגולער געשריבן פאר דער „פּראוודא“ האָבן זינאָוויעוו און לילינאַ, וועלכע פלעגט צוקלייבן פאָר דער צייטונג אינטערעסאַנטן אויסלענדישן מאטעריאל. סיי פון פּאריז, סיי פון דער שווייץ וואָלט אומעגלעך געווען איינצורעגולירן אזא פלאנמעסיקע מיטארבעטערשאפט. אויך די שריפטלעכע פארבינדונג מיט רוסלאנד איז זייער גיך איינגערעגולירט געוואָרן. די קראָקער כאווירים האָבן אונדז אויסגעלערנט, ווי אזוי אמבעסטן קאָנספּיראטיוו צו אָרגאניזירן דעמדאָזיקן איניען. וויכטיק איז געווען, אז אף די בריוו זאָל ניט זיין קיין אויסלענדישער שטעמפּל, דעמלט וועט די רוסישע פּאָליציי אַף זיי ווייניקער אכט לייגן.

די פּויערטעס, וועלכע פלעגן קומען פון רוסלאַנד אַהערצו אָפן מאַרק, פלעגן פאר א גאָר קליין געצאָלט זיך אונטערנעמען אריינוואַרפן אונזערע בריוו אין פּאָסט-קעסטל אין רוסלאַנד גופא.

אין קראָקע האָבן געוווינט בא 4000 פּוילישע עמיגראַנטן.

אז מיר זיינען געקומען צו פאָרן קיין קראָקע, האָט אונדז באגעגנט דער כאוועֶר באַגאָצקי — א פּוילישער עמיגראַנט, א פּאָליטקאַטאָרזשאַן, וועלכער האָט טייקעף גענומען איבער אונדז שעפטום און געהאָלפן אונדז אין אלע היימישע און קאָנספּיראטיווע איניאָנים. ער האָט אונדז אויסגעלערנט, ווי אַזוי צו באַנוצן זיך מיט די „פּאָלופּאַסקעס", „האַלבפּאַספּאָרטן"—אַזוי האָבן געהייסן די שיין-צעטלען, מיט וועלכע ס'פלעגן אומפאָרן די איינוווינער פונעם גרענעץ-פּאַס סיי פון דער רוסישער, סיי פון דער גאַליצאַנישער זייט. (די „פּאָלופּאַסקעס" האָבן געקאָסט גראָשנס, און דעריקער — זיי האָבן אומגעהייער פארלייכטערט פאר אונדזער אומלעגאַלן אוילעם דאָס אריבערפאָרן איבער דער גרענעץ. מיט דער הילף פון אָט די „פּאָלופּאַסקעס" האָבן מיר אַריבערגעשיקט וואַרוואַרא ניקאָלייעווגא יאַקאָוולעווע, וועלכע איז פון פאַרשיקונג, ווי זי איז קראַנק געוואָרן אף טובערקוליאָז, אנטלאָפן קיין אויסלאַנד, קעדיי דאַרט זיך צוהיילן אביסל און דערוויייל זען זיך מיטן ברודער, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין דייטשלאַנד. צוריק איז זי געפאָרן דורך קראָקע און מע האָט געדאַרפט זי צונויפריידן וועגן א שריפטלעכן פארקער, וועגן דער ארבעט. דורכגעפאָרן איז זי בעשאָלעם. ערשט ניט לאַנג האָב איך זיך דערוווסט, אַז ביים זי איז אַריבער די גרענעץ, האָבן די זשאַנדאַרמען געוואָרפן א כשאַד אף דער גרויס פון איר טשעמאָדאַן און האָבן געוואָלט קלאָר מאַכן, צי פאָרט זי טאַקע אהין, וווהין ס'איז אָנגעוויזן אפן בילעט. דער קאָנדוקטער אָבער האָט דאָס באמערקט, געוואָרנט זי וועגן דעם און פארגעלייגט פאַד א געוויסן געצאָלט קויפן איר אַ בילעט ביז וואַרשע. אף אַזאַ אויפן איז זי בעשאָלעם דורכגעפאָרן ווייטער. מיט אַ „פּאָלופּאַסקע" האָבן מיר אַמאָל אַריבערגעפעקלט אויך סטאַליגען. מע האָט געדאַרפט, אַז ווען מע רופט אוים אַף דער גרענעץ די אייגנטימער פון די „פּאלופּאסקעס", זאָל מען צו דער צייט זיך אָפּרופן אַף פּויליש „יעסטעם" („דאָ"). איך געדענק, וויאַזוי איך האָב זיך געסטארעט אויסלערנען די כאוויירים דידאָזיקע כאָכמע. זייער שנעל איז איינגערעגולירט געוואָרן אויך דאָס אומלעגאַלע אריבערגיין די גרענעץ.

פון דער רוסישער זייט זיינען די „יאווקעס“ אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם כאַווער קרילענקאָ, וואָס האָט צו יענער צייט געוווינט ניט ווייט פון דער גרענעץ — אין ליובלין. אַזוי אַרום האָט מען געקאָנט אַריבערשיקן אויך אומלעגאַלע ליטעראַטור. מע דאַרף זאָגן, אַז אין קראָקע האָט די פּאָליציי אינגאַנצן ניט נאָכגעשפּירט, ניט דורכגעקוקט די בריוו און בכלל איז זי אינגאַנצן ניט געווען פאַרבונדן מיט דער רוסישער פּאָליציי... איינמאָל האָבן מיר זיך דערין איבערצייגט. עפּעס איינמאָל איז צו אונדז געקומען נאָך ליטעראַטור אַ מאָסקווער אַרבעטער, דער כ. שומקין, וועלכער האָט זיך געקליבן דורכפירן די ליטעראַטור אין אַ פּאַנצער. (אַ ספּעציעל אויפגענייטער זשילעט, אָן אָנגעשטאָפּטער מיט ליטעראַטור). געווען איז ער אַ גרויסער קאָנספּיראַטער. אין גאַס איז ער אומגעגאַנגען דאָס היטל אָנגערוקט ביז די אויגן. מיר זיינען געגאַנגען אויף אַ מיטינג און גערופן אים, ער זאָל גיין מיט אונדז. האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז ניט קאָנספּיראַטיוו. ער איז געגאַנגען אויף אַ געוויסן מעהאַלעד ווייט פון אונדז מיט זיין קאָנספּיראַטיוון אויסזען האָט ער צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער קראָקער פּאָליציי. אויף מאָרגן איז צו אונדז געקומען אַ פּאָליציי־באַאַמטער און געפרעגט, צי קאָנען מיר דעם מענטשן, וואָס איז צו אונדז געקומען און צי קאָנען מיר פאַר אים אָרעוו זיין. מיר האָבן געענטפערט, אַז מיר זיינען פאַר אים אָרעוו. שומקין איז באַשטאַנען דערויף, אַז ער וועט פאָרט נעמען ליטעראַטור. מיר האָבן געפּרוווט אים אָפּריידן. ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזט און איז אַריבער די גרענעץ בעשאָלעם.

געקומען זיינען מיר זומערצייט, און דער כ' באַגאָצקי האָט אונדז געגעבן אַן אייצע, מיר זאָלן זיך באַזעצן אין קראָקער פאָרשטאָט, — איגעם אַזוויגערופענעם זוועזשינעץ. באַזעצט האָבן מיר זיך דאָרטן צוזאַמען מיט די זינאָוויעווס. בלאָטיק איז דאָרט געווען אומגעהייער, דערפאַר אָבער איז נאָענט געווען דער ווייכסל, וווּ מע האָט זיך געקאָנט באָדן, און פינף קילאָמעטער ווייטער איז געווען „דער וואָלסקער וואַלד“ — אַ גרויסער, אַ זעלטן גוטער וואַלד, וווהין מיר מיט איליטשן פלעגן אָפּט פאָרן אויף וועלאָסיפּעדן. האַרבסט־צייט זיינען מיר אַריבערגעפאָרן אין אַ צווייטן עק שטאָט, אין אַ ניי אויסגעבויטן קוואַרטאַל, וווּ עס האָבן זיך באַזעצט אויך די זינאָוויעווס און באַגאָצקי.

קראָקע איז איליטשן זייער געפעלן געוואָרן. זי האָט אים דערמאָנט

רוסלאַנד. די נייע אומגעבונג, די אַפּוועזנהייט פֿונעם עמיגראַנטישן הוהא האָבן אַביסל באַרויקט איליטשס נערוון. זייער אופמערקזאם האָט איליטש זיך איינגעקוקט אין די שטיינער־קלייניקייטן פֿון דער קראָקער באַפעלקערונג, פֿון איר אָרעמשאַפט, אירע אַרבעטלייט. אויך מיר איז קראָקע געפעלן געוואָרן. אַמאָל, אין דער קינדהייט נאָך, אין עלטער פֿון 2 ביז 5 יאָר, האָב איך געוווינט אין פּוילן. עפּעס איז נאָך פֿאַרבליבן אין זיכּרון און מיר זיינען ליב געווען די אָפענע הילצערנע גאַניקלעך אין די הויפן, זיי האָבן מיר דערמאָנט אָן יענע גאַניקלעך, וווּ איך האָב זיך אַמאָל געשפּילט אַף די טרעפּ מיט פּוילישע און יידישע קינדער: ליב זיינען מיר געווען די „אָגרודקי" (די גערטנדלעך), וווּ מע פלעגט פֿאַרקויפן זויערמילך מיט קאַרטאָפל. אויך דער מוטער מיינער האָט עס דערמאָנט אירע יונגע יאָרן, און איליטש איז געווען צופרידן דערמיט, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דער פֿאַריזער געפענקעניש; ער האָט פֿריילעך געשפּאַסט און געלויבט סיי די „קוואַשנע מלעקאָ" (זויערמילך) און סיי די פּוילישע „מאָצנו סטאַרקו" (שטאַרקער)

פּויליש האָט בעסער פֿון אונדז אַלעמען געקאָנט לילינאַ; איך האָב געקענט שוואַך, עפּעס האָב איך געדענקט פֿון די קינדערשע יאָרן; און ביים איך בין געווען אין סיביר און אין אופאַ האָב איך זיך אַביסל צוגעלערנט. אָנהייבן רעדן איז מיר אָבער אויסגעקומען באַלד, ווי איך האָב זיך אָנגעהויבן פֿאַרנעמען מיט דער באַלעבאַטישקייט. מיט דער ווירטשאַפט איז דאָ געווען אַסאַך שווערער, ווי אין פּאַריז. קיין גאַז איז ניט געווען, און מע האָט געמוזט הייצן די פּליטע. איך האָב אַ פּרוּוו געטאָן, אַפּן פּאַריזער שטייגער, אַ בעט טאָן אין יאַטקע. מע זאָל מיר געבן פלייש אָן ביינער. האָט דער קאַצעוו אַף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און דערקלערט: „גאָט האָט באַשאַפן די קו מיט ביינער, איז ווי זשע קאָן איך אייך פֿאַרקויפן פלייש אָן ביינער?"

ווייס ברויט אַף מאָנטיק האָט מען געמוזט פֿאַרגרייטן פֿריער, ווייל מאָנטיקדיקן טאָג האָבן די בעקער געהאַלטן ערשט אין אויסניכטערן זיך און די קלייטן זיינען געווען פֿאַרמאַכט. מע האָט געדאַרפֿט קאָנען דינגען זיך. קלייטן זיינען דאָרט געווען פּוילישע און יידישע. אין די יידישע קלייטן האָט מען אַלץ געקאָנט קויפן אין צוויי מאָל וואָלוועלער, מע האָט אָבער דערצו געמוזט קענען דינגען זיך, אַוועקגיין פֿון קלייט און זיך אומקערן צוריק, פּאַטערן אַף דעם זייער פֿיל צייט.

די יידן האָבן געוווינט אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל, געגאַנגען אַנדערש אָנגעטאָן. אין שפּיטאָל, וואַרטנדיק אַפן אופנעם באַם דאָקטער, פלעגן די כאַלאָים פירן אַן ערנסטע דיסקוסיע וועגן דעם, צי איז אַ יידיש קינד דאָסזעלבע, וואָס אַ פּויליש קינד, אָדער ניט, צי איז עס טאַקע פאַרשאָלטן אָדער ניט. און דאָ, טאַקע דערביי, איז געזעסן שטילערהייט אַן יידיש ייִנגעלע און אויסגעהערט די גאַנצע דיסקוסיע. די מאַכט פון די קאַטוילישע קלעריקאַלן—די קסיאָנדזן — איז אין קראָקע געווען אומבאַגרענעצט. די קסיאָנדזן פלעגן געבן מאַטעריעלע הילף ניסראָפים, זקיינים, יעסוימים; די פרויען־מאָנאַסטירן פלעגן אויסגעפינען שטעלעס פאַר הויז־דינסטן און פאַרטיידיקן זייערע רעכט פאַר די באַלעבאַטים. פאַר דער פינצטערער דערשלאָגענער באַפעלקערונג זיינען די גאָטעס־דינסטן אין קלויסטער געווען די איינציקע פאַרוויילונג. אין גאַליציע האָבן זיך נאָך פעסט געהאַלטן די געוווינהייטן פון לייבאייגנטום, וועלכע דער קאַטוילישער קלויסטער האָט געשטיצט. צום ביישפּיל, אַ פּריצטע אין אַ היטעלע שטייט אַפן מאַרק און דינגט אַ דינסט. שטייען פאַר איר אַ צען יונגע פויערטעס, וועלכע ווילן זיך פאַרדינגען צו איר אַף אַרבעט און אַלע צען קושן באַ איר די הענט. ס'איז געווען איינגעפירט פאַר אַלץ איבערלאָזן טרינקגעלט. באַקומען דאָס ביסל טרינקגעלט טוט דער סטאָליער אָדער דער פורמאַן אַ פאַל אַף די קני און פאַרנויגט זיך טיף ביז דער מאַמע ערד. דערפאַר אָבער האָט צווישן די מאַסן געהערשט אַ ביטערער האַס צו די פּריצים. די אַם, וואָס די זינאָוויעווס האָבן גענומען פאַר זייער קינד, פלעג יעדן אינדערפרי גיין אין קאָסטיאָל, און געווען איז זי מאַמעש דורכזיכטיק פון פאַסטן און פון טפילעס. פונדעסטוועגן, אַז איך האָב זיך מיט איר איינמאָל צערעדט, האָט זי מיר דערציילט, אַז זי האָט פיינט די פּריצים טאַכלעס־סינע, דריי יאָר האָט זי געדינט באַ אַן אָפיצירס אַ פרוי, וועלכע פלעגט, ווי אַלע פּריצים, שלאָפן ביז 11 אַזייגער, טרינקען קאַווע אין בעט און צווינגען די דינסט, זי זאָל זי אָנטאָן, אַרופציען איר די זאָקן. און אָט די פאַנאַטיש פרומע אַם פלעג זאָגן, אַז אויב עס וועט זיין אַ רעוואָליוציע, וועט זי די ערשטע גיין אַף די פּריצים מיט אַ ווילע אין האַנט. די אָרעמקייט, די דערשלאָגנקייט באַ די פויערים און באַ דער שטאָטישער אָרעמשאַפט האָט אַרויסגעשטאַרצט פון יעדע קלייניקייט און איז געווען גאָר האַרבער און גרעסער, ווי דעמלט באַ אונדז אין רוסלאַנד.

אין קראָקע האָט זיך וולאַדימיר איליטש באַגעגנט מיטן כ' גאַנעצקין, וועלכער איז געווען דעלעגירט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין פוילן און אין ליטע אַפן צווייטן און נאָכדעם אַפן שטאָקהאָלמער און לאָנדאָנער פאַרטיי-צוזאַמענפאָרן. דעלעגירט איז ער געווען פון דער הויפט-פאַרוואַלטונג. פון גאַנעצקין און פון אַנדערע פוילישע כאַווערים האָט זיך וולאַדימיר איליטש דערוווּסט אַלע אייגנצלהייטן פון דער שפּאַלטונג, וועלכע איז פאָרגעקומען צווישן דער פוילישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. די הויפט-פאַרוואַלטונג האָט אופגעהויבן אַ קאָמפּאַניע קעגן דעם וואַרשעווער קאָמיטעט, וועלכן די גאַנצע וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע האָט געשטיצט. דער וואַרשעווער קאָמיטעט האָט געפאָדערט פון דער הויפט-פאַרוואַלטונג אַ מער פרינציפּיעלע ליניע, אַ מער באַשטימטע פּאָזיציע בענוגע די פאַרטיי-פראַגעס אינעווייניק אין דער רסדא"פּ. די הויפט-פאַרוואַלטונג האָט פאַנאַנדערגעלאָז דעם וואַרשעווער קאָמיטעט און גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז דער וואַרשעווער קאָמיטעט האָט פאַרבינדונגען מיט דער אָכראַנקע. וולאַדימיר איליטש האָט זיך געשטעלט אַף דער זייט פונעם וואַרשעווער קאָמיטעט („ראָזלאָמאָוויצעס"), אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אים צו פאַרטיידיקן. אויסער דעם, האָט ער אָנגעשריבן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ אַ פּראָטעסט קעגן דער האַנדלונג פון דער הויפט-פאַרוואַלטונג. דער וואַרשעווער קאָמיטעט איז געווען ענג פאַרבונדן מיט די אַרבעטער-מאַסן אין וואַרשע און אין אַנדערע אַרבעטער-צענטערן (לאָדז און אַנד.). וולאַדימיר איליטש האָט ניט געהאַלטן, אַז דער איניען פון די „ראָזלאָמאָוויצעס" איז עפּעס אַ פרעמדע זאַך, — זי איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן גאַנצן, צו יענער צייט שטאַרק פאַרשאַרפטן קאַמף אינעווייניק אין דער פאַרטיי. דעריבער האָט איליטש ניט געקאָנט בלייבן שטיין אָן דער זייט. אָבער די הויפט-אויפמערקזאַמקייט זיינע איז געווען געווענדעט און פאַרשלונגען דורך די רוסישע איניאָנים.

אַף צוגרייטן די וואַל-קאַמפּאַניע זיינען פון אונדזערע אויסלענדער פון פאַריז אַוועקגעפאָרן קיין פּיטער די נאָענטסטע פריינט אונדזערע — סאַפאַראָוו און אינעסאַ. געפאָרן זיינען זיי אַף פרעמדע פּאַספּאָרטן. אַז אינעסאַ איז פאַרפאָרן צו אונדז קיין קראָקע, האָבן מיר נאָך געוווינט אין זוועזשינעץ. צוויי טעג האָט זי בא אונדז פאַרבראַכט, מיר האָבן זיך צונויפגערעדט מיט איר וועגן אַלץ, באַזאָרגט זי מיט פאַרשיידענע

אַדרעסן, פֿאַרבינדונגען און באַהאַנדלט צוזאַמען מיט איליטשן דעם גאַנ־
צן אַרבעט־פּלאַן. אויפֿן וועג האָט אינעסאַ באַדאַרפֿט פֿאַרפֿאָרן צו ניקאַ־
ליי וואַסיליעוויטש קרילענקאָ, וועלכער האָט דעמאָלט געוווינט אין פּוילן,
ניט ווייט פֿון דער גאַליציער גרענעץ, אין ליובלין, כּדי דורך אים
אָרגאַניזירן דאָס אַריבערגיין די גרענעץ פֿאַר די, וואָס פֿאָרן קיין קראַ־
קע. דורך אינעסאַן און סאַפֿאַראָוון האָבן מיר געוווּסט גאַנץ גענוי וועגן
דעם, וואָס עס טוט זיך אין פּיטער. אויסזוכנדיק פֿאַרבינדונגען, האָבן
זיי דאָרט דערווייל געפֿירט אַ גרויסע מאַסן־אַרבעט צו באַקאַנען די אַר־
בעטער מיט די רעזאָלוציעס פֿון דער פּראַגער קאָנפֿערענץ און מיט
יענע אויפֿגאַבעס, וועלכע שטייען איצט פֿאַר דער פּאַרטיי. דער נאַרווער
ראַיאָן איז געוואָרן זייער באַזע. עס איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן דער פּע־
טערבורגער קאָמיטעט (פּ.ק.), און נאָכדעם איז געשאַפֿן געוואָרן צאַפּנ־
דיקע געגנט ביוראָ, וווהין עס זיינען, אויסער אינעסאַן און סאַפֿאַראָוון,
אַריין שאָטמאַן און זיינע כאַווערים ראַכיאַ און פּראַוודין. מיט די ליקווי־
דאַטערס איז דעמאָלט אין פּיטער אָנגעגאַנגען אַ פֿאַרשאַרפֿטער קאַמף. די
אַרבעט פֿון דער צאָפּנדיקער געגנט־ביוראָ האָט צוגעגרייט דעם באָדן
פֿאַר אויסוויילן אַלס קאַנדידאַט פֿון פּיטער באַדאַיעוון — אַ באָלשעוויק,
אַ טראַנספּאָרט־אַרבעטער. צווישן די אַרבעטער־מאַסן אין פּיטער האָבן
די ליקווידאַטערס פֿאַרלאָרן זייער ווירקונג. די אַרבעטער האָבן דערזען,
אַז אָנשטאָט רעוואָלוציאָנערן קאַמף, האָבן די ליקווידאַטערס זיך גע־
שטעלט אויפֿן וועג פֿון רעפֿאָרמעס, אַז אין טאָג געגומען פֿירן זיי אַ לי־
ניע פֿון אַ ליבעראַלער אַרבעטער־פּאָליטיק. מיט די ליקווידאַטערס האָט
מען געמוזט פֿירן אַ האַרטנעקיקן קאַמף. אָט פֿאַרוואָס איליטשן האָט
אַזוי שטאַרק אויפֿגעבראַכט דאָס, וואָס אין אָנהייב פֿלעגט די „פּראַוודאַ“
אויסמעקן אין זיינע אַרטיקלען די פּאָלעמיק קעגן די ליקווידאַטערס. ער
האָט געשריבן אין דער „פּראַוודאַ“ צאָרנדיקע בריוו. ערשט ביסלעכווייז
האָט די „פּראַוודאַ“ זיך אַריינגעצויגן אין דעמדאָזיקן קאַמף.

אין פּיטער זיינען די וואַלן פֿון באַפּולמעכטיקטע לויט דער אַרבעטער־
קוריע געווען באַשטימט אויף זונטיק, דעם 16־טן סענטיאַבער. די פּאָליציי
האָט זיך געגרייט צו די וואַלן. דעם 14־טן האָט מען אַרעסטירט אינע־
סאַן און סאַפֿאַראָוון די פּאָליציי האָט אָבער נאָך ניט געוווּסט, אַז דעם
12־טן איז קיין פּיטער געקומען צופֿאָרן סטאַלין, וועלכער איז אַנטלאָפֿן
פֿון פֿאַרשיקונג. די וואַלן זיינען דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפֿאָלג, קיי־

איין רעכטער קאַנדידאַט איז ניט דורכגעגאַנגען, אומעטום האָט מען אָנגענומען רעזאָליוציעס מיט אַ פּאָליטישן כאַראַקטער.

דעם כוידעש אָקטיאַבער איז די גאַנצע אופמערקזאַמקייט געווען געווענדט אַף די וואַלן, לויט די טראַדיציעס און צוליב איר אָפּגעשטאַנענקייט האָט די אַרבעטער-מאַסע אין אַ גאַנצע ריי ערטער זיך גאָר באַצויגן גלייכגילטיק צו די וואַלן, ניט צוגעגעבן זיי קיין באַזונדערע באַדייטונג. ס'איז געווען נייטיק אַ ברייטע אַגיטאַציע. פונדעסטוועגן זיינען אומעטום אַלס דעפּוטאַטן פון די אַרבעטער דורכגעגאַנגען סאָציאַל-דעמאָקראַטן. באַ די וואַלן אין אַלע זעקס אַרבעטער-קוריעס אַף די אונטערנעמונגען אין די גרעסטע אינדוסטריעלע צענטרען האָבן געזיגט די באָלשעוויקעס. עס זיינען אַדורך אַרבעטער פּאַרטייער, וועלכע האָבן געהאַט גרויס אויטאָריטעט באַ די אַרבעטער. באָלשעוויסטישע דעפּוטאַטן אין דומע זיינען אַדורך זעקס מאַן, מענשעוויקעס זיבן, אָבער די אַרבעטער-דעפּוטאַטן — באָלשעוויקעס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מיליאָן אַרבעטער און די מענשעוויקעס — ווייניקער פון אַ פערטל מיליאָן. אויסער דעם, האָט פון די ערשטע טריט זיך דערפילט די גרויסע אָרגאַניזירטקייט, די פעסטע באַהעפטיקייט באַ די באָלשעוויסטישע דעפּוטאַטן. די עפענונג פון דער דומע איז פאָרגעקומען דעם 18-טן אָקטיאַבער און איז באַגלייט געוואָרן מיט אַרבעטער-דעמאָנסטראַציעס און שטרייקן. די באָלשעוויסטישע דעפּוטאַטן איז אויסגעקומען אַרבעטן אין דומע צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס. און גראָד די לעצטע צייט האָבן זיך די באַציונגען אינווייניק אין דער פּאַרטיי באַזונדערס פאַרשאַרפט. אין יאַנוואַר איז פאָרגעקומען די פּראָגער קאָנפערענץ, וועלכע האָט אָפּגעשפּילט זייער אַ גרויסע ראָליע אין אָרגאַניזירן די באָלשעוויסטישע קויכעס.

סאָף אַווגוסט 1912 יאָר, איז לויט טראָצקיס איניציאַטיוו און מיט זיין אַקטיוון איינטייל, צונויפגערופן געוואָרן אין ווין די אַזויגערופענע פּאַרטיי-קאָנפערענץ. זי איז צונויפגערופן געוואָרן אונטערן לאָזונג צו פאַראייניקן אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע קויכעס, ס'איז אָבער אינגאַנצן ניט גענומען געוואָרן אין אַכט, ווי ווייט עס זיינען זיך שוין צעגאַנגען די וועגן פון די ליקווידאַטערס און פון די באָלשעוויקעס, ווי טיף עס איז סויסער די פּאַרטיי-ליניע די אופירונג פון די ליקווידאַטערס. אַף דער קאָנפערענץ זיינען איינגעלאַדן געווען אויך די וופּעריאָדאָווצעס. ווי מע האָט זיך פריער געקאָנט ריכטן, האָט די קאָנפערענץ געטראָגן אַן אויס-

געשפּראָכן ליקווידאַטערישן כאַראַקטער. ניט נאָר די באָלשעוויקעס, האָבן זיך גרופּירט אַרום צ.ק., האָבן ניט געגומען אין איר קיין אָנטייל, נאָר אַפּילע די מענשעוויקעס-פּלעכאַנאָווצעס און באָלשעוויקעס-קאָמפּראָמיסלער, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם פּלעכאַנאָווישן זשורנאַל, „זאַ פּאַרטיו“ (פאַר דער פּאַרטיי), וואָס איז דערשינען אין אויסלאַנד, האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין דערדאָזיקער קאָנפערענץ. אויך די פּוילישע כאַווײרים האָבן קיין אָנטייל ניט גענומען, אין אַלעקסינסקי, וועלכער איז געקומען אַף דער קאָנפערענץ אַלס פאָרשטייער פון דער גרופּע „ווּפּעריאָד“, האָט אופגעדעקט דעם שוואַכן באַשטאַנד פון דער קאָנפערענץ. די גרעסטע מערהייט אָנטיילנעמער אין דער קאָנפערענץ איז באַשטאַנען פון פּערזאָנען, וועלכע האָבן געווינט אין אויסלאַנד. צוויי קאַווקאַזער דעלעגאַטן זיינען געווען געשיקט פון קאַווקאַזער געגנט-ביוראָ. און ביכלאַל זיינען די דעלעגאַטן אויסגעווײלט געווען פון זייער עגגע גרופּעס. די רעזאָליוציעס, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען, זיינען געווען עכט ליקווידאַטערישע. פון דער וואַל-פּלאַטפאָרמע האָט מען אויסגעמעקט דעם לאָזונג פון אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, דעם לאָזונג צו קאָנפיסקירן די ערד בײַ די גוט-באַזיצער האָט מען פאַרביטן מיטן לאָזונג „פאַר איבערקוקן די אַגראַרע געזעצגעבונג פון דער דריטער מעלוכע-דומע“.

באָרים גאָלדמאַן (גאָרעוו), איינער פון גרונט-פאָרטרעגער, האָט געזאָגט, אַז די אַלטע פּאַרטיי עקזיסטירט ניט, אַז די געגעבענע קאָנפערענץ דאַרף ווערן אַ „גרינדונג-קאָנפערענץ“. קעגן דעם האָט אַפּילע אַלעקסינסקי פּראָטעסטירט. די אַווגוסט-פאַרייניקונג, דער אַווגוסט-בלאָק, ווי מע האָט אים נאָכדעם אָנגערופן, האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם צ.ק. און זיך געסטאַרעט דיסקרעדיטירן די באַשלוסן פון דער פּראַגער קאָנפערענץ. אונטערן שלייער פון פאַרייניקן די קויכעס האָט מען דורכגעפירט אַ פאַרייניקונג קעגן די באָלשעוויקעס.

און אין רוסלאַנד איז די אַרבעטער-באַוועגונג געשטיגן באַרג-אַרויף. באַוויזן האָבן עס די וואַלן.

באַלד נאָך די וואַלן איז געקומען צופאָרן צו אונדז דער כאַווו. מוראַנאָוו. אַריבער די גרענעץ און געקומען אומלעגאַל. איליטש האָט אַזש אַ פּלעסק געטאָן מיט די הענט. „אָט וואָלט געווען אַ סקאַנדאַל, — האָט ער זיך אָפּגערופן צום כאַווו. מוראַנאָוו, — ווען איר פאַלט דורך! איר

זייט אַ דעפּוטאַט און אַף אייך ווערט פאַרשפּרייט דאָס רעכט פון אומ־באַרירלעכקייט, אייך וואָלט קיין זאַך ניט געשאַדט, ווען איר גייט אַרי־בער די גרענעץ לעגאַל. און אַזוי וואָלט געקאָנט אַרויסקומען אַ גרויסער סקאַנדאַל". מוראַנאָוו האָט דערציילט אַסאַך אינטערעסאַנטע זאַכן וועגן די וואַלן אין כאַרקאָוו, וועגן זיין פאַרטיי־אַרבעט, וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט פאַרשפּרייט פלוג־בלעטלעך דורכן ווייב, ווי זי איז מיט זיי גע־גאַנגען אין מאַרק — און ד.גל. מוראַנאָוו איז געווען אַ פאַרביסענער קאָנספּיראַטער און עס האָט זיך אים בעשומויפן ניט געלייגט אַפן זי־נען, ער זאָל זיך באַנוצן מיט זיין „דעפּוטאַטישער אומבאַרירלעכקייט". דורכגערעדט זיך מיט אים וועגן דער פאָרשטייענדיקער אַרבעט אין דומע. האָט איליטש גענומען איילן מוראַנאָוון, ער זאָל פאָרן צוריק. נאָכדעם פלעגן שוין די דעפּוטאַטן קומען צופאָרן אָפן.

די ערשטע באַראַטונג מיט די דעפּוטאַטן איז פאָרגעקומען סאָף דע־קאַבער — אָנהייב יאַנוואַר.

דער ערשטער איז געקומען מאַלינאָווסקי. געקומען איז ער עפּעס זיי־ער אַן אופגערעגטער. די ערשטע רעגע איז ער מיר שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן. די אויגן זיינען האָבן מיר אויסגעזען ניט קיין אָנגענעמע, אַ שלע־כטן איינדרוק האָט אַף מיר געמאַכט אויך זיין קינסטלעך האַלטן זיך פריי. אָבער באַם ערשטן זאַכלעכן געשפרעך איז דערדאָזיקער איינדרוק אויסגערונען. נאָכדעם זיינען אונטערגעפאָרן פּעטראָווסקי און באַדייעוו. די דעפּוטאַטן האָבן דערציילט וועגן זייער ערשטן כוידעש אַרבעט אין דומע, וועגן זייער אַרבעט צווישן די מאַסן. איך געדענק, ווי באַדייעוו האָט, שטייענדיק שוין באַ דער טיר און פאָכנדיק מיטן היטל, אַ זאָג געטאָן: „די מאַסן, זיי זיינען דאָך אויסגעוואָקסן פאַר אָט די יאָרן". מאַלינאָווסקי האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון זייער אַן אַנטוויקלטן, אַוו־טאָריטעטן אַרבעטער. באַדייעוו און פּעטראָווסקי זיינען, ווייזט אויס, געווען מער באַשיידענע, דערפאַר אָבער האָט מען גלייך געזען, אַז דאָס זיינען פעסטע זיכערע פּראָלעטאַריער, אַף וועמען מע האָט זיך געקאָנט רויק פאַרלאָזן. אַף דערדאָזיקער באַראַטונג האָט מען אָנגעמערקט אַ: אַרבעט־פּלאַן, באַהאַנדלט דעם כאַראַקטער פון די אַרויסטרעטונגען, דעם כאַראַקטער פון דער אַרבעט צווישן די מאַסן, די נייטיקייט צו פאַרבינדן זיך אַפן סאַמע ענגסטן אויפן מיט דער אַרבעט פון דער פּאַרטיי, מיט איר אומלעגאַלער טעטיקייט. די פליכט צו זאָרגן וועגן דער „פּראַוודאַ"

איז אַרופגעלייגט געוואָרן אַף באַדייעוון. צוזאַמען מיט די דעפּוטאַטן איז
דעמאָלט געקומען דער כּאָוו. מ׳דרוועדיעוו, דערציילט האָט ער וועגן זיין
אַרבעט באַם דרוקן פּראָקלאַמאַציעס און בלעטלעך. איליטש איז געווען
שטאַרק צופרידן. „מאַלינאָווסקי, פּעטראָווסקי און באַדייעוו, — האָט ער
געשריבן צו גאָרקין, דעם 1=טן יאַנוואַר 1913 יאָר, — שיקן אייך אַ
הייסן גרוס און די בעסטע ווונטשן“. און צוגעגעבן: „די קראָקער באַזע
האָט זיך אַרויסגעוויזן נוצלעך: אונדזער אַריבערפאָרן קיין קראָקע האָט
זיך (פון שטאַנדפּונקט פון דער אַרבעט) פולקום באַרעכטיקט“.

האַרבסט=צייט, אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס די גרויסע מעלוכעס
האָבן זיך אַריינגעמישט אין די באַלקאַנער איניאָנים, האָט זייער שטאַרק
פאַרשמעקט מיט אַ מילכאָמע. די אינטערנאַציאָנאַלע ביוראָ האָט או=
מעטום אָרגאַניזירט פּראָטעסט=מיטינגען. אויך אין קראָקע זיינען אַזעל=
כע פאָרגעקומען. אין קראָקע אָבער איז דער מיטינג געווען אַ גאַנץ איי=
נגאַרטיקער, דאָס איז אַסאַך גיכער געווען א מיטינג, וואָס אָרגאַניזירט
די סינע פון די מאַסן צו רוסלאַנד, איידער אַ פּראָטעסט=מיטינג קעגן
דער מילכאָמע.

די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ אַפן 11—12 נאָיאָ=
בער באַשטימט צונויפרופן אין באַזעל אַן אויסעראָרדנטלעכן קאָנגרעס
פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אַלס דעלעגאַט פון צ. ק. ר. ס.
ר.א.פּ. אפן באזעלער קאָנגרעס איז געפאָרן קאַמעניעוו. וולאַדימיר אי=
ליטשן האָט אופגעבראַכט קאַוטסקיס אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט
אין דער „Neue Zeit“ („נייער צייט“), אַן אַרטיקל אַף דורך און
דורך אַן אָפּאָרטוניסטישער, ווו עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז עס וואָלט
געווען אַ פעלער, ווען די אַרבעטער זאָלן אָרגאַניזירן אַלס פּראָטעסט
קעגן די מילכאָמע באַוואָפנטע אופשטאַנדן אָדער שטרייקן. וועגן דער
אָרגאַניזיר=ראָליע פון די שטרייקן ביים דער רעוואָליוציע אין 1905
יאָר האָט וולאַדימיר איליטש שוין געהאַט געשריבן אַסאַך פריער. איצט,
נאָך קאַוטסקיס אַרטיקל, האָט ער נאָך זאָרגזאַמער — אין אַ גאַנצער
ריי אַרטיקלען — באַלויכטן דידאָזיקע פראַגע, אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג
האָט איליטש צוגעגעבן די שטרייקן, ווי אויך יעדן אומיטלבאַרן, אַק=
טיוון טאַט מיצאַד די אַרבעטער=מאַסן.

אַפן שטוטגאַרטער קאָנגרעס אין 1907 יאָר, מיט פינף יאָר פריער פאַרן
קאָנגרעס אין באַזעל, האָט מען שוין געהאַט באַהאַנדלט די מילכאָמע=

פראַגע און געלייזט זי אינעם גייסט פון רעוואָליוציאָנערן מאַרקסיזם. פאַר די פאַרגאַנגענע פינף יאָר האָט דער אָפּאָרטוניזם געמאַכט קאָלאָסאַלע פאָרשריט. קאַוטסקיס אַרטיקל איז געווען אַ העלע אילוסטראַציע דערצו. פונדעסטוועגן האָט מען נאָך אַפן באַזעלער קאָנגרעס אָנגענומען איינשטימיק אַ מאַניפעסט קעגן דער מילכאָמע, אָרגאַניזירט אַ פּילקעפּיקע אַנטימילכאָמע-דעמאָנסטראַציע. און ערשט דאָס 1914 יאָר האָט באַוויזן, ווי אָנגעשטעקט עס איז געווען דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל אַף דורך און דורך מיט אָפּאָרטוניזם.

אינעם קראָקער פעריאָד — אין די יאָרן ערעוו דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע האָט וולאַדימיר איליטש אָפּגעגעבן זייער פיל אופמערקזאַמקייט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. פון דער פריער יוגנט אָן האָט ער געהאַט יעדן מין נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג. מאַרקס ווערטער, אַז עס איז ניטאָ קיין גרעסערער אומגליק פאַר אַ נאַציע, ווי באַצווינגען אַ צווייטע נאַציע, זיינען געווען נאָענט און פאַרשטענדלעך.

עס האָט זיך אָנגערוקט די מילכאָמע. די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען באַ דער בורזשואַזיע זיינען געוואַקסן. די בורזשואַזיע האָט אַף פאַרשיידענע אופאַנים צעפלאַקערט דעם נאַציאָנאַלן אַנטאָגאָניזם. די מילכאָמע, וואָס האָט זיך אָנגערוקט האָט געטראָגן מיט זיך אונטערדריקונג פאַר די שוואַכע נאַציאָנאַליטעטן, אונטערדריקונג פון זייער זעלבשטענדיקייט. די מילכאָמע האָט אָבער געמוזט — פאַר איליטשן איז עס געווען קלאָר — אומפאַרמיידלעך אַריבערוואַקסן אין אַן אופשטאַנד. די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן וועלן באַשיצן זייער אומהאָפּהענגיקייט. דאָס איז זייער רעכט. נאָך אין 1896 יאָר האָט דער לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס דאָס דאָזיקע רעכט באַשטעטיקט. אין אַזאַ מאָמענט, ווי דער סאָף 1912 יאָר און אָנהייב 1913, ווען די מילכאָמע איז שוין געהאַנגען ווי אַ וואָלקן איבערן קאָפּ, פלעג דאָס ניט דערשאַצן די רעכט פון נאַציעס אַף זעלבסטבאַשטימונג אַרויסרופן באַ איליטשן אַ שאַרפן צאָרן. דער אַווגוסט-בלאָק האָט זיך ניט נאָר ניט אופגעהויבן אַף דער געהעריקער הויך, ווי דאָס האָט געפאָדערט דער לויפנדיקער מאָמענט. ער האָט ניט נאָר ניט פאַרשאַרפט דידאָזיקע פראַגע, נאָר ער האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די קולטור-נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע, וועגן וועלכער עס האָבן זיך געפירט דיסקוסיעס נאָך אין 1903 יאָר ביים צווייטן צוזאַמענפאָר און וועלכער איז שוין דעמאָלט דורכגעפאַלן,

האָט ער אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אָט אַזאַ מין אַווטאָנאָמיע פאָרט זיך קלוימערשט מיט דעם פונקט אין דער פּראָגראַם, וועלכער רעדט וועגן די רעכט פון נאַציעס אַף זעלבסטבאַשטימונג. אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט עס געהייסן אָפּגעבן די פּאָזיציעס, באַגרענעצן זיך נאָר מיטן קאַמף פאַר קולטור, ווי מע וואָלט גאָר ניט געוווסט אַז די קולטור איז מיט טויזנטער פעדעם פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיטן גאַנצן פּאָליטישן לעבן. איליטש האָט דערין איינגעזען דעם ערגסטן אָפּאָרטוניזם. איבער די הויפּט־קריגערייען וועגן דעם רעכט פון נאַציעס אַף זעלבסטבאַשטימונג זיינען אָנגעגאַנגען מיט די פּאָליאַקן. זיי האָבן באַהויפּטעט — אי ראָזע ליוקסעמבורג, אי די „ראָזלאַמאָוועס“, — אַז דאָס רעכט פון נאַציעס אַף זעלבסטבאַשטימונג באַטייט נאָך ניט קיין רעכט אָפּצוטיילן זיך. איליטש האָט פאַרשטאַנען, פון וואַנען עס וואַקסט די פּוילישע אָנגעשפּיצטקייט אין דער פראַגע פון רעכט אַף זעלבסטבאַשטימונג. צווישן די פּוילישע מאַסן האָט געלעבט אַ שרעקלעכער האַס צום צאַריזם—דאָס האָט מען אין קראָקע געזען יעדן טאָג. איינער האָט זיך דערמאָנט, וואָס דער פאָטער זיינער האָט איבערגעלעבט ביים פּוילישן אופשטאַנד, ווען ער האָט זיך קוים געראַטעוועט פון דער טליע: אַ צווייטער דערציילט, ווי אַזוי די צאַרישע מאַכט האָט זיך איזדיעקעוועט איבער די קוואָרים פון זיינע נאָענטע פריינט, ארופלאָזנדיק כאַזיירים אַפן בעסוילעם. און אַז.וו. און ד.גל. דער רוסישער צאַריזם האָט ניט פאָשעט אונטערדריקט, זיין איזדיעקעווען זיך האָט קיין גרענעץ ניט געהאַט.

די מילכאָמע האָט געהאַלטן אין אָנרוקן זיך, און ס'איז געוואָקסן ניט נאָר דער שוואַרצמייעדיקער נאַציאָנאַליזם, ניט נאָר דער שאָוויניזם פון דער בורזשואַזיע אין די הערשנדיקע לענדער, נאָר באַגלייך דערמיט זיינען געוואַקסן אויך די האָפענונגען אַף דער באַפרייונג פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן. די פּ.פּ.ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) האָט אַלץ מער און מער געטרוימט וועגן פּוילנס אומאָפּהענגיקייט. דער שטייגנדיקער סעפּאַראַטיזם פון דער פּפּ"ס — אַ פּאַרטיי אַף דורך און דורך אַ קלייגבירגערלעכע — האָט אַרויסגערופן אומרו באַ דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. און די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן דערווידערט קעגן אָפּטיילן זיך. איליטש פלעג זיך באַגעגענען מיט די פּעפּעסאָוועס, האָט עטלעכע מאָל געשמועסט מיט איינעם פון זייערע אָנגעזעענע טוער — יאָדקאָ, געהערט דאַשינסקים אַרויס־

טרעטונגען, דעריבער האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס עס באַאומרויִקט די פּאָליאַקן. „מע קאָן דאָך אָבער ניט, — האָט ער זיי געזאָגט, — צוגיין צו דער פראַגע וועגן דעם רעכט פון די נאַציעס אַף זעלבסטבאַשטימונג אויסשליסלעך פונעם פּוילישן שטאַנדפּונקט!“.

די שטרייטן איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכע זיינען אופגעקומען נאָך ביים דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון אונדזער פּאַרטיי, האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט איצט, ערעוו דער מילכאָמע אין די יאָרן 1913—1914 און נאָכדעם זיינען זיי ווייטער געפירט געוואָרן אין 1916 יאָר, אין סאַמע ברען פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. אין דידאָזיקע קריגערייען האָט איליטש געשפּילט די אָנפירנדיקע ראָליע, יעדע פראַגע אַוועקגעשטעלט פעסט און דייטלעך, און אָט די קריגערייען זיינען אָן שפּור ניט אַדורך. זיי האָבן געגעבן דער פּאַרטיי אונדזערער אַ מעגלעכקייט ריכטיק צו לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע אין די ראַמען פון דער ראַטן־מעלוכע, שאַפנדיק דעם פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפּובליקן, וועלבער ווייסט ניט פון ניט קיין גלייכבארעכטיקטע נאַציאָנאַליטעטן און פון אַ וועלכן ניט איז פאַרשמעלערן זייערע רעכט. מיר זעען אין אונדזער לאַנד אַ שנעלן קולטורעלן וווקס באַ אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס פריער האָבן זיי זיך געפונען אונטער אַן אומדערטרעגלעכן דרוק, מיר זעען, ווי ענגער און ענגער עס ווערט דער צוזאַמענשלוס צווישן אַלע נאַציאָנאַליטעטן אין פ.ס.ס.ר., וועלכע פאַרייניקן זיך אַפן באָדן פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער בויונג.

פונדעסטוועגן וואָלט געווען אַ פעלער, ווען מע מיינט, אַז באַ איליטשן האָט אינעם קראָקער־פעריאָד די נאַציאָנאַלע פראַגע פאַרשטעלט אַזוינע פּראָבלעמען, ווי די פויערים־פראַגע, וועלכער ער האָט שטענדיק צוגעגעבן אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג. פאַרן קראָקער פעריאָד האָט איליטש אָנגעשריבן העכער 40 אַרטיקלען איבער דער פויערים־פראַגע. פאַר דעם דעפּוטאַט שאַגאָוו האָט איליטש אָנגעשריבן אַ גענויעם פאָרטראָג „צו דער פראַגע וועגן דער אַגראַר־פּאָליטיק (דער אַלגעמיינער) פון דער איצטיקער רעגירונג“. פאַר ג. אי. פעטראָווסקין האָט ער אָנגעשריבן אַ פאָרטראָג „צו דער פראַגע וועגן דער סמעטע פונעם מיניסטעריום פאַר לאַנדווירטשאַפט“: אין קראָקע האָט ער אָנגעהויבן אַ גרויסע אַרבעט אַפן גרונט פון דערלערנען די אַמעריקאַנישע אָנגאַבן. די אַר-

בעט האָט געהייסן „נייע אָנגאַבן וועגן די אַנטוויקלונג=געזעצן פונעם קאַ=
פּיטאַליזם אין דער לאַנדווירטשאַפט“. אַמעריקע איז באַרימט מיט דער
פּינקטלעכקייט און רייכקייט פון איר סטאַטיסטיק. די האָזיקע אַרבעט אי=
ליטשס האָט געהאַט דעם ציל צו צעקלאַפּן גימערס אָנשווינגען (גימער
איז די פאַמיליע פון סוכאַנאָוו, וועלכער איז איצט אַזוי באַרימט גע=
וואָרן אַף דער ליניע פון שעדיקעריי). „גימער, — שרייבט וולאַדימיר
איליטש, — איז ניט קיין מענטש פון דער גאַס, ניט קיין צופעליקער
אַווטאָר פון אַ צופעליקן זשורנאַל=אַרטיקעלע, נאָר איינער פון די סאַמע
אָנגעזעענע עקאָנאָמיסטן, וואָס רעפּרעזענטירט די סאַמע דעמאָקראַטי=
שע, עקסטרע ליניקע בורזשואַזע ריכטונג אינעם רוסישן און אייראָ=
פּייִשן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. און טאַקע דערפאַר קאָנען דעם ה' גי=
מערס אָנשווינגען האָבן — און צווישן די ניט פּראָלעטאַרישע שיכטן האָבן
זיי שוין טיילווייז — אַ באַזונדערס ברייטע פאַרשפּרייטונג און ווירקונג.
ווייל דאָס זיינען ניט זיינע פּערזענלעכע אָנשווינגען ניט זיינע
אינדיווידועלע טאָעסן, נאָר דאָס איז בלויז אַן אויסדריק פון די אַלגע=
מיין=בורזשואַזע אָנשווינגען, באַזונדערס דעמאָקראַטיזירטע, צו=
געפּאַרבטע מיט קלוימערשט סאָציאַליסטישער פראַזעאָלאָגיע, דאָס זיי=
נען אַזוינע אָנשווינגען, צו וועלכע עס קומט לייכטער פון אַלץ אין די
באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט סיי אַ קאַזיאָנער
פּראָפעסער, וועלכער גייט מיט אַן אויסגעטראָטן שטעגעלע, סיי אַ קליי=
נער ערד=אַרבעטער, וועלכער טיילט זיך אויס מיט זיין באַוווסטזיניקייט
פון די מיליאָנען פון זיין גלייכן.
די טעאָריע פון דער קאַפּיטאַליסטישער עוואָליוציע פון דער ערד=
אַרבעט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וועלכע דער ה. גימער
פאַרטיידיקט, איז אין טאָך גענומען, די טעאָריע פון אַ קאָלאָסאַלער
מערהייט בורזשואַזע פּראָפעסאָרן, בורזשואַזע דעמאָקראַטן און אָפּאָר=
טוניסטן אין דער אַרבעטער=באַוועגונג פון גאָר דער וועלט“ *.
די בראָשור וועגן דער אַמעריקאַנער ערד=אַרבעט, וועלכע ער האָט
אָנגעהויבן שרייבן אין קראָקע איז פאַרענדיקט געוואָרן אין 1915 יאָר,
און אָפּגעדרוקט איז זי געוואָרן ערשט אין 1917 יאָר.
אין אַכט יאָר אַרום, אין 1923 יאָר, האָט איליטש שוין קראַנקערהייט

* לענין, באַנד XVII זייט 576.

געבלעטערט סוכאַנאָווס מעמואַרן וועגן דער רעוואָליוציע און דיקטירט וועגן זיי אַן אַרטיקל („וועגן אונדזער רעוואָליוציע"—האָט אים אַ נאָמען געגעבן די „פּראַווּדאַ"). אין דעם־דאָזיקן אַרטיקל האָט ער 'אָט וואָס געזאָגט: „איצט איז שוין קיין שום צווייפל ניטאָ, אַז אין גרונט גענומען האָבן מיר געזיגט" *. סוכאַנאָוו האָט עס ניט פאַרשטאַנען. איליטש האָט דיקטירט: „די טעג האָב איך געבלעטערט סוכאַנאָווס מעמואַרן וועגן דער רעוואָליוציע. עס וואַרפט זיך אין די אויגן די פּעדאַנטישקייט פון אַלע אונדזערע קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטן, ווי אויך פון אַלע העלדן פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל... שוין ניט רײדנדיק וועגן דעם, אַז זיי זיינען אויסערגעוויינלעכע פּאַכדאָנים... וואַרפט זיך אין די אויגן זייער קנעכטיש נאָכמאַכן די פאַרגאַנגענהייט...

...זיי אַלע רופן זיך אָן מאַרקסיסטן, זיי פאַרשטייען אָבער דעם מאַרקסיזם ניט דערלאָזבאַר פּעדאַנטיש. דאָס אַנטשיידנדיקע אינעם מאַרקסיזם האָבן זיי אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנען: נעמלעך זיין רעוואָליוציאָנערע דיאַלעקטיק.

... מיט זייער גאַנצער אופירונג אַנטפּלעקן זיי זיך אַלס פּאַכדאָנעדיקע רעפאָרמיסטן, וועלכע האָבן מוירע אָפּצוטרעטן פון דער בורזשואַזיע, ווער רעדט נאָך, איינרייסן מיט איר" **. און ווייטער רעדט דאָרט איליטש וועגן דעם, אַז די אַלוועלטלעכע אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע האָט געשאַפן אַזוינע באַדינגונגען, „ווען מיר האָבן געקאָנט פאַרווירקלעכן דאַפּקע אָט די פאַרייניקונג פון „פּויערישער מילכאָמע" מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן וועלכן עס האָט געשריבן, ווי וועגן איינער פון די מעגלעכע פּערספּעקטיוון, אַזאַ „מאַרקסיסט" ווי מאַרקס, אין 1856 יאָר בענעגייע פּרייסן" ***.

עס זיינען אַוועק נאָך אַכט יאָר. איליטש לעבט שוין ניט. און סוכאַנאָוו פאַרשטייט נאָך אַלץ ניט, וואָס פאַר אַ פאָרהאַנאָכעס אָקטיאַבער האָט געשאַפן פאַר דער בויונג פונעם סאָציאַליזם און שטרעבט אָקטיוו צו שטערן, אַז עס זאָלן אויסגעוואָרצלט ווערן די רעשטן קאַפּיטאַליזם. ער זעט ניט, ווי געענדערט עס האָט זיך דער אויסזען פון אונדזער לאַנד: עס פאַרפעסטיקן זיך די קאָלווירטן און ראַטווירטן, מעכטיקע קאָמביינען אַרבעטן אויף די פעלדער, די אַלטע ניט געאַקערטע פּאַסיקלעך ערד

* לענין, באַנד XXVII, זייט 401. ** דאָרטן, זייט 398. *** דאָרטן, זייט 100.

ווערן אָפּגעמעקט און פאַרטרונקען אינעם דורכויסיקן צעכוואַליעטן ברויט־יאַם, די אַרבעט ווערט אָרגאַניזירט אַף גאָר אַ נייעם אויפן, עס האָט זיך אומגעביטן דער גאַנצער אויסזען פון דער לאַנדווירטשאַפט.

אין די פילצאָליקע אַרטיקלען, וואָס איליטש האָט געשריבן אינעם קראָקער פעריאָד, האָט ער אַרומגעכאַפּט אַ גאַנצע ריי וויכטיקסטע פראַגעס, וועלכע גיבן אַ בוילעטע פאָרשטעלונג וועגן דער לאַגע פון דער פויערשער און גוטסבאַזיצערישער ווירטשאַפט, וועלכע מאָלן די אַגראַר־פראָגראַם באַ פאַרשיידענע פאַרטייען, דעקן אויף דעם כאַראַקטער פון די מאָסמיטלען, וואָס עס נעמט אָן די רעגירונג, שמידן צו די אויפמערקזאַמקייט צו אַ גאַנצער ריי פראַגעס פון אויסערגעוויינלעכער באַדייטונג: אַהער גייט אַריין די פראַגע וועגן איבערוואַנדערונג, וועגן לוין־אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט, וועגן קינדער־אַרבעט, וועגן האַנדל מיט ערד, וועגן מאָביליזירן די פויערישע ערדן א.ד.גל. דאָס דאַרף און די פויערשע נויטן האָט איליטש געקענט זייער גוט און דאָס האָבן שטענדיק געפילט, דאָס האָבן געזען סיי די אַרבעטער, סיי די פויערים.

דער אויפשטייג פון דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג סוף 1912 יאָר און די ראָליע, וועלכע עס האָט אין דעם אויפשטייג אָפּגעשפּילט די „פראַוודאַ“, איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען, דערין אויך פאַר די וופּעריאָדאָווצעס.

אין נאָיאַבער 1912 יאָר האָט אַלעקסינסקי זיך געווענדעט אין דער רעדאַקציע „פראַוודאַ“ אין נאָמען פון דער פאַריזער גרופּע וופּעריאָדאָווצעס און האָט פאָרגעלייגט, אַז זיי ווילן אָנטייל נעמען אין דער „פראַוודאַ“. אַלעקסינסקי האָט אָנגעשריבן פאַר דער „פראַוודאַ“ אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען און אינעם זאַמלבוך פון די וופּעריאָדאָווצעס „אַף טאָג־טעמעס“ נומ. 3 האָט ער אַפילע געשריבן, אַז מע דאַרף מאַכן אַ סאָף צו דעם קאַמף אינעווייניק צווישן די באָלשעוויקעס און ס'איז נייטיק אַ בלאָק פון אַלע באָלשעוויקעס אין קאַמף קעגן די ליקווידאַטערס. די רעדאַקציע „פראַוודאַ“ האָט אין צעטל פון אירע מיטאַרבעטער אריינגעשטעלט ניט נאָר די פאַריזער גרופּע, אין וועלכער עס איז אַריין אַלעקסינסקי, נאָר אַפילע באָגדאַנאָוון. איליטש האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט ערשט פון די צייטונגען, איליטשס אייגנשאַפט איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט געקאָנט אָפּטיילן פּרינציפּיעלע דיסקוסיעס פון רייסעריי, פון פערזענלעכע באַליידיקונגען, און האָט העכער פאַר אַלץ געשטעלט

די אינטערעסן פון דער אַרבעט. זאָל זיין, אַז פּליעכאַנאָוו האָט אים געזידלט מיט די ערגסטע זידלערייען אָבער צוליבן הערפאָלג פון דער אַרבעט איז געווען וויכטיק מיט אים זיך צו פאַרייניקן, איז איליטש דערויף געגאַנגען. זאָל זיין, אַז אַלעקסינסקי פלעג מיט געשלעגן זיך אַריינרייסן אויף די זיצונגען פון דער גרופּע און האָט אָנגעמאַכט פאַרשיידענע סקאַנדאַלן. אָבער אויב ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף מיט אַלע קויכעס אַרבעטן אין דער „פּראַוודאַ“, אַרויסטרעטן קעגן די ליקווידאַטערס, זיך איינשטעלן פאַר דער פּאַרטיי, האָט דאָס איליטשן בעעמעס געפרייט. אַזוינע ביישפּילן קאָן מען ברענגען צענדליקער. אויב עמעצער אַ קעגנער פלעג זידלען איליטשן, פלעגט איליטש ווערן שטאַרק אויפגעבראַכט, מיט אַלע קויכעס זיך געווערט, פּאַרטייִדיקט זיין שטאַנדפּונקט. אָבער אַז עס פלעגן אויפקומען נייע אויפגאַבעס און ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז מיטן קעגנער קאָן מען אַרבעטן צוזאַמען, האָט איליטש געקאָנט צוגיין צום נעכטיקן קעגנער, ווי צו אַ כאַווער. און ער האָט דערביי ניט געדאַרפט מאַכן איבער זיך קיינע אָנשטרענגונגען. דערין איז באַשטאַנען איליטשס קאָלאָסאַלע קראַפט. בא זיין גאַנצער פּרינציפּיעלער אָנגעשפּיצטקייט, איז ער געווען אַ גרויסער אָפּטימיסט אין באַצוג צו מענטשן. אַמאָל פלעג ער אַ טאָעס האָבן אויך. אין אַלגעמיין אָבער איז דערדאָזיקער אָפּטימיזם זיינער געווען זייער נוצלעך פאַר דער אַרבעט. אָבער אויב קיין פּרינציפּיעלע צונויפגערעדקייט פלעג זיך ניט באַקומען פלעג צעשטערט ווערן אויך דער שאָלעם.

אין אַ בריוו צו גאָרקין האָט איליטש געשריבן: „איך בין גרייט מיטן גאַנצן האַרצן זיך טיילן מיט אייער פרייד אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס די ווּפּעריאָדאָווצעס האָבן זיך אומגעקערט צוריק א ו י ב... א ו י ב נאָר עס איז ריכטיק אייער האַשאָרע, אַז דער מ א כ י ז ם, די גאָט־בויערײ און די אַלע שטיק זיינען שוין פאַרזונקען אויף שטענדיק“. ווי איר שרייבט, אויב דאָס איז טאַקע אַזוי, אויב די ווּפּעריאָדאָווצעס האָבן דאָס שוין פאַרשטאַנען אָדער זיי וועלן דאָס איצט פאַרשטיין, דעמלט פאַרייניק איך זיך היים צו אייער פרייד, וואָס זיי האָבן זיך צוריק אומגעקערט, איך שטרייך אָבער אונטער דעם „א ו י ב“, ווייל ביז וואַנען וואָס איז עס נאָך מער אַ ווונטש, איידער אַ פאַקט... איך ווייס ניט, צי באָגדאַנאָוו, באַזאַראָוו, וואָלסקי (אַ האַלבער אַנאַרכיסט), לונאַטשאַרסקי, אַלעקסינסקי זיינען פייִק עפּעס אָ פּ צ ו ל ע ר נ ע ן פון דער שווערער דער-

פּאַרונג אין די יאָרן 1908־1911. צי האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דער מאַך־
קיסיזם איז אַן איניען אַסאַך אַן ערנסטערער און אַ טיפערער, איידער
זיי האָבן זיך עס פאָרגעשטעלט, אַז מע קאָן זיך איבער אים ניט איז־
דיעקעווען, ווי דאָס פּלעגט טאָן אַלעקסינסקי, אָדער באַציען זיך דערצו,
ווי צו אַ טויטער זאַך, ווי עס פלעגן טאָן די איבעריקע. אויב זיי האָבן
דאָס פאַרשטאַנען — באַגרים איך זיי טויזנטער מאָל, און אַלדאָס פער־
זענלעכע (וואָס איז אומפאַרמיידלעך אַריינגעטראָגן געוואָרן דורכן פאַר־
שאַרפסטן קאַמף) וועט אין איין מינוט פאַרשווונדן ווערן. אָבער אויב זיי
האָבן דאָס ניט פאַרשטאַנען, זיי האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלערנט, דע־
מלט זאָלט איר קיין טיינעס ניט האָבן: פרייַנטשאַפט איז טאַקע פריינ־
טשאַפט, צו אַרבעט אָבער קער זיך עס ניט אָן. קעגן פּרוּוון צו פאַר־
שווענכן דעם מאַרקסיזם אָדער צעפלאָנטערן די פּאָליטיק פון דער אַרבע־
טער־פּאַרטיי וועלן מיר האַלטן מילכאָמע ניט שוינענדיק קיין קרעפטן.

עס פרייט מיך זייער, וואָס עס האָט זיך געפונען אַ וועג פאַר די
וופּעריאָדאָווצעס אַף זיך אומקערן און דאַפּקע דורך דער „פּראַווּדאַ“,
וועלכע האָט זיי אומיטלבאַר ניט געשלאָגן. עס פרייט מיך זייער. נאָר
דאַפּקע אין די אינטערעסן פון אַ פעסטער דערנעענטערונג דאַרף מען
צוגיין צו איר לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק. אָט אַזוי טאַקע האָב איך אָנ־
געשריבן אויך אין דער „פּראַווּדאַ“. אָנווענדן דערויף זייערע קויכעס דאַר־
פן אויך אַלע אָנהענגער פון פאַרייניקן די וופּעריאָדאָווצעס מיט אונדז:
דער פאָרזיכטיקער דורך דער פאַרונג דורכגעקאָנטראָלירטער צוריקער
מיצאַד די וופּעריאָדאָווצעס פון מאַכיזם, אָטזווּיעריי, גאָטבויעריי, קאָן
געבן גוואַלדיק פיל. די קלענסטע ניט פאָרזיכטיקייט און אַ רעציידיוו
פון דער מאַכיסטישער, אָטזווּיסטישער קרענק א.ד.גל.“ — און דער
קאַמף וועט זיך צעפלאַקערן נאָך שטאַרקער.. .איך האָב ניט געלייענט
באָגדאַנאָווס נייע „פילאָזאָפיע פון לעבעדיקער דערפאַרונג“: מיסטאָמע
דער זעלבער מעכאַניזם, נאָר אַנדערש געשלייערט“ *.

אַז דו לייענסט איצט דידאָזיקע שורעס, לעבט אוף אין זיכּאָרן דער
גאַנצער וועג פון קאַמף מיט די וופּעריאָדאָווצעס אינעם פּעריאָד פון
טיפסטער צעפאַלונג—פון 1908 ביז 1911 יאָר. איצט, ווען דערדאָזיקער
צעפאַלונג־פּעריאָד איז שוין געווען אַ דורך, ווען איליטש האָט שוין אי־

---

* לעניך, באַנד XVII, זייט 221.

גאַנצן געלעבט מיט דער רוסישער אַרבעט און געווען פֿאַרכאַפּט דורכן אַנוואַקסנדיקן אופֿשטייג, — איצט האָט ער שוין רויִקער גערעדט וועגן די ווּפּעריאָדאָווצעס, ער האָט אָבער ווייניק געגלויבט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אינגאַנצן ניט געגלויבט, אַז אַלעקסינסקי איז פֿייִק זיך לערנען באַם לעבן, אַז באָגדאַנאָוו וועט אופֿהערן צו זיין אַ מאַכיסט, און איליטש האָט טאַקע געטראָפֿן. מיט באָגדאַנאָוון איז אינגיכן פֿאָרגעקומען אַ שאַרפֿער קאָנפֿליקט: אונטער דער מאַסקע פֿון פּאָפּולערער דערקלערן דאָס וואָרט „אידעאָלאָגיע“, האָט ער געמאַכט אַ פּרוּוו דורכשלעפּן אין דער „פּראַוודאַ“ זיין אייגענע פֿילאָסאָפֿיע. געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס באָגדאַנאָוו האָט אופֿגעהערט צו רעכענען זיך פֿאַר אַ מיטאַרבעטער פֿון דער „פּראַוודאַ“.

אינעם קראָקער פּעריאָד זיינען וולאַדימיר איליטשס געדאַנקען שוין געגאַנגען אַף דער ליניע פֿון סאָציאַליסטישער בוויונג. פֿאַרשטייט זיך, אַז זאָגן עס קאָן מען נאָר זייער באַדינגלעד, ווייל דעמלט איז נאָך ניט קלאָר געווען אַפילע דער וועג פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד, און פֿונדעסטוועגן, אָן דעם קראָקער פּעריאָד פֿון האַלבער עמיגראַציע, ווען די אָנפֿירונג מיטן פּאָליטישן קאַמף פֿון דער דומע-פֿראַקציע פֿלעגן אָנשטויסן אַף אַלע פּראָבלעמען פֿון ווירטשאַפֿטלעכן און קולטורעלן לעבן אין זייער גאַנצער קאָנקרעטקייט, אָן דעם אַלעם וואָלט שווער געווען די ערשטע צייט נאָך אָקטיאַבער באַלד אַרומכאַפּן אַלע נייטיקע רינגען פֿון דער סאָוועטישער בוויונג. דער קראָקער פּעריאָד איז געווען אַן אייגנאַרטיקע „גול גרופּע“ (צוגרייטונג-קלאַס) פֿאַר דער סאָציאַליסטישער בוויונג. פֿאַרשטייט זיך, דערווייל זיינען די אַלע פֿראַגעס געווען נאָר אין ערשטע אָנצייכענונג, זי איז אָבער געווען אַזוי לעבנהאַפֿטיק, אַז זי האָט נאָך אַ באַדייטונג ביז היינטיקן טאָג.

זייער פֿיל אופֿמערקזאַמקייט האָט וולאַדימיר איליטש דעמלט אָפּגעגעבן די פֿראַגעס פֿון קולטור. סאָף דעקאַבער זיינען אין פּיטער פֿאָרגעקומען אַרעסטן און אונטערזוכונגען צווישן די שילער פֿון וויטמערס גימנאַזיע. פֿאַרשטייט זיך, אַז וויטמערס גימנאַזיע איז געווען ניט ענלעך אַף אַנדערע גימנאַזיעס. די פֿאַרוואַלטערן מיט דער גימנאַזיע און איר מאַן האָבן אין די 90-קער יאָר גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די ערשטע מאַרקסיסטישע קרייזלעך, אין די יאָרן 1905—1907 האָבן זיי מיט פֿאַרשיידענע מיטלען מיטגעהאָלפֿן די באָלשעוויקעס. באַ וויט-

מערן אין גימנאזיע האָט קיינער ניט פארווערט די שילער פארנעמען זיך מיט פּאָליטיק, אָרגאַניזירן קרייזלעך און אַנד. אָט אַף דערדאָזיקער גימנאזיע האָט עס די פּאָליציי געמאכט אַן אָנפאַל. וועגן דעם ארעסט פון די שילער האָט מען געמאכט אַן אָנפראַגע אין דומע. דער מיניסטער קאַסאָ האָט געגעבן דערקלערונגען: מיט א מערהייט שטימען האָט מען זיינע דערקלערונגען אנערקענט פאר ניט קיין באפרידיקנדיקע.

אינעם ארטיקל „דער שטייגנדער איינרייס", וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין 1913 יאָר פארן 3 און 4 נומער „פּראָסוועשטשעניע", אינעם צענטן קאַפּיטל, פארצייכענענדיק, אַז אין צוזאמענהאנג מיטן ארעסטירן די שילער פון וויטמערס גימנאזיע, האָט די מעלוכע-דומע אויסגעדריקט איר אומצוטרוי דעם בילדונג-מיניסטער קאַסאָ, שרייבט איליטש, אַז ניט נאָר דאָס דארף וויסן דאָס פאָלק. „דאָס פאָלק און די דעמאָקראַטיע דארפן וויסן די *מאָטיוון* פונעם אומצוטרוי, קעדיי זיי זאָלן פארשטיין די *סיבעס* פון דער דערשיינונג, וועלכע ווערט אָנערקענט אין דער פּאָליטיק פאר ניט נאָרמאַל און קעדיי קאָנען געפינען אַן *אויסוועג* צום נאָרמאַלן" *. און איליטש קלייבט פאַנאַנדער די פאָרמולעס פונעם איבערגאַנג צו די אָרדנטלעכע איניאָנים, וואָס עס האָבן פארגעלייגט פארשיידענע פּאַרטייען. פאַנאַנדערגעקליבן די איבערגאַנג-פאָרמולע בא די סאָצ.-דעמאָקראַטן, שרייבט וולאַדימיר איליטש:

„ס'איז אַ סאָפעק, צי מע קאָן אַפילע די דאָזיקע פאָרמולע אָנערקענען פאר פולקום. מע מוז איר ווינטשן א מער פּאָפּוליערע, מער גענויע אויסטייטשונג, מע קאָן ניט באַדויערן, וואָס עס איז אין איר ניט אָנגעוויזן די געזעצמעסיקייט פון פארנעמען זיך מיט פּאָליטיק. א. א. וו. א. ד. גל.

אָבער אונדזער קריטיקירן אלע פאָרמולעס איז אבסאָליוט ניט געווענדעט אַף די פּראָטים פונעם רעדאַגירן, נאָר אויסשליסלעך אַף די *פּאָליטישע גרונט-אידייען* פון די אווטערס. א דעמאָקראַט האָט געהארפט זאָגן דעם איקער: אַז קרייזלעך און שמועסן זיינען *נאַטירלעך און דערפרייענד*. דערין באשטייט דער טאָך. יעדער ארט פארורטיילן דאָס ארייַנציען אין פּאָליטיק, זאָל זיין אפילע דאָס „פריע", איז צוויעס און אָבסקוראַנטיזם. א דעמאָקראַט האָט באַדאַרפט

* לענין, באנד XVI, זייט 323.

דערהויבן די פראַגע פון א „פאַראייניקטן מיניסטעריום“ ביז צו דער „מעלוכע=אָרדענונג“. א דעמאָקראַט האָט באַדאַרפט פאַרצייכענען די „ענגסטע פאַרבינדונג“, ערשטנס, מיט דער „הערשאַפט פון דער אָבראַנקע=פּאָליציי“ און, צווייטנס, מיט דער „הערשאַפט פונעם קלאַס, גרויסע גוטבאַזיצער פון פעאָדאַלן טיפּ אינעם עקאָנאָמישן לעבן“*. אָט אזוי האָט איליטש געלערנט צו פאַרבינדן קאָנקרעטע קולטור=פּראַגעס מיט גרויסע פּאָליטישע פּראָבלעמען.

רייִדנדיק וועגן קולטור, פלעגט איליטש שטענדיק אונטערשטרייכן דעם צוזאַמענבונד צווישן דער קולטור מיט אַלגעמיינעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן שטייגער.

ארויסטרעטנדיק שאַרף קעגן דעם לאָזונג קולטור=נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע, האָט איליטש געשריבן: „קאָלזמאַן פאַרשיידענע נאַציעס לעבן אין איין מעלוכע, זייגען זיי פאַרבונדן מיט מיליאָנען און מיליאַרדן פעדעם פון עקאָנאָמישן, רעכטלעכן און שטייגערישן כאַראַקטער. וויאַזוי קאָן מען ארויסרייסן דעם שול=וועזן פון אָט די פאַרבינדונגען? קאָן מען אים דען „ארויסנעמען פון דער קאָמפּעטענץ“ בא דער מעלוכע ווי עס זאָגט די קלאַסישע, לויט איר בוילעטן אונטערשטרייכן דעם אומזין, בונדישע פאָרמולירונג? אויב די עקאָנאָמיק באַהעפט די נאַציעס, וואָס ווינען אין איין מעלוכע, איז דער פּרווו אייגמאָל פאַר אַלעמאָל 'צו צעטיילן זיי פאַרן געביט פון „קולטור“=פּראַגעס און באַזונדערס פאַר די שול=פּראַגעס אומגעלומפּערט און רעאַקציאָנער. פאַרקערט, מע דאַרף זיך דערשלאָגן צו פאַראייניקן די נאַציעס אינעם שול=וועזן, כדי אין שול זאָל צוגעגרייט ווערן דאָס, וואָס אין לעבן ווערט פאַרווירקלעכט. אין געגעבענעם מאָמענט זעען מיר א ניט גלייכבאַרעכטיקייט פון די נאַציעס און אן אומגלייכקייט אין זייער אנטוויקלונג=ניוואָ: בא אזוינע באַדינגונגען וועט דאָס צוטיילן דעם שול=וועזן לויט די נאַציאָנאַליטעטן פאַקטיש אומפאַרמיידלעך זיין 'א פאַרערגערונג פאַר די מער אָפּגעשטאַנענע נאַציעס. אין אַמעריקע, אין די דאָרעמדיקע, געוועזענע 'שקלאַפּנבאַזיצערישע שטאַטן טיילט מען נאָך ביז היינט אויס די נעגערישע קינדער אין באַזונדערע שולן, ביים אין די צאָפנדיקע שטאַטן לערנען זיך די ווייסע און די נעגערס צוזאַמען**.

* לענין, ווערק, ב. XVI, ז. 326.

** לענין, באנד XVII, ז. 92—93.

אין פעוראַל 1913 יאָר האָט וולאַדימיר איליטש אָנגעשריבן אַ ספּעציעלן אַרטיקל „די רוסן און די נעגערס", ווו ער האָט געזען צו באַווייזן, ווי אַזוי די קולטורלאָזיקייט, די קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט פון איין נאַציאָנאַליטעט שטעקט אָן די קולטור פון דער צווייטער נאַציאָנאַליטעט, ווי אַזוי די קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט בײַ איין קלאַס לייגט אַרויף אַ באַשטימטן שטעמפּל אף דער קולטור פונעם גאַנצן לאַנד.

זייער אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס וולאַדימיר איליטש האָט אין יענער צײַט געזאָגט וועגן דער פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק אינעם שולוועזן. דערוויידערנדיק קעגן דער קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע קעגן אַרויסנעמען פון דער רעגירונגס־קאָמפּעטענץ דעם שול־וועזן, האָט ער געשריבן: „די אינטערעסן פון דער דעמאָקראַטיע בכלל, און די אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס באַזונדערס, פאָדערן פונקט דעם היפּעך. מע דאַרף זיך דערשלאָגן צ ו נ ו י פ צ ו ג י ס ן די קינדער פון א ל ע נאַציאָנאַליטעטן אין די א י י נ ה י י ט ל ע כ ע שולן פון אַ געוויסער געגנט; מע דאַרף, אַז די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן זאָלן גע מ י י נ ז אַ ם דורכפירן יענע פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק אינעם שול־וועזן, וועלכע עס האָט אַזוי גוט אויסגעדריקט דער דעפּוטאַט פון די וולאַדימירער אַרבעטער סאַמאָילאָוו אין נאָמען פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פראַקציע אין דער מעלוכע־דומע (סאַמאָילאָוו האָט געפאָדערט אָפּצוטיילן די קירך פון דער מעלוכע און די שול פון דער קירך, ער האָט געפאָדערט פולקומע וועלטלעכקייט פון דער שול)" וולאַדימיר איליטש האָט גערעדט אויך וועגן דעם, אַז דאָס באַדינען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין דעם פּראַט, אַז די שילער זאָלן דערלערנען זייער קולטור וועט זײַן לייכט צו אָרגאַניזירן ערשט בײַ אַ „ווירקלעכער דעמאָקראַטיע, ווען מע וועט אינגאַנצן אַרויסיאָגן דעם ב י ו ר אָ ק ר אַ ט י ז ם און די „פּערעדאָנאָווערײַ"* פון דער שול.

זומער 1913 יאָר האָט איליטש אָנגעשריבן פאַר באַדייעוון אַ פּראָיעקט פון אַ רעדע אין דומע „צו דער פראַגע וועגן דער פּאָליטיק פונעם

* פּערעדאָנאָוו — אַ לערער אין אַ גימנאַזיע — דער העלד פון פ. סאָלאָגובס ראָמאַן „דריבנער שעד" , Мелкий бес, אַ קליינבירגער אף דורך און דורך, אַ מיעסער און אַ ברודיקער, אַ פאַרקריפּעטע נעשאָמע, אַ קליינלעך־פאַרביטערטער, וואָס איז גערן זיך באַנוצט מיט יעדן צופאַל אף אונטערשטעלן יעמעצן אַ פיסל, אַ ביוראָקראַט אין פּעדאַגאָגיק.

מיניסטעריום פאַר פאָלקבילדונג“, א רעדע, וועלכע באַדייעוו האָט געהאלטן, אָבער דער פאָרזיצער האָט אים ניט געלאָזט פאַרענדיקן און אָפּגענומען בא אים דאָס וואָרט.

אין דעמדאָזיקן פּראָיעקט האָט איליטש געבראַכט אַ גאַנצע ריי ציפער־אָנגאַבן, וועלכע שילדערן די אומגעהייערע קולטורלאָזיקייט אין לאַנד, די נישטיקייט פון די מיטלען, וועלכע ווערן אַסיגנירט אַף פאָלקבילדונג, ער האָט דאָרט באַוויזן, וויאַזוי די פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג פאַרצאַמט פאַר ניין צענטל פון דער באַפעלקערונג דעם וועג צו בילדונג. אין אָט דעם פּראָיעקט האָט איליטש געשריבן „וועגן דעם צעווילדערוועטן, אומפאַרשעמטן, עקלהאַפטן ווילקיר פון דער רעגירונג אינעם באַגיין זיך מיט די לערער“. און דאָ האָט ער ווידער געבראַכט פאַרגלייכן מיט אַמעריקע. „אין אַמעריקע זיינען דאָ פּראָצ. אַנאַלפאַבעטן, און צווישן די נעגערס זיינען דאָ 44 פּראָצ. אַנאַלפאַבעטן. „אין דאָך זיינען די אמעריקאנישע נעגערס מער ווי דאָפּלט בעסער אוועקגעשטעלט אין דער הינזיכט פון פאָלקבילדונג, איידער די רוסישע פויערים“. די נעגערס זיינען אין 1900 יאָר געווען מער גראַמאָטנע, ווי די רוסישע פויערים דערפאַר, ווייל דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק האָט מיט אַ האלבן יאָר־הונדערט פריער צעקלאַפּט די אמעריקאנער שקלאַפנבאַזיצערס. אויך דאָס רוסישע פאָלק האָט געדאַרפט פאַרטרייבן זיין רעגירונג, קעדיי צו ווערן א קולטורעל, געבילדעט לאַנד.

אין דער רעדע, וואָס איליטש האָט אָנגעשריבן פאַר שאַגאָוו, האָט ער געשריבן וועגן דעם, אז נאָר דאָס איבערגעבן די פּריצישע ערד די פויערים קאָן העלפן רוסלאַנד ווערן א קולטורעל לאַנד. אינעם ארטיקל, „וואָס קאָן מען אופטאָן פאַר דער פאָלקסבילדונג“, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אינעם זעלביקן פעריאָד, שילדערט איליטש גענוי, ווי אַזוי ס'איז אַוועקגעשטעלט דער ביבליאָטעק־וועזן אין אַמעריקע. ער האָט געשריבן דאָרט וועגן דער נייטיקייט אַוועקצושטעלן אַזוי די אַרבעט אויך בא אונדז. אין יוני כוידעש ווידער האָט ער אָנגעשריבן זיין אַרטיקל „דער אַרבעטער־קלאַס און דער נעאָמאַלטוזיאָניזם“, ווי ער האָט אַזוי געשריבן: מיר קעמפן בעסער פאַר אונדזערע טאַטעס. אונדזערע קינדער וועלן קעמפן נאָך בעסער און זיי וועלן זיגן.

דער אַרבעטער־קלאַס קומט ניט אום, נאָר ער וואַקסט, קרעפטיקט זיך, פעסטיקט זיך, באַהעפט זיך, ווערט אויפגעקלערט און פאַרהאַרטע־

וועט אין קאַמף. מיר זיינען פּעסימיסטן בענעגייע דעם לייבייגנטום, דעם קאַפּיטאַליזם, און דער קליינער פּראָדוקציע, מיר זיינען אָבער הייסע אָפּטימיסטן בענעגייע דער אַרבעטער=באַוועגונג און אירע צילן. מיר פאַרלייגן שוין דעם פונדאַמענט פאַר דער נייער געביידע און אונדזערע קינדער וועלן זי דערבויען" *.

ניט נאָר אַף די פּראָגעס פון קולטור=בויונג פלעגט איליטש וועגן זיין אויפמערקזאַמקייט, נאָר אויך אַף א גאַנצער ריי אַנדערע פּראַגעס, וואָס האָבן א פּראַקטישע באַדייטונג אין הינזיכט פון בויען דעם סאָציאַליזם.

כאַראַקטעריסטיש גראָד פאַרן קראָקער פּעריאָד זיינען אַזוינע אַרטיקלען, ווי „איינער פון די גרעסטע ניצבוינגעס אין דער טעכניק", ווו וולאַדימיר איליטש פאַרגלייכט די ראָל פון די גרעסטע דערפינדונגען באַם קאַפּיטאַליזם און באַם סאָציאַליזם, באַם קאַפּיטאַליזם ברענגען די דערפינדונגען צו דער באַרייכערונג פון א הייפל מיליאָנערן און פאַר די אַרבעטער צו א פאַרערגערונג פון זייער אַלגעמיינער לאַגע, צו א וווקס פון דער אַרבעטלאָזיקייט. „באַם סאָציאַליזם וועט די אָנווענדונג פון ראַמזייס מעטאָד באַפרייען די מי פון מיליאָנען באַרג=אַרבעטער א.א.וו. און וועט געבן א מעגלעכקייט מיטאַמאָל צו פאַרקירצן פאַר אַלעמען דעם אַרבעט=טאָג פון 8 שאָ, לאָמיר זאָגן, ביז 7 שאָ און עפּשער נאָך ווייניקער. דאָס „עלעקטריפיצירן" אַלע פאַבריקן און אייזנבאַנען וועט מאַכן די אַרבעט=באַדינגונגען מער היגיעניש, וועט באַפרייען מיליאָנען אַרבעטער פון רויך, שטויב און שמוץ וועט פאַרגיכערן דאָס פאַרוואַנדלען די ברודיקע, עקלהאַפטע וואַרשטאַטן אין ריינע ליכטיקע לאַבאָראַטאָריעס, וועלכע זיינען ווערט דעם מענטשן. עלעקטרישע באַלייכטונג און עלעקטרישע באַהייצונג אין יעדער שטוב וועלן באַפרייען מיליאָנען „הויז=שקלאַפנס" פון דער נייטיקייט אומצוברענגען דריי פערטל פון זייער לעבן אין טשאַד פון דער קיך.

די טעכניק פונעם קאַפּיטאַליזם וואַקסט אַריבער מיטן יעדן טאָג אַלץ מער און מער יענע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, וועלכע פאַרורטיילן די האַרעפּאַשניקעס אַף פולשטענדיקער שקלאַפעריי" **. מיט

---

* לעני‍ן, באנד XVI, ז. 498.

** לעני‍ן, באנד XVI, ז. 769.

17 יאָר צוריק האָט איליטש שוין געטראַכט וועגן עלעקטריפיקאַציע, וועגן אַ 7-שאָיקן אַרבעטס-טאָג, וועגן פאַבריקן-קיכן, וועגן אַנטשקלאַפן די פרויען.

דער אַרטיקל „איינע פון די מאָדישע אינדוסטריע-צווייגן" באַווייזט, אַז נאָך מיט 17 יאָר צוריק האָט איליטש שוין באַטראַכט, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס וועט האָבן באַם סאָציאַליזם די פאַרשפּרייטונג פונעם אויטאָמאָביל-וועזן. אינעם אַרטיקל „אייזן אין דער פויערשער ווירטשאַפט" רופט אָן איליטש דאָס אייזן — „דער אייזערנער פונדאַמענט פאַר דער קולטור פונעם לאַנד". „אַף פלוידערן וועגן קולטור, וועגן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר-קויכעס, וועגן אופהייבן די פויערשע ווירטשאַפט א. ד. גל.—זייגען מיר גרויסע בעריעס און גוואַלדיקע ליבהאָבערס. אָבער ווי נאָר עס האַנדלט זיך וועגן באַזייטיקן דעם שטיין, וועלכער שטערט „אופצוהייבן" די מיליאָנען פּאַראָרעמטן, דערשלאָגענעם, הונגעריקן, באָרוועסן פּאַרווילדעווען פויערטום, — דאָ דאַרט גלייך אָפּ די צונג בא אונדזערע מיליאָנערן.

די מיליאָנערן פון אונדזער אינדוסטריע גייען גיכער איין אַף טיילן זיך מיט פורישקעוויטשן מיט זייערע מיטלאַלטערלעכע פּריווילעגיעס און זיפּצן דערביי וועגן אויסלאָזן דאָס „פאָטערלאַנד" ופון דער מיטלאַלטערלעכער אַנטיקולטורעלקייט *.

אָבער א באַזונדערן אינטערעס שטעלט מיט זיך פאָר איליטשס אַרטיקל „די אידייען פונעם פאָרגעשריטענעם קאַפּיטאַל". אין דעמדאָזיקן אַרטיקל קלייבט ער פונאַנדער די אידייען פונעם אַמעריקאַנער סויכער — דעם מיליאָנער פילען, וועלכער האָט זיך געסטאַרעט איינריידן די מאַסן, אַז די אונטערנעמער דאַרפן ווערן זייערע פירער דערפאַר, ווייל זיי לערנען זיך אַלץ בעסער און בעסער צו באַנעמען די געמיינזאַמקייט פון זייערע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון דער מאַסע. עס וואַקסט די דעמאָקראַטיע, עס וואַקסט דער קויעך פון די מאַסן, עס שטייגט דער יאָקרעס פונעם לעבן. דער פּאַרלאַמענטאַריזם און די טעגלעכע פּרעסע, וועלכע ווערט פאַרשפּרייט אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן, אינפאָרמירן אַלץ גענויער די מאַסן. אָפּנאַרן די מאַסן, איינריידן זיי, אַז עס איז ניטאָ קיין קעגנזעצלעכקייט אין די אינטערעסן

* לענין, באַנד XVI, זייט 769.

צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, גיין צוליב דעם אַפילע אַף אייניקע הויצאָעס (צוציען די אָנגעשטעלטע און די קוואַליפיצירטע אַרבעטער צו די רעוואָכים) — אָט דאָס זיינען די אידייען פונעם פאָרגעשריטענעם קאַפּיטאַל. פאַנאַנדערגעקליבן דעם טאָך פון די אידייען פונעם פאָרגעשריטענעם קאַפּיטאַל, רופט איליטש אויס: „כאָשעווסטער הער פילען! צי זייט איר אינגאַנצן זיכער דערין, אַז די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט זיינען 'שוין 'טאַקע אַזוינע נאַראָנים*.

דידאָזיקע 'אַרטיקלען, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן מיט 17 יאָר צוריק, באַווייזן, וועלכע פראַגעס עס האָבן דעמאָלט אינטערעסירט איליטשן פונעם שטאַנדפונקט פון בויונג און ווי דערנאָך, בײַ דער ראַטנמאַכט, זיינען דידאָזיקע פראַגן שוין געווען באַקאַנטע און מע האָט נאָר באַדאַרפט דורכפירן אין לעבן דאָס, וואָס עס 'איז 'שוין לאַנג געווען דורכגעטראַכט.

נאָך אין האַרבסט 1912 יאָר האָבן מיר זיך באַקאָנט מיט ניקאָליי איוואַנאָוויטש בוכאַרינען. אויסער באַגאָצקין, מיט וועלכן מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן, פלעג די ערשטע צייט צו אונדז אַריינגיין דער פּאָליאַק קאַזימיר טשאַפּינסקי, וואָס האָט געאַרבעט אין דער קראָקער צייטונג „נאָפּשוד“ („פאָרויס“). איז האָט דערדאָזיקער טשאַפּינסקי פלעגט אַסאַך 'דערציילן וועגן דעם באַרימטן קראָקער קוראָרט זאַקאָפּאַנע, וואָס פאַר אַ זעלטענע בערג דאָרט זיינען פאַראַן און אַז די שיינקייט פון דער נאַטור איז ניט צו 'באַשרייבן. און אַזוי האָט ער דערציילט, אַז דאָרט וווינט אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט אָרלאָוו, וועלכער מאָלט זייער גוט די זאַקאָפּאַנער בערג. אינגיכן נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן פו זוועזשינעץ אין 'שטאָט 'אַריין, קוקן מיר איינמאָל אַזוי אין פענצטער און מיר זעען — עס גייט עפּעס איינער אַ יונג מיט אַ גרויסן לייוונטענעם זאַק אַפן אַקסל. ווי עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן, איז עס טאַקע געווען אָרלאָוו—בוכאַרין. זיי האָבן דעמאָלט מיט איליטשן גאַנץ געניו זיך דורכגעשמועסט. בוכאַרין האָט צו יענער צייט געוווינט אין ווין. פון דעמאָל אָן האָבן מיר זיך זייער ענג פאַרבונדן מיט ווין. אויך די טראָיאַנאָווסקעס האָבן דאָרטן געוווינט. אַז מיר האָבן זיך גענומען פאַנאַנדערפרעגן בײַ ניקאָליי איוואַנאָוויטשן וועגן זיין מאָלעריי, האָט ער פון זיין לייוונטענעם זאַק

---

* לעניו, באַנד XVI, זייט 528.

ארויסגעשלעפּט אַ גאַנצע ריי פּראַכטפולע אויסגאַבעס פון בילדער פון די דייטשע קינסטלער, וועלכע מיר האָבן זייער פלייסיק גענומען קוקן. געווען איז דאָרט בעקלין און אַ ריי אַנדערע קינסטלער.

וולאַדימיר איליטש האָט זייער ליב געהאַט בילדער. איינמאָל, געדענק איך, האָב איך זיך זייער פאַרוואונדערט, ווען איליטש האָט צוגענומען בא וואָראָווסקין אַ גאַנצן פּאַק איליוסטרירטע כאַראַקטעריסטיקעס פון פאַרשיידענע קינסטלער און אין די אָוונטן האָט ער שאָענלאַנג געלייענט און געקוקט די בייגעלייגטע בילדער.

קיין קראָקע פלעגט איצט פאַרפאָרן אַסאַך אוילעם. די כאַווײרים, וועלכע זיינען געפאָרן קיין רוסלאַנד, פלעגן פאַרפאָרן זיך צוגייפריידן וועגן דער 'אַרבעט. איין צייט האָט בא אונדז אַ וואָכן צוויי געוווינט ניקאָליי ניקאָלייעוויטש יאַקאָוולעוו, וואַרוואַרע ניקאָלייעוונעס ברודער. ער איז געפאָרן קיין מאָסקווע אוועקשטעלן דעם באָלשעוויסטישן „גאַש פוט“ (אונדזער וועג) געווען איז ער אַ מויערפעסטער זיכערער באָלשעוויק. איליטש האָט מיט אים זייער פיל גערעדט. די צייטונג האָט ניקאָליי ניקאָלייעוויטש אוועקגעשטעלט, מע האָט זי אָבער איינגיכן פאַרמאַכט, און ניקאָליי ניקאָלייעוויטשן אַרעסטירט. די טויבע איז געווען גאָר אַן איינפאַכע: געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם „גאַש פוט“ האָט מאַלינאָווסקי, דער דעפּוטאַט פון מאָסקווע. מאַלינאָווסקי האָט זייער פיל דערציילט וועגן זיין אַרומפאָרן איבער מאָסקווער גובערניע, וועגן די אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, וואָס ער האָט דורכגעפירט. איך געדענק זיינע אַ דערציילונג וועגן דעם, ווי אַף איינער פון די פאַרזאַמלונגען איז בייגעווען אַ גאָראָדאָוואָי, וועלכער האָט זייער אופמערקזאַם זיך איינגעהערט און זיך געסטאַרעט מיט עפּעס דינען. דערציילנדיק דאָס, האָט מאַלינאָווסקי זייער שטאַרק געלאַכט. מאַלינאָווסקי פלעגט זייער אַסאַך דערציילן וועגן זיך. אַגעוו האָט ער דערציילט אויך וועגן דעם, פאַרוואָס ער איז פרייוויליק אַוועק אַף דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע, ווי אַזוי בייסן פּריזיוו איז דורכגעגאַנגען אַ דעמאָנסטראַציע און ער האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און האָט געהאַלטן אַ רעדע דורכן פענצטער, ווי אַזוי מע האָט אים דערפאַר אַרעסטירט און ווי 'נאָכדעם האָט אים דער פּאָלקאָווניק ארויסגערופן און געזאָגט, אַז אויב ער וועט ניט אַוועקגיין אַף דער מילכאָמע אַלס אַ פרייוויליקער, וועט ער בא אים צעפוילט ווערן אין די טורמעס און אין די אַרעסטאַנטן־ראָ-

טעם. קיין אַנדער אויסוועג, פּלעגט זאָגן מאַלינאָווסקי, האָט ער ניט געהאַט. דערציילט האָט ער אויך, אַז דאָס ווייב זיינס איז געווען אַ גלויביקע, און אַז זי האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַן אַטעיסט, האָט זי שיר ניט גענומען זיך דאָס לעבן, אַז אויך איצט טרעפן באַ איר נערוון-שלאָגן. דאָס גאַנצע דערציילן זיינס איז געווען עפּעס מאָדנע. אַ טייל עמעס איז אין דעם געוויס געווען, דערציילט האָט ער וועגן איבערגעלעבטע זאַכן, ער פּלעגט אָבער, ווייזט אויס, ניט אַלץ דערציילט: ביזן סאָף, דאָס וויכטיקסטע פּלעגט ער דורכלאָזן און האָט געוויס אַסאַך דערציילט ניט ריכטיק.

שפּעטער האָב איך געטראַכט — עפּשער איז די גאַנצע געשיכטע ביים פּריזיוו געווען טאַקע אַ ריכטיקע און, עפּשער, איז זי געווען די סיבע, פאַרוואָס נאָכן צוריקקערן זיך פון פראָנט האָט מען אים אַרויסגעשטעלט אַן אולטימאַטום: אָדער ווערן אַ פּראָוואָקאַטער, אָדער גיין אין טפיסע. די פרוי זיינע האָט טאַקע בעטעמס זייער קרענקלעך איבערגעלעבט, געפּרוּווט זיך נעמען דאָס לעבן, נאָר עפּשער איז די סיבע געווען גאָר אַן אַנדערע, עפּשער איז די סיבע געווען, וואָס זי האָט כוישעד געווען דעם מאַן, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטער. אַלנפאַלס פּלעגט אין מאַלינאָווסקיס דערציילונגען דער ליגן זיין איבערגעפלאָכטן מיט אַ טייל עמעס, אַזוי, אַז דאָס פּלעגט צוגעבן זיין דערציילן אַ כאַראַקטער פון אַ גלויבלעכן פאַקט. לעבאַטשילע איז קיינעם אַפילע אַפן זינען ניט אַרויף, אַז מאַלינאָווסקי קאָן זיין אַ פּראָוואָקאַטער.

אויסער מאַלינאָווסקין האָט די רעגירונג זיך באַמיט צו שטעלן נאָך אַ פּראָוואָקאַטער דירעקט צו דער „פּראַוודאַ“. דאָס איז געווען טשערנאָמאַזאָוו. געוווינט האָט ער אין פּאַריז און, אַז ער איז אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד, איז ער אויך פאַרפאָרן צו אונדז אין קראָקע מיט פּיאַטניצקיס אַ בריוו, געפאָרן איז ער אַרבעטן אין דער „פּראַוודאַ“. אונדז איז טשערנאָמאַזאָוו ניט געפעלן געוואָרן, איך האָב אים אַפילע קיין נאַכטלעגער ניט איינגעאָרדנט און ער האָט געמוזט די נאַכט אַרומשפּאַצירן איבער קראָקע. איליטש האָט צוגעגעבן דער „פּראַוודאַ“ אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג, קימאַט יעדן טאָג געשיקט אַהין צו אַרטיקלען. ער האָט זייער אויפמערקזאַם גערעכנט, ווי וועלכע געלט-זאַמלונגען זיינען דורכגעפירט געוואָרן פאַר דער „פּראַוודאַ“,

וויפל אַרטיקלען און אַף וועלכע טעמעס עס זיינען געשריבן געוואָרן א. ד. גל. אז די „פּראַוודאַ" פלעגט אָפּדרוקן געלונגענע אַרטיקלען, פלעגט פירן אַ ריכטיקע ליניע, האָט ער זיך מוירעדיק געפרייט. איינמאָל, סאָף 1913 יאָר, האָט איליטש אַרויסגעפּאָדערט פון דער „פּראַוודאַ" די צעטלען אַבאָנענטן אַף דער „פּראַוודאַ", און צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד זיינען מיר צוזאַמען מיט דער מוטער מיינער געזעסן גאַנצע אָוונטן, פאַנאַנדערגעשניטן די בויגנס און אונטערגעקליבן די אַבאָנענטן לויט די שטעט און שטעטלעך. אַף נײַן צענטל זיינען די אַבאָנענטן געווען אַרבעטער. עס פלעגט אַריינפאַלן עפּעס אַ שטעטל מיט אַסאַך אַבאָנענטן, — דו טוסט אַ קוק, ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָרט איז פאַראַן עפּעס א גרויסער זאַוואָד, וועגן וועלכן איך האָב אַפילע קיין אנונג ניט געהאַט. די פאַרשפּרייטונג־מאַפּע פון דער „פּראַוודאַ" האָט זיך באַקומען זייער אַן אינטערעסאַנטע. זי איז אָבער געווען ניט געדרוקט. טשערנאָמאַזאָוו האָט זי, ווייזט אויס, אַרויסגעוואָרפן אין קאָרב. איליטשן איז זי זייער געווען געפעלן. עס האָבן אָבער געטראָפן ערגערע פאַלן. אַמאָל, כאָטש טרעפן פלעג עס זעלטן, פלעגן פאַרפאַלן ווערן אַפילע איליטשס אַרטיקלען. אַמאָל פלעגן זיינע אַרטיקלען פאַרהאַלטן זיך, מע פלעגט ניט דרוקן גלייך. דעמאָלט פלעגט איליטש זיין שטאַרק דענערווירט, שיקן אין „פּראַוודאַ" צאָרנדיקע בריוו, העלפן פלעגט עס אָבער ווייניק.

ניט נאָר די, וואָס זיינען געפאָרן קיין רוסלאַנד, פלעגן אַראָפּ אין קראָקע. אויך פון רוסלאַנד פלעגט מען קומען זיך באַראַטן וועגן דער אַרבעט. אַמאָל, געדענק איך, איז געקומען ניקאָליי וואַסיליעוויטש קרילענקאָ, איינגיכן נאָך דעם, ווי אינעסע איז געווען בא אים. געקומען איז ער, קעדיי פעסטער זיך צונויפרעדן וועגן דער פאַרבינדונג. איך געדענק, ווי צופרידן איליטש איז געווען פון זיין קומען. זומער 1913 יאָר זיינען געקומען גניעוויטש און דאַנסקי צונויפרעדן זיך וועגן אַרויסגעבן די »Вопросы Страхования« („סטראַכיר־פּראַגעס") אינעם פאַרלאַג „פּריבאָי". איליטש האָט דער סטראַכיר־קאָמפּאַניע צוגעגעבן אַ גרויסע באַדייטונג, ער האָט געהאַלטן, אַז די דיזיקע קאָמפּאַניע וועט פאַרפעסטיקן די פאַרבינדונג מיט די מאַסן.

האַלב פעוראַל 1913 יאָר איז אין קראָקע פאָרגעקומען א באַראַטונג פון די מיטגלידער פון צ. ק.: געקומען זיינען אונדזערע דעפּוטאַטן, גע=

קומען סטאַלין. איליטש האָט געקאָנט סטאַלינען לויט דער טאַמערפאָרער קאָנפערענץ, לויטן שטאָקהאָלמער און לאָנדאָנער צוזאַמענפאָרן. דאָס מאָל האָט איליטש זייער פיל געשמועסט מיט סטאַלינען וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ער איז געווען זייער צופרידן, וואָס ער באַגעגנט אַ מענטשן, וועלכער אינטערעסירט זיך ערנסט מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע און קלייבט זיך אין איר גוט פאַנאַנדער.

פאַר דעם האָט סטאַלין אַ פּאָר כאַדאָשים געוווינט אין ווין, זיך פאַרנומען דאָרט מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, זיך באַקענט דאָרט נאָענט מיט אונדזער ווינער אוילעם, מיט בוכאַרינען, טראָיאַנאָווסקין. נאָך דער באַראַטונג האָט איליטש געשריבן גאָרקין וועגן סטאַלינען:

„איינער אַ וווּנדערלעכער גרוזינער האָט זיך דאָ באַ אונדז אַוועקגעזעצט און שרייבט אַ גרויסן אַרטיקל פאַר „פּראָסוועשטשעניע“, ער האָט צוליב דעם צונויפגעזאַמלט אַלע עסטרייכישע און אַנדערע מאַטעריאַלן“* איליטש האָט זיך דעמאָלט שטאַרק געוווּרט איבער דער „פּראַוודאַ“, אויך סטאַלין האָט זיך געוווּרט. מע האָט זיך צונויפגערעדט, ווי אַזוי אַוועקצושטעלן די אַרבעט. אַרויסגערופן צו דער דאָזיקער באַראַטונג האָט מען, דאַכט זיך, אויך דעם כ׳ טראָיאַנאָווסקי. מע האָט גערעדט וועגן „פּראָסוועשטשעניע“. וולאַדימיר איליטש האָט אַרויפגעלייגט גרויסע האָפענונגען אויף די טראָיאַנאָווסקיס. טראָיאַנאָווסקאַיאַ יעלענאַ פיאָדאָראָווונאַ (ראָזמיראָוויטש), האָט זיך געקליבן קיין רוסלאַנד. האָט מען גערעדט וועגן דער נייטיקייט אַרויסצוגעבן באַ דער „פּראַוודאַ“ אַ גאַנצע סעריע בראָשורן. פלענער זיינען געווען ברייטע.

קורץ פאַר דעם איז אונדז פון דערהיים אָנגעקומען אַ פּאָסט-פּעקל מיט פאַרשיידענע פישן — סיאָמגע, רויג, באַליק. איך האָב אַרויסגעקראָגן באַ דער מוטער אַ קולינאַר-ביכל און געמאַכט בליגעס. וולאַדימיר איליטשן, וועלכער האָט ליב געהאַט מעכאַבעדער זיין געסט וואָס געשמאַקער און זעטיקער, איז געווען זייער געפעלן דער גאַנצער אויפטו. צוריקקערנדיק זיך קיין רוסלאַנד, דעם 22-טן פעוראַל, איז סטאַלין אין פּעטערבורג אַרעסטירט געוואָרן.

ווען קיין געסט פלעגן ניט קומען, איז דאָס לעבן אונדזער אין קראָקע געגאַנגען גאַנץ איינגאַרטיק. „מיר לעבן“, ווי אין שושאַ,—האָב איך געשריבן צו וולאַדימיר איליטשס מוטער,—מער מיט דער פּאָסט. ביז

* לענין-זאַמלבוך 1, דריטע אויפלאַגע, זייט 142.

11 אזייגער סטאַרען מיר זיך אַרויסשטופּן ווי עס איז די צייט. עלף אזייגער — גייט דורך דער ערשטער בריוו־טרעגער, נאָכדעם קאָנען מיר זיך ניט דערוואַרטן אַף 6 אזייגער". צו די קראָקער ביבליאָטעקן האָט איליטש זיך שלעכט צוגעפּאַסט. ער האָט געהאַט אָנגעהויבן גליטשן זיך אַף גליטשערס, איז אונטערגעקומען דער פרילינג. ערעוו פּאַסכע זיינען מיר מיט אים אַוועק אין „וואָלסקי ליאַס" („וואָלסקער וואַלד"). אין קראָקע איז דער פרילינג א גוטער. אין פריען פרילינג איז אין וואַלד געווען וואונדערבאַר. די קוסטעס האָבן זיך אָנגעטאָן אין געלן צוויט, די צווייגלעך אַף די ביימער האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט פרילינגדיקן זאַפט. דער פרילינג האָט פאַרשיקערט. צוריק אָבער האָבן מיר זיך זייער לאַנג געשלעפּט ביז מיר האָבן זיך דערקליבן אין שטאָט אַריין. ביז דער היים האָט מען געמוזט די גאַנצע שטאָט א דורכגיין צופוס: קיין טראַמוואייען האָבן יענעם טאָג ניט קורסירט—ס'איז געווען ערעוו פּאַסכע, און די קויכעס מיינע האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט. דעם ווינטער 1913 יאָר האָב איך אָפּגעקרענקט, דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן אונטערשטיפּן, די די הענט—ציטערן, דעריקער אָבער, וואָס עס איז מיך באַפאַלן אַן אַלגעמיינע אָפּגעשוואַכטקייט. איליטש האָט געפאָדערט איך זאָל אַריינגיין צו א דאָקטער, בין איך אַוועק. דער דאָקטער האָט געזאָגט: א שווערע קרענק, די נערוון זיינען אונטערגעריסן, דאָס האַרץ איז איבערגעבוירן — באַזעדאָו־קרענק, מע מוז פאָרן אין די בערג, קיין זאַקאָפּאַנע. געקומען אַהיים און דערציילט, וואָס דער דאָקטער האָט מיר געזאָגט. דעם שוסטערס פרוי, וואָס פלעגט קומען צו אונדז הייצן די אויוונס און גיין אין קלייט אַריין איינקויפן איז געוואָרן אופגעבראַכט: „איר זייט א נערוויישע? נאָר די פריצטעס זיינען דאָך נערוויש, זיי שליידערן זיך מיט טעלער!" קיין טעלער פלעג איך טאַקע ניט שליידערן, צו דער אַרבעט אָבער האָב איך שוין אין אַזאַ צושטאַנד ווייניק וואָס געטויגט.

אַף זומער האָבן מיר, די זינאָוויעווס און די באַגאָצקיס מיט זייער באַרימטן הונט זשוליק, זיך אַריבערגעצויגן קיין פּאָראָנין, זיבן קילאָמעטער פון זאַקאָפּאַנע. זאַקאָפּאַנע אַליין איז צופיל באַזעצט געווען מיט מענטשן און ס'איז דאָרט געווען זייער טייער. פּאָראָנין — איז פּראָסטער און וועלוועלער. א דאַטשע האָבן מיר אָפּגעדונגען א גראַמע. דאָס אָרט איז געווען א הויכס — 700 מעטער, א פאָדערבאַרג פון די טאַטרען. די לופט איז געווען א וואונדערבאַרע, כאָטש עס איז געשטאַ־

נען א שטענדיקער נעפל און אָפט האָט געטריפט א קליין רעגנדל. דערפאַר אָבער אין דער צווישנצייט איז דער לאַנדשאַפט מיט די בערג געווען אַ פראַכטפולער. מיר פלעגן זיך פאַרקלייבן אַפן פלאַטבאַרג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בײַ אונדזער האַטשע, און געקוקט אַף די שניי=ווייסע באַרג=שפּיצן פון די טאַטרען. שיינע בערג. איליטש פלעגט אַמאָל צופאָרן באַנאַנד מיט באַגאָציקין קיין זאַקאָפּאַנע און דאָרטן צוזאַמען מיטן זאַקאָפּאַנער אוילעם (מיט ווינעליעוון) פלעגט ער מאַכן גרויסע עקסקורסיעס אין די בערג. שפּרייזן אין די בערג האָט איליטש זייער ליב געהאַט. מיר פערזענלעך האָבן די בערג ווייניק=וואָס געהאָלפן. איך בין אַלץ מער און מער געוואָרן אַן אינוואַליד. איליטש האָט זיך אָן אייצע געהאַלטן מיט באַגאָציקין — באַגאָציקי איז געווען אַ דאָקטער אַ נעוווראָפּאַטאָלאָג, — און איז באַשטאַנען דערויף, אַז איך זאָל פאָרן אין בערן אָפּערירן זיך בײַ קאָכערן. אָוועקגעפאָרן זיינען מיר האַלב יוני, אַפן וועג פאַרפאָרן קיין ווין, געווען בײַ די בוכאַרינס. ניקאָליי איוואַנאָוויטשעס פרוי — נאַדיעזשדאַ מיכיילאָוונאַ — איז געלעגן צו בעט, ניקאָליי איוואַנאָוויטש האָט זיך פאַרנומען מיט דער באַלעבאַטישקייט, געשאָטן אין זופּ צוקער אַנשטאָט זאַלץ און זייער לעבהאַפט געשמועסט מיט איליטשן וועגן די פראַגעס, וואָס האָבן אינטערעסירט איליטשן, דערציילט וועגן דעם ווינער אוילעם. מיר האָבן זיך אויך געטראָפן מיט אייניקע ווינער כאַווירים, אביסל אַרומגעשפּאַצירט איבער ווין — אַן אייגנאַרטיקע איז זי, א גרויסע הויפּשטאָט. נאָך קראָקע איז זי אונדז שטאַרק געפעלן געוואָרן. אין בערן האָבן איבער אונדז גענומען שעפּטום די שקלאָווסקיס, וועלכע האָבן זיך מיט אונדז היפּש אַרומגעפירט. זיי האָבן זיך אָפּגעדונגען אַ באַזונדער שטיבל מיט א פרוכטגאָרטן. איליטש פלעגט שטיפן מיט די יינגערע מיידלעך, געריצט זיך זשעגאַריקען. בײַ דריי וואָכן בין איך אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל. אַ האַלבן טאָג פלעגט איליטש אָפּזיצן בײַ מיר, די איבעריקע צייט פלעגט ער פאַרברענגען אין די ביבליאָטעקן, זייער פיל געלייענט, איבערגעלייענט אפילע אַ גאַנצע רײַ מעדיצינישע ביכער וועגן דער באַזעדאָן=קראַנקייט, פאַרשריבן אויסצוגן איבער פראַגעס, וואָס האָבן אים אינטערעסירט. פאַר דער צייט וואָס איך בין געלעגן אין שפּיטאָל, איז ער געפאָרן מיט רעפעראַטן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע קיין ציוריך, זשענעווע און לאָזאַן. אַף דערזעלבער טעמע האָט ער געלייענט אַ רעפעראַט

אויך אין בערן גופא. אין בערן איז — שוין נאָך מיין ארויסגיין פון שפּיטאָל — פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון די אויסלענדישע גרופּעס, וווּ מע האָט באַהאַנדלט די זאַכלאַגע אין דער פּאַרטיי. נאָך דער אָפּעראַציע וואָלט מען באַדאַרפט נאָך א פּאָר וואָכן פאַרברענגען אין א האַלב-ליגנדיקן צושטאַנד אין בעאַטענבערג, וווּהין קאָכער האָט געשיקט, אָבער פון פּאָראָנין זיינען אָנגעקומען ידיעות, אַז עס זיינען פאַראַן אַסאַך זייער עקסטרע איניאַנים, עס איז אָנגעקומען א טעלעגראַמע פון די זינאָוויעווס און מיר האָבן זיך געלאָזן צוריק אין וועג אַריין.

מיר זיינען פאַרפאָרן קיין מינכען. דאָרטן האָט דעמאָלט געוווינט באָריס קניפּאָוויטש — דעם „פּעטערלס“, לידיאַ מיכיילאָוונאַ קניפּאָוויטשעס, א פּלימעניק. וועמען איך האָב געקאָנט פון קינדווייז אָן. אַז ער איז אַלט געווען פיר יאָר, פלעגט דער בלוויגיקער באָריסקע אַרופקריכן צו מיר אויף די קני, אַרומוויקלען די הענטלעך אַרום מיין האַלדז און באַשטעלן: „קרופּאַ — דאָס מייסעלע מיט דעם בלייענעם סאָלדאַטל“ אין די יאָרן 1905—1907 איז באָריס שוין געווען אַן אַקטיווער אָרגאַניזאַטאָר פון גימנאַזיסטישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע קרייזלעך. זומער 1907 יאָר, נאָך דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר, האָט איליטש געוווינט אין פינלאַנד בא די קניפּאָוויטשעס אויף א דאַטשע אין סטירסודען. באָריס איז דעמאָלט נאָך געווען א גימנאַזיסט און האָט זייער אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס איליטש האָט גערעדט, ער האָט געוווּסט מיט וואָס פאַר אַן אַכטונג און ליבע עס האָט זיך באַצויגן צו איליטשן דער „פּעטערל“.

אין 1911 יאָר האָט מען באָריסן אַרעסטירט און שפּעטער אַרויסגעשיקט קיין אויסלאַנד, וווּ ער האָט געלערנט אינעם מינכענער אוניווערסיטעט. אין 1912 יאָר איז דערשינען זיין ערשטע ווערק „צו דער פראַגע וועגן דער דיפערענציאַציע פונעם רוסישן פויערטום“. ער האָט די אַרבעט זיינע צוגעשיקט איליטשן. עס האָט זיך פאַרהיט איליטשעס בריוו צו באָריסן — עפעס אָנגעשריבן איז ער מיט א באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט און זאָרגזאַמקייט צום יונגן אַווטאָר. „מיט גרויס פאַרגעניגן האָב איך איבערגעלייענט אייער בוך און בין געווען שטאַרק צופרידן זעענדיק, אַז איר האָט זיך גענומען פאַר א גרויסער ערנסטער אַרבעט. אויף אַזאַ מין אַרבעט וועט זיך זיכער איינגעבן דורכקאָנטראָלירן, פאַרטיפן און פאַרפעסטיקן די מאַרקסיסטישע איבערצייגונגען“.

און ווייטער מאַכט איליטש זייער פאָרזיכטיק אייניקע באַמערקונגען און גיט אים עטלעכע מעטאָדישע אָנווייזונגען.

אַז איך לייען ווידער אַמאָל דעמדאָזיקן בריוו, דערמאָן איך זיך איליטשס באַציונג צו די ווייניק דערפאַרענע אַווטערס. ער האָט געקוקט אין טאָג אַריין, אין גרונט און באַטראַכט, ווי אַזוי העלפן, פאַריכטן. געטאָן האָט ער עס אָבער זייער פאָרזיכטיק, אַזוי, אַז אַן אַנדער אַווטער פלעגט ניט פאַרשטיין אַפילע, אַז מע פאַריכט אים. און העלפן אין דער אַרבעט האָט איליטש זעלטן גוט געקאָנט. ער וויל, צום בײַשפּיל, איבערגעבן עמעצן אָנשרײַבן אַן אַרטיקל, ער איז אָבער ניט זיכער, אַז יענער וועט אָנשרײַבן ווי געהעריק, פלעגט פריער פאַרפירן מיט אים אַ ברייטן געשפּרעך אַף דערדאָזיקער טעמע, אַנטוויקלען אים זײַנע געדאַנקען, פאַרינטערעסירן דעם מענטשן מיט דער טעמע, פלעגט אים דורכזאָנדירן ווי עס דאַרף צו זײַן און ערשט נאָכדעם אים פאָרלייגן: „וואָלט איר עפּעס אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אַף אָט דער טעמע?“ און דער אַווטער פלעגט אַפילע ניט באַמערקן, אַף וויפל דער געשפּרעך פאַר דעם מיט איליטשן האָט מיטגעהאָלפן באַם שרײַבן, ער פלעגט ניט באַמערקן, אַז ער שטעלט אַרײַן אינעם אַרטיקל איליטשס ווערטלעך און אַפילע גאַנצע אויסדרוקן.

קיין מינכען האָבן מיר געוואָלט פאַרפאָרן אַף אַ פּאָר טעג, קעדיי אַ קוק טאָן, וואָס פון אים איז געוואָרן זינט 1902 יאָר, ווען מיר האָבן דאָרט געוווינט. נאָר אַזוי ווי מיר האָבן זייער געאײַלט, האָבן מיר זיך דאָרט אָפּגעשטעלט נאָר אַף עטלעכע שאָ — פון איין צוג ביזן צווייטן. באַריס מיט זײַן פרוי זײַנען געקומען אונדז באַגעגענען, און מיר האָבן אַלע פאַרבראַכט די עטלעכע שאָ אין אַ רעסטאָראַן, וועלכער איז געווען באַרימט מיט עפּעס גאָר אַ באַזונדערן מין ביר; — „Hof-Bräu“ (האָפבריי) האָט געהייסן דער רעסטאָראַן, אַף די ווענט, אַף די ביר-גלעזער — אומעטום זײַנען געווען די אויסיעס „N.B.“ — „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ — האָב איך אַ זאָג געטאָן אין אַ שפּאַס. אין אָט דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ זײַנען מיר אָפּגעזעסן דעם אָוונט מיט באַרי'ן. איליטש האָט געלויבט דעם מינכענער ביר מיט אַ מינע פון אַ גרויסן מייוון און ליבהאָבער. גערעדט האָבן זיי מיט באַריסן וועגן דער דיפערענציאַציע פונעם פּויערטום, מיר אַלע האָבן דערמאָנט דעם „פּעטערל“, לידיאַ מיכײַלאָוונע קניפּאָוויטש, וועלכע איז אויך געווען שווער

קראַנק מיט דער באַזעדן־קראַנקייט. איליטש האָט טאַקע גלייך אויפן אָרט איר אָנגעשריבן אַ בריוו, ווו ער רעדט זי צו זי זאָל פאָרן קיין אויסלאַנד אָפּערירן זיך בײַ קאָכערן. קיין פּאָראָנין זײַנען מיר געקומען צופאָרן אָנהייב אווגוסט דאַכט זיך דעם 6־טן אין פּאָראָנין האָט אונדז באַגעגנט דאָס געוויינלעכע פּאָראָנינער רעגנדל, ל. ב. קאַמענעוו און אַ גאַנצע רייַ נײַס, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו רוסלאַנד.

אפן 9־טן איז געווען באַשטימט אַ באַראַטונג פון די צ.ק.־מיטגלי־דער. די „פּראַוודאַ" האָט מען צוגעמאַכט און עס האָט אָנגעהויבן דערשײַנען די „ראַבאָטשאַיאַ פּראַוודאַ" אָבער קימאַט יעדער נומער פלעגט ארעסטירט ווערן. האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטרייק־כוואַליע. מע האָט געשטרייקט אין פּיטער, אי ריגע, אין ניקאָלייעוו, אין באַקו. פון די דעפּוטאַטן געדענק איך נאָר מאַלינאָווסקין; מע האָט גערעדט וועגן די צייטונגען, וועגן „ראַבאָטשאַיאַ פּראַוודאַ", וועגן אַ מאָסקווער צייטונג, וועגן „פּראָסוועשטשעניע", וועגן דעם פאַרלאַג „פּריבאָי", וועגן דער טאַקטיק, בײַ וועלכער מע דאַרף זיך האַלטן אַף די פּאָרשטיי־ענדיקע צוזאַמענפאָרן פון די קאָאָפּעראַציע־מוער און פון די אָנגע־שטעלטע און וועגן די אָרדנטלעכע פראַגעס.

קאַמעניעוו האָט זיך באַזעצט בײַ אונדז אינדערהויף און אין די אָוונטן פלעגט ער מיט איליטשן זייער שפּעט זיך פאַרזיצן אין אונדזער גרויסער קיך און באַהאַנדלען די ידיעות, וואָס קומען אָן פון רוסלאַנד.

מע האָט זיך געגרייט צו דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, צו דער אַזוי גערופענער „זומער־באַראַטונג". פאָרגעקומען איז זי אין פּאָראָנין פון 22־טן סעפּטעמבער ביזן ערשטן אָקטיאַבער. געקומען צו דער באַראַטונג זײַנען אַלע דעפּוטאַטן, אויסער סאַמאָילאָוו, צוויי מאָסקווער וואַלמוע־נער, נאָוואָזשילאָוו און באַלאַשאָוו, פון קיעוו — ראָזמיראָוויטש, פון אוראַל — סימאַ דעריאַבינאָ, פון פּיטער — שאָטמאַן און אַנד. פון „פּראָסוועשטשעניע" איז געקומען טראָיאַנאָווסקי, פון די פּאָליאַקן — גאַנעצקי און דאָמסקי און נאָך צוויי ראָזלאָמאָווצעס (די ווירקונג פון די ראָזלאָמאָווצעס האָט זיך דעמאָלט פאַרשפּרייט אַף די צוויי גרעסטע אינדוסטריעלע ראַיאָנען — וואַרשעווער, לאָדזשער, דאָמבראָווער און קאַ־לישער. אינמיטן דער קאָנפערענץ איז געקומען אינעסאַ ארמאַנד. מע האָט זי ארעסטירט אין סעפּטעמבער 1912 יאָר, און אינעסאַ איז געזעסן אַף אַ פרעמדן פּאַספּאָרט, אין זייער שווערע באַדינגונגען. דאָס האָט

אינטערגעריסן איר געזונט און בײַ איר האָבן זיך גענומען ווײַזן סימאַניט פון טובערקוליאָז. אָבער די ענערגיע אירע האָט מיך אף קיין האָר ניט געמינערט, נאָר פאַרקערט נאָך מיט דער לײַדנשאַפט האָט זי זיך באַצויגן צו אַלע פראַגעס פון פּאַרטיי־לעבן. מיר, אַלע קראַנקער כאַווירים, האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט איר קומען.

אינגאַנצן זײַנען אף די באַראַטונג בײַגעווען 22 מאַן. מע האָט באַשלאָסן אַוועקשטעלן די פראַגע וועגן צונויפרופן אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. פונעם פינפטן צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן איז שוין אַוועק זעקס יאָר. פון יענער צײַט אָן האָט זיך די לאַגע זייער פיל געענדערט. דער וווּקס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געפאָדערט, מע זאָל צונויפרופן אַ צוזאַמענפאָר. אף דער באַראַטונג איז געשטאַנען די פראַגע וועגן דער שטרייק־באַוועגונג, וועגן צוגרייטן אַן אַלגעמיין פּאָליטישן שטרייק, וועגן די אויפגאַבעס פון דער אַגיטאַציע, וועגן אַרויסגעבן אַ גאַנצע ריי פּאָפּוליערע בראָשורן, וועגן דער ניט דערלאָזבאַרקייט צו שנײַדן בײַ דער אַגיטאַציע די לאָזונגען פאַר אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, פאַר קאָנפיסקירן די גוטבאַזיצערישע ערדן, פאַר אַן אַכט־שאָיקן אַרבעטס־טאָג. מע האָט אויך באַהאַנדלט די פראַגע וויאַזוי צו פירן די אַרבעט אין די לעגאַלע געזעלשאַפטן, ווי צו פירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעט אין דומע. אַ באַזונדערע באַדײַטונג האָבן געהאַט די באַשלוסן וועגן דער נייטיקייט צו דערשלאָגן זיך די גלײַכבאַרעכטיקונג פון דער באָלשעוויסטישער און מענשעוויסטישער גרופּעס אינווייניק אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע, וועגן דער ניטדערלאָזבאַרקייט צו איבערוועגן מיט איין שטים די באָלשעוויקעס מיצאַד דעם זיבעטל, וועלכער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט בלויז אַן אומבאַדײַטנדיקע מינדערהייט אַרבעטער. די צווייטע וויכטיקע רעזאָליוציע, וואָס מע האָט דעמלט אָנגענומען, איז איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע; די רעזאָליוציע האָט אינגאַנצן אָפּגעשפּיגלט וולאַדימיר איליטשס אָנשויונגען איבער דערדאָזיקער פראַגע. איך געדענק נאָך די שטרײַטן איבער דעם, וואָס זײַנען פאָרגעקומען בײַ אונדז אין דער גרויסער קיך, איך געדענק די לײַדנשאַפטלעכקייט, מיט וועלכער דידאָזיקע פראַגע האָט זיך דעבאַטירט.

דאָס מאָל האָט זיך מאַלינאָווסקי דערנערווירט ביז גאָר. באַנאַכט פלעגט ער זיך אָנטרינקען ביז שיכּער, האָט געוויינט אפן קאָל און געמיינט, אַז מע באַציט זיך צו אים מיט אומצוטרוי. איך געדענק, ווי־

אזוי די מאָסקווער וואָלמענער באָלאשאָוו און נאָוואָזשילאָוו זײַנען געווען אופגעבראַכט פון זײַן אופירונג. עפּעס האָבן זיי אין אַלע זײַנע שטיק און דעריקלערונגען דערפילט אַ ניט אופריכטיקייט, אַ פאַלשע שפּיל.

נאָך דער באַראַטונג האָבן מיר נאָך באַ צוויי וואָכן געוווינט אין פּאָראָגין, אַסאַך געשפּאַצירט, איינמאָל געגאַנגען צום „משאָרני סטאַוו“. אַ זעלטן שיינע באַרג=אָזערע, און נאָך ערגעץ אין די בערג.

די האַרבסט=צײַט האָבן מיר אַלע, אונדזער גאַנצע קראָקער גרופּע, שטאַרק זיך דערנעענטערט מיט אינעסען. זי האָט אין זיך פאַרמאָגט אַסאַך לעבנסלוסטיקייט און היציקן ברויז. אינעסען האָבן מיר געקענט פון פּאַריז, דאָרטן איז אָבער געווען אַ צו גרויסע קאָלאָניע, און אין קראָקע האָבן מיר אַלע געלעבט אין אַן ענגן כאַווערישן קרייז. אינעסע האָט געדונגען אַ צימער אינעם זעלבן הויז, וווּ עס האָט געוווינט ל. ב. קאַמעניעוו. צו אינעסען האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן די מוטער מײַנע, צו וועמען אינעסע פלעגט אָפט אַרײַנקומען אביסל זיך דורכשמועסן, זיצן, רויכערן. אַז אינעסע פלעג אַרײַנקומען, פלעגט באַלד ווערן עפּעס היימלעכער און פריילעכער.

דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס איז געווען פאַרפולט מיט פּאַרטייזאָרגן און מיט אַרבעט, דאָס לעבן איז געווען מער ענלעך אַף אַ סטודענטיש, ווי אַף אַ פאַמיליע=לעבן, און מיר פלעגן זײַן זייער צופרידן, ווען אינעסע פלעג אַרײַנקומען צו אונדז. דאָסמאָל האָט זי זייער פיל דערציילט וועגן זיך, וועגן איר לעבן, וועגן אירע קינדער, באַוויזן אונדז זייערע בריוו און עפּעס אַ מילדע וואַרעמקייט האָט געווייט פון איר דערציילן. איך, איליטש און אינעסע פלעגן זייער פיל אַרומשפּאַצירן. זינאָוויעוו און קאַמעניעוו האָבן אונדז דערפאַר אָנגערופן די „פּאַרטיי שפּאַצירער“. גיין פלעגן מיר אַפן עק שטאָט, אַף דער לאָנקע (לאָנקע הייסט אַף פּויליש — „בלאָניע“). אינעסע האָט זיך אַפילע דערפון אַ פּסעוודאָנים גענומען — בלאָנינאַ. אינעסע איז געווען זייער אַ גוטער מוזיקאַנט און האָט אונדז אַלעמען איבערגערעדט, מיר זאָלן גיין אַף בעטהאָווענס קאָנצערטן. זי אַליין האָט אויך זייער גוט געשפּילט בעטהאָווענס זאַכן.. באַזונדערס ליב געהאַט האָט איליטש די „פּאַטעטישע סאָנאַטע“. שטענדיק פלעג ער זי בעטן שפּילן דידאָזיקע זאַך. ער האָט זייער ליב געהאַט מוזיק. שפּעטער שוין, אין דער צײַט פון דער ראָמאַנ=

מאכט, איז ער געגאנגען צו ציווּפען הערן, ווי עפעס איינער א באַרימ-
טער מוזיקאנט האָט געשפּילט דיראָזיקע סאָנאטע. זייער פיל האָבן
מיר דעמאלט גערעדט וועגן בעלעטריסטיק. „אָן וואָס מיר הונגערן דאָ
בעעמעס, דאָס איז אָן בעלעטריסטיק", — האָב איך געשריבן צו וואָלאָ-
דימיר איליטשעס מוטער. — וואָלאָדיע האָט שוין קימאט אף אויסנ-
ווייניק אויסגעלערנט נאַדסאָנען און נעקראַסאָוון. א צעוואָרפן בענדל
„אַנאַ קאַרעניִנאַ" האָט מען שוין דורכגעלייענט א מאָל הונדערט.
אונדזער בעלעטריסטיק (א נישטיקן טייל דערפון, וואָס עס איז געווען
אין פּיטער) האָבן מיר איבערגעלאָזט אין פּאַריז, און דאָ איז ניט צו
קריגן קיין רוסיש ביכל. אמאָל לייענען מיר דורך מיט קינע א מו-
דאָע פון בוקיניסטן וועגן אוספּענסקיס 28 בענדער, פּושקינס 10 בענ-
דער און אַנד. ווי אף צולאָכעס איז וואָלאָדיע איצט דאַפקע געוואָרן א
פלייסיקער „בעלעטריסט". און דערצו נאָך א מוירעדיקער נאַציאָנאַ-
ליסט. אף אַן אויסשטעלונג פון פּוילישע קינסטלער וועסטו אים מיט
גוואַלד ניט פאַרשלעפּן, דערפאַר אָבער האָט ער ערגעץ געפאַקט בא
באַקאַנטע עפּעס אַן אַלטן אַרויסגעוואָרפענעם קאַטאַלאָג פון טרעטיאַ-
קאָווער גאַלעריי און ניט איינמאָל אין אים זיך פאַרטיפט"*.

פון אָנהייב אָן האָט מען גערעכנט, אַז אינעסע וועט פאַרבלייבן
אין קראָקע און וועט אַרויסרופן צו זיך די קינדער פון רוסלאַנד; איך
בין אפילע אומגעגאַנגען מיט איר זוכן א דירע. דאָס לעבן אין קראָקע
איז אָבער געווען זייער אַן איינגעשלאָסנס, אביסל דערמאָנט אָן א
פאַרשיקונג. אינעסע האָט ניט געהאַט וווּ פאַנאַנדערצוּוויקלען די ענער-
גיע, וואָס האָט זיך בא איר געהאַט אָנגעזאַמלט צו יענער צייט בא-
זונדערס פיל. האָט זי באַשלאָסן פריער באַזוכן אַלע אונדזערע אויס-
לענדישע גרופּעס, דורכלייענען דאָרט א ריי רעפעראַטן און נאָכדעם
זיך באַזעצן אין פּאַריז, אָוועקשטעלן דאָרט די אַרבעט אין אונדזער
קאָמיטעט פון די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס. פאַר איר אָפּפאָרן
האָבן מיר מיט איר זייער פיל געשמועסט וועגן דער אַרבעט צווישן די
פרויען. אינעסע איז שטאַרק געווען דערפאַר, אַז מע זאָל ברייט אָוועק-
שטעלן די פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטרנס, אַרויסגעבן אין פּיטער
א ספּעציעלן פרויען-זשורנאַל פאַר אַרבעטערנס, און איליטש האָט גע-

---

* וו. אי. לענין, „בריוו צו די קרויווים", אויסגאַבע פון „גיז" 1931 י. ז. 395—396.

שרײַבן צו אַנאַ איליניטשנע וועגן דער טעטיקייט ארויסצוגעבן אַזאַ מין זשורנאַל. אינגיכן האָט ער טאַקע אָנגעהויבן דערשײַנען. מיט איר גרייטערדיקער טעטיקייט האָט אינעסע זייער פיל אויפגעטאָן צו אַנטוויקלען די אַרבעט צווישן די אַרבעטערנס, ניט ווייניק קויכעס האָט זי אָפּגעגעבן אויף דעמדאָזיקן איניען.

אין יאַנוואַר 1914 יאָר איז קיין קראָקע געקומען צופאָרן מאַלינאָווסקי און צוזאַמען מיט איליטשן איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז, און פון דאָרטן קיין בריסעל, קעדיי בײַזײַן אויפן פערטן צוזאַמענפאָר פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטן פון לעטלאַנד, וועלכער האָט זיך געעפנט דעם 13 יאַנוואַר.

אין פּאַריז האָט מאַלינאָווסקי געמאַכט — ווי איליטש האָט דערציילט זייער אַ געלונגענעם פּאָרטראַג וועגן דער אַרבעט פון דער דומע-פראַקציע. איליטש האָט דורכגעלייענט אַ גרויסן אָפנעם פּאָרטראַג וועגן דער נאַציאָנעלער פראַגע, איז אַרויסגעטראָטן אויף אַ מיטינג, געווידמעט דעם 9-טן יאַנוואַר און אין אַ גרופּע פּאַריזער באָלשעוויקעס איז ער ארויסגעטראָטן מיקויעד דעם, וואָס די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ קלייבט זיך אַרײַנמישן אין די רוסישע איניאָנים מיט קאָמפּראָמיס-צילן און וועגן קאוטסקים רעדע אויף דער באַראַטונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ אין דעקאַבער-כוידעש וועגן דעם, אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד איז געשטאָרבן. אָט די אַרײַנמישונג מיצאַד דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ אין די רוסישע איניאָנים האָט זייער שטאַרק אויפגערעגט איליטשן, וועלכער האָט געזען, אַז דידאָזיקע אַרײַנמישונג קאָן זײַן נאָר אַ שטערונג פאַר דער אַלץ וואַקסנדיקער באָלשעוויסטישער ווירקונג אין רוסלאַנד. איליטש האָט אַוועקגעשיקט גיויסמאַנסן אַ באַריכט וועגן דער זאַכלאַגע אין דער פּאַרטיי. אויפן פערטן צוזאַמענפאָר פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטן פון לעטלאַנד האָבן געזיגט די באָלשעוויקעס. אויפן צוזאַמענפאָר זײַנען בײַגעווען די כ'כ' בערזין, לאַציס, הערמאַן, און אַ גאַנצע ריי אַנדערע לעטלענדער באָלשעוויקעס. איליטש איז אַרויסגעטראָטן אויפן צוזאַמענפאָר מיט אַ רעדע און האָט גערופן די לעטן, זיי זאָלן זיך פאַרייניקן צום צענטראַל-קאָמיטעט. אין אַ בריוו צו דער מוטער האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן, אַז דידאָזיקע נעסיע קיין פּאַריז האָט אים אָפּגעפרישט.

„פּאַריז איז אַ שטאָט זייער ניט קיין באַקוועמע צו לעבן דאָרט, ווען מע האָט באַשיידענע געלט-מיטלען און דערצו איז זי אַ שטאָט, וואָס פאַרמאַטערט זייער. אָבער אָפּזיין דאָרט אַ קורצע צייט, באַזוכן, דורכפאָרן זיך — איז ניטאָ קיין בעסערע, קיין פריילעכערע שטאָט. איך האָב זיך ווי געהעריק אויפגעטרייסלט“ *.

ווינטער, ווי נאָר וולאַדימיר איליטש האָט זיך צוריקגעקערט פון פּאַריז, האָט מען באַשלאָסן אַוועקשיקן קאַמעניעוון קיין רוסלאַנד ער זאָל דאָרט אָנפירן מיט דער „פּראַווּדאַ“ און מיט דער אַרבעט פון דער דומע-פראַקציע. סיי די צייטונג, סיי די דומע-פראַקציע האָבן זיך געניייטיקט אין הילף. נאָך קאַמעניעוון זיינען געקומען די פרוי און זיין קליין יינגל.

קאַמעניעוו, יאַטל און זינאָוויעוו סטיאָפּע האָבן זייער ערנסט זיך געקריגט וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס פּעטערבורג — אַ שטאָט אָדער רוסלאַנד. מע האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן פאָרן. מיר זיינען אַלע געגאַנגען זיי באַגלייטן צום וואָקזאַל. געווען איז דאַן אַ קאַלטער ווינטער-אָוונט. גערעדט האָט מען ווייניק, און נאָר דאָס יאַטל קאַמעניעוו האָט עפּעס געטיינעט. די שטימונג בײַ אַלעמען איז געווען אַ געשפּאַנטע, אָן אָנגעשטרענגטע. עס האָט זיך געטראַכט: ווי לאַנג וועט קאַמעניעוו זיך איינגעבן דאָרטן אויפהאַלטן זיך? ווען וועט עס איצט אויסקומען זעען זיך, ווען וועלן מיר שוין אויך אַמאָל פאָרן קיין רוסלאַנד? יעדערער פאַר זיך האָט געטרוימט וועגן רוסלאַנד, עס האָט געצויגן אַהין מוירעדיק. מיט פלעגט זיך אָפט כאָלעמען די מאָסקווער ראָגאַטקע (זאַסטאַווע) ריידן אַף דערדאָזיקער טעמע פלעגן מיר אויסמיידן, אָבער יעדערער פאַר זיך האָט וועגן דעם געטראַכט.

דעם 8-טן מאַרט 1914 יאָר איז אין פּיטער דערשינען דער ערשטער נומער „ראַבאָטניצאַ“ („די אַרבעטערין“) — אַ פּאָפּולערער זשורנאַל. אַ נומער האָט געקאָסט 4 קאָפּיקעס. דער פּעטערבורגער קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזן פלוג-בלעטלעך וועגן דעם פרויען-טאָג. אינעם זשורנאַל „ראַבאָטניצאַ“ האָבן געשריבן פון פּאַריז אינעסע און סטאַל, פון קראָקע — לילינע און איך. דערשינען זיינען זיבן נומערן. אינעם אַכטן נומער האָט מען גערעכנט געבן אַרטיקלען אין צו-

* לעניו, „בריוו צו די קרוווים“ אויסגאַבע „גיז“ 1931 זייטן 389—400.

זאַמענהאַנג מיטן פאָרשטייענדיקן סאָציאַליסטישן פרויען=קאָנגרעס אין ווין, ער האָט שוין אָבער ניט באַוויזן צו דערשיינען — עס איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע.

דעם פאַרטיי=צוזאַמענפאָר האָט מען זיך געקליבן איינאָרדענען ביים אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס, וועלכער איז געווען אָנגעמערקט אַף אַווגוסט כוידעש אין ווין. מע האָט גערעדט, אַז אַ טייל אוילעם וועט קאָנען דורכפאָרן לעגאַל. נאָכדעם איז געווען אָנגעמערקט צו אָרגאַניזירן דורך די קראָקער ארבעטער=דרוקער — א מאַסאָוון איבערגיין די גרענעץ אַלס עקסקורסאַנטן.

אין מיי זיינען מיר ווידער אַריבערגעפאָרן קיין פּאָראָנין.

אַף דורכצופירן די צוגרייט=קאַמפאַניע צום צוזאַמענפאָר זיינען אין פיטער מאָביליזירט געוואָרן קיסעליעוו, גליעבאָוו=אָווילאָוו און אַניע ניקיפאָראָווע. זיי זיינען געקומען קיין פּאָראָנין צונויפרייידן זיך וועגן אַלץ מיט איליטשן. דעם ערשטן טאָג זיינען מיר א לאַנגע צייט געזעסן אַפן בערגל, נעבן אונדזער „דאַטשע“, און דער אוילעם האָט דערציילט וועגן דער רוסישער ארבעט. געווען איז דער אוילעם א יונגער, פול מיט ענערגיע, און איליטשן איז ער שטאַרק געפעלן געוואָרן. גליעבאָוו=אָווילאָוו האָט עפעס די גאַנצע צייט זיך איבערגעוועקען מיט קיסעליעוון. אַף מאָרגן האָבן זיי דערציילט דעם סאָד. ווייזט זיך אַרויס, אַז גליעבאָוו=אָווילאָוו האָט געלערנט אין דער באָלאָנער שול, נאָר איצט איז ער אַוועק פון די וופעריאָדאָוצעס. איליטש האָט געצייגט די געסט, זיי זאָלן זיך דורכשפאַצירן אין די בערג. אַליין האָט ער זיך עפעס ניט געפילט מיט אַלעמען, איז דער אוילעם אַוועק אַליין. נאָכדעם האָבן זיי דערציילט, ווי אַזוי און וווהין זיי זיינען אומגעקראָכן, און האָבן געלאַכט — געדראַפעט האָבן זיי זיך אַף אַ גלייכן באַרג און די זעק האָבן זיי שטאַרק באַלעסטיקט. זיי האָבן דערציילט, ווי אַזוי זיי האָבן געטראָגן די זעק לויט דער ריי און ווען די ריי איז דערגאַנגען צו אַניען, האָבן אַלע פאַרביי געלאַכט און איר געצייגט, זי זאָל שוין פאַר איין וועגס אַרופוואַלגערן אַף די אַקסלען אויך די באַגלייטער אירע.

מע האָט זיך צונויפגערעדט וועגן דעם כאַראַקטער פון דער אַגיטאַציע פאַרן צוזאַמענפאָר. באַקומען אַלע נייטיקע איינשטעלונגען, איז קי=

סעליעוו אוועקגעפֿאָרן אין באַלטיש=קאַנט, און גליעבאָוו=אַווילאָוו און אַניע ניקיפֿאָראָווע — אַף אוקראַינע.

פֿון מאָסקווע איז געקומען אויך אַליע, דער געוועזענער שילער פֿון דער קאַפּריער שול, וואָס איז נאָכדעם געוואָרן אַ פּראָוואָקאַטער. איך געדענק שוין ניט, אונטער וואָס פֿאַר אַן אויסרייד איז ער דעמאָלט געקומען, נאָר גערעדט האָט זיך וועגן דעם פֿאָרשטייענדיקן צוזאַמענפֿאָר: די אָכראַנקע האָט דאָך געמוזט האָבן גענויע ידיעות וועגן די צוגרייטונגען צום צוזאַמענפֿאָר.

אַף זומער=צייט האָט איַנעסע אויסגעשריבן אירע קינדער פֿון רוסלאַנד און זיך באַזעצט באַם יאַם אין טריעסט, זי האָט געגרייט אַ פֿאָרטראַג צום אינטערנאַציאָנאַלן פֿרויען=קאָנגרעס, וועלכער האָט געזאָלט פֿאָרקומען אין ווין גלייכצייטיק מיטן קאָנגרעס פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל. אויסגעקומען אַרבעטן איז איר אויך אַף אַ צווייטער ליניע. האַלב יוני האָט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ אָנגעמערקט צונויפֿצורופֿן אין בריסעל אַ באַראַטונג פֿון עלף אָרגאַניזאַציעס פֿון דער ר.ס.ד.א.פּ. פֿון אַלע ריכטונגען און אָרגאַניזירן דאָרט אַ מיינונגאויסטויש פֿון די אַלע אָרגאַניזאַציעס, קעדיי שאַפֿן אייגנהייט. עס איז אָבער געווען קלאָר, אַז דערמיט וועט זיך עס ניט באַגרענעצן, אַז די ליקווידאַטערס, די טראָצקיסטן, בונדיסטן א. אנד. וועלן אויסנוצן די געלעגנהייט אַף צו באַשרענקען די טעטיקייט פֿון די באָלשעוויקעס, בינדן זיי מיט אַ גאַנצער ריי באַשטימונגען. אין רוסלאַנד איז די באָלשעוויסטישע ווירקונג אַלץ מער געשטיגן. אין זיין ביכל „די באָלשעוויקעס, אין דער מעלוכישער דומע“ ווייזט אָן דער כ׳ באַדייעוו, אַז פֿון די 18 פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען, וואָס האָבן עקזיסטירט אין פּעטערבורג זומער 1914 יאָר, איז אין די פֿאַרוואַלטונגען פֿון 14 פֿון זיי די מערהייט באַשטאַנען פֿון באָלשעוויקעס... אַף דער זייט פֿון די באָלשעוויקעס האָבן זיך געשטעלט אַלץ מער און מער פֿאַריינען, צווישן זיי אויך דער מעטאַליסטן=פֿאַריין, דער גרעסטער און מעכטיקסטער פֿון אַלע פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. פּונקט אַזאַ פֿאַרהעלטעניש האָט זיך באַמערקט אויך אין דער אַרבעטער=גרופּע. אין דער הויפּט=שטאָט זיינען אַלס באַפֿולמעכטיקטע פֿון די אַרבעטער אין די סטראַכיר=אָרגאַנען, אויסגעוויילט געוואָרן 37 באָלשעוויקעס און סאַכאַקל 7 מענשעוויקעס;

און אין די אַלרוסלענדישע סטראַכיר־אַנשטאַלטן זיינען געווען אויסגעוויילט 47 באָלשעוויקעס און 10 מענשעוויקעס.

די וואַלן צום אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין ווין זיינען געווען זייער ברייט אָרגאַניזירט. די מערהייט אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן די מאַנדאַטן אפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס איבערגעגעבן די באָלשעוויקעס.

דערפאָלגרייך האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אויך די צוגרייטונג צום פאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אָנגעהויבן פון פרילינג, האָבן זיך אַלע צוגרייט־אַרבעטן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט צונויפרופן דעם צוזאַמענפאָר, קעסיידער געשטאַרקט. די אויפגאַבע, וואָס איז פאַר אונדז געשטאַנען — שרייבט באַדייעוו, — אינעם פעריאָד ערעוו דעם צוזאַמענפאָר, צו פאַרפעסטיקן און פאַרברייטערן די אָרטיקע פאַרטיי־קאָמיטעטן, איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס געלייזט געוואָרן אַדאַנק דעם קאָלאָסאַלן אויפשטייג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין לאַנד און אָט די כאַראָשים. צווישן די אַרבעטער־מאַסן האָט זיך פאַרשטאַרקט דער ווילן צו גיין אין דער פאַרטיי, און די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זיינען אַריינגעטראָטן נייע קאַדרען רעוואָליוציאָנער־געשטימטע אַרבעטער, די אַרבעט פון די אָנפירנדיקע פאַרטיי־קאָלעקטיוון איז אַלץ מער געשטיגן באַרג־אַרויף. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, איז דער פאָרשטייענדיקער צוזאַמענפאָר און די פראַגעס, וואָס זיינען געשטאַנען אויף זיין טאָגסאָרדער געווען באַוואָרנט מיט אַ גרויסער אויפמערקזאַמקייט מיצאַד דער פאַרטייִשער אַרבעטער־מאַסע"*. צו באַדייעוון פלעגן אָנקומען גאַנץ באַדייטנדיקע געלט־מיטלען, וואָס זיינען געזאַמלט געוואָרן אין פאָנד צו אָרגאַניזירן דעם צוזאַמענפאָר. ער האָט שוין געהאַט באַקומען אַ גאַנצע ריי מאַנדאַטן, רעזאָליוציעס איבער די פראַגעס, וועלכע שטייען אפן צוזאַמענפאָר, אָנזאָגן א. ד. גל.

כאַוועך באַדייעוו גיט אַ העל בילד דערפון, ווי די לעגאַלע טעטיקייט האָט זיך אין דער גאַנצער אַרבעט איבערגעפלאָכטן מיט דער אומלעגאַלער. „די זומערדיקע צייט, — שרייבט ער, — האָט פאַרלייכטערט צו אָרגאַניזירן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען אַ הינטער שטאָט אין די

---

* א. יע. באַדייעוו. „די באָלשעוויקעס אין דער מעלוכע דומע" אויסגאַבע „גיז" 1930 י. ז. 332—334.

וועלדער, ווו מיר זיינען געווען אין אַ געוויסער מאָס געזיכערט פון פּאָ=
ליצייִשע אָנפאַלן. אינעם פאַל, ווען מע האָט באַדאַרפט צונויפרופן
מער אָדער ווייניקער פאַרברייטערטע באַראַטונגען, פלעגט מען אָרגאַני=
זירן אין דער פאָרם פון אויסערשטאָטישע עקסקורסיעס אין נאָמען פון
אַ וועלכער ניט איז אופקלער=געזעלשאַפט. אָפּגעפאָרן אַ פאָר צענדליק
וויאָרסט פון פּעטערבורג, פלעגן מיר אוועק „אַף אַ שפּאַציר“ טיף אין
וואַלד, „אַרויסשטעלן דערביי אַ וואַך, וועלכע פלעגט אָנווייזן דעם וועג
נאָר לויט אַ באַשטימטן פּאַראָל, און דאָרטן פלעגן פאָרקומען די פאַר=
זאַמלונגען... אַרום אַלע אַרבעטער=אָרגאַניזאַציעס האָט געווימלט אַ
מאַסע שפּיקעס, וואָס האָבן אָפּגעגעבן אַ באַזונדרע אויפמערקזאַמקייט
די הויפּט=צענטערס פון דער פּאַרטיי=אַרבעט, — דער רעדאַקציע
„פּראַוודאַ“ און דער דירע פון אונדזער פראַקציע. באַגלייך אָבער מיט
דער פאַרשטאַרקטער טעטיקייט פון דער אָכראַנקע. האָט זיך פאַרשטאַ=
רקט אויך אונדזער קאָנספּיראַטיווע טעכניק. פאַרשטייט זיך, עס פלעגט
טרעפן, אַז מע פלעגט אַרעסטירן באַזונדערע כאַווערים, אָבער קיין
גרויסע דורכפאַלן זיינען ניט פאָרגעקומען“ *.

אַף אַזאַ אויפן איז די ליניע, וואָס דער צ.ק. האָט גענומען, פּאַנאַנ=
דערצוּוויקלען די לעגאַלע פרעסע, צוצוגעבן איר באַשטימטע איינשטע=
לונגען, אַנטוויקלען די אַרבעט פון דער דומע=פראַקציע אין און אויסער
דער דומע, דייטלעך אוועקשטעלן אַלע פראַגן, פאַרייניקן די לעגאַלע אר=
בעט מיט דער אונטערערדישער, — אָט דידאָזיקע ליניע האָט זיך פול=
קום באַרעכטיקט.

דער פרווו דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ אַראָפּרייסן דידאָ=
זיקע ליניע, טאָרמאָזירן די אַרבעט, פלעג אַריינברענגען איליטשן אין
אַ ווילדן גרימצאָרן. ער האָט באַשלאָסן, אַז ער אַליין וועט אַף דער
בריסעלער פאַרייניקונג=קאָנפערענץ ניט פאָרן. פאָרן האָט באַדאַרפט
אינעסע. זי האָט גוט געקענט פראַנצויזיש (פראַנצויזיש איז געווען איר
מוטער=שפּראַך), זי פלעגט זיך ניט פאַרלירן, דערצו האָט זי פאַרמאָגט
אַ פעסטן כאַראַקטער. אַף איר האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן, זי וועט
זיך ניט אונטערגעגעבן. געווינט האָט זי אין טריעסט, און איליטש האָט
איר געשיקט אַהין דעם באַריכט פון צ.ק., וואָס ער האָט צונויפגע=

* א. יע. באַדייעוו. „די באָלשעוויקעס“ אין דער מעלוכע־דומע אויסג. „גיז“ זייט 335.

שטעלט, און אַ גאַנצע ריי אָנווייזונגען, וויאַזוי צו האַלטן זיך אין דעם אָדער יענעם פאַל. ער האָט פאָרויסגעזען און אַרומגעטראַכט יעטווידער דעטאַל. אויסער אינעסען, זיינען אין דער דעלעגאַציע פון צ"ק אַריין מ. פ. וולאַדימירסקי און נ. פ. פאָפאָוו. דעם באַריכט פון צ.ק. האָט פאָרגעלייענט אינעסע אַף פראַנצויזיש, ווי מע האָט זיך געדאַרפט ריכטן, האָט מען זיך דאָ ניט באַנוגנט נאָר מיט אַ מיינונג-אויסטויש. אין נאָמען פון דער אויספיר-ביוראָ האָט קאַוטסקי אַריינגעטראָגן אַ רעזאָליוציע, וואָס פאַרורטיילט די שפאַלטונג און באַהויפט, אַז קיין ראַדיקאַלע מיינונג-פאַרשיידנהייטן זיינען ניט פאַראַן. פאַר דער רעזאָליוציע האָבן געשטימט אַלע, אויסער דער דעלעגאַציע פון צ.ק. און די לעטן, וועלכע האָבן זיך אָפגעזאָגט צו נעמען אַן אָנטייל אין דער אָפשטימונג, ניט געקוקט אַף די דראָונגען מיצאַד דעם סעקרעטאַר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ גויסמאַנס, אַז ער וועט מעלדן דעם צוזאַמענפאָר אין ווין, אַז די, וואָס האָבן זיך אָפגעזאָגט צו שטימען נעמען אַף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַראָפרייסן די פרווון צו שאַפן אַן איינהייט.

די ליקווידאַטאָרס, טראָצקיסטן, וופעריאָדאָווצעס, פלעכאַנאָווצעס און די קאַווקאַזער געגנטלעכע אָרגאַניזאַציע האָבן אַף אַ פריוואַטער באַראַטונג אין בריסעל געשלאָסן אַ „בלאָק" קעגן די באָלשעוויקעס, מיטן ציל אויסצונוצן די געשאַפענע סיטואַציע און אָנצודריקן אַף די באָלשעוויקעס.

זומער 1914 יאָר, גלייכצייטיק מיט דער בריסעלער פאַרייניקונג-פאַרשלעפעניש, איז איליטשס אויפמערקזאַמקייט געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיט אַן אַנדער, זייער אַ שווערן איניען — מיטן איניען מאַלינאָווסקי.

אַז גענעראַל דזשונקאָווסקי איז באַשטימט געוואָרן פאַר וויצע-מיניסטער פאַר אינערלעכע איניאָנים און אַז ער האָט זיך דערוווסט וועגן מאַלינאָווסקיס פראָוואָקאַטאָרישער ראָל, האָט ער וועגן דעם מודיע געווען דעם פאָרזיצער פון דער מעלוכישער דומע ראָדזיאַנקאָ און גענומען ריידן וועגן דער נייטיקייט צו ליקווידירן דעמדאָזיקן איניען, קעדיי אויסצומיידן אַ קאָלאָסאַלן פאָליטישן סקאַנדאַל.

דעם 8-טן מיי האָט מאַלינאָווסקי אָנגעגעבן ראָדזיאַנקען אַ מעלדונג וועגן דעם, אַז ער טרעט אַרויס פון דער צאָל דומע-מיטגלידער, און געזאָגט וועגן דעם אויך אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע.

ער האָט מאָטיווירט זיין אַוועקגיין מיט סיבעס פון פּערזענלעכן כאַראַקטער, ניט געזאָגט מיט וועלכע, און איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. די אָרטיקע און צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַרורטיילט מאַלינאָווסקיס אַנאַרכישן דעזאָרגאַניזאַטערישן טאַט און האָבן אים דערפאַר אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. אָבער וואָס שייעך דער פּראָוואָקאַטערישער אַרבעט, האָט דאָס באַשולדיקן אים דערין אויסגעזען אַזוי ווילד, אַז דער צ.ק. האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אונטער גאַנעצקיס פאָרזיץ. אין דער קאָמיסיע זיינען אריין אויך לענין און זינאָוויעוו.

קלאַנגען וועגן מאַלינאָווסקיס פּראָוואָקאַטערישער טעטיקייט האָבן זיך שוין אַרומגעטראָגן גאַנץ לאַנג. געשטאַמט האָבן זיי פון די מענשעוויסטישע קרייזן, אַן ערנסטן כשאַד אַף אים האָט געוואָרפן יעלענאַ פיאָדאָראָווונאַ ראָזמיראָוויטש, אין צוזאַמענהאַנג מיט איר ערעסט — געאַרבעט האָט זי בײַ דער דומע-פראַקציע און די זשאַנדאַרמען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, זיינען געווען באַהאַוונט אין אַזוינע דעטאַלן, וואָס אויב ניט דורך פּראָוואָקאַציע, וואָלטן זיי דערפון בעשומויפן ניט געקאָנט וויסן. אייניקע יעדיעס וועגן דעם איניען מאַלינאָווסקי האָט געהאַט בוכאַרין. וולאַדימיר איליטש האָט בעשומויפן ניט געוואָלט גלויבן, אַז מאַלינאָווסקי זאָל זיין אַ פּראָוואָקאַטער. איינמאָל נאָר האָט בײַ אים דורכגעבליצט אַ צווייפל. איין מאָל געדענקט איך אין פּראָנין, גייענדיק צוריק פון די זינאָוויעווס און ריידנדיק וועגן די קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך אַרום, האָט זיך איליטש אָפּגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן: „און וואָס אויב עס איז טאַקע אַן עמעס“? און דאָס פּנים איז באַלד געוואָרן פול מיט אומרו. „נו וואָס רעדסטו“, — האָט איך אים געענטפערט. איליטש האָט זיך באַרויִקט און גענומען זידלען די מענשעוויקעס דערפאַר, וואָס זיי שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר קיינע מיטלען אין קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס. מער קיינע וואַקלונגען זיינען שוין בײַ אים אין דער פראַגע ניט געווען.

מיט דעם, ווי מע האָט אויסגעפאָרשט און קאָנטראָלירט אַלע קלאַנגען וועגן מאַלינאָווסקיס פּראָוואָקאַטור, נאָכן באַקומען בורצעווס מעלדונג, אַז ער האַלט מאַלינאָווסקיס פּראָוואָקאַטור פאַר אַן אומגלויבלעכער זאַך, אויסהערנדיק בוכאַרינען, ראָזמיראָוויטש, האָט די קאָמיסיע פונדעסטוועגן ניט געקאָנט באַשטעטיקן דעם פאַקט פון מאַלינאָווסקיס פּראָוואָקאַטור.

אַ פאַרלאָרענער, אינגאַנצן אַן אַרויסגעשלאָגענער פון דער קאָלייע, האָט זיך מאַלינאָווסקי אַרומגעדרייט אין פאַראָנין. דער טייוול ווייסט אים, וואָס ער האָט אין יענער צייט איבערגעלעבט. וו ער איז אַהינגעקומען פון פאַראָנין, האָט קיינער ניט געוווסט. די פעוורואַל=רעוואָליוציע האָט אים דעמאַסקירט.

נאָך דער אָקטיאַבער=רעוואָליוציע האָט ער זיך פרייוויליק אומגעקערט צוריק קיין רוסלאַנד און זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דער ראַטנמאַכט. לויטן אורטייל פון העכסטן טריבונאַל האָט מען אים צעשאָסן.

און דער קאַמף אין רוסלאַנד האָט זיך דערווייל אַלץ מער און מער פאַרשאַרפט. די שטרייק=באַוועגונג איז שטאַרק געשטיגן, מיט אַ באַזונדערער קראַפט האָט זיך עס אַרויסבאַוויזן אין באַקו. דער אַרבעטער=קלאַס האָט געשטיצט די באַקוער שטרייקער. פאָליציי האָט געשאָסן אין צוועלפטויזנטקעפיקן האַמוין אַפן מיטינג פון די פוטילאָווצעס. די צוזאַמענשטויסן מיט דער פאָליציי זיינען געוואָרן אַלץ פאַרביסענער. די דעפוטאַטן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פירער פונעם אופשטייענדיקן פראָלעטאַריאַט. עס איז געגאַנגען אַ מאַסן=שטרייק.

דעם 7=טן יולי האָבן אין פיטער געשטרייקט 130 טויזנט מאַן. דער פראָלעטאַריאַט האָט זיך געגרייט צום שלאַכט. די שטרייק=באַוועגונג איז ניט אָפגעשוואַכט געוואָרן, נאָר פאַרקערט, זי איז געוואָקסן, אַף די גאַסן פונעם רויטן פיטער האָט מען געבויט באַריקאַדעס.

נאָר ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע.

דעם 1=טן אַווגוסט האָט דייטשלאַנד דערקלערט מילכאָמע רוסלאַנד, דעם 3=טן אַווגוסט — פראַנקרייך, דעם 4=טן אַווגוסט — בעלגיע, און דעמזעלבן טאָג האָט ענגלאַנד דערקלערט מילכאָמע דייטשלאַנד, דעם 6=טן אַווגוסט האָט עסטרייך=אונגאַרן דערקלערט מילכאָמע רוסלאַנד, דעם 11=טן אַווגוסט האָבן פראַנקרייך און ענגלאַנד דערקלערט מילכאָמע עסטרייך=אונגאַרן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די וועלט=מילכאָמע, וועלכע האָט אַף אַ צייט אָפגעשטעלט די אָנוואַקסנדיקע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד, איבערגעקערט די גאַנצע וועלט און אַרויסגערופן אַ גאַנצע ריי

טיפסטע קריזיסן, אַף גאָר אַ נייעם אויפן, אַסאַך שאַרפער אַוועקגע־ שטעלט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף, או"נ־ טערגעשטראָכן די ראָליע פונעם פּראָלעטאַריאַט אַלס פירער פון אַלע ארבעטנדיקע, אויפגעהויבן צום קאמף נייע שיכטן האָרעפאשניקעס און דעם פּראָלעטאַריאַטס ניצאָכן אַוועקגעשטעלט פאַר רוסלאַנד אַלס פראַגע פון לעבן און טויט.

# די מילכאָמע־יאָרן. — ביז דער פעוורואַל־רעוואָליוציע

## (1917—1914)

## קראָקע

## (1914 יאָר)

כאָטש מיט מילכאָמע האָט שוין געשמעקט גאַנץ לאַנג, פונדעסטוועגן, אַז מע האָט די מילכאָמע דערקלערט, — האָט עס אַלעמען ווי געפּלעפט. פון פּאָראָנין האָט מען זיך געדאַרפט אַרויסקלייבן, אָבער וווהין פאָרן איז נאָך געווען אינגאַנצן ניט קלאָר. ליליגע איז דעמאָלט געווען שטאַרק קראַנק, און זינאָוויעוו האָט סיי ווי סיי ניט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. געוווינט האָבן זיי דעמאָלט אין זאַקאָפּאַנע, וווּ מע האָט לייכט געקאָנט קריגן אַ דאָקטער. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן ביז וואַנען וואָס זיצן אין פּאָראָנין. איליטש האָט אָנגעשריבן אַ בריוו קיין קאָפּענהאַגען צו קאָבעצקין, געבעטן, ער זאָל אים אינפאָרמירן, פאַרבינדן אים מיט שטאָקהאָלם א.ד.גל. די אָרטיקע „גוראַלעס" (די באַרג־אייגווינער) האָבן זיך געפילט אינגאַנצן דערשלאָגן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאָביליזאַציע. מיטן ווערן אַ מילכאָמע, פאַרוואָס אַ מילכאָמע — קיינער האָט קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען, קיין שום באַגייסטערונג האָט זיך ניט געפילט, מע איז געגאַנגען, ווי צו דער שכיטע. די באַלעבאָסטע אונדזערע, די אייגנטימערן פון דער דאַטשע, אַ פּויערטע, איז געווען אינגאַנצן דערשלאָגן פונעם אומגליק, וואָס האָט זי געטראָפן — בײַ איר האָט מען צוגענומען אויף דער מילכאָמע דעם מאַן. דער קסיאָנדז אין קאָסציאָל האָט זיך געסטאַרעט אָנצוצינדן פּאַטריאָטישע געפילן. עס האָבן אָנגעהויבן זיך אַרומטראָגן פאַרשיידענע קלאַנגען, און דעם שאָכנס זעקסיאָריק יאַטל, א קינד פון אַן אָרעמער פאַמיליע, וואָס פלעג די גאַנצע צייט זיך שפּילן בײַ אונדז, האָט מיר דערציילט בעסאָד,

אַז די רוסישע — דאָס האָט דער יקסינדז אַזוי געזאָגט — שיטן סאַב אין ברוגעס.

דעם 7=טן אַווגוסט איז צו אונדז אַף דער דאַטשע געקומען דער פּאָראָנינער זשאַנדאַרמען=וואַכמיסטער מיט אײנעם אַ באַגלײטער — אַן אָרטיקן פּויער מיט אַ ביקס מאַכן אַן אונטערזוכונג. וואָס צו זוכן האָט דער וואַכטמיסטער אַלײן אויך ניט געוווּסט, ווי געהעריק, אַ זוך געטאָן אין אַלמער און געפונען ניט קײן אָנגעלאָדענעם בראַונינג, צוגענומען עטלעכע העפטן וועגן דער אַגראַר=פראַגע מיט טאַבעלעס און פאַרגעבן אײניקע ניט באַדײטנדיקע פראַגעס. דער באַגלײטער זײגער איז פאַרשעמט געזעסן אַף אַ ברעג שטול און אין אַ פאַרלעגנהײט זיך ארומגעקוקט. דער וואַכמיסטער האָט פון אים כויזעק געמאַכט. אָנגעוויזן אַף אַ באַנקע מיט קלײ און פאַרזיכערט, אַז דאָס איז אַ באָמבע. נאָכדעם האָט ער געזאָגט, אַז אַף וולאַדימיר איליטשן איז דאָ אַ מעסירע און ער וואָלט אים באַדאַרפט טײקעף ארעסטירן. אָבער אַזוי ווי מאָרגן וועט סײווי אויסקומען אים פירן קײן נאָווימאַרג (אַ דערבײיִק שטעטל, ווו עס האָט זיך געפונען די מיליטערישע מאַכט), איז זאָל שוין וולאַדימיר איליטש אַלײן קומען צום צוג מאָרגן זעקס אַזײגער אינדערפרי. ס'איז געווען קלאָר — עס שמעקט מיט אַן ארעסט, און מילכאָמעצײט, אַפן ערשטן פײער האָט מען זײער לײכט געקאָנט אַזוי פאַרבײגײענדיק אַוועקשיקן אַף יענער וועלט. וולאַדימיר איליטש איז אַוועקגעפאָרן צו גאַנעצקין, וועלכער האָט אויך געוווינט אין פּאָראָנין, און האָט אים דערצײלט וואָס עס איז געשען. גאַנעצקי האָט טײקעף טעלעגראַפירט דעם סאָציאַל=דעמאָקראַטישן דעפּוטאַט מאַרעקן, וולאַדימיר איליטש האָט טעלעגראַפירט צו דער קראָקער פּאָליצײ, וועלכע האָט אים געקענט אַלס עמיגראַנט. איליטשן האָט באַאומרויקט, ווי אַזוי וועלן מיר באַנאַנד מיט דער מוטער מײנער איבערבלײבן אין פּאָראָנין אַלײן אין אַזאַ גרויסער שטוב, האָט ער זיך צונויפגערעדט מיטן כ' טיכאָמירנאָוו, אַז ביז וואַנען וואָס זאָל ער זיך באַזעצן באַ אונדז אינעם אויבערשטן צימער. טיכאָמירנאָוו האָט ערשט ניט לאַנג געהאַט זיך צוריקגעקערט פון אָלאָנעצקער פאַרשיקונג און די רעדאַקציע „פּראַוודאַ“ האָט אים אויסגעריכט קײן פּאָראָנין אָפּרוען, ברענגען אין אָרדענונג די נערוון. וואָס האָבן אין פאַרשיקונג זײער שטאַרק זיך צעשפּילט, און אַגעוו זאָל ער העלפן איליטשן צונויפשטעלן די ביולעטענען וועגן דער קאָמפּאַניע,

וועלכע ווערט דורכגעפירט פאַר דער אַרבעטער־פּרעסע און אַנ.,—אַפן גרונט פון די מאַטעריאַלן, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין דער „פּראַוודאַ“.

איך מיט איליטשן זיינען אָפּגעזעסן די גאַנצע נאַכט, ניט געקאָנט איינשלאָפן, — עס איז געווען שטאַרק אומרויק אַפן האַרצן. אינדערפרי האָב איך אים באַגלייט צום וואָקזאַל און אַליין האָב איך זיך צוריקגעקערט אין דעם גרויסן פּוסטגעוואָרענעם צימער, דעמזעלבן טאָג האָט גאַנעצקי געדונגען ערגעץ אַ פור און דערקליבן זיך אַז איר בין נאָווי טאַרג, דערשלאָגן זיך אַן אודיענץ באַם שעף פון דער געגנט — באַם קייזערלעך־קיניגלעכן סטאַראָסטע, אויפגעהויבן אַ סקאַנדאַל, דערציילט אים, אַז איליטש איז אַ מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ, אַ מענטש, פאַר וועמען מע וועט זיך געוויס אָנעמען. פאַר וועמעס לעבן עס וועט אויסקומען ענטפערן. נאָכדעם האָט ער זיך געזען מיטן געריכט־אויספאָרשער, אויך אים דערציילט, ווער איז אַזוינס איליטש און באַקומען בא אים פאַר מיר א דערלויבעניש צו זען זיך מיט איליטשן אין טפיסע באַלד אַף מאָרגן. אז גאַנעצקי איז צוריקגעקומען פון נאָווי טאַרג, האָבן מיר מיט אים צוזאַמען צונויפגעשטעלט אַ בריוו צום מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ, דעם עסטרייכישן דעפּוטאַט סאָציאַל־דעמאָקראַט וויקטאָר אַדלער. אין נאָווי טאַרג האָב איך זיך געזען מיט איליטשן. מע האָט אונדז איבערגעלאָזט צאַלבעצווייטס, אָבער איליטש האָט ווייניק גערעדט — די לאַגע איז נאָך געווען זייער ניט קלאָר. די קראָקער פּאָליציי האָט טעלעגראַפירט, אַז עס איז ניטאָ קיין שום גרונט כווישעד צו זיין אוליאַנאָוון אין שפּיאָנאַזש. דאָסזעלבע האָט טעלעגראַפירט אויך מארעק פון זאַקאָפּאַנע. איינער א באַוווסטער פּוילישער שרייבער איז געפאָרן אין נאָווי טאַרג זיך אָנעמען פאַר איליטשן. זינאָוויעוו, וועלכער האָט געוווינט אין זאַקאָפּאַנע, אַז ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מע האָט אַרעסטירט איליטשן, איז ער טייקעף, ניט געקוקט אַפן גוס־רעגן, אַוועקגעפאָרן אַפן וועלאָסיפּעד צום אַלטן נאַראָדאָוואָליעץ—דעם פּאָליאַק ד״ר דלוסקי, וועלכער האָט געוווינט 10 קילאָמעטער ווייט פון זאַקאָפּאַנע. דלוסקי האָט טייקעף געדונגען א פאַעטאָן, איז אַוועקגעפאָרן קיין זאַקאָפּאַנע און גענומען טעלעגראַפירן, שרייבן בריוו, איז ערגעץ געגאַן מיט עמעצן פירן אונטערהאַנדלונגען. מיר האָט מען דערלויבט באַזוכן איליטשן יעדן טאָג. גאַנצפרי מיטן זעקסאַזייִ־

גערדיקן צוג פלעג איך ארויספאָרן קיין גאָווי טאַרג, — דאָס פאָרן האָט געדויערט אַ שאָ, ביז אַ זייגער עלף פלעג איך זיך אַרומדרייען אַפן וואָקזאַל, אין פאָסט, אפן מאַרק און דערנאָך פלעג איך זיך זען מיט וולאַדימיר איליטשן אַף אַ שאָ צייט. איליטש פלעג דערציילן וועגן זיינע שכיינים אין טפיסע, געזעסן זיינען דאָרט אַסאַך אָרטיקע פויערים, ווער דערפאַר, וואָס דער טערמין פונעם פאַספאָרט איז אויסגעגאַנגען, ווער דערפאַר, וואָס ער האָט קיין שטייערן ניט אריינגעטראָגן, און ווער פאַר קריגן זיך מיט דער אָרטיקער מאַכט. געזעסן איז דאָרט איינער אַ פראַנצויז, איינער א פאָליאַק א באַאמטער, וועלכער איז קעדיי איינצושפאָרן געלט אריבער די גרענעץ אף א פרעמדן „פאָלופאַסעק". געזעסן איז דאָרט אויך איינער א ציגיינער, וועלכער פלעגט דורך דער וואַנט פון טפיסע־הויף זיך איבערופן מיטן ווייב, וואָס פלעגט צוקומען צו דער טורמע־וואַנט. איליטש האָט זיך דערמאָנט אָן זיין שושענסקער יורידישער פראַקטיק צווישן די פויערים, ווען ער פלעגט העלפן זיך אַרויספלאָנטערן פון פאַרשיידענע שווערע לאַגעס, און ער האָט אויך דאָ אין טפיסע געמאַכט איין אייגנאַרטיקע יורידישע קאָנסולטאַציע, געשריבן מעלדונגען א.ד.גל. זיינע שכיינים אין טפיסע האָבן אים גערופן „ביטשי כלאָפ" („פעסטער פויער"). דער „פעסטער פויער" האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אקלימאטיזירן אין דער גאָווי־טאַרגער טפיסע און פלעגט שוין קומען אַף דער באַגעגעניש אַ מער רו:קער און מונטערער. אין אָט דער טפיסע פאַר קרימינעלע, באַנאַכט, ווען אַלע פלעגן שוין איינשלאָפן, פלעג ער אַרומטראַכטן, וואָס דאַרף איצט טאָן די פאַרטיי, וואָס פאר א מאָסמיטלען מע דארף אָנעמען, צו פארוואנדלען די וועלט־מילכאָמע אין אַן אַלוועטלעכע־שלאַכט קעגן דער בורזשואַזיע. איך פלעג איבערגעבן איליטשן אלע יעדיעס וועגן דער מילכאָמע, וואָס מיר האָט זיך גאָר איינגעגעבן צו קריגן.

ניט איבערגעגעבן האָב איך נאָר איינס, עפּעס איין מאָל, צוריקערנדיק זיך פון וואָקזאַל, האָב איך געהערט, ווי די פויערטעס, גייענדיק פון קאָסציאָל ריידן צווישן זיך אַפן קאָל — אַפאָנעם אומישנע, קעדיי געבן מיר אָנצוהערעניש — וועגן דעם, אַז זיי אַליין וועלן זיך קאָנען ספראַווען מיט די שפיאָנען. אויב די מאַכט וועט אַפילע צופעליק אַרויסלאָזן א שפיאָן, וועלן זיי אים סיי ווי סיי אויסשטעכן די אויגן, אויסשניידן די צונג א.אַ.וו. אַ.ד.גל. קלאָר — אַז ווען מע וועט באַפרייען

איליטשן, וועט סיי ווי סיי אומעגלעך זיין צו פאַרבלייבן אין פּאָראָנין. די באַלעבאַטישקייט אונדזערע איז אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן. די שטוב־ארבעטערן, וועלכע מע האָט געמוזט נעמען אפן זומער איבער מיין מוטערס קראַנקהייט און וועלכע פלעג דערציילן צווישן די שכיינים פאַרשיידענע באָבע־מייסעס וועגן אונדז, וועגן אונדזערע פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד, האָב איך געזען אָפּשיקן וואָס גיכער קיין קראָקע, וווהין זי האָט געשטרעבט,—איך האָב איר ארויסגעגעבן געלט אפן וועג און געהאָלפן פאָרויס. געהאָלפן הייצן דעם רוסישן אויוון און גיין אין קלייט איינקויפן עסנוואַרג פלעג אונדז אַ שאָכנס אַ מיידעלע. די מוטער מיינע — זי איז שוין אלט געווען 72 יאָר — האָט זיך זייער שלעכט געפילט. זי האָט געזען, אַז עפּעס איז געשען, זי האָט אָבער ניט באַנומען, וואָס. כאָטש איך האָב איר געזאָגט, אַז וולאַדימיר איליטש איז אַרעסטירט, האָט זי אָבער צייטנווייז געטיינעט, אַז וולאַדימיר איליטש איז מאָביליזירט אַף דער מילכאָמע. אַז איך פלעג אַוועקפאָרן פונדערהיים, פלעג זי שטאַרק זיך באַומרויקן, איר האָט זיך געדאַכט, אַז איך וועל שוין ערגעץ פאַרשווינדן, ווי וולאַדימיר איליטש איז פאַרשווונדן. דער שאָכן אונדזערער — טיכאָמירנאָוו — איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, געדרייבערט, אָפּגעקליבן און איינגעלייגט די ביכער. איינמאָל האָב איך געדאַרפט באַגומען עפּעס אַ צייגעניש באַ דעמזעלבן פויער, פון וועלכן דער זשאַנדאַרם האָט כויזעק געמאַכט ביים דער אונטערזוכונג. איך בין געגאַנגען צו אים ערגעץ אפן עק דאָרף און, זיצנדיק באַ אים אין שטיבל, אַ טיפּיש שטיבל פון אַן אָרעמען פויער — האָבן מיר מיט אים זייער לאַנג געשמועסט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ מילכאָמע דאָס איז, ווער פאַר וואָס עס שלאָגט זיך, ווער איז אין דער מילכאָמע פאַרינטערעסירט. נאָכדעם האָט ער מיך זייער פריינטלעך באַגלייט.

סאָפּקאָלסאָף האָט דער דרוק מיצאַד דעם ווינער דעפּוטאַט וויקטאָר אַדלער און דעם לוואָווער דעפּוטאַט דיאַמאַנד, וועלכע האָבן אָרעוו געווען פאַר וולאַדימיר איליטשן, געהאָלפן, און דעם 19־טן אווגוסט האָט מען וולאַדימיר איליטשן באַפרייט פון טפיסע. לויט מיין געוווינהייט בין איך אויך יענעם אינדערפרי געווען אין נאָווי טאַרג, און דאָסמאָל האָט מען מיך אַפילע אַריינגעלאָזט אינווייניק אין טפיסע העלפן אים נעמען די זאכן, מיר האָבן געדונגען אַ פור און זיינען אוועקגעפאָרן קיין פּאָראָנין. דאָרט איז נאָך אויסגעקומען זיין באַ אַ וואָך צייט, ביז עס האָט

זיך אַיינגעגעבן צו באַקומען אַ דערלויבעניש אַריבערצופאָרן קיין קראָקע. אין קראָקע זיינען מיר אַוועק צו דעך באַלעבאָסטע, באַ וועלכער עס האָבן פריער געוווינט קאַמעניעוו און אינעסע. די דירע איז אפדערהעלפט געווען פאַרנומען מיט אַ סאַניטאַרן־פונקט, פונדעסטוועגן האָט די באַלעבאָסטע אונדז אויסגעטיילט עפּעס אַ ווינקל, אַגעוו, זיינען מיר איר קנאַפּ וואָס געלעגן אין זינען, אונטער קראַסניק איז נאָרוואָס פאָרגעקומען די ערשטע שלאַכט, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען אירע צוויי זין, וואָס זיינען אַוועק אַף דער מילכאָמע אַלס פרייוויליקע, און זי האָט ניט געוווסט וואָס מיט זיי איז געשען.

אַף מאָרגן האָבן מיר דורכן פענצטער פון האָטעל, ווהין מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן, צוגעקוקט אַ שוידערלעכן בילד. פון קראַסניק איז אָנגעקומען א צוג מיט געהארגעטע און פארוווּנדעטע. נאָך די טראָגבעטלעך זיינען נאָכגעלאָפן די קרויווים פון דֵי, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער שלאכט אונטער קראסניק, און פארקוקט אין די פענעמער פון די טויטע און גויסעסע, מוירע האָבנדיק, אַז אָט וועלן זיי דעריקענען זייערע קרויווים. די, וועלכע זיינען געווען לייכט פאַרוווּנדעט, האָבן זיך מיט איבערגעבונדענע קעפ און הענט, לאנגזאם געשלעפט פונעם וואָקזאל צופוס. די, וואָס האָבן באגעגנט דעם צוג, האָבן זיי געהאָלפן טראָגן די זאכן, פאָרגעלייגט זיי ביר אין קופלען, וואָס זיי האָבן גענומען אין דערבייזיקע רעסטאָראַנען, פאָרגעלייגט עסן. ניט ווילנדיק האָט זיך געטראכט: אָט, דאָס איז די, די מילכאָמע — און געווען איז עס ערשט די ערשטע שלאכט.

אין קראָקע האָט זיך איינגעגעבן גאַנץ גיך אַרויסצוקריגן אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד אין אַ נייטראַל לאַנד — אין דער שווייץ. מע האָט נאָך באַדאַרפט אַיינרעגולירן אַייניקע איניאָנים. אַ קורצע צייט פאַר דעם איז די מוטער מיינע געוואָרן אַ „קאַפּיטאַליסטקע“ אין נאָוואָטשערקאַסק איז געשטאָרבן אירע אַ שוועסטער, אַ קלאַסנע דאַמע, און האָט איר אָפּגעשריבן איר גאַנץ פאַרמעגן — זילבערנע לעפל, איקאַנעס, איבערגעבליבענע קליידער און פיר טויזנט רובל מעזומענע, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט פאַר די 30 יאָר פון איר פעדאַגאָגישער טעטיקייט. אָט דאָס געלט איז געלעגן אין א קראָקער באַנק. קעדיי אַרויסקריגן עס פון דאָרטן האָט מען געמוזט אָנקומען צו אַ מעקלער אין ווין, וועלכער האָט גענומען פאַר דער טירכע פונקט אַ

העלפט געלט. פאַרן פאַרבליבענעם געלט האָבן מיר טאַקע דעריקער זיך דורכגעלעבט אין דער צייט פון מילכאָמע, קאַרגנדיק אַזוי, אַז אין 1917 יאָר, ווען מיר זיינען געפאָרן קיין רוסלאַנד, איז באַ אונדז נאָך איבערגעבליבן אַ קליינע סומע געלט. דאָס פאַפיר, וואָס האָט באַשטעטיקט, אַז דאָס געלט איז פאַראַן, האָט מען צוגענומען ביים אַן אונטערזוכונג אין די יולי־טעג 1917 און עס אויסגענוצט אַלס באַווייז, אַז וולאַדימיר איליטש פלעג באַקומען פון דער דייטשישער רעגירונג געלט פאַר שפיאָנאַזש.

פון קראָקע ביז דער שווייצאַרישער גרענעץ זיינען מיר געפאָרן אַ גאַנצע וואָך. זייער לאַנג געשטאַנען אַף די סטאַנציעס, דורכלאָזנדיק מיליטער־צוגן. צוגעקוקט די שאָוויניסטישע אַגיטאַציע, וועלכע עס האָבן געפירט די מאָנאַשקעס און דער פרויען־אַקטיוו, וואָס האָט זיך גרופירט אַרום זיי. אַף די וואָקזאַלן האָבן זיי געטיילט די סאָלדאַטן קליינינקע איקאָנעס, טפילעס א. ד. גל. איבער די וואָקזאַלן האָבן אַרומגעשפאַצירט אויסגעפוצטע מיליטער־לייט. די וואַגאָנעס זיינען געווען אינגאַנצן באַדעקט מיט פאַרשיידענע בונטע אויפשריפטן—דירעקטיוון, וואָס מע זאָל טאָן מיט די פראַנצויזן ענגלענדער און רוסן: „Jeden Russ ein Schus!“ (יעדן רוס דערשיס). „אַף אייניקע פון די רעזערוו־וועגן זיינען געשטאַנען עטלעכע וואַגאָנעס מיט פראָשעק קעגן פליי, דידאָזיקע וואַגאָנעס האָט מען אויסגעריכט ערגעץ אַפן פראָנט.

אין ווין האָבן מיר זיך אָפגעשטעלט אַף אַ טאָג, קעדיי צו באַקומען די נייטיקע צייגענישן, איינרעגולירן דעם איניען מיטן געלט, טעלעגראַפירן קיין שווייץ צו באַקומען עמעצנס אַן אָרוועס, וואָס אָן דעם וואָלט מען אונדז ניט אַריינגעלאָזט אין דער שווייץ. גענומען אונדז אַף זיין אָרוועס האָט גרייליך דער עלסטער מיטגליד פון דער שווייצאַרישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי. אין ווין האָט ריאַזאַנאָוו געפירט איליטשן צו וו. אַדלערן, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן באַפרייען איליטשן פון טפיסע. אַדלער האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט גערעדט מיטן מיניסטער. יענער האָט אים געפרעגט: „איר זייט זיכער, אַז אוליאַנאָוו איז א סוינע דער צאַרישער רעגירונג?“ — „אָ, אָ! — האָט אים אַדלער געענטפערט, — אַסאַך אַ גרעסערער סוינע, ווי אייער עקסעלענץ“. פון ווין ביז דער שווייצאַרישער גרענעץ זיינען מיר דערפאָרן גאַנץ גיך.

# בערן

## (1915—1914)

דעם 5=טן סענטיאַבער זיינען מיר ענדלעד אָנגעקומען אין דער שווייץ און זיך אַוועקגעלאָזט קיין בערן.

מיר האָבן נאָך ניט געהאַט באַשלאָסן, ווו מיר ווען וווינען — אין זשענעווע אָדער אין בערן. איליטשן האָט געצויגן קיין זשענעווע, אַפן אַלטן אָרט, צו וועלכן ער איז געווינט געווען ווו אַמאָל האָט זיך אַזוי גוט געאַרבעט אין דער „Sociéts de Lecture“ (לייענגעזעלשאַפט), — דאָרט איז געווען אַ גוטע רוסישע ביבליאָטעק א.ד.גל. די בערנער אָבער האָבן געטיינעט, אַז זשענעווע האָט זיך זייער שטאַרק געענדערט, אַז אַהינצו איז אָנגעפאָרן אַ מאַסע עמיגראַנטן פון אַנדערע שטעט, פון פראַנקרייך, און דאָרט איז איצט אַ מוירעדיקער עמיגראַנטישער הו=האַ. ניט באַשליסנדיק די פראַגע ענדגילטיק, האָבן מיר דערווייל געדונגען אַ צימער אין בערן.

איליטש האָט טייקעף גענומען צונויפשרייבן זיך מיט זשענעוויץ וועגן דעם. צי זיינען דאָרט פאַראַן אַזוינע, וואָס פאָרן קיין רוסלאַנד, — מע האָט זיי געדאַרפט אויסנוצן אַף צו פאַרבינדן זיך מיט רוסלאַנד, ער האָט זיך באַמיט קלאָר מאַכן, צי האָט זיך דאָרט נאָך פאַרהיט די רוסישע דרוקעריי, צו וועט מען דאָרט קאָנען אַרויסגעבן רוסישע בלעטלעך א.אַ.וו.

אַף מאָרגן נאָך אונדזער אָנקומען פון גאַליציע, האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלע באָלשעוויקעס, וואָס זיינען נאָר געווען דעמאָלט אין בערן — שקלאָווסקי, די סאַפראָנאָווס, דער דומע=דעפוטאַט סאַמאָילאָוו, מאָכאָוו און אַנד., און מע האָט איינגעאָרדנט אין וואַלד אַ באַראַטונג, ווו איליטש האָט אַנטוויקלט זיין שטאַנדפונקט אַף די לויפנדיקע געשעענישן. אַלס רעזולטאַט פון דער באַראַטונג האָט מען אָנגענומען אַ רע=

זאָליוציע, אין וועלכער עס איז געגעבן געוואָרן אַ כאַראַקטעריסטיק דער קומענדיקער מילכאָמע אַלס אימפּעריאַליסטישע און רויבערישע. די טעטיקייט פון די פירער פונעם 2־טן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָבן געשטימט פאַר מילכאָמע־קרעדיטן, איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אַלס פאַראַט קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט. אין דער רעזאָליוציע איז געזאָגט געוואָרן, אז: „דער ארבעטער־קלאַס און די ארבעטנדיקע מאַסן פון אלע פעלקער אין רוסלאַנד, וואָלטן געהאַלטן פאַרן קלענסטן בייז ווען די צאַרישע מאָנאַרכיע און איר מיליטער, וואָס אונטערדריקט פּוילן, אוקראַינע און אַ גאַנצע ריי אַנדערע פעלקער אין רוסלאַנד, זאָל ליידן אַ מאַפּאָלע". אַרויסרוקנדיק דעם לאָזונג צו פּראָפּאַגאַנדירן אין אַלע לענדער אַ סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע, אַ בירגער־קריג, אַן אָנראַכמאָנעסדיקן קאַמף קעגן שאָוויניזם און פּאַטריאָטיזם פון אַלע לענדער אָן אויסנאַם, — האָט די רעזאָליוציע גלייכצייטיק אָנגעמערקט אויך אן ארבעט־פּראָגראַם פאַר רוסלאַנד: קאַמף קעגן דער מאָנאַרכיע, פּריידיקן א רעוואָליוציע, קאַמף פאַר א רעפּובליק, פאַר באַפרייען די פעלקערשאַפטן, וועלכע זיינען אונטערדריקט דורך די גרויסרוסן, פאַר קאָנפיסקירן די פּריצישע ערדן און פאַר אַן אַכטשאָ:קן אַרבעט־טאָג.

די בערנער רעזאָליוציע איז, אין טאָך גענומען, געווען אַן אַרויסרוף דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און געשריבן האָט מען זי, פאַרשטייט זיך, ניט קעדיי זי זאָל בלייבן ערגעץ פאַרשטעקט. צו־אַלעם ערשטן האָט מען זי פאַנאַנדערגעשיקט צו די אויסלענדישע באָלשעוויסטישע סעקציעס. נאָכדעם האָט סאַמאָילאָוו גענומען די טעזיסן מיט זיך צו באַהאַנדלען זיי מיטן רוסישן טייל צ.ק. און מיט דער דומע־פראַקציע. מע האָט דעמאָלט ניט געוווסט, וואָס פאַר א פּאָזיציע זיי האָבן פאַרנומען בענעגייע דער מילכאָמע. די באַציונגען מיט רוסלאַנד זיינען געווען איבערגעריסן. ערשט שפּעטער האָט מען זיך דערוווסט, אז דער רוסישער טייל צ.ק. און דער באָלשעוויסטישער טייל פון דער דומע־פראַקציע האָבן גלייך גענומען אַ ריכטיקן טאָן. פאַר די פאָרגעשריטענע אַרבעטער פון אונדזער לאַנד, פאַר אונדזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע זיינען די רעזאָליוציעס פון די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן וועגן מילכאָמע געווען ניט פּאָשעט אַ שטיקל פּאַפּיר, נאָר אַן אָנווייזונג, ווי צו האַנדלען.

שוין אין די ערשטע מילכאָמע־טעג, ווען עס איז נאָרוואָס דער־

קלערט געוואָרן די מאָביליזאַציע, האָט דער פּ.ק. אַרויסגעלאָזט אַ בלעטל מיטן רוף: „אַראָפּ די מילכאָמע! מילכאָמע קעגן דער מילכאָמע“ אינעם טאָג, ווען מע האָט מאָביליזירט די זאַפּאַסנע, האָבן אַ גאַנצע ריי אונטערנעמונגען אין פּיטער געשטרייקט און עס איז געווען אַפּילע אַ פּרוּוו צו אָרגאַניזירן אַ דעמאָנסטראַציע. אָבער די מילכאָמע האָט אַרויסגערופן אַזאַ צעווילדעוועטן שוואַרצמייעדיקן פּאַטריאָטיזם, זי האָט אַזוי פאַרשטאַרקט די מיליטערישע רעאַקציע, אַז אַסאַך אופּטאָן האָט זיך ניט איינגעגעבן. אונדזער דומע-פראַקציע האָט געפירט אַ פעסטע קאַמף-ליניע קעגן דער מילכאָמע, פאַר פאָרזעצן דעם קאַמף קעגן דער צאַרישער הערשאַפט. דידאָזיקע פעסטקייט האָט געווירקט אַפּילע אַף די מענשעוויקעס און די גאַנצע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראַקציע האָט אָנגענומען אַן אַלגעמיינע רעזאָליוציע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון דער דומע-טריבונע. די רעזאָליוציע איז געווען געשריבן אין זייער פאָרזיכטיקע אויסדרוקן, אַסאַך איז אין איר ניט דערעדט, אָבער דאָך איז עס געווען אַ פּראָטעסט-רעזאָליוציע, וועלכע האָט אַרויסגערופן אופרעגונג בײַ אַלע דומע-מיטגלידער. דידאָזיקע אופרעגונג איז נאָך מער אויסגעוואָקסן, ווען די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראַקציע (דערווייל נאָך אין איר גאַנצן באַשטאַנד) האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אינעם אָפּשטימען די מילכאָמע-קרעדיטן און האָט אַלס פּראָטעסט-צייכן פאַרלאָזט דעם זיצונג-זאַל. די באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע איז אַוועק אין טיפער אונטערערד, האָט אָנגעהויבן אַרויסלאָזן בלעטלעך, וו עס זיינען געגעבן געוואָרן אָנווייזונגען, ווי אויסצונוצן די מילכאָמע אַף צו פאַרברייטערן און פאַרטיפערן דעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַקטיווע פּראָפּאַגאַנדע אויך אין דער פּראָווינץ. די יעדיעס פון די ערטער האָבן דערציילט וועגן דעם, אַז דידאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע געפינט שטיצע צווישן די רעוואָליוציאָנער-געשטימטע אַרבעטער. וועגן דעם אַלעם האָבן מיר אין אויסלאַנד זיך דערוווסט אַסאַך שפּעטער.

צווישן אונדזערע אויסלענדישע גרופּעס, וועלכע האָבן ניט איבערגעלעבט דעם רעוואָליוציאָנערן אופשטייג פון די לעצטע כאָדאָשים אין רוסלאַנד און האָבן זיך היפּש אויסגעמאַטערט אין דער עמיגראַציע, פון וואַנען אַסאַך האָבן אַזוי געוואָלט אומבאַדינגט זיך אַרויסרייסן,

האָט זיך ניט געפֿילט יענע פֿעסטקייט, וועלכע עס האָבן פֿאַרמאָגט אונדזערע דעפּוטאַטן און די רוסישע באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס.

אין פּאַריז האָט זיך אונדזער באָלשעוויסטישע גרופּע אַ וואַקל געטאָן. כּמעט די מערהייט אין דער גרופּע האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער מילכאָמע און קעגן וואָלאָנטיאָרשקייט, אָבער אַ טייל כאַווירים — סאַפּאָזשקאָוו (קוזנעצאָוו), קאַזאַקאָוו (בריטמאַן, סוויאַגין), מישע עדישעראָוו (דאַווידאָוו), מאָיסייעוו (איליאַ, זעפֿיר) און אַנד. זיינען אַוועק אַלס וואָלאָנטיאָרן (פֿרייוויליקע) אין דער פֿראַנצויזישער אַרמיי. די וואָלאָנטיאָרן — באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן (אינגאַנצן באַ אַכציק מאַן) האָבן אין נאָמען פֿון די „רוסישע רעפּובליקאַנער“ אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע זיי האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער פֿראַנצויזישער פּרעסע. איידער די וואָלאָנטיאָרן זיינען אַוועק פֿון פּאַריז, האָט פּלעכאַנאָוו זיי געהאַלטן אַ באַגלייטונג־רעדע.

די מערהייט פֿון דער פּאַריזער גרופּע האָט פֿאַרורטיילט דאָס פֿרייוויליקע אַוועקגיין אַף דער מילכאָמע. אָבער אויך אין אַנדערע גרופּעס איז דער איניען געווען ניט אינגאַנצן קלאָר. וולאַדימיר איליטש האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אין אַזאַ ערנסטן מאָמענט האָט גאָר אַ באַזונדערע באַדייטונג, אַז יעדער באָלשעוויק זאָל זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן כעזשבן אין דער וויכטיקייט פֿון די פֿאָרגעקומענע געשעענישן. ס'איז געווען נייטיק אַ כאַווערישער מיינונג־אויסטויש, ס'איז ניט צוועקמעסיק געווען צו פֿיקסירן טייקעף אַפֿן אָרט יעדן ניואַנס, מע האָט געמוזט זיך צונויפֿריידן ביזן סאָף. אָט פֿאַרוואָס, ענטפֿערנדיק דעם כאַווער קאַרפּינסקי אַף זיינעם אַ בריוו, וווּ יענער האָט אויסגעדריקט דעם שטאַנדפּונקט פֿון דער זשענעווער סעקציע, האָט איליטש געשריבן: „די „קריטיק“ און מיין „אַנטיקריטיק“ וואָלטן עפּשער בעסער זיין אַ טעמע פֿאַר אַ שמועס?“.

איליטש האָט געוווּסט, אַז אין אַ כאַווערישן שמועס קאָן מען זיך בעסער צונויפֿריידן איידער דורך בריוו. אָבער די צייט איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען ניט אַזאַ, אַז מע זאָל קאָנען לאַנג זיך באַגרענעצן מיט כאַווערישע שמועסן אינווייניק אינעם ענגן קרייז באָלשעוויקעס.

אָנהייב אָקטיאַבער איז געוואָרן קלאָר, אַז פּלעכאַנאָוו, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט פֿון פּאַריז, איז שוין אַרויסגעטראָטן אין זשענעווע און קלייבט זיך לייענען אַ רעפֿעראַט אין לאָזאַן.

פלעכאַנאָווס פּאָזיציע האָט זייער שטאַרק באַמרויִקט איליטשן. ער האָט יאָ געגלויבט און ניט געגלויבט, אַז פלעכאַנאָוו זאָל ווערן אַ באַשיצלער. „עס גלויבט זיך מיר פּאַשעט ניט. — פלעגט ער זאָגן. — דאָ האָט זיך זיכער אָפּגערופן פלעכאַנאָווס מיליטערישע פאַרגאַנגענהייט", — פלעגט ער פאַרטראַכטערהייט צוגעבן. דעם 10-טן אָקטיאַבער, אַז עס האָט זיך באַקומען אַ טעלעגראַמע וועגן דעם, אַז דער רעפעראַט איז באַשטימט אַף מאָרגן, אַפן 11-טן, האָט איליטש זיך אַוועקגעזעצט גרייטן צום רעפעראַט, און איך האָב זיך שוין באַמיט פאַרהיטן אים פון פאַרשיידענע אַרבעטן, צונויפריידן זיך מיט אונדזער אוילעם — ווער וועט פאָרן פון בערן א.אַ.וו. צו יענער צייט האָבן מיר זיך שוין געהאַט פעסט באַזעצט אין בערן. אויך די זינאָוויעווס, וועלכע זיינען געקומען מיט צוויי וואָכן שפּעטער, האָבן שוין דעמאָלט געוווינט אין בערן, אויך אינעסע האָט דאָרט געוווינט.

איך האָב אַפן רעפעראַט ניט געקאָנט פאָרן, נאָכדעם אָבער האָבן אונדזערע מיר גענוי איבערגעגעבן וועגן אים. איצט, אַז איך האָב איבערגעלייענט אין די „פאַרצייכענונגען פונעם לענין-אינסטיטוט" פ. איליִנס זיכרוינעס וועגן דעמאָזיקן רעפעראַט, און ווייסנדיק, וואָס איליטש האָט דעמאָלט איבערגעלעבט, זע איך אים, ווי אַ לעבעדיקן. גענוי דערציילט וועגן אָט דעם רעפעראַט האָט מיר אויך אינעסע. צום רעפעראַט האָט זיך צונויפגעקליבן אונדזער אוילעם פון פאַרשיידענע עקן. פון בערן — זינאָוויעוו, אינעסע, שקלאָווסקי, פון באַזל, באַ קלאַראַן, ראָזמיראָוויטש, קרילענקאָ, בוכאַרין און די לאָזאַנער כאַוויירים.

איליטש האָט מוירע געהאַט, אַז אים וועט זיך ניט איינגעבן זיין אַף פלעכאַנאָווס פאָרטראַג און אַרויסזאָגן, וואָס ס'איז אים אָנגעזאָטן אַפן האַרצן, אַז די מענשעוויקעס וועלן ניט דערלאָזן אַזויפיל באָלשעוויקעס. איך שטעל זיך פאָר, ווי שטאַרק אים האָט זיך ניט געגלוסט אין דעם מאָמענט שמועסן מיטן אוילעם וועגן פאַרשיידענע איניאָנים, און דעריבער איז פאַרשטענדלעך זיין נאַיִווער אויסדרייען זיך, קעדיי צו בלייבן איינער אַליין. מיר שטעלט זיך פאָר, ווי צווישן דעם גאַנצן גערודער מיטן איבערבייסן, וואָס איז פאָרגעקומען באַ די מאָוושאָוויטשעס, האָט איליטש זיך פאַרטיפט אין זיך, געווען אַזוי צעטראָגן, אַז עס איז אים שווער געווען אַראָפּצושלינגען אַ ביסן. פאַרשטענדלעך איז אויך דער עטוואָס אָנגעצויגענער שפּאַס וואָס ער האָט

אַ זאָג געטאָן די דערבײַיקע כאַווײרים וועגן פלעכאַנאָווס אַרײַנטריטוואָרט, ווו פלעכאַנאָוו האָט דערקלערט, אַז ער האָט זיך ניט געגרייט ארויסצוטרעטן פאַר אַזאַ גרויסער פאַרזאַמלונג. „אָט אַ זשוליק“, — האָט איליטש זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט און טייקעף זיך געגנומען הערן געשפאַנט פלעכאַנאָווס פאָרטראַג. מיטן ערשטן טייל פאָרטראַג, ווו פלעכאַנאָוו האָט געדעקט די דייטשן, איז איליטש געווען אײַנשטימיק און האָט אַפילע אַפּלאָדירט פלעכאַנאָוון. אינעם צווייטן טייל האָט פלעכאַנאָוו אַנטוויקלט זײַן באַשיצלעדישן שטאַנדפּונקט. דאָ איז שוין מער ניט געבליבן קיין אָרט פאַר ווייטערע ספייקעס. צום וואָרט האָט זיך פאַרשריבן נאָר איין איליטש. מיט אַ קופל ביר אין דער האַנט איז ער צוגעגאַנגען צום טיש. גערעדט האָט ער געלאַסן און רויִק און נאָר די בלאַסקייט פונעם פּאָנעם האָט אַרויסגעגעבן זײַן גרויסע אופרעגונג. איליטש האָט גערעדט וועגן דעם, אַז די מילכאָמע, וואָס איז אויסגעבראָכן, איז ניט קיין צופעליקייט, אַז זי איז צוגעגרייט געוואָרן דורכן גאַנצן אַנטוויקלונג־כאַראַקטער פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן, — דער שטוטגאַרטער, קאָפּענהאַגענער, דער באַזעלער — האָבן באַשטימט, וואָס פאַר אַ באַציונג עס דאַרפן האָבן סאָציאַליסטן צו דער פאָרשטייענדיקער מילכאָמע. סאָציאַל־דעמאָקראַטן פילן אויס זייער פליכט נאָר דעמאָלט, ווען זיי קעמפן קעגן שאָוויניסטישן טשאַד אינעם אייגענעם לאַנד. מע דאַרף די אָנגעהויבענע מילכאָמע פאַרוואַנדלען אין אַן אַנטשיידנדיקן צוזאַמענשטויס פונעם פּראָלעטאַריאַט מיט די הערשנדיקע קלאַסן.

איליטש האָט געהאַט אין זײַן רעשוס נאָר צען מינוט. דעריבער האָט ער אַרויסגעזאָגט נאָר דעם איקער. פלעכאַנאָוו האָט אים מיט זײַן געוויינלעכן שאַרפזין דערווידערט. די מענשעוויקעס — געווען זײַנען זיי אַן איבערוועגנדיקע מערהייט — האָבן פלעכאַנאָוון שטאַרק אַפּלאָדירט, און עס האָט זיך געשאַפן אַן אײַנדרוק, אַז פלעכאַנאָוו האָט געזיגט.

דעם 14־טן אָקטיאַבער, אין דריי טעג אַרום, אין דער זעלבער געביידע, ווו פלעכאַנאָוו האָט געלייענט זײַן רעפעראַט, אין Maison du Peelpù (פאָלק־הויז) איז געווען באַשטימט איליטשס אַ פאָרטראַג. דער זאַל איז געווען געפּאַקט. דער פאָרטראַג האָט זיך באַקומען זייער אַ געלונגענער, איליטש איז געווען אין אַ געהויבענער קאַמף־שטימונג. ער האָט דאָרט אַנטוויקלט אין דער גאַנצער גרייס זײַן שטאַנדפּונקט

און כאַראַקטעריזירט די מילכאָמע אַלס אימפּעריאַליסטישע. איליטש האָט אין זיין פּאָרטראַג פאַרצייכנט, אַז אין רוסלאַנד איז שוין דערשינען אַ בלעטל פונעם צ״ק קעגן דער מילכאָמע, אַז אַזאַ מין בלעטל האָט אַרויסגעלאָזט אויך די קאַווקאַזער אָרגאַניזאַציע און נאָך אייניקע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. ער האָט אָנגעוויזן דערויף, אַז די בעסטע סאָציאַליסטישע צייטונג אין אייראָפּע איז בא היינטיקן טאָג דער „גאָלאָס“, ווו מאַרטאָוו האָט געשריבן. „וואָס אָפטער און שטאַרקער איך בין זיך צעגאַנגען מיט מאַרטאָוון, — האָט געזאָגט איליטש, — אַלץ קאַטעגאָרישער דאַרף איך זאָגן, אַז דערדאָזיקער שרייבער טוט איצט דאָס, וואָס עס איז מעכויעוו צו טאָן א סאָציאַל-דעמאָקראַט. ער קריטיקירט זיין רעגירונג, ער דעמאַסקירט זיין בורזשואַזיע, ער זידלט זיינע מיניסטאָרן“.

אין פּריוואַטע געשפּרעכן האָט איליטש ניט איינמאָל גערעדט, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען מאַרטאָוו גייט אינגאַנצן איבער צו אונדז. איליטש האָט אָבער שוואַך געגלייבט, אַז מאַרטאָוו וועט זיך איינהאַלטן אַף דער פּאָזיציע, וואָס ער האָט פאַרנומען. ער האָט אים גוט געקענט און געוווּסט, ווי לייכט ער גיט זיך אונטער אַ פרעמדער ווירקונג. „דאָס שרייבט ער אַזוי, קאָלזמאַן ער איז נאָך אַליין“, — פלעגט איליטש צוגעבן. איליטשס רעפעראַט האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. דעמזעלבן רעפעראַט, „דער פּראָלעטאַריאַט און די מילכאָמע“ האָט ער געלייענט אויך אין זשענעווע.

אַז ער איז צוריקגעקומען פונעם רעפעראַטן-טורנע האָט איליטש געטראָפן שליאַפּניקאָווס אַ בריוו פון שטאָקהאָלם, ווו ער איז מודיע וועגן דער רוסישער אַרבעט, וועגן וואַנדערוועלדעס טעלעגראַמע צו דער דומע-פראַקציע און וועגן דעם ענטפער, וואָס די דעפּוטאַטן, די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס, האָבן געגעבן וואַנדערוועלדען. עמיל וואַנדערוועלדע — דער בעלגישער דעפּוטאַט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ, — האָט נאָכן דערקלערן די מילכאָמע פאַרנומען אין דער בעלגישער רעגירונג א מיניסטער-פּאָסטן. קורץ פאַר דער מילכאָמע איז ער געווען אין רוסלאַנד און האָט געזען דעם קאַמף, וואָס די אַרבעטער פון רוסלאַנד האָבן געפירט קעגן דער זעלבסטהערשונג, ער האָט אָבער ניט באַנומען די טיפקייט פון אָט דעם קאַמף. וואַנדערוועלדע האָט טעלעגראַפירט צו ביידע טיילן פון דער סאָציאַל-

דעמאָקראַטישער פראַקציע, זיי זאָלן מיטהעלפן, אַז די רוסישע רעגירונג זאָל זיך נעמען פירן אַן אַנטשיידנדיקע מילכאָמע קעגן דייטשלאַנד.

די מענשעוויסטישע דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן אינעם ערשטן מאָמענט זיך געהאַט אָפּגעזאָגט צו שטימע פאַר די מילכאָמע-קרעדיטן, ווען זיי האָבן זיך דערוווסט, וואָס פאַר א פּאָזיציע עס האָט פאַרנומען די מערהייט סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָבן זיי זיך זייער שטאַרק אַ וואַקל געטאָן, און דעריבער האָט דער ענטפער זייערער צו וואַנדערוועלדען געטראָגן שוין גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן ניט קעגנווירקן קעגן דער מילכאָמע. די באָלשעוויסטישע פראַקציע האָט אַוועקגעשיקט אַן ענטפער, ווו זי האָט אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן יעטווידן געדאַנק וועגן שטיצן די מילכאָמע און וועגן אָפּשטעלן דעם קאַמף קעגן דער צאַרישער רעגירונג. אַסאַך איז אין אָט דעם ענטפער געבליבן ניט דערזאָגט, אָבער די גרונט-ליניע האָט די באָלשעוויסטישע פראַקציע גענומען א ריכטיקע. עס האָט זיך געפילט, ווי וויכטיק עס איז די פאַרבינדונג צווישן אויסלאַנד מיט רוסלאַנד, און איליטש איז נאָך שטאַרקער באַשטאַנען דערויף, אַז שליאַפּניקאָוו זאָל בלייבן אין שטאָקהאָלם, און פאַרפעסטיקן נאָך מער די פאַרבינדונג מיט דער דומע-פראַקציע און ביכלאַל מיט די רוסלענדישע כאַווייריִם. דורך שטאָקהאָלם איז עס געווען לייכטער פון אַלץ איינצואָרדענען.

ווי נאָר איליטש האָט זיך צוריקגעקערט קיין בערן פון קראָקע, האָט ער טייקעף אָנגעשריבן א בריוו צו קאַרפּינסקין, ווו ער האָט באַ אים אָנגעפרעגט, צי קאָן מען אין זשענעווע אַרויסגעבן א בלעטל. די טעזיסן, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן אין די ערשטע טעג נאָך זיין אָנקומען קיין בערן, האָט מען אין אַ כוידעש אַרום באַשלאָסן אַרויסגעבן, איבעראַרבעטנדיק עס אין דער פאָרם פון אַ מאַניפעסט. און איליטש שרייבט זיך ווידער צונויף מיט קאַרפּינסקין וועגן אַרויסגעבן עס, די בריוו שיקט ער מיט אַ געלעגנהייט און שטרענג קאָנספּיראַטיוו. צו יענער צייט איז נאָך ניט געווען קלאָר, ווי אַזוי וועט זיך באַציִען די שווייצאַרישע מאַכט צו אַזאַ מין אַנטימיליטאַריסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

אַף מאָרגן נאָך שליאַפּניקאָווס ערשטן בריוו האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן קאַרפּינסקין: טייערער ק! פּונקט ווען איך בין געווען אין זשענעווע, האָבן זיך באַקומען ד ע ר פ ר י י ע נ ד י ק ע יעדיעס פון רוסלאַנד

ס'איז אָנגעקומען אויך דער ענטפער-טעקסט פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן צו וואַנדערוועלדע. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן, אָנשטאָט אַ באַזונדערן מאַניפעסט, אַרויסלאָזן אַ צייטונג „סאָציאַל-דעמאָקראַט“, צ. אַ... צו מאַנטיק, וועלן מיר אויך צושיקן ניט קיין גרויסע אויסבעסערונגען צום מאַניפעסט און אַ געענדערטע אונטערשריפט (ווייל נאָך דעם פּאַרקער מיט רוסלאַנד טרעטן מיר שוין אַרויס מער אָפיציעל) *.

סאָף אָקטיאַבער איז איליטש ווידער אַרויסגעפאָרן מיט רעפעראַטן, אַפריער קיין מאָנטרע און נאָכדעם קיין ציוריך. אין ציוריך איז אויף זיין רעפעראַט אַרויסגעטראָטן טראָצקי, וועלכער איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט דערפון, וואָס איליטש האָט אָנגערופן קאַוטסקין „פאַרעטער“. איליטש האָט אָבער בעקיוון פאַרשאַרפט אַלע פראַגעס, קעדיי אַריינטראָגן קלאָרקייט אין דעם, וואָס פאַר אַ פּאָזיציע יעדערער פאַרנעמט. דער קאַמף קעגן די באַשיצלער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין דער גאַנצער גרייס.

דער קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט, האָט ניט געטראָגן קיין אייגערלעך פּאַרטייישן כאַראַקטער, ער האָט געהאַט אַ שייכעס ניט נאָר צו די רוסישע איניאָינם. דער קאַמף האָט געטראָגן אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

„דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז געשטאָרבן, אַ באַזיגטער דורכן אָפּאָרטוניזם“, — האָט באַהויפּט וולאַדימיר איליטש. מע האָט געדאַרפט זאַמלען קויכעס פאַר אַ נייעם, פאַרן דריטן אינטערנאַציאָנאַל, אַן אָפּגערייניקטן פונעם אָפּאָרטוניזם.

אַף וואָס פאַר אַ קויכעס האָט מען זיך געקאָנט אָנשפאַרן.

אויסער די רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן ניט געשטימט פאַר די מילכאָמע-קרעדיטן נאָר די סאָציאַל-דעמאָקראַטן פון סערביע. אין דער סקופּשטשינע (אין סערבישן פּאַרלאַמענט) זיינען זיי געווען איינגאַנצן זאַלבעצווייט. אין דייטשלאַנד האָבן פאַר די מילכאָמע-קרעדיטן געשטימט אַלע, אָבער שוין דעם 10-טן סענטיאַבער האָבן קאַרל ליבקנעכט, פראַנץ מערינג, ראָזע ליוקסעמבורג און קלאַרע צעטקין צונויפגעשטעלט אַ מעלדונג, ווו זיי פּראָטעסטירן קעגן דער פּאָזיציע,

---

* „לענינשער זאַמלבוך“ XI, זייט 107.

וואָס עס האָט פאַרנומען די מערהייט פון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע מעלדונג האָט זיי זיך איינגעגעבן ערשט סאָף אָקטיאַבער אין די שווייצערישע צייטונגען, אין דער דייטשישער פרעסע האָט זיך עס ניט איינגעגעבן צו טאָן. פון די דייטשישע צייטונגען האָט אין אָנהייב מילכאָמע אַ מער לינקע פּאָזיציע פאַרנומען די „ברעמענער בירגערלעכע צייטונג“, וועלכע האָט דעם 23־טן אַווגוסט דערקלערט, אַז דער „פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַל“ איז צעשטערט געוואָרן. אין פראַנקרייך האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט גערדן און וואַיאַנען בעראָש זיך אַראָפּגעקייקלט ביז עכטן שאָוויניזם. אונטן אָבער, אין דער פּאַרטייישער מאַסע, איז געווען ברייט פאַרשפּרייט די קעגנמילכאָמע שטימונג. פאַר דער בעלגישער פּאַרטיי איז געווען כאַראַקטעריסטיש וואַנדערוועלדעס שטעלונג. אין ענגלאַנד האָבן מאַקדאָנאַלד און קעיר־האַרדי פון דער אָפּאָרטוניסטישער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי / געגעבן אַ ווידערשטאַנד קעגן דעם שאָוויניזם היינדמאַנס און פון דער בריטישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אינגאַנצן. אין די נייטראַלע לענדער זיינען געווען שטימונגען קעגן דער מילכאָמע, אַמערסטן אָבער האָבן זיי געטראָגן אַ פּאַציפיסטישן כאַראַקטער. רעוואָליוציאָנערער פון אַלע אַנדערע האָט זיך געהאַלטן די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט דער צייטונג „Avanti“ („פּאָרויס“) בעראָש. זי האָט געקעמפט קעגן שאָוויניזם, זי האָט דעמאַסקירט די פּניעסדיקייט פון די מילכאָמע־צורופן. זי האָט געפונען שטיצע בײַ אַ קאָלאָסאַלער מערהייט פּאָרגעשריטענע אַרבעטער. דעם 27־טן סענטיאַבער איז אין לוגאַנאָ פאָרגעקומען אַן איטאַליעניש־שווייצאַרישע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ. צו דער קאָנפערענץ האָבן מיר צוגעשיקט אונדזערע טעזיסן וועגן דער מילכאָמע. די קאָנפערענץ האָט כאַראַקטעריזירט די מילכאָמע אַלס אימפּעריאַליסטישע און האָט אויפגעפאָדערט דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט צו קעמפן פאַר שאָלעם.

אין אַלגעמיין האָבן די שטימען קעגן שאָוויניזם, די אינטערנאַציאָנאַליסטישע שטימען, — דערוויל נאָך געקלונגען זייער שוואַך, אָפּגעזונדערט, ניט זיכער, איליטש האָט אָבער ניט געצווייפלט, אַז וואָס וייטער וועלן זיי ווערן אַלץ פעסטער. דעם גאַנצן הארבסט איז בײַ אים געווען אַ געהויבענע קאַמף־שטימונג.

די זיכרוינגעס וועגן אַט דעם האַרבסט פלעכטן זיך באַ מיר איבער מיטן האַרבסטיקן בילד פונעם בערנער וואַלד. דער האַרבסט איז יענץ יאָר געווען א פראַכטפולער. געוווינט האָבן מיר אין בערן אַף דיסטעלוועג — אַ קליין, רויק און שטיל געסעלע, וואָס גרענעצט מיטן בערנער וואַלד, וועלכער ציט זיך אַף עטלעכע קילאָמעטער. אַביסל אָן אַ זייט, קעגניבער אונדז האָט געוווינט אינעסע, פינף מינוט גאַנג פון אונדז — די זינאָוויעווס, צען מינוט גאַנג — די שקלאָווסקיס. שאָענלאַנג פלעגן מיר ארומבלאָנקען איבער די וואַלד-שטעגלעך, וועלכע זיינען געווען אויסגעבעט מיטן האַרבסטיקן שטיל-שאָרכנדיקן בלעטער-פאַל. ס'רוב פלעגן מיר שפאַצירן זאַלבעדריט — וולאַדימיר איליטש, איך און אינעסע. וולאַדימיר איליטש פלעגט אַנטוויקלען זיינע קאַמף-פלענער לויט דער אינטערנאַציאָנאַלער ליניע. אינעסע האָט דאָס אַלץ גענומען זייער נאָענט צום האַרצן. אין אָט דעם קאַמף, וואָס האָט געהאַלטן אין אַנטוויקלען זיך, האָט זי אָנגעהויבן נעמען דעם סאַמע אַקטיוון אָנטייל: זי האָט געפירט די קאָרעספאָנדענץ, איבערזעצט אַף פראַנצויזיש און ענגליש פאַרשיידענע דאָקומענטן אונדזערע, צוגעקליבן מאַטעריאַלן, גערעדט מיט מענטשן און ד. גל. אַמאָל פלעגן מיר שאָענלאַנג אָפזיצן אַף דער זוניקער זייט באַרג, וואָס איז געווען באַוואָקסן מיט א יונג וועלדל. איליטש פלעגט אָנצייכענען קאָנספעקטן פאַר זיינע רעדעס און אַרטיקלען, אָפשלייפן פאַרשיידענע פאָרמולירונגען; איך האָב לויט טוסענ'ן דערלערנט די איטאַליעניש שפראַך, אינעסע האָט גענייט עפעס א קליידל און מיט פאַרגעניגן געוואַרעמט זיך אַף דער מילדער האַרבסטיקער זון — זי איז נאָך ניט געקומען אינגאַנצן צו זיך נאָך דער טפיסע. אינאָוונט פלעגן אַלע זיך צונויפקלייבן באַ גריגאָרין אין צימערל (זיי זאַלבעדריט — גריגאָרי, לילינע און דאָס יאַטל זייערס סטיאָפע האָבן געוווינט אין איין צימערל) און נאָך שפאַסנדיק מיטן איינשלאָפנדיקן סטיאָפע פלעגט איליטש שוין אַריינטראָגן אַ גאַנצע ריי קאָנקרעטע פאָרשלאַגן.

קורץ און פינקטלעך זיינען פאָרמולירט געוואָרן די הויפט-פונקטן פון איליטשס קאַמף-ליניע אינעם בריוו צו שליאַפניקאָוון דעם 17-טן אָקטיאַבער.

„... איצט איז קאַוטסקי *שעדלעכער פאַר אַלעמען*. אַזוי געפערלעך און פרעך איז זיין סאָפיסטיק, וועלכע מאַסקירט זיך מיט די סאַ-

מע גלאַטיקע, צוגעקעמטע פּראַזעס פֿון אָפּאָרטוניסטישער פּאסקודסטווע
(אין דער „Neue Zeit“ ). די אָפּאָרטוניסטן דאָס איז אַן אָפֿן
ביין. דער דייטשישער „צענטער“ מיט קאַוטסקין בעראָש — אַ ביין אַ
פֿאַרמאַסקירטע, אַ דיפּלאָמאַטיש-צוגעפּאַרבטע, וואָס פֿאַרשיט די
אויגן, דעם געדאַנק און דעם געוויסן באַ די אַרבעטער — איז געפֿער-
לעכער פֿאַר אַלץ. אונדזער אויפֿגאַבע איצט איז — אומבאַדינגטער
אָפּענער קאַמף קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָפּאָרטוניזם און קעגן זיי-
נע מאַסקירער (קאַוטסקי). אָט דאָס טאַקע וועלן מיר טאָן אינעם צ. אָ.,
וועלכן מיר וועלן אַרויסגעבן אינגיכן (2 זייטלעך, מיסטאָמע). מע מוז
איצט מיט אַלע קויכעס אונטערהאַלטן דעם פֿאַרדינטן האַס מיצאַד
די פֿאָרגעשריטענע אַרבעטער צו דער מיעסער אויפֿירונג פֿון די דייטשן
און מאַכן פֿון אָט דעם האַס דעם געהעריקן פּאָליטישן אויספֿיר קעגן
דעם אָפּאָרטוניזם און קעגן יעדן קאָמפּראָמיס מיט אים. דאָס איז אַן
אינטערנאַציאָנאַלע אויפֿגאַבע, (ווייל די געפֿאַר פֿון אַ פֿוילער קאָמ-
פּראָמיסלעכער רעזאָליוציעס לויט דער ליניע קאַוטסקי—וואַנדערוועלדע
איז זייער און זייער גרויס!). ניט ריכטיק איז דער לאָזונג „פֿאַר שאַ-
לעם“ — דער לאָזונג דאַרף זיין: פֿאַרוואַנדלען די נאַציאָנאַלע מילכאָ-
מע אין אַ בירגער-קריג (דידאָזיקע פֿאַרוואַנדלונג קאָן געדויערן לאַנג,
קאָן פֿאָדערן און וועט פֿאָדערן אַ גאַנצע ריי פֿאָרבאַדינגונגען, אָבער
די גאַנצע אַרבעט דאַרף מען פֿירן לויט דער ליניע דאָזיקע פֿון
אַזאַ מין פֿאַרוואַנדלונג, אין אָט דעם גייסט און ריכטונג). ניט סאַבאָ-
טירן די מילכאָמע. ניט קיין אָפּגעריסענע אינדיווידועלע אַרויסטרעטונגען,
נאָר אַ מאַסן-פּראָפּאַגאַנדע (ניט נאָר צווישן די „ציווילע“), וואָס זאָל
פֿירן צום פֿאַרוואַנדלען די מילכאָמע אין אַ בירגער-קריג.

אין רוסלאַנד מאַסקירט זיך דער שאָוויניזם מיט פּראַזעס וועגן דער
„Bella France“ („דער שיינער פֿראַנקרייך“) און וועגן דער
אומגליקלעכער בעלגיע (און אוקראַינע? א. א. וו.) אָדער מיט דעם
„פֿאָלק-האַס צו די דייטשן (און צום „קייזעריזם“). דעריבער איז
אונדזער אומבאַדינגטע פֿליכט — קעמפֿן קעגן די דאָזיקע סאָפֿיזמען.
און כדי דער קאַמף זאָל גיין לויט אַ קלאָרער, דייטלעכער ליניע, איז
נייטיק אַ לאָזונג, וואָס זאָל אָט דעם קאַמף פֿאַראַלגעמיינערן. אָט דער
לאָזונג איז: פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון די אינטערעסן פֿון די האָרעפּאַש-
נע מאַסן און פֿונעם אַרבעטער-קלאַס אין רוסלאַנד קאָן פֿאַר אונדז

רוסן, ניט זיין דער מינדסטער ספק, ס'איז אַבסאָליוט קיין שום צווייפֿל ניט, אַז דאָס קלענסטע בייז וואָלט געווען איצטער און טאַקע באַלד — אַ מאַפּאָלע פֿאַרן צאַריזם און דער געגעבענער מילכאָמע. ווייל דער צאַריזם איז הונדערט מאָל ערגער פֿונעם קייזעריזם. ניט סאַבאָטירן די מילכאָמע, נאָר קעמפֿן קעגן דעם שאָוויניזם און די גאַנצע אַגיטאַציע און פּראָפּאָגאַנדע אָנווענדן אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער באַהעפֿטונג (דערנעענטערונג, סאָלידאַריטעט, צונויפֿגערעדטקייט Selon les circonstances לויט די אומשטענדן) פֿונעם פּראָלעטאַריאַט מיטן ציל פֿון אַ בירגער=קריג. פֿעלערהאַפֿט וואָלט געווען אויך רופֿן צו אינדיווידועלע אַקטן, ווי שיסן אין די אָפֿיצערן א.א.וו. און דערלאָזן אַזוינע אַרגומענטן, ווי, צום ביישפּיל, מיר ווילן ניט העלפֿן דעם קייזעריזם. דאָס ערשטע איז — אַן אָפּנויג צום אַנאַרכיזם, דאָס צווייטע צו אָפּאָרטוניזם. מיר אָבער דאַרפֿן גרייטן אַ מאַסן= (אָדער אַמווייניקסטנס אַ קאָלעקטיווע) אַרויסטרעטונג אינעם מיליטער ניט נאָר פֿון איין נאַציע, און די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדיסטיש=אַגיטאַציאָנעלע אַרבעט דאַרף געפֿירט ווערן אין דערדאָזיקער ריכטונג. ווענדן די אַרבעט (אַן אַקשאָנעסדיקע, אַ סיסטעמאַטישע, א דויערנדיקע, עפּשער) אין דער ריכטונג צו פֿאַרוואַנדלען די נאַציאָנאַלע מילכאָמע אין אַ בירגער=קריג — אָט אין וואָס עס באַשטייט דער גאַנצער טאָך. דער מאָמענט פֿון אָט דער פֿאַרוואַנדלונג — דאָס איז שוין אַן אַנדער פֿראַגע, וואָס איז דערווייל נאָך ניט קלאָר. מע דאַרף אָט דעם מאָמענט לאָזן רייף ווערן און סיסטעמאַטיש „צווינגען אים רייף צו ווערן“.

דער לאָזונג „פֿאַר שאָלעם“ איז, לויט מיין מיינונג אין געגעבענעם מאָמענט, ניט קיין ריכטיקער. דאָס איז אַ קליינבירגערלעכער, א גאַלאָכישער לאָזונג. דער פּראָלעטאַרישער לאָזונג דאַרף זיין: א בירגער=קריג.

אָביעקטיוו — פֿון דער ראַדיקאַלער ענדערונג אין דער לאַגע אין אייראָפּע דרינגט אַרויס אַזאַ לאָזונג, פֿאַר דער עפּאָכע פֿון מאַסן=קריג. פֿון דער באַזעלער רעזאָלוציע דרינגט אויך אַרויס דער זעלביקער לאָזונג.

ניט מיר קאָנען „צוזאָגן“ אַ בירגער=קריג, ניט „דעקרעטירן“ אים, אָבער פֿירן אַן אַרבעט — און אַז מע וועט דאַרפֿן, אַפֿילע אַ לאַנג=דוי=

ערנדיקע — אָט אין דער ריכטונג זײַנען מיר מעכויעוו. פונעם אַרטיקל אינעם צ. אָ. וועט איר זיך דערוויסן די פּראָטים"*.

אין צוויי מיט אַ האַלבן כאָדאָשים אַרום נאָך דער מילכאָמע=דערקלערונג האָט זיך באַ אילישן שוין געהאַט אויסגעקריסטאַליזירט אַ קלאָרע, אַ דייטלעכע קאַמף=ליניע. די דאָזיקע ליניע האָט באַצייכנט זײַן גאַנצע ווײַטערדיקע טעטיקייט. דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרנעם האָט צוגעגעבן אַ נײַעם טאָן אויך אילישס גאַנצער טעטיקייט באַם בויען די רוסישע אַרבעט, האָט איר צוגעגעבן אַ נײַע קראַפט, נײַע פאַרבן. אַז די לאַנגע יאָרן פריערדיקער שווערער אַרבעט איבער דער בויונג פון דער פּאַרטיי, איבער דער אָרגאַניזירונג פונעם רוסלענדישן אַרבעטערקלאַס וואָלט אילישן ניט געקאָנט אַזוי גיך און פעסט נעמען די ריכטיקע ליניע בענוגייע די נײַע אויפגאַבעס, וואָס די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע האָט אַרויסגערוקט. ווען ער וואָלט פריער ניט געשטאַנען אין דער סאַמע געדיכטעניש פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף, וואָלט אילישן ניט געקאָנט אַזוי פעסט פירן דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט צום אָקטיאַבער=ניצאָכן.

דער „סאָציאַל=דעמאָקראַט" נומ. 33 איז דערשינען דעם 1=טן נאָיאַבער 1914 יאָר. אַפריער האָט מען אים געווען געדרוקט אינגאַנצן אין 500 עקזעמפּליאַרן, נאָכדעם האָט מען געמוזט צוגעבן נאָך 1000 עקז. דעם 14=טן נאָיאַבער האָט אילישן מיט פרייד אָנגעזאָגט קאַרפינסקין, אַז דער צ. אָ. איז שוין צוגעשטעלט אין אײַנעם פון די פונקטן ניט ווײַט פון דער גרענעץ און אינגיכן וועט מען אים אַריבערפּעקלען ווײַטער.

דורך נענען און גראַבערן האָט זיך אײַנגעגעבן דעם 13=טן נאָיאַבער אָפּדרוקן דעם מאַניפעסט אין אַ פאַרקירצטער פאָרם אין דער שווייצאַרישער צײַטונג „La sentinelle" („דער וועכטער"), וואָס איז דערשינען אַף פראַנצויזיש אין נעשאַטעלער אַרבעטער=צענטער שאָ=דע=פאָן ( Chaux-de Fond ) אילישן האָט טריומפירט. איבערזעצונגען פון מאַניפעסט האָבן מיר אַוועקגעשיקט אין די פראַנצויזישע, ענגלישע און דײַטשישע צײַטונגען.

קעדיי צו פאַנאַנדערוויקלען די פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פראַנצויזן,

---

* לענין־זאמלבוך II, זייטן 194—196.

האָט וולאַדימיר איליטש זיך צונויפגעשריבן מיט קאַרפינסקין, אַז מע זאָל איינאָרדענען אין זשענעווע אינעסעם א רעפעראַט אַף פראַנצויזיש. מיט שליאַפניקאָוון האָט ער זיך צונויפגעשריבן, אַז ער זאָל אַרויסטרעטן אַפן שוועדישן קאָנגרעס. שליאַפניקאָוו איז אַרויסגעטראָטן און זייער געלונגען. אָט אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז פאַנאַנדערגעוויקלט די באָלשעוויסטישע „אינטערנאַציאָנאַלע אַקציע“.

וואָס שייך די פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד איז געווען ערגער. פאַרן צ. אָ. נומער 34 האָט שליאַפניקאָוו צוגעשיקט אַן אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל פון פיטער. באַגלייך אָבער דערמיט איז אויסגעקומען דרוקן אין נום. 34 די יעדיע וועגן דעם, אַז מע האָט אַרעסטירט די 5 באָלשעוויסטישע דעפוטאַטן. די פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד איז ווידעראַמאָל שוואַכער געוואָרן.

פאַנאַנדערוויקלענדיק א ליידנשאַפטלעכן קאַמף קעגן דעם 2־טן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט פאַראַטן דעם פראָלעטאַריאַטס אינטערעסן, האָט זיך איליטש גלייכצייטיק, ווי נאָר ער איז צוריקגעקומען פון בערן, זיך גענומען שרייבן פאַר גראַנאַטס ענציקלאָפעדישן ווערטערבוך אַן אַרטיקל „קאַרל מאַרקס“. רייידנדיק דאָרט וועגן מאַרקס לערע, האָט ער אָנגעהויבן פון באַשרייבן זיין וועלט־אָנשויונג, פון די אָפטיילן „פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם“ און „דיאַלעקטיק“, און ווייטער, איבערגעבנדיק דעם אינהאַלט פון מאַרקס עקאָנאָמישער לערע, האָט ער באַלויכטן, וויאַזוי מאַרקס איז צוגעגאַנגען צו דער פראַגע וועגן סאָציאַליזם און וועגן דער טאַקטיק פונעם פראָלעטאַריאַטס קלאַסן־קאַמף.

געוויינלעך פלעגט מען מאַרקס לערע אַזוי ניט דערקלערן. באַם שרייבן די קאַפיטלען וועגן פילאָסאָפישן מאַטעריאַליזם און דיאַליקטיק, האָט איליטש ווידעראַמאָל פלייסיק גענומען זיך איבערלייענען העגעלן און אַנד. פילאָזאָפן, און ער האָט ניט געוואָרפן די אַרבעט אַפילו נאָכדעם, ווען ער האָט שוין געהאַט געענדיקט די אַרבעט וועגן מאַרקסן. דער צוועק פון זיין אַרבעט איבער פילאָזאָפיע איז געווען — געפינען דעם מעטאָד, ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען די פילאָזאָפיע אין א קאָנקרעטע אָנווייזונג צו טאַט. זיינע קורצע באַמערקונגען וועגן דיאַלעקטישן צוגאַנג צו אַלע דערשיינונגען, וועלכע ער האָט געמאַכט אין 1921 יאָר ביים דער דיסקוסיע מיט טראָצקין און בוכאַרינען וועגן די פראָפעס־

יאָנעלע פאַריינען, כאַראַקטעריזירן אַמבעסטן וויפל עס האָט געגעבן איליטשן זיין ארבעט איבער פילאָזאָפיע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן, ווען ער איז צוריקגעקומען קיין בערן און וואָס איז געווען א פאָרזעצונג דערפון, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין הינזיכט פון דערלערנען פילאָזאָפיע אין די יאָרן 1908—1909, ווען ער האָט געקעמפט קעגן די מאַכיסטן.

קאַמף און לערע, לערע און וויסנשאַפטלעכע ארבעט, פלעגן בא איליטשן שטענדיק זיך איבערפלעכטן אין איין פעסטן קנופ, שטענדיק איז צווישן זיי געווען די טיפסטע, אומיטלבאַרסטע פאַרבינדונג, כאָטש אַפן ערשטן קוק האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז דאָס איז פאָשעט פאַראַלעלע אַרבעט.

אין אָנהייב 1915 י. איז נאָך אַלץ געפירט געוואָרן אַ פאַרשטאַרקטע אַרבעט ענגער צו באַהעפטן די אויסלענדישע באָלשעוויסטישע גרופעס. א באַשטימטע צונויפגערעדקייט איז שוין געווען, די צייט איז אָבער געווען אַזאַ, אַז באַהעפטקייט איז געווען נייטיקער ווי ווען עס איז פריער. ביז דער מילכאָמע האָט זיך דער צענטער פון די באָלשעוויסטישע גרופעס, דער אַזויגערופענער ק. ז. אָ. (קאָמיטעט פון די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס) געפונען אין פאַריז. איצט האָט מען דעם צענטער באַדאַרפט אַריבערטראָגן אין אַ נייטראַל לאַנד, אין דער שווייץ, קיין בערן, ווו עס האָט זיך געפונען אויך די רעדאַקציע פונעם צ. אָ. מע האָט געדאַרפט זיך צונויפריידן ביזן סאָף וועגן אַלץ — וועגן דער אָפשאַצונג פון דער מילכאָמע, וועגן די נייע אופגאַבעס, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר דער פאַרטיי, וועגן דעם, ווי אַזוי צו דערלייזן זיי. מע האָט געמוזט פאַרפינקטלעכן די טעטיקייט פון אַלע גרופעס. די באָזשיער (קרילענקאָ, בוכאַרין, ראָזמיראָוויטש), צום ביישפיל, האָבן באַשלאָסן אַרויסגעבן זייערן אַן אייגענעם אויסלענדישן אָרגאַן „זוועזדאַ“ און מיט אַזאַ אימפעט זיך צוגעכאַפט צו דעם דאָזיקן איניען, אַז זיי האָבן זיך אַפילע ניט צונויפגערעדט מיטן צענטראַל-אָרגאַן. דערוווסט וועגן אָט דעם פלאַן האָבן מיר זיך פון אינעסען. אָבער אַרויסגעבן אַזאַ מין אָרגאַן איז געווען גאָר ניט צוועקמעסיק. עס איז ניט געווען קיין געלט אַף אַרויסצוגעבן דעם צ. אָ. קיין מיינונגס-פאַרשיידנהייטן איז דערווייל ניט געווען, זיי האָבן אָבער לייכט געקאָנט אויסוואַקסן. עפעס א ניט פאָרזיכטיקן אויסדרוק וואָלטן די קעגנער געקאָנט אונטערכאַפן און צע-

בלאָזן. מע האָט געמוזט גיין צוזאַמען. אַזאַ צייט איז עס געווען. סאָף
פּעווראַל האָט מען אין בערן צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ פון די אויס=
לענדישע גרופּעס. אויסער די שווייצאַרישע גרופּעס איז געווען אויך די
פּאַריזער גרופּע. פון די פּאַריזער באַווײרים איז געקומען גרישע בעלענ=
קי, וועלכער האָט אויסגפירלעך דערציילט וועגן די באַשיצלערישע שטי=
מונגען, וועלכע האָבן אין אָנהייב מילכאָמע באַהערשט די פּאַריזער
גרופּע. די לאָנדאָנער באַווײרים האָבן ניט געקאָנט קומען, האָבן זיי אי=
בערגעגעבן זייער מאַנדאַט. די באַזשיער באַווײרים האָבן זיך לאַנג גע=
וואַקלט — צי זיי זאָלן יאָ פאָרן אָדער ניט און געקומען זיינען זיי
ערשט צום סאָף. צוזאַמען מיט זיי זיינען געקומען די „יאַפּאָנער“. אַזוי
האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן די באַווײרים פון קיעוו פּיאַטאַקאָוו און
באָש (יע. פ. ראָזמיראָוויטשעס שוועסטער), וועלכע זיינען פון דער סי=
בירער פאַרשיקונג אַנטלאָפן דורך יאַפּאָניע און אַמעריקע. געווען איז
עס אַזאַ צייט, ווען מיר פלעגן פּיבערהאַפּט זיך אָנכאַפּן אָן יעדן גייעם
מיינונג=כאַוועו. די יאַפּאָנער זיינען אונדז געפעלן געוואָרן. זייער אָנקו=
מען האָט געוויס פאַרשטאַרקט אונדזערע אויסלענדישע קרעפטן.

אַף דער קאָנפערענץ האָט מען אָנגענומען אַ דייטלעכע רעזאָליוציע
וועגן דער מילכאָמע, דיסקוטירט דעם לאָזונג — פאַראייניקטע שטאַטן
פון אייראָפּע (קעגן וואָס אינעסע האָט באַזונדערס שטאַרק דערווי=
דערט), אָנגעצייכנט דעם כאַראַקטער פאַר דער טעטיקייט פון די אויס=
לענדישע גרופּעס, די באַזשיער צייטונג האָט מען באַשלאָסן ניט ארויס=
צוגעבן, מע האָט אויסגעוויילט אַ נייעם „ק. ז. אָ.“ פון די בערנער:
שקלאָווסקי, קאַספּאַראָוו, אינעסע אַרמאַנד, ליליגע, קרופּסקע.

אַפן טאָג=סיידער איז געשטאַנען דאָס צונויפזאַמלען די קרעפטן אין
אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. וואָס פאַר אַ שווערע אַרבעט דאָס איז
געווען — האָט אָנשוילעך באַוויזן די לאָנדאָנער קאָנפערענץ פון די
סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די אַנטאַנטע=מעלוכעס (ענגלאַנד, בעל=
גיע, פראַנקרייך, רוסלאַנד), וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 14=טן פעוו=
ראַל 1915 יאָר. צונויפגערופן אָט די קאָנפערענץ האָט וואַנדערוועלדע,
אַבער אָרגאַניזירט האָט זי די ענגלישע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער=פּאַר=
טיי מיט קעיר=גאַרדי און מאַקדאָנאַלדן בעראָש. ביז דער קאָנפערענץ
זיינען זיי געווען קעגן דער מילכאָמע, פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלע פאַ=
רייניקונג. לעכאַטכילע האָט די אומאָפּהענגיקע ארבעטער=פּארטיי גע=

רעכנט אײַנלאַדן דעלעגאַטן פֿון דײַטשלאַנד און עסטרײַך. די פּראַ־צװיזן האָבן אָבער דערקלערט, אַז אין אַזאַ פֿאַל װעלן זײ ניט נעמען קײן אָנטײל אין דער קאָנפֿערענץ. פֿון ענגלאַנד זײַנען געװען 11 דעלע־גאַטן, פֿון פֿראַנקרײַך — 16, פֿון בעלגיע — 3. פֿון רוסלאַנד זײַנען געװען 3 סאָציאַל־רעװאָלוציאָנערן. געװען איז אַ דעלעגאַט פֿון מענשע־װיסטישן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. פֿון אונדזערע האָט דאָרט גערעדט אַרויסטרעטן ליטװינאָװ. ס'איז לעבאַטכילע געװען קלאָר, װאָס פֿאַר אַ קאָנפֿערענץ דאָס װעט זײַן, װאָס פֿאַר אַ רעזולטאַטן זי װעט געבן, דע־ריבער האָט מען אָפּגערעדט, אַז ליטװינאָװ װעט נאָר איבערלײענען אַ דעקלאַראַציע פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט. איליטש האָט צוגעפּגעשטעלט פֿאַר ליטװינאָװן אַ פּלאַן פֿון דערדאָזיקער דעקלאַראַציע. דאָרט איז אַרויסגעשטעלט געװען די פֿאָדערונג, אַז װאַנדערװעלדע, געד און סאַמ־באַ זאָלן אַרויסטרעטן פֿון די בורזשואַזע מיניסטאָרן־ראַטן אין בעלגיע און פֿראַנקרײַך און אַז אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען זאָלן שטיצן די רוסישע אַרבעטער אין זײער קאַמף קעגן צאַריזם. אין דער דעקלאַראַ־ציע האָט זיך גערעדט װעגן דעם, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פֿון דײַטשלאַנד און עסטרײַך זײַנען באַגאַנגען אַ מוירעדיקן פֿאַרברעכן בע־נעגײע דעם סאָציאַליזם און דעם אינטערנאַציאָנאַל, װען זײ האָבן װאָטירט די מיליטערישע־קרעדיטן און געשלאָסן דעם „בורגפֿרידן“ מיט די יונקערס, גאַלאַכים און מיט דער בורזשואַזיע. אָבער די בעלגישע און פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטן האָבן אויך געהאַנדלט ניט בעסער פֿאַר זײ. „די אַרבעטער פֿון רוסלאַנד שטרעקן כאַװעריש אויס די הענט צו די סאָציאַליסטן, װעלכע האַנדלען, װי קאַרל ליבקנעכט, װי די סאָציאַ־ליסטן פֿון סערביע און איטאַליע, װי די בריטישע כאַװײרים פֿון דער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאַרטײ און אײניקע מיטגלידער פֿון דער בריטישער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ, װי אונדזערע אַרעסטירטע כאַ־װײרים פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטײ.

אויף אָט דעם װעג רופֿן מיר אײַך, אויפֿן װעג פֿון סאָציאַליזם. אַראָפּ דעם שאָװיניזם, װעלכער ברענגט אום די אַרבעטער־זאַך! זאָל לעבן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם!“* אָט מיט די װערטער האָט זיך גע־

* לענין, באַנד XVIII, זײַט 123.

ענדיקט די דעקלאַראַציע. אויסער דעם צ.ק. האָט די דעקלאַראַציע אונ=
טערגעשריבן אויך דער פאָרשטייער פון די לעטלענדישע סאָציאַל=דעמאָ=
קראַטן בערזין. דער פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ האָט ניט געגעבן
ליטווינאָוון די מעגלעכקייט צו דערלייענען די דעקלאַראַציע ביזן סאָף.
ליטווינאָוו האָט איבערגעגעבן די דעקלאַראַציע דעם פאָרזיצער און אַליין
האָט ער פאַרלאָזט די זיצונג, דערקלערנדיק, אַז די ר.ס.ד.אַ.פ. באַטײ=
ליקט זיך ניט אין דער קאָנפערענץ. נאָך ליטווינאָווס אַוועקגיין האָט די
קאָנפערענץ אָנגענומען אַ רעזאָליוציע פאַר אַ „באַפרייערישער מילכאָ=
מע“ ביזן פולקומען ניצאָכן איבער דייטשלאַנד. פאַר דעם האָבן גע=
שטימט סיי קעיר=האַרדי, סיי מאַקדאָנאַלד.

דערווייל איז געגאַנגען אַ צוגרייטונג צו דער אינטערנאַציאָנאַלער
פרויען=קאָנפערענץ. וויכטיק איז געווען, פאַרשטייט זיך, ניט נאָר, אַז
אַזאַ מין קאָנפערענץ זאָל פאָרקומען, נאָר אויך, אַז זי זאָל ניט טראָגן
קיין פאַציפיסטישן כאַראַקטער און זאָל פאַרנעמען אַ באַשטימטע רע=
וואָליוציאָנערע פאָזיציע. דעריבער האָט זיך געפאָדערט זייער אַ גרויסע
צוגרייט=אַרבעט. דערהויפט איז די אַרבעט געפאַלן אַף אינעסן. העלפנ=
דיק דער רעדאַקציע פון צ.אָ. מיט איבערזעצן פאַרשיידענע דאָקומענטן,
נעמענדיק אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם קאַמף קעגן דער באַשיצלעריי
גלייך פון סאַמע אָנהייב פון דעם קאַמף, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגע=
וויקלט, איז אינעסע אַזויאַרום געווען זייער גוט צוגעגרייט צו אָט דער
אַרבעט. אויסער דעם האָט זי געקענט גוט שפראַכן. אינעסע שרייבט
זיך דורך מיט קלאַרע צעטקין, באַלאַבאַנאָווע, קאָלאָנטיי, מיט די ענג=
לענדערס און פעסטיקט דערמיט די ערשטע פעדעם פון אינטערנאַציאָ=
נאַלער פאַרבינדונג. די פעדעם זיינען נאָך דערווייל ואומגעהויער שוואַך,
רייסן זיך אָפט, און אינעסע הייבט ווידער אָן פון אָנהייב. אין פּאַריז
האָט געוווינט סטאַל, דורך איר פאַרבינדט זיך אינעסע שריפטלעך מיט
די פראַנצויזישע כאַווײרים. לייכטער פאַר אַלץ איז געווען פאַרבינדן
זיך מיט באַלאַבאַנאָווען — געאַרבעט האָט זי אין איטאַליע, באַטייליקט
זיך אין דער אַרבעט פון „אוואַנטי“. דאָס איז געווען אַ פעריאָד, ווען
די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי איז געווען געשטימט אַמער=
סטן רעוואָליוציאָנער. אין דייטשלאַנד איז די אַנטיבאַשיצלערישע שטי=
מונג געוואַקסן. דעם 2=טן דעקאַבער האָט קאַרל ליבקנעכט געשטימט
קעגן די מילכאָמע=קרעדיטן. די אינטערנאַציאָנאַלע פרויען=קאָנפערענץ

האָט צונויפגערופן קלאַרע צעטקין. געווען איז זי דער סעקרעטאַר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ פון פרויען־סאָציאַליסטקעס. צוזאַמען מיט קאַרל ליבקנעכטן, ראָזע לוקסעמבורג, פ. מערינגען האָט זי געקעמפט קעגן דער שאָוויניסטישער מערהייט אין דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אינעסע האָט זיך מיט איר פאַרבונדן, וואָס איז שייעך קאָלאָנטיי, איז זי צו יענער צייט אַוועק פון די מענשעוויקעס. אין יאַנוואַר האָט זי אָנגעשריבן וולאַדימיר איליטשן און מיר און צוגעשיקט אַ בלעטל. „געערטער און טייערער כאַווער! — האָט איר וולאַדימיר איליטש געשריבן — איך בין אייך זייער דאַנקבאַר פאַרן צוגעשיקטן בלעטל, דערווייל קאָן איך עס נאָר איבערגעבן די היגע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע „ראַבאָטניצאַ“ („אַרבעטערין“) — זיי האָבן שוין אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו קלאַרע צעטקין, ווייזט אויס, מיט דעמזעלבן אינהאַלט, וואָס אייערער“*. און ווייטער גייט שוין איליטש איבער צום אויפקלערן די באָלשעוויסטישע פּאָזיציע. „איר זייט, ווייזט אויס, מיטן לאָזונג פון אַ בירגער־קריג איינשטימיק ניט אינגאַנצן, איר גיט אים אָפּ, אַזוי צו זאָגן, אַ צווייטראַנגיק (און עפּשער אַפילע: אַ ביטנייִק) אָרט הינטער דעם לאָזונג פאַר שאָלעם. און איר שטרייכט אונטער, אַז „מיר דאַרפן אַרויסרוקן אַזאַ לאָזונג, וועלכער זאָל פאַראייניקן אַלעמען. איך וויל זאָגן אָפן, אַז מער פון אַלץ האָב איך מוירע באַ היינטיקן טאָג פאַר אַזאַ מין אַהולנער פאַרייניקעריי, וועלכע איז, לויט מיין איבערצייגונג, אַמערסטן געפערלעך און אַמערסטן שעדלעך פאַרן פּראָלעטאַריאַט“**. אַפן פאָן פון איליטשס איינשטעלונג האָט אינעסע געפירט די שריפטלעכע אונטערהאַנדלונגען מיט קאָלאָנטיי וועגן דער קאָנפערענץ. זיין אָבער אַף דער קאָנפערענץ האָט זיך איר ניט איינגעגעבן.

די בערנער אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 16—28 מאַרט. די גרעסטע און אָרגאַניזירטסטע דעלעגאַציע איז געווען די דייטשישע מיט קלאַרע צעטקין בעראָש. פונעם רוסישן צ.ק. זיינען געווען דעלעגירט אינעסע אַרמאַנד, לילינע, ראַוויטש, קרופּסקע, ראַזמיראָוויטש. פון די פּאָליאַקן — „ראַזלאַמאָווצעס“ — קאַמענסקע (דאָמסקע), וועלכע האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען מיט דער דעלעגאַציע

* לענין־זאַמלבוך II, זייט 221.

** דאָרטן, ז. 221.

פונעם צענטראַל-קאָמיטעט. פון איטאַליע איז געקומען באַלאַבאַנאָווע. לויזע טאַמאַנאָ — אַ פראַנצויזין — איז געווען זייער שטאַרק באַווירקט פון באַלאַבאַנאָווען. ריין פּאַציפיסטישע שטימונגען זיינען געווען באַ די האָלענדערנס. ראָלאַנד-האָלסט, וועלכע האָט דעמאָלט געהערט צום לינקן פליגל, האָט ניט געקאָנט פאָרן. איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון טרולסטראַס פּאַרטיי, וואָס איז געווען אַף דורך און דורך אַ שאָוויניסטישע. די ענגלישע דעלעגאַטקעס האָבן געהערט צו דער אָפּאָרטוניסטישער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער-פּאַרטיי, די שווייצאַרישע דעלעגאַטקעס האָבן געהאַט אַ פּאַציפיסטישן אָפּנויג. דער דאָזיקער אָפּנויג איז געווען דער איבערוועגנדיקער. פאַרשטייט זיך, ווען מע זאָל נעמען אין אַכט די לאָנדאָנער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען ערשט מיט אָנדערהאַלבן כאַדאָשים צוריק, — איז דאָס געווען אַ היפּשער שפּאַן פאָרויס, אַ באַדייטונג האָט געהאַט שוין דער פאַקט אַליין, וואָס אַף דער קאָנפערענץ זיינען זיך צונויפגעפאָרן סאָציאַליסטקעס פון די לענדער, וואָס האָבן צווישן זיך מילכאָמע געהאַלטן.

די דייטשקעס האָבן אין דער מערהייט זייערער געהערט צו קאַרל ליבקנעכטס און ראָזע לוקסעמבורגס גרופּע. די דאָזיקע גרופּע האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן אָפּגרענעצן זיך פון זייערע שאָוויניסטן און קעמפן קעגן זייער רעגירונג — ראָזע לוקסעמבורג איז שוין געווען אַרעסטירט. אָבער דאָס איז געווען באַ זיך אין לאַנד. אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער טריבונע אָבער — האָט זיך זיי אויסגעגעבן — דאַרפן זיי אַרויסווייזן מאַקסימום נאַכגיביקייט, — זיי זיינען דאָך געווען אַ דעלעגאַציע פון אַ לאַנד, וואָס איז אין געגעבענעם מאָמענט געווען די זיגער אַף די פראָנטן. ווען אָט די קאָנפערענץ, וועלכע איז צונויפגערופן געוואָרן מיט אַזוינע שוועריקייטן, וואָלט זיך צעפאַלן, וואָלט די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט געפאַלן אַף זיי. די צעפאַלונג וואָלט דערפרייט די שאָוויניסטן פון אַלע לענדער און אין דער ערשטער ריי די סאָציאַל-פּאַטריאָטן אין דייטשלאַנד. דעריבער איז קלאַרע צעטקין געגאַנגען מיט די פּאַציפיסטן אַף האַנאָכעס, און דאָס האָט באַטייט אויסטרייבערן דעם רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט פון די רעזאָלוציעס. אונדזער דעלעגאַציע — די דעלעגאַציע פון צ.ק. ר.ס.ד.אַ.פּ. — איז געשטאַנען אַף איליטשס שטאַנדפּונקט, וואָס איז געווען דערקלערט אינעם בריוו צו קאָלאָנטיי. געגאַנגען איז דאָ ניט אין פאַרייניקונג בכלאַל, נאָר אין אַ פאַרייניקונג

צוליב רעוואָליוציאָנערן קאַמף קעגן דעם שאָוויניזם, פאַר אַן אומבע־שאָלעמדיקן רעוואָליוציאָנערן קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט קעגן דעם הערשנדיקן קלאַס, קיין פאַרורטיילונג פונעם שאָוויניזם איז ניט געווען אין דער רעזאָליוציע, וועלכע עס האָט אויסגעאַרבעט די קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון דייטשקעס, ענגלענדערנס און האָלענדערינס. מיר זיינען אַרויסגעטראָטן מיט אונדזער אַ באַזונדערער דעקלאַראַציע. פאַר־טיידיקט האָט זי אינעסע. צו פאַרטיידיקן זי איז אַרויסגעטראָטן אויך די פאַרשטייערן פון די פּאָליאַקן — קאָמענסקע. מיר זיינען געבליבן אַליין. אַלע האָבן פאַרורטיילט אונדזער „צעשפּאַלטערישע“ פּאָליטיק. דאָס לעבן האָט אָבער זייער גיך באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון אונד־זער פּאָזיציע. דער גוטינקער פּאַציפיזם פון די ענגלענדערנס און האָ־לענדערנס האָט אַף קיין איין שפּאַן ניט אַ רוק געטאָן פאָרויס די אינ־טערנאַציאָנאַלע אַקציע. די הויפּט־ראָל אינעם פאַרניכטערן דעם סאָף פון דער מילכאָמע האָט אָפּגעשפּילט דער רעוואָליוציאָנערער קאַמף און דאָס אָפּגרענעצן זיך פון די שאָוויניסטן.

מיט זיין גאַנצער ליידנשאַפט האָט איליטש זיך אָפּגעגעבן אַף צו־נויפזאַמלען די קרעפטן פאַרן קאַמף פאַר אינטערנאַציאָנאַלן פראָנט. „עס איז ניט קיין אומגליק, וואָס מיר זיינען איצט געציילטע מענטשן, — האָט ער עפּעס איינמאָל אַ זאָג געטאָן, — מיט אונדז וועלן זיין מיליאָנען“. אויך אונדזער רעזאָליוציע פאַר דער בערנער פרויען־קאָנפע־רענץ האָט איליטש צונויפגעשטעלט, און אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך דער גאַנצער אַרבעט פון דער קאָנפערענץ. עס האָט זיך אָבער געפילט, ווי שווער עס איז אים צו בלייבן אין דער ראָל פון אַ מין הינטער־קוליסן אָנפירער אין אַזאַ אומגעהויער וויכטיקן איניען, וועלכער קומט פאָר דאָ טאָקע, בײַ דער זייט און אין וועלכן אים האָט זיך גע־וואָלט מיטן גאַנצן וועזן נעמען אַן אומיטלבאַרן אָנטייל.

פאַרגעדענקט האָט זיך מיר אַזאַ מאָמענט: איך מיט אינעסען זיצן אין שפּיטאָל בײַ אַבראַם סקאָווגאָ, וועמען מע האָט געמאַכט עפּעס אַן אָפּעראַציע, קומט צוגיין איליטש און הייבט אָן איינגריידן אינעסען, זי זאָל טייקעף גיין צו קלאַרע צעטקין איבערצייגן זי אין דער ריכטיקייט פון אונדזער פּאָזיציע, ווייל זי מוז דאָך פאַרשטיין, ווייל ניט פאַרשטיין קאָן זי ניט, אַז אין געגעבענעם מאָמענט טאָר מען זיך ניט אַראָפּ־קייקלען צום פּאַציפיזם, מע מוז פאַרשאַרפן אַלע פראַגעס. און איליטש

ברענגט אַלץ נייע און נייע אַרגומענטן, וועלכע מוזן איבערצייגן קלאָרע צעטקין. אינעסען האָט זיך ניט געוואָלט גיין, זי האָט געהאַלטן, אַז פֿונעם ריידן וועט זיך גאָרנישט ניט באַקומען. איליטש איז באַשטאַנען אויף זיינס. און אַזאַ הייסע באַקאַשע האָט געקלונגען אין זיינע ווערטער. קיין געשפּרעך צווישן אינעסען מיט קלאָרע צעטקין איז דעמאָלט ניט פֿאָרגעקומען.

דעם 17־טן אַפּריל איז אין בערן פֿאָרגעקומען די צווייטע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפֿערענץ — אַ קאָנפֿערענץ פֿון דער סאָציאַליסטישער יוגנט. אין דער שווייץ האָט זיך צו יענער צייט קאָנצענטרירט אַ היפּשע צאָל יוגנט, פֿון פֿאַרשיידענע קעמפֿנדיקע לענדער, וועלכע האָבן ניט געוואָלט גיין אויפֿן פֿראָנט און אָנטייל נעמען אין דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. און עמיגרירט האָבן זיי אין נייטראַלן לאַנד — אין דער שווייץ. פֿאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע יוגנט איז געווען געשטימט רעוואָלוציאָנער און ניט קיין צופֿעליקייט איז דאָס, וואָס באַלד נאָך דער פֿרויען־קאָנפֿערענץ איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון דער סאָציאַליסטישער יוגנט. אין נאָמען פֿון צ״ק פֿון אונדזער פּאַרטיי זיינען אויף דער קאָנפֿערענץ אַרויסגעטראָטן אינעסע און סאַפּאַראָוו.

אין מאַרט כוידעש איז געשטאָרבן די מוטער מיינע. געווען איז זי אַ נאָענטער כאַווער, וואָס האָט מיטגעהאָלפֿן אין דער גאַנצער אַרבעט. אין רוסלאַנד ביים אַן אונטערזוכונג פֿלעגט זי אויסבאַהאַלטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, האָט געטראָגן די כאַווירים אין טפֿיסע עסן און אויסגעפֿילט פֿאַרשיידענע שליכעס; זי איז געווען צוזאַמען מיט אונדז אין סיביר און אין אויסלאַנד, געפֿירט די ווירטשאַפֿט, צוגעזען און באַוואָרנט די כאַווירים, וואָס פֿלעגן קומען צו פֿאָרן, און די היגע כאַווירים, וואָס פֿלעגן אַריינקומען צו אונדז, געניייט פּאַנצערס, אייגנהענדיק אומלעגאַלע ליטעראַטור, געשריבן „סקעלעטן“ פֿאַר די כעמישע בריוו א.ד.גל. די כאַווירים האָבן זי זייער ליב געהאַט. לעצטנס האָט זי געהאַט זייער אַ שווערן ווינטער. עס זיינען איר אויסגעגאַנגען די קויכעס. געצויגן האָט זי קיין רוסלאַנד, מיר האָבן אָבער דאָרט ניט געהאַט, ווער עס זאָל זיך זאָרגן פֿאַר איר. מיט וולאַדימיר איליטשן פֿלעגט זי זיך אָפֿט קריגן, זי האָט אָבער פֿאַר אים שטענדיק געזאָרגט, וולאַדימיר איז צו איר אויך געווען זייער אויפֿמערקזאַם. איינמאָל זיצט די מוטער מיינע זייער אומעטיק. געווען איז זי אַ גוואַלדיקע רויכערן און דאָ האָט

זי פֿאַרגעסן קויפֿן פּאַפּיראָסן, און געשען איז עס דאָפּקע יאַנטעוו, ווען קיין טאַבעק איז געווען ניט צו קריגן אין ערגעץ. האָט עס איליטש באַמערקט. „אוי אַז אומגליק, איך וועל טייקעף קריגן", און איז אַוועק איבער די קאָפּעס זוכן פֿאַר איר פּאַפּיראָסן, געפֿונען און געבראַכט. עפּעס איינמאָל, ניט לאַנג שוין פֿאַרן טויט, זאָגט צו מיר די מוטער: „ניין, אַליין וועל איך קיין רוסלאַנד ניט פֿאָרן, איך וועל שוין פֿאָרן מיט אייך צוזאַמען". אַ צווייט מאָל האָט זי זיך פֿאַנאַנדערגערעדט וועגן רעליגיע. זי האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ גלויביקער, אָבער זי איז יאָרנלאַנג ניט געגאַנגען אין קלויסטער, ניט געפֿאַסט, ניט געדאַוונט. בכלל האָט רעליגיע ניט געשפּילט קיין שום ראָליע אין איר לעבן, און זי האָט ניט ליב געהאַט צו פֿירן געשפּרעכן אַף דערדאָזיקער טעמע, און דאָ פּלוצעם טוט זי אַ זאָג: „אין דער יוגנט האָב איך געגלויבט, אַז איך האָב אָבער אָפּגעלעבט אַ לעבן, האָב איך דערזען, אַז דאָס זייגען אַלץ נאַרישקייטן". ניט איינמאָל האָט זי אָנגעזאָגט, אַז ווען זי וועט שטאַרבן, זאָל מען זי אומבאַדינגט פֿאַרברענען. דאָס שטיבל, וווּ מיר האָבן געוווינט, איז געשטאַנען האַרט נעבן דעם בערגער וואַלד און אַז די פֿרילינגדיקע זון האָט אָנגעהויבן וואַרעמען, האָט זי אַ צי געטאָן אין וואַלד אַריין. זייגען מיר מיט איר אַוועק, געזעסן אַף אַ בענקעלע באַ אַ האַלב שאָ און נאָכדעם האָט זי זיך קוים דערשלעפּט אַהיים. אַף מאָרגן האָט זי אָנגעהויבן גויסעסן. מיר האָבן געטאָן, ווי זי האָט אָנגעזאָגט,— מיר האָבן זי פֿאַרברענט אין בערנער קרעמאַטאָריום.

געזעסן זייגען מיר מיט וולאַדימיר איליטשן אַ שאָ צוויי אַפֿן בעסוילעם, ביז דער וועכטער האָט אונדז געבראַכט אַ בלעכן פּושקעלע מיטן נאָך וואַרעמען אַש און אָנגעוויזן, וווּ דאָס צו באַגראָבן.

אונדזער פֿאַמיליען־לעבן איז געוואָרן נאָך מער אַ סטודענטישעס. די באַלעבאָסטע פֿון דער דירע — אַ רעליגיעז־גלויביקע אַלטע — אַ פּרעסערקע — האָט אונדז געבעטן זוכן זיך אַן אַנדער דירע, ווייל זי וויל קלוימערשט, אַז באַ איר אין שטוב זאָלן וווינען גלויביקע. האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן אין אַ צווייטן צימער.

דעם 10־טן פֿעוורואַל איז פֿאָרגעקומען דער געריכט איבער דעם פֿינפֿטל אין דומע: אַלע דעפּוטאַטן באָלשעוויקעס — פּעטראָווסקי, מוראַנאָוו, באַדאַיעוו, סאַמאָילאָוו, שאַגאָוו — און אויך ל. ב. קאַמענעוו האָט מען פֿאַרמישפּעט צו פֿאַרשיקונג.

אינעם אַרטיקל פֿון 24-טן מאַרט 1915 יאָר „וואָס האָט דערוויזן דער געריכט איבער דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פֿראַקציע" האָט איליטש געשריבן: „פֿאַקטן זאָגן, אַז שוין אין די ערשטע מילכאָמע-באַראָשים האָט זיך דער באַוווסטזיניקער אַוואַנגאַרד פֿון די רוסלענדישע אַרבעטער פּראַקטיש באַהעפֿט אַרום דעם צ"ק און זיין צענטראַלן אָרגאַן. ווי ניט אָנגענעם עס זאָל זיין פֿאַר די אָדער יענע „פֿראַקציעס" דער-ראָזיקער פֿאַקט — אָבער אָפּלייקענען קאָן מען אים ניט. די ציטירטע ווערטער אינעם באַשולדיקונג-אַקט: „ווענדן דאָס געווער מוז מען ניט קעגן די אייגענע ברידער, די לוין-שקלאַפֿן אין די פֿרעמדע לענדער, נאָר קעגן דער רעאַקציע פֿון די בורזשואַזע רעגירונגען און די פּאַרטייען פֿון אַלע לענדער" — אָט די ווערטער וועלן, אַדאַנק דעם געריכט, צעטראָגן און האָבן שוין צעטראָגן איבער רוסלאַנד דעם רוף צו פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, צו פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. אַדאַנק דעם געריכט איז דער קלאַסן-לאָזונג פֿונעם אַוואַנגאַרד פֿון די רוסלענדישע אַרבעטער דערגאַנגען צו די ברייטסטע אַרבעטער-מאַסן.

דער דורכויסיקער שאָוויניזם בײַ דער בורזשואַזיע און בײַ איין טייל פֿון דער קליינבורזשואַזיע, די וואַקלונגען בײַם צווייטן טייל און אַזאַ מין רוף מיצאַד דעם אַרבעטער-קלאַס — אָט דאָס איז דאָס פֿאַקטישע, אָביעקטיווע בילד פֿון אונדזערע פּאָליטישע איינטיילונגען. אָט לויט דעם פֿאַקטישן בילד, און ניט לויט די גוטע ווינטשן פֿון די אינטעליגענטן און גרינדער פֿון פֿאַרשיידענע גרופּקעס, דאַרף מען בויען די אייגענע „אויסזיכטן", האָפֿענונגען, לאָזונגען.

די פּראַוודיסטישע צייטונגען און די אַרבעט פֿון „מוראַנאָוויש-טיפּ"* האָבן געשאַפֿן די אייניקייט פֿון 4 פֿינפֿטל באַוווסטזיניקע אַרבעטער אין רוסלאַנד. בײַ 40 טויזנט אַרבעטער פֿלעגן קויפֿן די „פּראַוודאַ" און אַסאַך מער האָבן זי געלייענט. זאָל זיין, אַז די מילכאָמע, טפֿיסע, סיביר און קאַטאָרגע וועלן זיי אין פֿינף מאָל אָדער אין צען מאָל מער צעשלאָגן. פֿאַרניכטן אָבער אָט דעם שיכט *וועלן זיי ניט קאָנען*. ער לעבט. ער איז דורכגעדרונגען מיט רעוואָליוציאָנערישקייט און מיט האַס צום שאָוויניזם. ער אַליין שטייט צווישן די פֿאָלקסמאַסן, און אין דער

---

*) מוראַנאָוו האָט אַפֿן געריכט דורכגעלייענט אַ פֿאָרטראָג וועגן דער אומלעגאַלער אַרבעט פֿון דער פֿראַקציע וועגן אויסנוצן דעם פּאַרלאַמענטאַריזם צוליב רעוואָליוציאָנערע צוועקן.

כאַמע טיפּעניש זייערער, ווי אַ פּרעדיקער פאַרן אינטערנאַציאָנאַליזם פון די אַרבעטנדיקע, עקספּלואַטירטע, אונטערדריקטע. נאָר ער אַליין איז בייגעשטאַנען באַם אַלגעמיינעם פאַנאַדערפאַל. ער אַליין פירט די האַלב־פּראָלעטאַרישע שיכטן פונעם סאָציאַל־שאָוויניזם פון די קאַדעטן, טרודאָוויקעס, פּלעכאַנאָווס, פון „נאַשאַ זאַריאַ" („אונדזער אויפגאַנג") צום סאָציאַליזם. זיין עקזיסטענץ, זיינע אידייען, זיין אַרבעט, זיין רוף צו „די לוין־שקלאַפן אין אַנדערע לענדער צו ברידערן זיך" — אָט דאָס אַלץ האָט באַוויזן דער געריכט איבער דער ס"ד פראַקציע פאַר גאַנץ רוסלאַנד.

אָט מיט דעם דאָזיקן שיכט דאַרף מען אַרבעטן, פאַר זיין אייניקייט קעגן די סאָציאַל־שאָוויניסטן דאַרף מען קעמפן נאָר אויף דעם איינציקן וועג קאָן זיך אַנטוויקלען די רוסלענדישע אַרבעטער־באַוועגונג אין דער ריכטונג צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, און ניט צו קיין נאַציאָנאַל־ליבעראַלער פון „אייראָפּיישן טיפּ" *.

דאָס לעבן האָט זייער גיך באַוויזן, ווי גערעכט עס איז געווען לענין. איליטש האָט אומפאַרמיידלעך געאַרבעט צו פּראָפּאַגאַנדירן די אינטערנאַציאָנאַליסטישע אידייען, אויפצודעקן דעם סאָציאַל־שאָוויניזם אין אַלע זיינע פאַרשיידנאַרטיקע פאָרמען.

נאָך דער מוטערס טויט איז באַ מיר געוואָרן אַ רעצידיוו פון דער באַזעדאָוו־קרענק און די דאָקטוירים האָבן מיך אַוועקגעשיקט אין די בערג. לויט צייטונג־אַנאָנסן האָט איליטש אויסגעזוכט אַ וואָלוועלן פּענסיאָן אין ניט קיין מאָדישער געגנט, צופוסנס באַם באַרג ראָטהאָרן אין סאָרענבערג, אינעם האָטעל „מאַריענטאַל", און דאָרט האָבן מיר אָפּגעלעבט דעם גאַנצן זומער.

כאַמע פאַרן אָפּפאָרן זיינען קיין בערן געקומען די „יאַבאָגער" (די כ"כ באָש און פּיאַטאַקאָוו) מיט אַ פּראָיעקט צו שאַפן אין אויסלאַנד אַ גראָבן אומלעגאַלן זשורנאַל, וווּ מע זאָל קאָנען גענוי באַהאַנדלען די וויכטיקסטע פּראָבלעמען. דער „קאָמוניסט" האָט געזאָלט דערשיינען אונטער דער רעדאַקציע פונעם צ"אַ, וווּהין עס האָבן געדאַרפט קאָאָפּטירט ווערן פּ. און ג. קיעווסקים (באָש און פּיאַטאַקאָוו). אויף דעם האָט מען זיך צונויפגערעדט. זומער־צייט האָט איליטש אָנגעשריבן פאַרן

* לענין, ב. XVIII, ז. 132—133.

„קאָמוניסט“ אַ גרויסן אַרטיקל „די מאַפּאַלע פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל“ און אין צוזאַמענהאַנג מיטן צוגרייטן די קאָנפערענץ פון די אינטערנאַציאָנאַליסטן האָט איליטש צוזאַמען מיט זינאָוויעוון זומערצייט פאַרטיק געמאַכט אַ בראָשור „דער סאָציאַליזם און די מילכאָמע“.

אין סאָרענבערג האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט זייער גוט. אַרום און אַרום איז געווען וואַלד, הויכע בערג, אויבן אויפן ראָטהאָרן איז אַפילע געלעגן שניי. די פּאָסט האָט צירקולירט מיט שווייצאַרישער פּינקטלעכקייט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אַזאַ מין פאַרוואָרפן באַרגהערפל, ווי סאָרענבערג, האָט מען געקאָנט קריגן אומזיסט פאַרשיידענע ביכער פון די ציריכער און בערנער ביבליאָטעקן. שיקסט אַוועק אין ביבליאָטעק אַ קאַרטל מיט אַן אַדרעס און בעטס וצושיקן אַזאַ און אַזאַ מין ביכל. פרעגט דיך קיינער גאָרנישט, בעט בא דיר ניט קיינע צעטלען און צייגענישן, קיינע אָרוועס, אַז דו וועסט דאָס אומקערן צוריק — פּונקט דער הייפעך פון דער ביוראָקראַטישער פראַנקרייך. אין צוויי טעג קריגסטו דאָס ביכל, איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּקע, אויף אַ שטריקעלע הענגט דער נומער, פון איין זייט — דער אַדרעס פון דעם, וואָס האָט אַרויסגעפאָדערט דאָס בוך, און אויף דער צווייטער — דער אַדרעס פון דער ביבליאָטעק, וואָס שיקט דאָס ביכל. דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן אַפילע אינעם פאַרוואָרפנסטן העק. איליטש האָט שטאַרק געלויבט די שווייצאַרישע קולטורעלקייט. אין סאָרענבערג איז געווען זייער גוט צו אַרבעטן. אין אַ צייט אַרום איז צו אונדז אַהין געקומען אינעסע. אויפשטיין פלעגן מיר פרי און ביז וואַרמעס (וואַרמעס פלעגט מען עסן, ווי אין דער שווייץ, 12 אזייגער), פלעגט יעדערער פון אונדז זיך פאַרנעמען מיט זיין אַרבעט אין אַ באַזונדער ווינקל גאָרטן. אינעסע פלעגט אין דיהאָזיקע שאָען אָפט שפּילן אויפן ראָיאַל, און אונטער די קלאַנגען פון מוזיק, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו אונדז, איז געווען באַזונדערס אָנגענעם צו אַרבעטן. נאָך וואַרמעס פלעגן מיר אַמאָל אַוועקגיין אויף אַ גאַנצן טאָג אין די בערג. איליטש האָט זייער ליב געהאַט די בערג — ליב געהאַט אין די פאַרנאַכטן זיך פאַרקלייבן אין די שפּיצן פון ראָטהאָרן, ווען פון אויבן זעט זיך אַ פּראַכטפול בילד און אונטער די פיס שפּרייט זיך אַ העל־ראָזער נעפּל, אָדער אַרומבלאָנקען איבערן שראָטענפלו — אַ באַרג אַזאַ, צוויי קילאָמעטער ווייט פון אונדז — „פאַרפלוכטע טריט“ — האָבן מיר עס אָנגערופן אין

אונדזער איבערזיצונג. אף איר פלאַכן ברייטן שפּיץ האָט מען בעשום אויפן ניט געקאָנט אַרוף — דער באַרג איז אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט שטיינער, צעבויערטע פון די פריליגדיקע שטראָמען. אפן ראָש-האָרן פלעגן מיר זיך פאַרקלייבן זעלטן, כאָטש פון דאָרטן פלעגט זיך אַנטפּלעקן אַ פּראַכטפול בילד פון די אַלפּן-בערג. שלאָפן פלעגן מיר זיך לייגן ווי נאָר עס פלעגט טונקל ווערן. מיר פלעגן קלייבן אַלפּן-רויזן, יאַגעדעס, און אַלע זייגען מיר געווען געוואַלדיקע שוואָמען-קלייבער. ווייסע שוואָמען איז דאָ געווען אַ מאַסע, באַגלייך אָבער מיט זיי — אַ שקאַל פאַרשיידענע אַנדערע שוואָמען-געוויקסן און מיר פלעגן מיט אַזאַ אַזאַרט קריגן זיך באַם באַשטימען די מינים, אַז פון דער זייט האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָ גייט וואַדע וועגן עפּעס אַ פּרינציפּיעלער רעזאָליוציע.

אין דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפלאַקערן אַ קאַמף. אין אַפּרעל איז דערשינען דער זשורנאַל „אינטערנאַציאָנאַל“, וועלכן עס האָבן געגרינדעט ראָזע לוקסעמבורג און פראַנץ מערינג, נאָר מע האָט אים טייקעף פאַרמאַכט. עס איז דערשינען יוניוסעס (ראָזע לוקסעמבורגס) אַ בראָשור „דער קריזיס פון דער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע“. עס איז דערשינען אַן אויפרוף פון די דייטשישע לינקע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, קאַרל ליבקנעכט האָט אָנגעשריבן „דער הויפּט-סוינע איז אינעם אייגענעם לאַנד“. אין אָנהייב יוני האָט קאַרל ליבקנעכט מיט דונקערן צונויפגעשטעלט „אַן אָפענעם בריוו צום צענטראַל-קאָמיטעט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און צו דער רייכסאַג-פראַקציע“ מיט אַ פּראָטעסט קעגן דער באַציונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער מערהייט צו דער מילכאָמע. דעם דאָזיקן „אָפענעם בריוו“ האָבן אונטערגעשריבן טויזנט פּאַרטיי-פונקציאָנערן.

זעענדיק, ווי עס וואַקסט די ווירקונג פון די לינקע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי באַשלאָסן פאַרלויפן דעם וועג: פון איין זייט, האָט ער אונטער קאַוטסקיס, האַאַזעס און בערנשטיינס אונטערשריפטן אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפעסט קעגן אַנעקסיע מיט אַ רוף צו איינייקייט אין דער פּאַרטיי, און, פון דער אַנדער זייט, — איז ער אין זיין אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון דער רייכסטאַג-פראַקציע אַרויסגעטראָטן קעגן דער לינקער אָפּאָזיציע.

אין דער שווייץ האָט ראָבערט גרים אַפן 11־טן יולי צונויפגערופן אין בערן אַ פּאָרלייפיקע באַראַטונג וועגן צוגרייטן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון לינקע, אַף דער באַראַטונג זיינען בייגעווען 7 מאַן (גרים, זינאָוויעוו, פּ. ב. אַקסעלראָד, וואַרסקי, וואַלעצקי, באַלאַבאַנאָווע, מאָרגאַרי). אין טאָך גענומען זיינען אויסער זינאָוויעוון אַף דער באַראַטונג קיין ווירקלעך לינקע ניט געווען, און דער איינדרוק פון די אַלע רייִדערייען האָט זיך באַקומען אַזאַ, אַז קיינער פון די אָנטיילנעמער האָט גאָר ניט געמיינט ערנסט צונויפצורופן א קאָנפערענץ פון די לינקע.

וולאַדימיר איליטש איז געווען שטאַרק אומרויִק, און האָט געהאַלטן אין איין שרייבן אין אַלע זייטן — צו זינאָוויעוון, ראַדעקן, בערזינען, קאָלאָנטיי און צו די לאָזאַנער כאַווירים. ער האָט אַלץ געזאָרגט וועגן דעם, אַז אַף דער פאָרשטייענדיקער קאָנפערענץ זאָלן זיין געזיכערט ערטער פאַר די ווירקלעך לינקע, וועגן דעם, אַז צווישן די לינקע גופא זאָל זיין מער באַהעפטקייט. צו האַלב אויגוסט האָבן שוין די באָלשעוויקעס געהאַט צונויפגעשטעלט אַ מאַניפעסט, רעזאָלוציעס, אַ פּראָיעקט פון דעקלאַראַציע, וואָס מע האָט פאַנאַנדערגעשיקט די לינקע כאַווירים צו באַהאַנדלען. צו אָקטיאַבער איז שוין געווען איבערזעצט אין דייטש לעניִנס און זינאָוויעווס בראָשור „דער סאָציאַליזם און די מילכאָמע“.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 5—8 סענטיאַבער אין צימערוואַלד. געווען זיינען דאָרט דעלעגאַטן פון 11 לענדער (סאַכאַקל 38 מאַן). צו דער אַזויגערופענער צימערוואַלדער לינקער האָבן געהערט בלויז 9 מאַן (לעניִן, זינאָוויעוו, בערזין, העגלונד, נערמאַן, ראַדעק, באָרכאַרט און פּלאַטען, נאָך דער קאָנפערענץ איז צוגעשטאַנען אויך ראָלאַנד האָלסט). פון די רוסישע זיינען אַף דער קאָנפערענץ בייגעווען אויך טראָצקי, אַקסעלראָד, י. מאַרטאָוו, נאַטאַנסאָן, טשערנאָוו, איינער אַ בונדאָוועץ. טראָצקי האָט צו די צימערוואַלדער לינקע ניט געהערט.

וולאַדימיר איליטש איז געפאָרן אַף דער קאָנפערענץ פריער, און דעם 4־טן האָט ער אַף אַ פּריוואַטער באַראַטונג געלייענט אַ פּאָרטראָג וועגן דעם כאַראַקטער פון דער מילכאָמע און וועגן דער טאַקטיק, וואָס די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ וועט דאַרפן אָנווענדן. שטרייטן זיינען געווען אַרום דער פראַגע וועגן „מאַניפעסט“. די לינקע האָבן אַרייַנ־

געטראָגן זייער פּראָיעקט פון א מאַניפעסט און א פּראָיעקט פון א רעזאָליוציע וועגן דער מילכאָמע און וועגן די אויפגאַבעס פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די מערהייט האָט אָפּגעוואָרפן דעם פּראָיעקט פון די לינקע און אָנגענומען אַסאַך מער א צעפלאָסענעם און ווייניקער קעמפערישן „מאַניפעסט".

אינעם אַרטיקל „דער ערשטער טראָט" גיט וולאַדימיר איליטש אַן אָפּשאַצונג דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ. די לינקע האָבן אונטערגעשריבן דעם אַלגעמיינעם מאַניפעסט. „צי האָט אונדזער צ"ק געדאַרפט אונטערשרייבן א מאַניפעסט, וועלכער ליידט אַף ניט קאָנסעקווענטקייט און פּאַכדאָנעס? — פרעגט איליטש און ער ענטפערט: — מיר מיינען, אַז יאָ. וועגן אונדזער ניט איינשטימיקייט — וועגן דער ניט איינשטימיקייט ניט נאָר פונעם צ"ק, נאָר פונעם גאַנצן לינקן אינטערנאַציאָנאַלן *רעוואָליוציאָנער־מאַרקסיסטישן טייל* קאָנפערענץ, — איז געזאָגט געוואָרן אָפן אי אין א באַזונדער רעזאָליוציע, אי אין א באַזונדערן מאַניפעסט־פּראָיעקט, אי אין א באַזונדערער מעלדונג וועגן די סיבעס פון שטימען פאַר א קאָמפּראָמיסלעכן מאַניפעסט. מיר האָבן אַף קיין איין האָר ניט באַהאַלטן אונדזערע אָנשויוּנגען, לאָזונגען, טאַקטיק. אַף דער קאָנפערענץ האָט מען צעטיילט די דייטשישע אויסגאַבע פון „דער בראָשור „דער סאָציאַליזם און די מילכאָמע". מיר האָבן פאַרשפּרייט, מיר פאַרשפּרייטן איצט און מיר וועלן פאַרשפּרייטן אונדזערע אָנשויוּנגען ניט אין קיין קלענערער מאָס, ווי עס וועט פאַרשפּרייט ווערן דער מאַניפעסט. אַז אָט דער מאַניפעסט מאַכט א טריט פאָרויס צום ווירקלעכן קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם, צום אָפּשפּאַלטן זיך און איינרייסן מיט אים, דאָס איז א פאַקט. עס וואָלט געווען סעקטאַנטישקייט אָפּצוזאָגן זיך מאַכן אָט דעם טריט פאָרויס צוזאַמען מיט דער מינדערהייט דייטשן, פראַנצויזן, שוועדן, נאָרוועגער, שווייצער, ווען מיר פאַרהיטן סיי־ווי־סיי די פולע פרייהייט און די פולע מעגלעכקייט צו קריטיקירן זייער ניט קאָנסעקווענטקייט און דערשלאָגן זיך גרעסערס" *. אַף דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ האָבן די לינקע אָרגאַניזירט זייער אַן אייגענע ביוראָ און ביכלאַל זיך אויסגעפורעמט אַלס באַזונדערע גרופּע.

---

* לענין, באַנד XVIII, זייט 300.

כאָטש ערעוו דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן, אַז מע דאַרף די קאַוטסקיאַנער אונטערטראָגן אונדזער רעזאָליוציע־פּראָיעקט: „די האָלענדער + מיר + די לינקע דײַטשן + נול; און עס איז אויך אַ בייז, שפּעטער וועט זײַן ניט קיין נול, נאָר אַלע!“ פונדעסטוועגן זײַנען די טעמפּן פונעם פאָרויסגיין געווען שוין צופיל לאַנגזאַמע און איליטשן איז זייער שווער געווען דערמיט זיך צו באַפרידיקן. דער אַרטיקל „דער ערשטער טראָט“ הייבט זיך טאַקע אָן מיטן אונטערשטרײַכן דעם לאַנגזאַמען אַנטוויקלונגס־טעמפּ פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג: „לאַנגזאַם גייט פאָרויס די אַנטוויקלונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער עפּאָכע פון אומגעהויער שווערן קריזיס, וואָס די מילכאָמע האָט אַרויסגערופן“. דעריבער איז איליטש געקומען פון דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ אין אַ היפּשער מאָס גערוויייש.

אף מאָרגן נאָך איליטשס קומען פון צימערוואַלד זײַנען מיר אוועק אַפן ראָטהאָרן. געקלעטערט האָבן מיר מיט „אַ יאָנטעוודיקן אַפּעטיט“. ווען מיר זײַנען אָבער אַרוף אינדערהויך, האָט איליטש פּלוצעם זיך אַוועקגעלייגט אַף דער ערד, עפּעס זייער ניט באַקוועם, שיר ניט אַפן סאַמע שניי און איז אײַנגעשלאָפן. עס האָבן זיך אָנגערוקט כמאַרעס, באַלד זײַנען זיי זיך צעשוואומען און עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פּראַכט־פול בילד פון די אַלפּן־בערג. און איליטש שלאָפט, ווי אַ געהאַרגעטער, גיט זיך אַפילע קיין ריר ניט. אַזוי איז ער אָפּגעשלאָפן איבער אַ שאָ, צימערוואַלד, ווײַזט אויס, האָט אים גוט די נערוון צעטרייבערט, היפּש קויכעס באַ אים אָפּגענומען.

עס האָט זיך געפאָדערט עטלעכע טעג שפּאַצירן אין די בערג און די גאַנצע סאָרענבערגער אַרומרינגלונג, אַז איליטש זאָל קומען צו־זיך. קאָלאָנטײַ איז געפאָרן קיין אַמעריקע און איליטש האָט איר געשריבן וועגן דער נייטיקייט צו טאָן, וואָס נאָר מעגלעך איז אַף צו באַהעפטן די אַמעריקאַנער לינקע אינטערנאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן. אָנהייב אָקטיאַבער האָבן מיר זיך צוריקגעקערט קיין בערן. איליטש איז געפאָרן מיט אַ רעפעראַט וועגן דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ קיין זשענעווע, פאָרגעזעצט די שריפטלעכע פאַרבינדונג מיט קאָלאָנטײַ וועגן די אַמעריקאַנער א.אַ.וו.

דער האַרבסט איז געווען אַביסל אַ דושנער. בערן איז לויטן טיפּ

א שטאָט אן אדמיניסטראטיווע און דערצו א לערן־שטאָט. דאָרט זיינען פאראן אסאך גוטע ביבליאָטעקן, אסאך געלערנטע קרעפטן, אָבער דאָס לעבן איז אָפּ דורך און דורך דורכגעזאַפּט מיט עפּעס א קליינבירגערלעכן גייסט. בערן איז שטאַרק „דעמאָקראַטיש" — די פרוי פונעם העכסטן באַאמטן אין דער רעפּובליק קלאַפּט אליין אויס יעדן טאָג פונעם באַלקאָן די טעפּעכער. דיקאַזיקע טעפּעכער אָבער און די שטוביקע היימלעכקייט פאַרשלינגען די בערנער פרוי אינגאַנצן. האַרבסט־צייט האָבן מיר געהאַט געדונגען א צימער מיט עלעקטרישער באַלייכטונג און אריבערגעפירט אהין אונדזער טשעמאָדאן, און די ביכער. דעמזעלבן טאָג זיינען צו אונדז געקומען די שקלאָווסקיס, האָב איך זיי באַוויזן, ווי גוט עס ברענט די עלעקטריע. ווי נאָר די שקלאָווסקים זיינען אַרויס פון שטוב, איז די באַלעבאָסטע אריינגעלאָפן מיט א טומל, אז מאָרגן זאָלן מיר זיך אַרויסקלייבן פון דער דירע, ווייל זי וועט ניט דערלויבן, מע זאָל בא איר אין שטוב ברענען עלעקטרע באַטאָג. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז זי איז ניט אינגאַנצן באַם זינען און טאַקע אַף מאָרגן אַריבערגעפּעקלט זיך אין אן אנדער צימער, א מער באשיידענעם, אָן עלעקטרע. אין דער שווייץ האָט אומעטום געהערשט, איז אַלמעכטיק געווען א בוילעטע אויסגעדריקטע קליינבירגערלעכקייט. עפּעס איינמאָל איז געקומען קיין בערן א רוסישע טרופּע, וועלכע האָט געשפּילט אַף דייטש. געשטעלט האָבן זיי ל. טאָלסטאָיס „דער לעבעדיקער מעס" („זשיוואי טרופּ"). מיר זיינען אויך געגאַנגען, געשפּילט האָבן זיי זייער גוט. איליטשן, וועלכער האָט טיף געהאַסט יעדן מין באַלעבאָסלדיקייט און באַדינגלעכקייט, האָט דיקאָזיקע פּיעסע שטאַרק צערודערט. שפּעטער האָט ער געוואָלט גיין נאָכאמאָל קוקן דיזעלבע פאַרשטעלונג. ביכלאל איז די פּיעסע זייער געפעלן געוואָרן די רוסישע, נאָר אויך בא שווייצער האָט זי אויסגענומען. מיט וואָס אָבער אין די פּיעסע געפעלן געווען די בערנער? — זיי האָבן שטאַרק באַדויערט פראָטאָסאָווס פרוי, שטאַרק גענומען צום האַרצן דעם גורל אירן. „אַזאַ ניט־לייטישער מאַן בא איר, און מענטשן זיינען זיי דאָך געווען רייכע, מיט א נאָמען, ווי גליקלעך זיי וואָלטן געקאָנט לעבן. אומגליקלעכע ליזע!"

האַרבסט 1915 זיינען מיר פלייסיקער, ווי ווען עס איז פריער, געזעסן אין די ביבליאָטעקן, אַרומגעגאַנגען ווי געוויינלעך שפּאַצירן, אָבער

דאָס אַלץ האָט ניט געקאָנט אָפּמעקן דעם געפיל פון פאַרשלאָסנקייט אין אָט דעם קליינבירגערלעכן דעמאָקראַטישן שטייג. דאָרטן ערגעץ וואַקסט און רייפט דער רעוואָליוציאָנערער קאַמף, דאָס לעבן קאָכט, אָבער דאָס אַלץ איז זייער ווייט.

אין בערן האָט מען געקאָנט אויסטאָן זייער ווייניק אין היגזיכט פון פאַרבינדן זיך אומיטלבאַר מיט די ליניקע. איך געדענק, אַז אינעסע איז געפאָרן אין דער פראַנצויזישער שווייץ פאַרבינדן זיך מיט די ליניקע, נען און גראַבער. זי האָט זיך בעשומויפן ניט געקאָנט דערשלאָגן צו זען זיך מיט זיי. אָט איז נען אַוועק כאַפּן פיש און אָט איז גראַבער פאַרנומען מיט שטוב־איניאָנים. „דער פאָטער איז היינט פאַרנומען, מע וואַשט באַ אונדז גרעט, דאַרף ער עס צעהענגען" — האָט גראַבערם קליינינקע טאָכטער זייער העפלעך געענטפערט אינעסען. כאַפּן פיש, צעהענגען גרעט — איז ניט קיין שלעכטע אַרבעט, אויך אילימש פלעגט ניט איינמאָל שטיין אַף דער וואַך, אַז די מילך זאָל ניט אויסלויפן. אָבער ווען די ווענטשקע און דאָס גרעט האָט געשטערט זיך דורכשמועסן וועגן דעם סאַמע וויכטיקסטן, וועגן אָרגאַניזירן די ליניקע, איז דאָ שוין ניט גלאַט. דערנאָך האָט אינעסע געקראָגן א פרעמדן פאַס און איז אַוועקגעפאָרן קיין פאַריז. צוריקומענדיק פון צימערוואַלד, האָבן מערהיים און בורדעראָן געגרינדעט אין פאַריז א קאָמיטעט אַף אויפצושטעלן די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען. פון די באָלשעוויקעס איז אַהין אַריין אינעסע. איר איז דאָרט אויסגעקומען זייער פיל צו קעמפן פאַר דער ליניקער ליניע, וועלכע האָט סאָפּקאָלסאָף געזינט. וועגן איר אַרבעט האָט זי גענוי געשריבן וולאַדימיר איליטשן. זייער פיל האָט זי געאַרבעט אויך אין אונדזער פאַריזער גרופּע, געטראָפן זיך מיטן מיטגליד פון אָט דער גרופּע סאַפּאָזשקאָוו, וועלכער איז פון אַגהייב מילכאָמע אַוועק אַלס פרייוויליקער אַפן פראָנט און האָט איצט, האַלטנדיק מיט די באָלשעוויקעס, אָנגעהויבן פירן א פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פראַנצויזישע סאָלדאַטן.

דער כ' שקלאָווסקי האָט אָרגאַניזירט ניט קיין גרויסע כעמישע לאַבאַראַטאָריע און אונדזער אויילעם, קאַספּאַראָוו, זינאָוויעוו, האָבן דאָרט געאַרבעט, קעדיי צו פאַרדינען אַפן לעבן. זינאָוויעוו פלעגט פאַרטראַכטערהייט קוקן אַף די טרייבלעך און קאָלבעס, וואָס האָבן זיך איצט באַוויזן אין אַלע הייזער.

אין בערן האָט מען געקאָנט אַרבעטן דעריקער טעאָרעטיש. פאַר דעם יאָר מילכאָמע זיינען זייער פיל זאַכן געוואָרן קלאָרער. זייער כאַראַקטעריסטיש, צום ביישפּיל, איז די שטעלונג פון דער פראַגע וועגן פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע. אין דער דעקלאַראַציע פונעם צ״ק, וועלכע איז געווען געדרוקט אינעם צ״אָ דעם 1=טן נאָיאַבער 1914 יאָר, איז געזאָגט געוואָרן: „דער נאָענטסטער לאָזונג פון דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע אין אייראָפּע דאַרף זיין שאַפן רעפּובליקאַניש פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע, דערביי איז, אין קעגנזאַץ צו דער בורזשואַזיע, וועלכע איז גרייט „צוזאָגן“ אַלץ אין דער וועלט, אַבי נאָר אַריינציען דעם פּראָלעטאַריאַט אין אַלגעמיינעם שאָוויניסטישן שטראָם, וועלן די סאָציאַל=דעמאָקראַטן אויפקלערן די גאַנצע ליגנערישקייט און אומזיניקייט פון דעמאָזיקן לאָזונג אָן אַ רעוואָלוציאָנערן אַראָפּשליידערן די מאָנאַרכיעס אין דייטשלאַנד, עסטרייך און רוסלאַנד*. אין מאַרט, ביים דער קאָנפערענץ פון די אויסלענדישע סעקציעס, האָט שוין אָט דער לאָזונג אַרויסגערופן גרויסע שטרייטן. אינעם באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ ווערט געזאָגט: „איבער דער פראַגע וועגן דעם לאָזונג — „פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע“ האָט די דיסקוסיע אָנגענומען אַן איינזייטיק פּאָליטישן כאַראַקטער, און די פראַגע האָט מען באַשלאָסן אָפּלייגן, ביז מע וועט באַהאַנדלען אין דער פּרעסע די עקאָנאָמישע זייט פון אָט דער פראַגע“**.

די פראַגע וועגן דעם אימפּעריאַליזם, וועגן זיין עקאָנאָמישן טאָך, וועגן דער עקספּלואַטאַציע פון די שוואַכערע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס מיצאַד די שטאַרקערע, וועגן עקספּלואַטירן די קאָלאָניעס, — אָט די פראַגעס האָבן זיך געשטעלט אין זייער גאַנצער גרייס. דעריבער איז דער צ״אָ געקומען צו אַזאַ מין אויספיר: „פון שטאַנדפּונקט פון די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פונעם אימפּעריאַליזם, ד. ה. פון קאַפּיטאַל־אַרויספיר און פון פאַרטיילן די וועלט דורך די „פאָרגעשריטענע“ און „ציוויליזירטע“ קאָלאָניאַלע מעלוכעס, זיינען פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע באַם קאַפּיטאַליזם אָדער אומעגלעך, אָדער רעאַקציאָנער.

* לענין, ב. XVIII, ז. 65.

** דאָרטן, זייט 124.

פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע באַם קאַפּיטאַליזם איז דאָסזעלבע וואָס אַן אויסגלייך וועגן צוטיילן די קאָלאָניעס"*.

נאָר עפּשער האָט מען געקאָנט אַרויסשטעלן אַן אַנדער לאָזונג, דעם לאָזונג פאַראייניקטע שטאַטן פון דער וועלט? איז אָט וואָס איליטש האָט וועגן דעם געשריבן: „פאַראייניקטע שטאַטן פון דער וועלט (און ניט פון אייראָפּע) — דאָס איז יענע מעלוכע־פאָרם פון פאַראייניקונג און פרייהייט פון נאַציעס, וועלכע מיר פאַרבינדן מיטן סאָציאַליזם, ביז דער פולער ניצחון פונעם קאָמוניזם וועט ניט ברענגען צום ענדגילטיקן פאַרשווינדן פון יעדן מין דערונטער אויך דעמאָקראַטישער מעלוכע. אָבער אַלס זעלבשטענדיקער לאָזונג, איז אַ ספק, צי דער לאָזונג פאַראייניקטע שטאַטן פון דער וועלט וואָלט געווען ריכטיק. ערשטנס דערפאַר, ווייל ער גיסט זיך צונויף מיטן סאָציאַליזם; צווייטנס, דערפאַר, ווייל ער וואָלט געקאָנט אַרויסרופן אַ ניט ריכטיקע אויסטייטשונג, אַז עס איז ניט מעגלעך דער ניצחון פונעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד און וועגן דער באַציונג פון אַזאַ לאַנד צו די איבעריקע"**. אָט דער אַרטיקל דעקט זייער גוט אויף איליטשס געדאַנקען־גאַנג סוף 1915 יאָר. ס'איז קלאָר, אַז זיין געדאַנק איז געווען געווענדעט לויט דער ליניע פון אַלץ טיפערן דערלערנען די עקאָנאָמישע וואָרצלען פון דער וועלט־מלחמה, ד. ה. דעם אימפּעריאַליזם, פון איין זייט, און פון דער צווייטער — לויט דער ליניע פון קלאָר מאַכן די וועגן, מיט וועלכע עס וועט גיין דער וועלט־קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

איבער אָט די פּראָבלעמען האָט טאַקע איליטש געאַרבעט סוף 1915, אָנהייב 1916 יאָר, זאַמלענדיק מאַטעריאַל פאַר זיין בראָשור „דער אימפּעריאַליזם אַלס העכסטע שטופע פונעם קאַפּיטאַליזם", און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבערגעלייענט מאַרקסן און ענגעלסן, כּדי קלאָרער זיך פאָרשטעלן די עפּאָכע פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, איר וועגן און איר אַנטוויקלונג.

* לענין באַנד XVIII, זייט 231.

** דאָרטן, ז. 232

# ציוריך

## (1916 יאָר)

פון יאַנוואַר 1916 יאָר האָט װלאַדימיר איליטש זיך גענומען שרייבן פאַרן פאַרלאַג „פּאַרוס“ („זעגל“) אַ בראָשור וועגן אימפּעריאַליזם. דערדאָזיקער פראַגע האָט איליטש צוגעגעבן זייער אַ גרויסע באַדייטונג, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז ביז מע מאַכט ניט קלאָר ביזן סאַמע סאָף דער טאָך פונעם אימפּעריאַליזם סיי פון דער עקאָנאָמישער, סיי פון דער פּאָליטישער זייט זיינער, קאָן מען ניט געבן קיין ווירקלעך טיפע אָפּשאַצונג פון דער פאָרגעקומענער מילכאָמע. דעריבער האָט ער זיך גערן גענומען פאַר דער אַרבעט. האַלב פעווראַל האָט איליטש געהאַט נייטיק צו אַרבעטן אין די ציוריכער ביבליאָטעקן און מיר זיינען אַהין אַריבערגעפאָרן אַף אַ פּאָר וואָכן, מיר האָבן אָבער נאָכדעם געהאַלטן אין איין אָפּלייגן אונדזער צוריקערן זיך קיין בערן, און אַזוי זיינען מיר שוין געבליבן וווינען אין ציוריך, וואָס איז אַביסל לעבעדיקער ווי בערן. אין ציוריך זיינען געווען אַסאַך אויסלענדישע רעוואָלוציאָנער-געשטימטע יוגנט, אַ גרויסער אַרבעטער-עוילעם, די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז געווען מער לינקער געשטימט און דער קליינבירגערלעכער גייסט האָט זיך דאָ ווייניקער געשטימט.

מיר זיינען אַוועק דינגען אַ צימער. פאַרגאַנגען צו איינער אַ פרוי פּרעלאָג, וואָס האָט גיכער דערמאָנט אַ ווינערן איידער אַ שווייצערן. דערקלערט האָט זיך עס דערמיט, וואָס זי האָט אַ לאַנגע צייט געדינט אַלס קעכערן אין עפּעס אַ ווינער האָטעל. מיר האָבן שוין געהאַט זיך איינגעאָרדנט באַ איר. אַף מאָרגן איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז עס קערט זיך אום צו איר דער פריערדיקער שכן. עמעצער האָט אים צעשפּאַלטן דעם קאָפּ, איז ער געלעגן אַ צייט אין שפּיטאָל און איצט איז ער שוין געזונט געוואָרן. פרוי פּרעלאָג האָט אונדז געבעטן גע-

פֿינען זיך אַן אַנדער צימער, דערבײַ אָבער האָט זי אונדז פֿאָרגעלייגט זיין בײַ איר אַף קעסט פֿאַר זייער א קליין געצאָלט. געגעסן האָבן מיר בײַ איר אַ כּאַפּראָשים צוויי, מע האָט אונדז געקאָרמעט פּראָסט, נאָר זאַט. אילייטשן איז געווען געפֿעלן, וואָס אַלץ איז דאָ צוגעגאַנגען פּאַשעט, וואָס קאַווע פֿלעגט מען דערלאַנגען אין אַ טעפּעלע מיט אַן אָפּגעבראָכן אויערל, וואָס געגעסן האָט מען אין קיך, וואָס די געשפּרעכן זיינען געווען פּאָשעטע — ניט וועגן עסן, ניט וועגן דעם, אַז אין אַזאַ און אַזאַ מין זופּ דאַרף מען לייגן אַזויפֿיל און אַזויפֿיל קאַרטאָפֿל, נאָר וועגן די פֿראַגעס, וועלכע האָבן אינטערעסירט פֿרוי פּרעלאָגס קעסטניקעס. עמעס, געווען זיינען זיי ניט קיין סאַך און דער באַשטאַנד זייער פֿלעגט זיך אָפֿט בייטן. אינגיכן האָבן מיר דערפֿילט, אַז מיר זיינען אַריינגעפֿאַלן אין זייער אַן אייגנאַרטיקע סוויווע, אין דער סאַמע געדיכטעניש פֿון ציוריכער־דעק. איין צייט האָט בײַ דער פֿרוי פּרעלאָג געגעסן עפּעס איינע אַ פּראָסטיטוטקע, וועלכע פֿלעגט אָפֿט דערציילן וועגן איר פּראָפֿעסיע. אָבער אַסאַך מער, ווי די פּראָפֿעסיע אירע, האָט זי אינטערעסירט איר מוטערס געזונט און וואָס פֿאַר אַן אַרבעט עס וועט קריגן איר שוועסטער. עטלעכע טעג האָט דאָ געגעסן עפּעס איינער א וועכטער און נאָך עפּעס אַנדערע קעסטניקעס. פֿרוי פּרעלאָגס שאָכן איז געווען אַ שווייגער; פֿון די באַזונדערע פֿראַזעס אָבער האָט מען אַרויסגעזען, אַז דאָס איז קימאַט אַ קרימינעלער טיפּ. פֿאַר אונדז האָט זיך קיינער ניט געשעמט און, מע מוז זיך מודה זיין, אַז אין די געשפּרעכן פֿון אָט דעם אוילעם האָט זיך געפֿילט אַסאַך מער „מענטשלעכעס", לעבעדיקס, איידער אין סטאַטעטשנע גאָרקיכן פֿון עפּעס א לייטישן האָטעל, וווּ עס פֿלעגן זיך צונויפֿקלייבן פֿאַרמעגלעכע מענטשן.

איך האָב צוגעיילט אילייטשן מע זאָל איבערגיין אַף היימישע קעסט ווייל דער אוילעם איז דאָ געווען אַזאַ, אַז מע האָט זיך זייער לייכט געקאָנט אַריינכאַפּן עפּעס אין א מייסע. פֿונדעסטוועגן זיינען אייניקע שטריכן פֿונעם ציוריכער „דעק" געווען גאַנץ אינטערעסאַנט.

שפּעטער, אַז איך האָב געלייענט דזשאָן רידס זאַמלונג „די טאָכטער פֿון דער רעוואָליוציע", איז מיר באַזונדערס געפֿעלן געוואָרן דאָס, וואָס ריד שילדערט די פּראָסטיטוטקעס ניט פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון זייער פּראָפֿעסיע אָדער פֿון ליבע־פֿראַגן, נאָר פֿונעם שטאַנדפּונקט

פון זייערע אַנדערע אינטערעסן. געוויינלעך באַם שילדערן דעם „דעק“ לייגט מען זייער ווייניק אכט אפן שטייגער.

שפּעטער שוין, אין רוסלאַנד, אַז מיר מיט איליטשן האָבן געקוקט אין קינסטלערישן טעאַטער גאָרקיס „אפן דעק“, — און ולאַדימיר איליטשן האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט א קוק טאָן דידאָזיקע פּיעסע — איז אים שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן די „טעאַטראַלישקייט“ פון דער שטעלונג, די אָפּוועזנהייט פון יענע שטייגער־דעטאַלן, וועלכע „שאַפן“ ווי מע זאָגט „די מוזיק“, שילדערן די סוויווע אין איר גאַנצער קאָנקרעטקייט.

שפּעטער, ווען מיר פלעגן זיך טרעפן אין גאַס מיט דער פרוי פרעלאָג, פלעגט איליטש שטענדיק פריינטלעך זי באַגריסן, און טרעפן פלעגן מיר זי זייער אָפט, ווייל באַזעצט האָבן מיר זיך ניט ווייט, אין א שמאָל געסעלע, באַם שוסטער קאַמערער אין דער פאַמיליע. דער צימער איז געווען ניט קיין באַקוועמער. אַן אַלטע פינצטערע שטוב, די געביידעס שיר ניט פונעם 16 יאָרהונדערט, דער הויף א פאַרשטונקענער. פאַר דיזעלבע געלט האָט מען געקאָנט קריגן אסאך א בעסערן צימער, מיר האָבן אָבער זייער געשעצט די באַלעבאַטים אונדזערע. געווען איז עס א רעוואָלוציאָנער געשטימטע אַרבעטער־פאַמיליע, וועלכע האָט פאַרורטיילט די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע. די דירע זייערע איז געווען בעעמעס א „אינטערנאַציאָנאַלע“: אין צוויי צימערן האָבן געוווינט די באַלעבאַטים, אין איין צימער א דייטשישן סאָלדאַטס א בעקערס, א פרוי מיט קינדער, אין צווייטן — עפּעס אייגנער אַן איטאַליענער, אין דריטן צימער — עסטרייכישע אַקטיאָרן מיט א מערקווירדיקער געלער קאַץ און אין פערטן — מיר, רוסלענדער. קיין שום שאָוויניזם האָט זיך דאָ ניט געשפּירט און איינמאָל, ווען באַ דער גאַזפּליטע האָט זיך צונויפגענומען א גאַנצער פרויען־אינטערנאַציאָנאַל, האָט די פרוי קאַמערער צאָרנדיק אויסגערופן „די סאָלדאַטן דאַרפן אויסקערעווען זייערע ביקסן קעגן זייערע אייגענע רעגירונגען!“. נאָכדעם האָט שוין איליטש אַפילע הערן ניט געוואָלט וועגן בייטן דעם צימער. פון דער פרוי קאַמערער האָב איך זיך זייער פיל אָפּגעלערנט: ווי אַזוי וואָלוול און גיך צוגרייטן זעטיקע וואַרמעסן און וועטשערעס. איך האָב אָבער פון איר זיך אָפּגעלערנט נאָך עפּעס. איינמאָל איז אין די צייטונגען געווען געמאָלדן, אַז די שווייץ לעבט איצט איבער שווערקייטן מיטן

אַרײַנפירן פלײש, דעריבער װענדט זיך די רעגירונג צו די בירגער מיט אַ צורוף, זײ זאָלן צװײ מאָל אַ װאָך ניט נוצן קײן פלײש. די יאַטקעס זײַנען אָבער געװען אָפן און געהאַנדלט אױך אין די „פּאַרעװע" טעג. איך האָב זיך אײַנגעקױפט פלײש אף װאַרעמעס, װי אַלע טאָג, און שטײענדיק בײַ דער פּליטע האָב איך אַ פרעג געטאָן בײַ פרױ קאַמערער, װי אַזױ קאָנטראָלירט מען עס, צי פילן אױס די בירגער דעם רוף פון דער רעגירונג — גײען דען אום קאָנטראָליאָרן איבער די הײַזער? „צו װאָס דאַרף מען קאָנטראָליאָרן — האָט פרױ קאַמערער זיך פאַרכידעשט — װיבאַלד עס איז פּובליקירט, אַז עס זײַנען דאָ שװעריקײטן, איז װאָס פאַר אַן אַרבעטנדיקער װעט עס גײן עסן פלײש אין די „פּאַרעװע" טעג, סײַדן עפּעס אַ בורזשױ דאָרטן? און זײענדיק, אַז איך האָב זיך אַביסל פאַרלאָרן, האָט זי זײער העפלעך צוגעגעבן: „צו אױסלענדער קער זיך עס ניט אָן". אָט דער פּראָלעטאַרישער באַװוסטזיניקער צוגאַנג האָט בײַ אילײטשן שטאַרק אױסגענומען.

דורכקוקנדיק מײַנע בריװ צו שליאַפּניקאָװן פאַר דעם דאָזיקן פּעריאָד, האָב איך געפונען אַ בריװ פונעם 8=טן אַפּריל 1915 יאָר, דער בריװ כאַראַקטעריזירט די דעמאָלטיקע שטימונג אונדזערע. „טײַערער פרײַנט, שרײַבט איך אים, — געקראָגן אײַער בריװ פונעם דריטן אַפּרעל און ס'איז געװאָרן עטװאָס לײַכטער אפן האַרצן. אַזױ פלעגט זײַן שװער לײענען אײַערע אופגערעגטע בריװ מיט די צוזאָגן אַװעקצופאָרן קײן אַמעריקע, מיט דער גרײטקײט צו באַשולדיקן װער װײסט אין װאָס. דורכשרײַבן זיך איז אַ פּאַסקודנע זאַך — מיספאַרשטײעניש װאַקסן װי די שװאָמען... אינעם פאַרלאָרן געגאַנגענעם בריװ האָב איך געשריבן גענױ, פאַרװאָס מע קאָן ניט שלעפּן גריגאָרין ניט קײן ריכלאַנד און ניט אין אײַערע קאַנטן. ער האָט זײער גענומען צום האַרצן אײַער פאָרװורף, װאָס ער איז ניט אריבערגעפאָרן קײן שטאָקהאָלם. מע טאָר אָבער ניט רױנירן די רעדאַקציע פונעם צ.אָ. און בכלל די אױסלענדישע באַזע. מער װי װען עס איז האָט איצט, אין דער צײַט פון דער מילכאָמע, דער צענטראַל=אָרגאַן אױסגעקעמפט ניט אײן פּאָזיציע די רעדאַקציע זײַנע האָט אָפּגעשפּילט ניט קײן קלײנע ראָליע אינעם אינטערנאַציאָנאַל. דאָס מוז מען זאָגן אָפן, אָפּװאַרפנדיק יעדע איבערגעטריבענע באַשײדנקײט. אױך דער „קאָמוניסט" װאָלט ניט דערשײַנען אָן דער רעדאַקציע פונעם צ"אָ. געקאָסט האָט ער ניט װײניק רײד זאָרגן

און אומרויקע טעג. און נאָך מער — דער ,,Vorbote,, (דער אָרגאַן פון די ציממערוואַלדער לינקע). אויב מע זאָל צעשטערן די רעדאַקציע, וועט ניט זיין ווער עס זאָל פירן די אַרבעט. צוקלייבן א נייע רעדאַקציע איז גאָר ניט אַזוי גרינג. אָט האָט מען ניקאָליי איוואַנאָוויטשן געשלעפּט אַף פאַרשיידענע אויפאַנים, גערעדט וועגן דעם, ער זאָל אַריבערפאָרן קיין קראָקע און דערנאָך קיין בערן. און מע האָט גאָרניט געקאָנט מאכן. אפילע צוויי מענטשן זייגען אויך ווייניק, און איר ווילט איינעם צונעמען. אַז איר וועט רוינירן די אויסלענדישע באַזע, וועט שוין ניט זיין וואָס אַריבערצופירן. ציימנווייז ווערט גרינגאָרין מיעס און מאָעס דאָס לעבן אין אויסלאַנד און ער קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. און איר מיט אייערע פאָרוואורפן גיסט נאָך צו בוימל אין פייער, אויב מע זאָל קוקן אַף דעם איגיען פונעם שטאַנדפונקט פון נוצן פאר דער ארבעט אינגאנצן גענומען, טאָר מען גריגאָרין ניט טשעפּען, עס איז געווען געשטאנען די פראגע וועגן דעם, אַז די גאנצע רעדאקציע זאָל אריבערפאָרן, איז אָבער ארויסגעשוומען די פראגע וועגן געלט. די פראגע וועגן דער אינטערנאציאָנאלער ווירקונג, וועגן פּאָליציייִשע מייסים. קיין פראגע וועגן געלט האָט מען פאר די יאפּאָנער אוועקגעשטעלט אָפּן, האָבן זיי געענטפערט: זיי האָבן ניט. אין שטאָקהאָלם איז דאָס לעבן פיל טייערער; דאָ אַרבעט גריגאָרי אין אַ לאַבאָראַטאָריע, עס זיינען דאָ ביבליאָטעקן, הייסט עס, אַז עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט באָטש עפּעס וואָס צו פארדינען פון ליטעראַרישער ארבעט. אין דער סאמע נאָענטסטער צוקונפט וועט אויך דאָ פאַר אונדז אַלעמען שאַרף זיך אַוועקשטעלן די פראַגע וועגן פאַרדינסטן".

,,דער פאָרוואורף, אַז איליטש איז צופיל פאַרטאָן אין די עמיגראַנטאיניאָנים, איז ניט קיין באַגרינדעטער. מיט די עמיגראַנטישע איניאָנים פאַרנעמט ער זיך אינגאַנצן ניט. עס קומט אָבער אויס צו פאַרנעמען זיך מיט די אינטערנאַציאָנאַלע איניאָנים מער ווי פריער. דאָס איז אָבער נייטיק. עמעס איז, אַז ער איז איצט זייער שטארק פארנומען מיט דער ,,זעלבסטבאשטימונג פון די נאציעס". און לויט מיין מיינונג, אויב מע וויל אים, ווי געהעריק ,,אויסנוצן", דאַרף מען באַשטיין דערויף, ער זאָל אָנשרייבן א פּאָפּולערע בראָשור אף דער טעמע. די דאָזיקע פראַגע איז באַ היינטיקן טאָג ווייניקער פאַר אַלץ אַן אַקאַדעמישע. דערצו איז זי זייער א פאַרפּלאָנטערטע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָ-

ציאַל=דעמאָקראַטיע, אָבער דערפֿאַר טאַקע טאָר מען זי ניט אָפּרופֿן אַן אַ זייט. היינטיקן ווינטער זיינען דאָ פֿאָרגעקומען דיסקוסיעס אַף דער דאָזיקער טעמע מיט ראַדעקן. מיר פֿערזענלעך האָבן זיי זייער פֿיל געגעבן" — און ווייטער האָב איך אַף עטלעכע בויגעלעך פּאַפּיר איבערגעגעבן אים דעם אינהאַלט פֿון די דיסקוסיעס, און איליטשס שטאַנדפּונקט אַף אַט דער פֿראַגע.

געלעבט האָבן מיר אין ציוריך, ווי איליטש האָט זיך אויסגעדריקט אין איינעם פֿון זיינע בריוו אַהיים, „שטיל", אַביסל אַן זייט פֿון דער אָרטיקער קאָלאָניע. געאַרבעט רעגולער און אַסאַך אין די ביבליאָטעקן. יעדן טאָג נאָך וואַרמעס, צוריקגייענדיק פֿון דער עמיגראַנטישער גאָרקיך, פֿלעגט אַף אַ האַלב שאָ צו אונדז פֿאַרלויפֿן איינער דער יונגער כאַוועד גרישע אוסיעווויטש, וועלכער איז אין 19=טן יאָר אומגעקומען בייסן בירגער=קריג. איין צייט האָט אָנגעהויבן צו אונדז אַריינקומען אין די פֿרימאָרגנס זעמליאַטשקעס אַ פּלימעניק, וועלכער איז נאָכדעם פֿון הונגער אַראָפּ פֿון זינען. ער איז אומגעגאַנגען אַזוי אָפּגעריסן און פֿאַרבראָדיקט, אַז מע האָט אויפֿגעהערט אים אַריינלאָזן אין די שווייצאַרישע ביבליאָטעקן. ער פֿלעגט זיך סטאַרען פּאַקן איליטשן איידער ער גייט אוועק אין ביבליאָטעק, טייַנענדיק, אַז ער מוז באַהאַנדלען מיט איליטשן אייניקע פּרינציפּיעלע פֿראַגעס. איליטשן האָט ער היפּש געררוין געקאַסט.

האָבן מיר אָנגעהויבן אוועקגיין פֿון דער היים פֿריער, קעדיי ביז דער ביבליאָטעק שפּאַצירן אַביסל לענגויס דער אָזערע און זיך דורכשמועסן. איליטש פֿלעגט דערציילן וועגן זיין אַרבעט, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין שרייבן, און וועגן פֿאַרשיידענע אַנדערע זיינע געדאַנקען.

פֿון דער ציוריכער גרופּע פֿלעגן מיר אָפּטער פֿאַר אַלץ זיך טרעפֿן מיט אוסיעווויטשן און כאַריטאָנאָוון. איך געדענק אויך דעם „פּעטער וואַניע"—אַוודאַטיעוון, אַן אַרבעטער אַ מעטאַליסט, טורקינעז, אַן אוראַלער אַרבעטער, באַיצאָוון, וועלכער האָט שפּעטער געאַרבעט אין הויפּטפּאָליטופּקלער. איך געדענק (די פֿאַמיליע האָב איך שוין פֿאַרגעסן) איינעם אַ בולגאַרישן אַרבעטער. די מערהייט כאַווייריםפֿון אונדזער גרופּע האָבן געאַרבעט אַף די זאַוואָדן און געווען שטאַרק פֿאַרנומען. פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגן פֿאָרקומען ניט זייער אָפֿט. דערפֿאַר אָבער זיינען די מיטגלידער פֿון אונדזער גרופּע געווען ענג פֿאַרבונדן מיט די ציוריכער אַרבעטער.

זיי זיינען געשטאנען אסאך נענטער צום אָרטיקן ארבעטער-לעבן, איידער עס האָט זיך געשפּירט אין די איבעריקע שווייצאַרישע שטעט (אויסער שאָ-דע-פאָן, ווו אונדזער גרופּע איז נאָך ענגער געווען פארבונדן מיט דער אָרטיקער ארבעטער-מאסע).

בעראָש פון דער ציוריכער-שווייצאַרישער באַוועגונג איז געשטאַנען פריץ פּלאטען; ער איז געווען דער פּארטיי-סעקרעטאר און אָנגעהערט צו דער צימערוואלדער לינקער. א זון פון אן ארבעטער, א פּראָסטער הייסער יאט, און געהאט האָט ער גרויס אווטאָריטעט בא די מאסן. צוגעשטאנען צו דער צימערוואלדער לינקער איז אויך דער רעדאקטער פון דער ציוריכער פּארטייִשער צייטונג „Volksrecht“ („פאָלקסרעכט“) גאָבם. די עמיגראַנטישע אַרבעטער-יוגנט אין ציוריך איז אַזעלכע געווען א היפּשע צאָל—מיט ווילי מיונצענבערגן בעראָש, איז געווען זייער אקטיוו און האָט היים אונטערגעהאלטן די לינקע. דאָס אלץ האָט געשאפן א געוויסע נאָענטקייט צו דער שווייצארישער ארבעטער-באוועגונג. אייניקע כאווירים, וועלכע זיינען ניט געווען אין דער עמיגראציע, ווייזט זיך איצט אויס, אז לענין האָט געלייגט באַזונדערס גרויסע האָפענונגען אף דער שווייצארישער באוועגונג און האָט געהאלטן, אז די שווייץ קאָן ווערן שיר ניט דער צענטער פון דער קומענדיקער סאָציאלער רעוואָליוציע.

דער עמעס, פארשטייט זיך, איז ניט אזוי. אין דער שווייץ איז ניט געווען קיין שטארקער ארבעטער-קלאס. די שווייץ איז דערהויפּט א לאנד פון קוראָרטן, א קליין לאנד, וואָס דערנערט זיך מיט די שיריִים פון די פעטסטע קאפּיטאליסטישע לענדער. אין אלגעמיין זיינען די ארבעטער אין דער שווייץ געווען ווייניק רעוואָליוציאָנער געשטימט. דער דעמאָקראטיזם און דאָס געלונגענע לייזן די נאציאָנאלע פראגע איז נאָך פונדעסטוועגן ניט געווען קיין פּאָרבאדינג דערצו, אז די שווייץ זאָל ווערן א נעסט פאר דער סאָציאלער רעוואָליוציע.

פארשטייט זיך, אז דערפון איז נאָך ניט געדרונגען, אז אין דער שווייץ האָט מען ניט געדארפט פירן קיין אינטערנאציאָנאלע פּראָפּאַגאנדע, העלפן רעוואָליוציאָניזירן די שווייצאַרישע אַרבעטער-באַוועגונג און די פּארטיי, ווייל אויב די שווייץ וואָלט אויך אריינגעצויגן געוואָרן אין דער מילכאָמע, וואָלט זיך דאָרט די סיטואציע זייער גיך געקאָנט ענדערן.

אילִיטש האָט געלייענט רעפעראַטן פאַר די שווייצאַרישע אַרבעטער און געהאַלטן אַן ענגע פאַרבינדונג מיט פּלאַטענען, נאָבסן און מיונצענבערגן. אונדזער ציוריכער גרופּע פּליוס אייניקע פּאָליאַקן (אין ציוריך האָט דעמאָלט געוווינט דער כ׳ בראָנסקי) האָבן פאַרטראַכט איינצואָרדענען געמיינזאַמע באַראַטונגען צוזאַמען מיט דער ציוריכער שווייצערישער אָרגאַניזאַציע. האָט מען זיך אָנגעהויבן צונויפקלייבן אין ניט קיין גרויסער קאַפע „Zum Adler“, ניט ווייט פון אונדזער וווינונג. אַף דער ערשטער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען בא 40 מאַן. אילִיטש האָט גערעדט וועגן דעם לויפנדיקן מאָמענט, אַוועקגעשטעלט אַלע פראַגעס אין זייער גאַנצער שאַרפקייט. כאָטש אַלע פאַרזאַמלטע זיינען געווען אינטערנאַציאָנאַליסטן, האָט די שאַרפע שטעלונג פון די פראַגן שטאַרק צוטומלט די שווייצער. איך געדענק די רעדע פון איינעם א פאָרשטייער פון דער שווייצאַרישער יוגנט. ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז אויב מע קאָן ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער. א פאַקט איז, אַז די פאַרזאַמלונגען אונדזערע זיינען וואָס ווייטער אַלץ קלענער געוואָרן און אַף דער פערטער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען נאָר די רוסן און די פּאָליאַקן. האָט מען אַביסל געשפּאַסט און מע איז זיך צוגאַנגען אַהיים. די ערשטע מאַראַשים, וואָס מיר האָבן געוווינט אין ציוריך, האָט וולאַדימיר אילִיטש דעריקער געאַרבעט איבער דער בראָשור וועגן אימפּעריאַליזם. ער איז געווען שטאַרק פאַרטראָגן אין דעראָזיקער אַרבעט, געמאַכט זייער אַסאַך אויסצוגן. באַזונדערס האָבן אים אינטערעסירט די קאָלאָניעס. ער האָט צונויפגעזאַמלט זייער א רייכן מאַטעריאַל, איך געדענק, אַז אפילע מיך האָט ער אַוועקגעזעצט איבער אייניקע איבערזעצונגען פון ענגליש וועגן עפּעס אַפריקאַנישע קאָלאָניעס. ער פלעגט דערציילן זייער אַסאַך אינטערעסאַנטע זאַכן. שפּעטער, אַז איך האָב איבערגעלייענט זיין „אימפּעריאַליזם“ האָט ער זיך מיר אויסגעוויזן אַסאַך טריקענער, איידער דאָס, וואָס ער האָט דערציילט. דאָס עקאָנאָמישע לעבן אין אייראָפּע, אַמעריקע א. ד. גל. האָט ער דערלערנט גרינטלעך. אָבער אינטערעסירט האָט אים, פאַרשטייט זיך, ניט נאָר דער עקאָנאָמישער שטייגער, נאָר אויך די פּאָליטישע פאָרמען, וועלכע האָבן אַנטשפּראָכן דעם שטייגער, די ווירקונג זייערע אַף די מאַסן. צו יולי איז די בראָשור שוין געווען פאַרענדיקט. דעם 24-30 אַפּרעל 1916 יאָר איז פאָרגעקומען די צווייטע צימערוואַלדער (די אַזוינגערופענע קינטאַלער)

קאָנפערענץ. אכט כאָדאָשים זײַנען אדורך זינט דער ערשטער קאָנפערענץ, אכט כאָדאָשים, אין וועלכע די אימפעריאליסטישע מילכאָמע האָט זיך אַלץ ברייטער און ברייטער פאנאנדערגעוויקלט, אָבער דער אויסזען פון דער קינטאלער קאָנפערענץ האָט זיך ניט זייער שטאַרק אונטערשיידט פון דער ערשטער צימערוואלדער קאָנפערענץ. דער אוילעם איז נאָר געוואָרן אביסל ראַדיקאַלער. די צימערוואלדער לינקע האָט געהאט ניט קיין אכט, נאָר 12 דעלעגאטן. און די רעזאָליוציעס פון דער קאָנפערענץ זײַנען געווען אַ געוויסער טריט פאָרויס. די קאָנפערענץ האָט קאטעגאָריש פארורטיילט די אינטערנאציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ; זי האָט אָנגענומען א רעזאָליוציע וועגן שאָלעם, וווּ עס איז געזאָגט געוואָרן: „אַפן באָדן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז אוממעגלעך אײַנצושטעלן א פעסטן שאָלעם. די באַדינגונגען, וואָס זײַנען נייטיק אים צו פאַרווירקלעכן, וועט שאַפן נאָר דער *סאָציאַליזם*. באַזײַטיקנדיק דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּריוואַט-אײגנטום און דערמיט גופא דאָס עקספּלואַטירן די פאָלקס-מאַסן דורך די פּאַרמעגלעכע קלאַסן און די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, וועט דער סאָציאַליזם באַזײַטיקן אויך די סיבעס, וואָס רופן אַרויס מילכאָמעס. *דעריבער קאָן דער קאַמף פאַר א פעסטן שאָלעם באַשטיין אויסשליסלעך אין אײנעם קאַמף פאַר פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם*“*. פאַר פאַרשפּרייטן דעם דאָזיקן מאַניפעסט אין די טראַנשייען האָט מען אין מײַ כוידעש אין דײַטשלאַנד צעשאָסן 3 אָפיצירן און 32 סאָלדאַטן. מער פאַר אַלץ האָט די דײַטשישע רעגירונג מוירע געהאַט פאַר רעוואָליוציאָניזירן די מאַסן.

אין זײַנע פאָרשלאָגן דער קינטאַלער קאָנפערענץ האָט דער צ.ק. רסדא״פ פאַרשאַרפט די אויפמערקזאַמקייט הויפּטזאַכלעך אַף דער נייטיקייט צו רעוואָליוציאָניזירן די מאַסן. דאָרט איז געזאָגט געוואָרן: „עס איז ניט גענוג דאָס, וואָס דער צימערוואַלדער מאַניפעסט גיט אָנצוהערעניש וועגן א רעוואָליוציע, ווען ער זאָגט, אַז די אַרבעטער דאַרפן ברענגען קאָרבאָנעס צוליב זייערע אייגענע און ניט צוליב פרעמדע אינטערעסן. מע מוז קלאָר און באַשטימט אָנווײַזן די מאַסן דעם וועג זייערן. מע דאַרף, אַז די מאַסן זאָלן ווייסן, וווּהין און צוליב וואָס זיי זאָלן גיין.

---

* לענין, באַנד XIX, [illegible] ז. 134.

עס איז קלאָר, אַז רעוואָלוציאָנערע מאַסן־אַרויסטרעטונגען בײַם אַ מילכאָמע קאָנען ברענגען נאָר צום פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע אין אַ בירגער־קריג פאַרן סאָציאַליזם, און אויסבאַהאַלטן עס פון די מאַסן איז שעדלעך. פאַרקערט, דעמדאָזיקן ציל מוז מען אָנווײַזן קלאָר, ווי שווער עס זאָל זיך ניט אויסווײַזן אים צו דערגרייכן איצט, ווען מיר געפינען זיך ערשט אין אָנהייב וועג. עס איז נאָך ווייניק צו זאָגן דאָס, וואָס עס ווערט געזאָגט אין צימערוואַלדער מאַניפעסט, אַז „די קאַפּיטאַליסטן ליגן, ווען זיי ריידן וועגן באַשיצן דאָס פאָטערלאַנד“ אין דער געגעבענער מילכאָמע און אַז בײַסן רעוואָלוציאָנערן קאַמף דאַרפן די אַרבעטער זיך ניט רעכענען מיטן קריג־צושטאַנד אין זייער לאַנד; מע דאַרף זאָגן אָפן דאָס, וועגן וואָס דאָ איז פאַראַן נאָר אַן אָנצוהערעניש; מע דאַרף דערקלערן, אַז ניט נאָר די קאַפּיטאַליסטן, נאָר אויך די סאָציאַל־שאָוויניסטן און די קאַוטסקיאַנער ליגן, ווען זיי לאָזן אָנווענדן דעם באַגריף באַשיצן דאָס פאָטערלאַנד אין דער געגעבענער, אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע“ — אַז רעוואָלוציאָנערע טאַטן בײַם אַ מילכאָמע זײַנען ניט דענקבאַר אָן אַ מאַפּאָלע־דראָונג פאַר דער „אייגענער רעגירונג“ און אַז יעדע מאַפּאָלע פון דער רעגירונג אין אַ רעאַקציאָנערער מילכאָמע פאַרלייכטערט די רעוואָלוציע, וואָס נאָר זי אַליין איז אומשטאַנד צו ברענגען אַ פעסטן און אַ דעמאָקראַטישן שאָלעם. מע מוז צולעצט דערקלערן די מאַסן, אַז אויב זיי אַליין וועלן ניט שאַפן קיין אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס און אַ פרייע פון דער מיליטערישער צענזור, ד. ה. אַן אומלעגאַלע פרעסע, איז ניט דענקבאַר קיין ערנסטע שטיצע פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וואָס הייבט זיך אָן, עס איז ניט דענקבאַר אים צו אַנטוויקלען און קריטיקירן זײַנע באַזונדערע שריט, אויסבעסערן זײַנע פעלערן און סיסטעמאַטיש אים פאַרברייטערן און פאַרשאַרפן“*.

אין אָט דעם פאָרשלאָג פונעם צ.ק. איז זייער בולעט אויסגעדריקט די באַציונג פון די באָלשעוויקעס און איליטשס באַציונג צו די מאַסן — די מאַסן דאַרף מען שטענדיק זאָגן דעם גאַנצן עמעס און ביזן סאָף, אַן עמעס ניט קיין צוגעפּוצטן און ניט מוירע האָבן, אַז דערדאָזיקער עמעס וועט זיי אָפּשרעקן. די באָלשעוויקעס האָבן אַלע זייערע

* לענין, באַנד XIX, זייטן 61—62.

האָפענונגען ארופגעלייגט אף די מאסן, די מאסן — און נאָר זיי — וועלן זיך דערשלאָגן דעם סאָציאליזם.

אינעם בריוו צו שליאפניקאָוון דעם 1־טן יוני האָב איך געשריבן: „מיט קינטאל איז גריגאָרי שטארק פארכאפט. פארשטייט זיך, אורטיילן קאָן איך נאָר לויט דעם, וואָס מע גיט איבער, אָבער שוין צופיל, דאכט מיר, רייד און עס פעלט אינערלעכע אייניקייט, יענע אייניקייט, וואָס זאָל קאָנען דינען אלס גאראנטיע פאר דער פעסטקייט פונעם איניען. עס זעט זיך אָן, אז פון אונטן „שפארט“ נאָך דערוויייל ניט, ווי באראיטש פלעגט זאָגן, סיידן עפשער בא די דייטשן שפירט זיך עס יאָ אביסל“.

דאָס דערלערנען די עקאָנאָמיק פונעם אימפעריאליזם, דאָס אנאליזירן אלע באשטאנד־טיילן פון אָט דעם „שנעלקייט־קעסטל“, דאָס ארומכאפן דאָס אלוועלטלעכע בילד פונעם אונטערגייענדיקן אימפעריאליזם — אָט דער לעצטער שטופע פונעם קאפיטאליזם — האָט געגעבן איליטשן די מעגלעכקייט אוועקצושטעלן אף א נייעם אופן א גאנצע ריי פאָליטישע פראָבלעמעס, אסאך טיפער צוגיין צו דער פראגע וועגן דעם, אין וואָס פאר א פאָרמען עס וועט גיין דער קאמף פארן סאָציאליזם בכלל און אין רוסלאנד ביפראט. זייער פיל זאכן האָט איליטשן זיך געוואָלט דערטראכטן ביזן סאָף, לאָזן זיינע געדאנקען צייטיק ווערן. דעריבער האָבן מיר באשלאָסן אוועקפאָרן אין די בערג. דערצו נאָך איז עס מיר געווען נייטיק, ווייל מיין באזעדאָ־קרענק האָט בעשומויפן ניט געוואָלט זיך באַרויקן. נאָר איין מיטל האָב איך געהאט קעגן איר — די בערג. זיינען מיר אף זעקס וואָכן אוועקגעפאָרן אינעם קאנטאָן סען־גאלען, ניט ווייט פון ציוריך, אין ווילדע בערג, אין אָפּרו־הויז טשודיוויזע. זייער הויך, שיר ניט בא די סאמע שניי־שפיצן. דאָס אָפּרו־הויז איז געווען דאָס סאמע וואָלוולסטע, 2 מיט א האלבן פראנק א טאָג פאר א מענטשן. עמעס, דאָס אָפּרו־הויז איז געווען א „מילכיקס“. אינדערפרי — קאווע מיט מילך און ברויט מיט פוטער און קעז, נאָר אָן צוקער, צו וואַרעמעס א מילכיקער זופ, עפעס א געקעכטס פון קעז און אף פארבייסן — ווידער מילך. 4 אזייגער — קאווע מיט מילך אין אינאָוונט ווידער מילכיקס. די ערשטע טעג האָבן מיר מאַמיש געקרעכצט פון אָט דער מילכיקער היילונג דערנאָך אָבער פלעגן מיר דעם בלויז פארפילן מיט מאלינעס און שווארצע יאגדעס, וואָס זיינען דאָ געוואָקסן אין א אומגעהייערער צאָל, דער צימער אונדזערער איז געווען א ציכ־

טיקער, מיט עלעקטרישער באלייכטונג, אָבער איינגאנצן אָן מעבל. אויפ־
ראמען פלעגט מען דארפן אליין און פוצן די שיך אויך אליין. די לעצ־
טע פונקציע האָט וולאדימיר איליטש, נאָכטועגדיק די שווייצער, גענומען
אף זיך. און יעדן פרימאָרגן פלעגט ער געמען מיינע און זיינע בארג־
שטיוול, אוועקגיין מיט זיי אונטערן פאָוויט, וו אלע פלעגן עס טאָן, און
שפאסנדיק מיט די איבעריקע שטיוול־פוצער, האָט ער אזוי פלייסיק
געטאָן זיין ארבעט, אז איינמאָל האָט ער אזוי אראָפּגעוואָרפן א גע־
פלאָכטענעם קויש מיט א גאנצן בארג ליידיקע ביר־פלעשער, וואָס איז
געשטאנען בא דער זייט. דאָס האָט ארויסגערופן אלגעמיינעם געלעכ־
טער. דער אוילעם איז דאָ געווען אָ דעמאָקראַטישער. אין אזא אָפּרו־
הויז, וו דער פרייז פון אָ מענטשן א טאָג איז 2½ פראַנק, פלעג
קיין „לייטישער‟ אוילעם זיך ניט באזעצן. אין איינציקע היגזיכטן האָט
דאָס אָפּרו־הויז דערמאָנט אָן דעם פראנצויזישן באָנבאָן. דער אוילעם
איז אָבער דאָ געווען א פראָסטערער, א מער אָרעמער, מיט א געווינסן
שווייצאַרישן דעמאָקראטישן הויעד. אין די אָוונטן פלעגט דעם באַלעבאָס
זון שפילן אף א הארמאָניק, און די אָפּרועגדיקע פלעגן טאנצן. ביז אזיי־
גער עלף פלעגט ניט אופהערן דאָס טופען פון די טאנצנדיקע. טשודיוויזע
האָט זיך געפונען אכט קילאָמעטער פון א סטאנציע. דער פארקער איז
געווען מעגלעך נאָר אף אייזלען, דער וועג האָט זיך געצויגן מיט שמאָלינ־
קע שטעגעלעך איבער די בערג, און אלע פלעגן גיין צופוס. קימאט יעדן
טאָג, ארום זעקס אזייגער אינדערפרי, פלעגט אָנהייבן קלינגען דער גלאָק.
דער אוילעם פלעגט זיך צונויפקלייבן באגלייטן די אוועקגייענדיקע און
געזונגען דערביי א טשיקאווע באגלייטונג־ליד וועגן עפעס א קוקאווקע.
יעדער פערז האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער: „קוקאווקע, אדיע‟.
וולאדימיר איליטש, וואָס האָט ליב געהאט א שלאָף טאָן אינדערפרי,
פלעגט אָנהייבן בורטשען און זיך איינקוטען אין קאָלדרע אריבערן קאָפּ.
דער אוילעם איז דאָ געווען ביז גאָר אפּאָליטיש. אפילע וועגן דער מיל־
כאָמע פלעגט דאָ קיינמאָל ניט קומען צו רייד. צווישן די אָפּרועגדיקע איז
געווען איינער א סאָלדאט, ער האָט געהאט שוואכע לונגען, האָט מען אים
געשיקט אפן כעזשבן פון קאזנא היילן זיך אין א מילך־סאנאטאָריע. אין
דער שווייץ זאָרגט די מיליטער־מאכט זייער שטארק פאר אירע סאָל־
דאטן (אין דער שווייץ איז ניטאָ קיין שטענדיק מיליטער, נאָר א מילי־
ציע). דער יאַט איז געווען א גאַנצוויילער. וולאדימיר איליטש איז ארום

אים ארומגעגאנגען, ווי א קאץ ארום שמאלץ, פארפירט מיט אים געשפרעכן וועגן דעם רויבערישן כאראקטער פון דער מילכאָמע. דער יאט האָט ניט דערווידערט, אָבער שטארק אָנגעגאנגען איז עס אים ניט. מע האָט געזען, אז פּאָליטישע פראגעס אינטערעסירן אים זייער ווייניק, אסאך מער אינטערעסירט אים, ווי בעסער צו פארברענגען די צייט אין טשודיוויזע.

קיין טשודיוויזע פלעג צו אונדז קיינער ניט קומען, קיינע שום רוסן האָבן דאָרט ניט געוווינט, אזוי אז מיר זיינען געווען אָפּגעריסן פון יעדער ארבעט, גאנצע טעג ארומגעבלאנקעט איבער די בערג. אין טשודיוויזע האָט איליטש אינגאנצן ניט געארבעט. שפּאצירנדיק איבער די בערג האָט ער זייער פיל גערעדט וועגן די פראגעס, וועלכע האָבן אים אינטערעסירט, וועגן דער ראָליע פון דער דעמאָקראטיע, וועגן די פּאָזיטיווע און נעגאטיווע זייטן פון דער שווייצארישער דעמאָקראטיע, גערעדט אָפט איבערכאזערנדיק איין און דעם זעלבן געדאנק, נאָר מיט פארשיידענע אויסדריקן: מע האָט געזען, אז די דאָזיקע פראגעס אינטערעסירן אים באזונדערס שטארק. די צווייטע העלפט יולי און גאנץ אווגוסט האָבן מיר אָפּגעלעבט אין די בערג. אז מיר זיינען אָפּגעפאָרן, האָט מען אונדז אויך באגלייט מיטן לידל „קוקאווקע, אדיע“. אראָפּשטייגנדיק דורכן וואלד, האָט וולאדימיר איליטש פּלוצעם דערזען ווייסע שוואָמען און, ניט געקוקט דערויף, וואָס איז געגאנגען א רעגן, האָט ער זיך צוגעכאפּט צו זיי מיט אזא אזארט, ווי ער וואָלט ניט קיין שוואָמען געקליבן, נאָר ווערבירט צימערוואלדער לינקע. דורכגענעצט זיינען מיר געוואָרן ביזן ביין, דערפאר אָבער שוואָמען האָבן מיר אָנגעקליבן א פולן זאק. צום צוג האָבן מיר, פארשטייט זיך, שוין פארשפּעטיקט, און מע האָט געמוזט ווארטן איבעריקע צוויי שאָ ביז עס וועט אָנקומען א צווייטער צוג.

אז מיר זיינען געקומען קיין ציוריך האָבן מיר זיך ווידער באזעצט בא דעם זעלבן באלעבאָס אף שפּיגעל־גאס.

פאר דער צייט, וואָס מיר זיינען געווען אין טשודיוויזע האָט וולאדימיר איליטש גענוי באטראכט דעם ארבעט־פּלאן אף דער נאָענטסטער צייט. דאָס ערשטע, דאָס וויכטיקסטע, באזונדערס פארן געגעבענעם מאָמענט, איז געווען פולע טעאָרעטישע איינשטימיקייט, איינשטעלן א דייטלעכע טעאָרעטישע ליניע. מיינונג־פארשיידנהייטן זיינען געווען מיט

ראָזע ליוקסעמבורג, מיט ראַדעקן, מיט די האָלענדער, מיט בוכאַרינען, פּיאַטאַקאָוון און אין א געוויסער מאָס מיט קאָלאָנטיי. די שאַרפסטע מיינונגספאַרשיידנהייטן זיינען געווען מיט פּיאַטאַקאָוון (פּ. קיעווסקי), וואָס האָט אין אווגוסט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל „דער פּראָלעטאַריאַט און די רעכט פון נאַציעס אַף זעלבסטבאַשטימונג". איבערגעלייענט דעם אַרטיקל נאָך אין מאַנוסקריפּט, האָט איליטש טייקעף זיך אַוועקגעזעצט שרייבן אים אַן ענטפער — א גאַנצע בראָשור „וועגן דער קאַריקאַטור אַפן מאַרקסיזם" און וועגן „אימפּעריאַליסטישן עקאָנאָמיזם". די בראָשור איז אָנגעשריבן אין זייער א בייזן טאָן און טאַקע דערפאַר, ווייל צו יענער צייט האָט בא איליטשן שוין געהאַט זיך אויסגעאַרבעט א באַשטימטער קוק אַף דער פאַרהעלטעניש צווישן דער עקאָנאָמיק און דער פּאָליטיק אין דער עפּאָכע פון קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. דאָס ניט דערשאַצן דעם פּאָליטישן קאַמף אין דערדאָזיקער עפּאָכע האָט ער כאַראַקטעריזירט, ווי אימפּעריאַליסטישן עקאָנאָמיזם. „דער קאַפּיטאַליזם האָט געזיגט, — האָט געשריבן איליטש, — ד ע ר י ב ע ר דאַרף מען ניט טראַכטן איבער פּאָליטישע פּראָבלעמס, אזוי האָבן געטיינעט די אַלטע „עקאָנאָמיסטן" אין די יאָרן 1894—1901, דערגייענדיק אזויאַרום צום פולשטענדיקן אָפּלייקענען דעם פּאָליטישן קאַמף אין רוסלאַנד: דער אימפּעריאַליזם האָט געזיגט — ד ע ר י ב ע ר דאַרף מען ניט טראַכטן וועגן פּראָבלעמס פון פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, אזוי טיינען די היינטיקע „אימפּעריאַליסטישע עקאָנאָמיסטן" *.

דאָס איגנאָרירן די ראָליע פון דער דעמאָקראַטיע אינעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם איז געווען ניט דערלאָזבאַר. „דער סאָציאַליזם איז אומעגלעך אָן דער דעמאָקראַטיע איבער צוויי טיימים, — האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן אין דער זעלבער בראָשור — ערשטנס, קאָן דער פּראָלעטאַריאַט ניט מאַכן קיין סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, אויב ער גרייט זיך פריער ניט צו איר דורך א קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע. צווייטנס, קאָן דער סאָציאַליזם, וואָס האָט געזיגט, ניט איינהאַלטן זיין ניצאָכן און דערפירן די מענטשהייט דערצו, אַז די מעלוכע זאָל אָפּשטאַרבן, אויב ער וועט פולקום ניט פאַרווירקלעכן די דעמאָקראַטיע"**.

---

* לענין, באַנד XIX, זייט 195.

** דאָרטן, זייט 233—234.

אַט די ווערטער וולאַדימיר איליטשס האָבן איינגיכן זיך איינגאַנצן באַרעכטיקט אַף דער רוסישער דערפאַרונג. די פעברואַל=רעוואָלוציע און דער ווייטערדיקער קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע האָבן צוגעגרייט דעם אָקטיאַבער. דאָס אומדערמידלעכע פאַרברייטערן און פאַרפעסטיקן די ראַטן, די ראַטן=סיסטעם וועט רעאָרגאַניזירן אויך די דעמאָקראַטיע גופא, סיסטעמאַטיש פאָרטפירנדיק דעם אינהאַלט פון דעמדאָזיקן באַגריף.

אין 1915—1916 י. האָט וולאַדימיר איליטש שוין זייער טיף געהאַט דורכגעטראַכט די פראַגע וועגן דעמאָקראַטיע; ער איז צוגעגאַנגען צו דער פראַגע פונעם שטאַנדפּונקט פון בויען דעם סאָציאַליזם. נאָך אין נאָיאַבער 1915 י. „דערווידערנדיק קעגן ראַדעקס („פּאַראַבעלומס“), אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער „Berner Tegevacht“ אָקטיאַבער 1915 י., האָט איליטש געשריבן: באַם כאַוו. פּאַראַבעלום באַקומט זיך אַזוי, *אַז אין נאָמען* פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע וואַרפט ער מיט גרינגשעצונג אָפּ די קאָנסעקווענט רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם אין דעמאָקראַטישן געביט. דאָס איז ניט ריכטיק, דער פּראָלעטאַריאַט קאָן ניט זיגן אַנדערש, סיידן דורך דעמאָקראַטיע, ד.ה. פאַרווירקלעכנדיק פולקום די דעמאָקראַטיע און פאַרבינדנדיק מיט יעדן איינציקן טראָט פון זיין קאַמף די דעמאָקראַטישע פאָדערונגען אין דער סאַמע קאַטעגאָרישער פאָרמולירונג זייערער. אומגעלומפּערטער וואָלט געווען *אַנטקעגנשטעלן* די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע און דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליזם קעגן *איינער* פון די פראַגעס פון דעמאָקראַטיע, אין געגעבענעם פאַל, קעגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. מיר דאַרפן *פאַראייניקן* דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליזם מיט דער רעוואָלוציאָנערער פּראָגראַם און טאַקטיק בענוגע צו *אַלע* דעמאָקראַטישע פאָדערונגען: אי רעפּובליק, אי מיליציע, אי באַאַמטע, אויסגעוויילטע דורכן פאָלק, אי גלייכבאַרעכטיקונג פון פרויען, אי זעלבסטבאַשטימונג פון נאַציעס א. א. וו. קאָלזמאַן עס עקזיסטירט דער קאַפּיטאַליזם, קאָנען אָט די אַלע פאָדערונגען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר אַלס אויסנאַם און דערצו אין ניט קיין פולער, פאַרקריפּלטער פאָרם. אָנשפּאַרנדיק זיך אַף דעם דעמאָקראַטיזם, וואָס איז שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן, דעמאַסקירנדיק די ניט פולקייט זיינע באַם קאַפּיטאַליזם, פאָדערן מיר אַראָפּצוּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם, עקספּראָפּריירן די בורזשואַזיע, אַלס נייטיקע באַזע סיי קעדיי צו פאַר=

גיכטן די אָרעמקייט פון די מאַסן, סיי קעדיי *פולשטענדיק* און *אלזייטיק* דורכפירן אלע דעמאָקראטישע אומענדערונגען. אייניקע פון דידאָזיקע אומענדערונגען וועט מען אָנהייבן נאָך פארן אראָפּווארפן די בורזשואזיע, אייניקע — אין *גאנג* פון אראָפּווארפן, און די דריטע — נאָכדעם. די סאָציאל-רעוואָליוציע איז ניט איין שלאכט, נאָר אן עפּאָכע פון א גאנצער ריי שלאכטן לויט אלע און אלערליי פּראנעם פון די עקאָנאָמישע און דעמאָקראטישע אומענדערונגען, וועלכע וועלן פארענדיקט נאָר מיטן עקספּראָפּרירן די בורזשואזיע. און טאקע אין נאָמען פון אָט דעם ענדציל דארפן מיר געבן א קאָנסעקווענט רעוואָליוציאָנערע פאָרמולירונג פאר *יעדער* פון אונדזערע דעמאָקראטישע פאָדערונגען. עס איז פולשטענדיק דענקבאַר, אַז די אַרבעטער פון אוועלכן ניט איז באשטימטן לאנד וועלן אראָפּווארפן די בורזשואזיע נאָך *איידער* עס וועט פארווירקלעכט ווערן כאָטש איין קארדינאלע דעמאָקראטישע אומענדערונגען. ס'איז אָבער אינגאנצן ניט דענקבאר, אז דער פּראָלעטאריאט, אלס היסטאָרישער קלאס, זאָל קאָנען באזיגן די בורזשואזיע, אויב ער וועט ניט זיין צוגעגרייט דערצו דורך א דערציונג אינעם גייסט פונעם סאמע קאָנסעקווענטן און רעוואָליוציאָנער — אנטשיידענעם דעמאָקראטיזם"*.

איך ברענג אזוינע לאנגע ציטאטעס דערפאר, ווייל זיי דריקן העל אויס דאָס, וועגן וואָס איליטש האָט זייער אסאך געטראכט אין סאָף 1915 און אין 1916 י. און וואָס עס האָט ארופגעלייגט א באַשטימטן שטעמפּל אף זיינע שפּעטערדיקע ארויסזאָגונגען. די מערהייט ארטיקלען זיינע, וועלכע באַרירן די פראגעס וועגן דער ראָליע פון דער דעמאָקראטיע אינעם קאמף פארן סאָציאליזם, זיינען געווען געדרוקט אסאך שפּעטער: דער אַרטיקל פון פּאַראַבעלומען — אין 1927 יאָר, די בראָשור „א קאריקאטור אפן מארקסיזם" — אין 1924 יאָר. ווייניק באקאנט זיינען זיי דערפאר, ווייל געדרוקט האָבן זיי זיך אין זאמלביכער, וועלכע דערשיינען אין ניט זייער קיין גרויסע טיראזשן, אָבער אָן דידאָזיקע ארטיקלען איז ניט פארשטענדלעך די גאנצע היציקייט, וואָס וולאדימיר איליטש האָט ארויסגעוויזן אין די שטרייטן וועגן די רעכט פון די נאציעס אף זעלבסטבאשטימונג. דידאָזיקע היציקייט ווערט

---

*) לענין, באנד XVIII, זייטן 324-323.

פארשטענדלעך, ווען מע נעמט אָט די פראגע אין צוזאמענהאנג מיט אילימשם אַלגעמיינעם אָפּשאַצן פון דעמאָקראטיזם. מע מוז זיך אָפּ־געבן א כעזשבן דערין, אז די באציונג צו דער פראגע וועגן דער זעלב־סטבאשטימונג פון די נאציעס איז געווען פאר אילימשן יענער פרווו־שטיין, אף וועלכן עס איז קאָנטראָלירט געוואָרן דאָס קענען צוגיין ריכ־טיק צו די דעמאָקראטישע פּאָדערונגען ביכלאַל. אלע שטרייטן לויט דער ליניע, סיי מיט ראָזע ליוקסעמבורג, סיי מיט ראדעקן, סיי מיט די האָלענדער, סיי מיט קיעווסקין און סיי מיט א גאנצער ריי אנדערע באווייזים זיינען פאָרגעקומען גראָד פון אָט דעם שטאנדפונקט. אין דער בראָשור קעגן קיעווסקין האָט ער געשריבן: „אלע נאציעס וועלן קומען צום סאָציאליזם, דאָס איז אומפארמיידלעך, אבער אלע וועלן קומען ניט גאָר אף איין אויפן, יעדע וועט אריינטראָגן אייגנארטיקייט אין דער אָדער יענער פאָרם דעמאָקראטיע, די אָדער יענע פאַר־שיידנקייט אין דער פּראָלעטארישער דיקטאטור, אין דעם אָדער יענעם טעמפּ פון די סאָציאליסטישע אומענדערונגען פון די באזונדערע זייטן אינעם געזעלשאפטלעכן לעבן. עס איז ניטאָ קיין זאך, וואָס זאָל זיי־ן אָרעמער טעאָרעטיש און לעבערלעכער פראקטיש, ווי „אין נאָמען פו־נעם היסטאָרישן מאטעריאליזם“ מאָלן זיך די צוקונפט אין דע־ר היגזיכט מיט א מאָנאָטאָנער גרוילעכער פארב: דאָס וואָלט געווען שמירעריי און ניט מער“.

בויען דעם סאָציאליזם איז ניט נאָר ווירטשאפטלעכע בויונג, די עקאָנאָמיק — איז נאָר די באזע פאר דער בויונג פונעם סאָציאליזם. דער יעסאָד, די פאָרהאַנאָכע, אָבער דער טאָך פון דער סאָציאליסטישער בויונג איז — איבערבויען אף א נייעם אויפן דאָס גאנצע געזעלשאפ־לעכע געוועב, איבערבויען אף דער באזע פון סאָציאליסטישן, רעוואָ־ליוציאָנערן דעמאָקראטיזם.

אָט דאָס איז אייגנטלעך דאָס, וואָס עס האָט די גאנצע צייט טי־פער פאר אלץ צעטיילט לענינען און טראָצקין. טראָצקי האָט ניט פאר־שטאנען דעם דעמאָקראטישן גייסט, די דעמאָקראטישע יעסוידעס פון דער סאָציאליסטישער בויונג, דעם פּראָצעס פון רעאָרגאניזירן דעם גאנצן לעבנשטייגער פון די מאסן. דעמאָלט, אין 1916 יאָר, זיי־נען שוין אין עמבריאָן געווען אויך די שפּעטערדיקע מיינונגס־פארשיי־דנהייטן צווישן אילימשן מיט בוכארינען. אין אַ נאָטיץ „Nota Bene“,

אינעם נומ. 6 „Jugend-Interntionale“ („יוגנט אינטערנאציאָנאַל“) סאָף אווגוסט האָט בוכארין אָנגעשריבן אן ארטיקל, אין וועלכן מע האָט ארויסגעזען דאָס ניט דערשאצן די ראָליע פון דער מעלוכע, דאָס ניט דערשאצן די ראָליע פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור. אין א נאָטיץ „דער יוגנט-אינטערנאציאָנאַל“ האָט איליטש פארצייכנט אָט דעם פעלער בוכארינס. די פּראָלעטארישע דיקטאטור, וועלכע זיכערט דעם פּראָלעטאריאט אָנפירנדיקע ראָליע אינעם איבערבויען דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן געוועב — אָט וואָס איליטשן האָט באַזונדערס אינטערעסירט אין דער צווייטער העלפט 1916 יאָר.

די דעמאָקראטישע פאָדערונגען גייען אריין אין דער פּראָגראם-מינימום — און אָט אינעם ערשטן בריוו צו שליאַפּניקאָוון, וואָס וולאַדימיר איליטש האָט אָנגעשריבן, ווען ער איז צוריק געקומען פון טשודיוויזע, זידלט ער באַזאַראָוון פאר זיין ארטיקל אין „לעטאָפּיס“, ווו יענער זאָגט זיך ארויס פאר אָפּשאַפן די פּראָגראם-מינימום. ער שטרייט מיט בוכארינען, וועלכער דערשאצט ניט די ראָליע, פון מעלוכע, די ראָליע פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור און א. וו. ער איז אופגעבראכט אף קיעווסקין, וואָס יענער באַנעמט ניט דעם פּראָלעטאריאטס פירנדיקע ראָליע. „באַציט ניט גרינגשעצעריש, — האָט איליטש געשריבן צו שליאַפּניקאָוון, — צו דער טעאָרעטישער פולער צונויפגערעדטקייט: זי איז, אף מיין וואָרט, שטארק נייטיק פאר דער ארבעט אין אזא מין שווערע צייט“.

וולאַדימיר איליטש האָט זייער פלייסיק גענומען ווידעראמאָל איבערלייענען אַלץ, וואָס מארקס און ענגעלס האָבן געשריבן וועגן דער מעלוכע און געמאַכט פון דאָרטן אויסצוגן. דידאָזיקע ארבעט האָט אים באַוואָפנט מיט א באַזונדערס טיפן באַנעמען דעם כאראקטער פון דער אַנקומענדיקער רעוואָליוציע, האָט אים געגעבן ביז גאָר אן ערנסטע צוגרייטונג צו פאַרשטיין די קאָנקרעטע אופגאַבעס פון דערדאָזיקער רעוואָליוציע.

דעם 30-טן נאָיאַבער איז פאָרגעקומען א באראטונג פון די שווייצארישע לינקע וועגן דער באַציונג צו דער מילכאָמע, א. שמידט פון ווינטערטור האָט גערעדט וועגן דעם, אז מע מוז אויסנוצן די דעמאָקראטישע אָרדענונג פון דער שווייץ צוליב אַנטימיליטאַריסטישע צוועקן. אָפן צווייטן טאָג האָט וולאַדימיר איליטש אָנגעשריבן שמידטן

א בריוו, ווו ער לייגט אים פאָר „אוועקשטעלן אַף א רעפערענדום (ד. ה. אַף אַלגעמיינער אָפּשטימונג ג. ק.) די פראַגע אַף אַזא מין אויפן: פאַר עקספּראָפּריִרן די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען אין דער אינדוסטריע און אין דער לאַנדווירטשאַפט, אַלס איינציקער וועג צום פולשטענדיקן באַזייטיקן דעם מיליטאַריזם, אָדער קעגן עקספּראָפּריאַציע?

אין געגעבענעם פאַל וועלן מיר אין אונדזער פראַקטישער פּאָליטיק ריידן דאָסזעלביקע — האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן צו א. שמידטן, — וואָס מיר אַלע אָנערקענען טעאָרעטיש, ד. ה. אַז דאָס פולשטענדיקע באַזייטיקן דעם מיליטאַריזם איז דענקבאַר און קאָן פאַרווירקלעכט ווערן, נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַזייטיקן דעם קאַפּיטאַליזם"*. אינעם בריוו, וועלכער איז אָנגעשריבן אין דעקאַבער 1916 יאָר און וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט מיט 15 יאָר שפּעטער, אינעם לענין־זאַמלבוך XVII, שרייבט לענין וועגן דעם: „איך מיינט עפּשער, אַז איך בין אַזוי נאַיִוו און איך גלויב, אַז דורך „איינריידן" קאָן מען באַשליסן אַזעלכע פראַגעס, ווי די פראַגע וועגן סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע?

ניין. איך וויל נאָר געבן אַן איליוסטראַציע און דערצו נאָך נאָר צו איין פּריוואַטער פראַגע: וואָס פאַר אַן ענדערונג דאַרף פאָרקומען אין דער גאַנצער פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע, אויב מע זאָל וועלן מיט עכטער ערנסטקייט זיך באַציִען צו דער פראַגע וועגן אָפּוואַרפן די באַשיצונג פונעם פאָטערלאַנד! דאָס איז נאָר אַן איליוסטראַציע און נאָר א פּריוואַטע פראַגע — אַף מער פּרעטענדיר איך אַפילע ניט" **.

די פראַגן פון דיאַלעקטישן צוגאַנג צו אַלע געשעענישן האָבן אין אָט־דעם פּעריאָד אויך באַזונדערס אינטערעסירט איליטשן. ער פלעגט זיך מאַמעש איינבייסן אין ענגעלסעס א פראַזע אין זיין קריטיק פונעם פּראָיעקט פון דער ערפורטער פּראָגראַם: „אַזאַ מין פּאָליטיק קאָן נאָר סאָפּקאָלסאָף ברענגען די פּאַרטיי אַף א פאַלשן וועג, אַפּן פאָרגרונט רוקט מען אַרויס אַלגעמיינע, אַבסטראַקטע פּאָליטישע פראַגן און אַזוי

---

* „לענין־זאַמלבוך" XVII זייט 9.

** דאָרטן, זייט 123.

אָרום פֿאַרדעקט מען די נאָענטסטע קאָנקרעטע פֿראַגעס, וואָס באַ די ערשטע גרויסע געשעענישן, באַם ערשטן פּאָליטישן קריזיס, שטעלן זיי זיך אַליין אוועק אף דער טאָג-אָרדענונג". ארויסשרייבנדיק אָט-דעם אָבזאַץ שרייבט איליטש מיט גרויסע בוכשטאַבן, איינעמענדיק זיינע ווערטער אין דאָפּלטע קלאַמערס; „(דאָס אַבסטראַקטע אפֿן פֿאָדערגרונט, דאָס קאָנקרעטע פֿארשמירן!!) Nota Bene! פּראַכטפֿול! דעם איקער געפֿאַקט! NB".

„די מאַרקסיסטישע דיאַלעקטיק פֿאָדערט אַ קאָנקרעטן אַנאַליז פֿון יעדער באַזונדערער היסטאָרישע סיטואַציע באַזונדער*, — שרייבט וולאַדימיר איליטש אין זיין אָפּרוף וועגן אַניוסעס בראָשור. געמען יעדע זאַך אין אַלע פֿאַרבינדונגען און פֿאַרמיטלונגען האָט איליטש באַזונדערס געשטרעבט אין אָט דעם פּעריאָד. און סיי צו דער פֿראַגע וועגן דעמאָקראַטיע, סיי צו דער פֿראַגע וועגן רעכט פֿון נאַציעס אף זעלבסטבאַשטימונג איז איליטש צוגעגאַנגען פֿון אָט-דעם שטאַנדפּונקט.

האַרבסט 1916 און אָנהייב 1917 האָט איליטש זיך איינגעאַנצן אָפּגעגעבן דער טעאָרעטישער אַרבעט. ער האָט געזען אויסנוצן יעדע מינוט, וואָס די ביבליאָטעק איז נאָר געווען אָפֿן: געגאַנגען אַהינצו איז ער פּונקט צו 9 אַזייגער, געזעסן דאָרט ביז 12. אינדערהיים איז ער געווען פּונקט 10 מינוט אף איינס (פֿון 12 ביז 1 איז די ביבליאָטעק געווען פֿאַרמאַכט)! נאָך וואַרמעס פֿלעגט ער ווידער אוועקגיין אין ביבליאָטעק און זיצן דאָרט ביז 6. אַרבעטן אינדערהיים איז געווען ניט באַקוועם. דער צימער אונדזערער איז געווען אַ ליכטיקער, אָבער דער ארויסגאַנג זיינער איז געווען צום הויף און דאָרט איז געשטאַנען אַזאַ מין אווער, דערשטיקט צו ווערן, ווייל אין דעם זעלבן הויף איז געווען אַ וואָרשטפֿאַבריק. ערשט שפּעט באַנאַכט פֿלעגן מיר קאָנען עפֿענען דעם פֿענצטער. יעדן דאָנערשטיק נאָך וואַרמעס, ווען די ביבליאָטעק איז געווען פֿאַרמאַכט, פֿלעגן מיר מיט איליטשן אוועקגיין אפֿן באַרג, אף ציוריכבערג. גייענדיק פֿון ביבליאָטעק, פֿלעגט איליטש געוויינלעך קויפֿן צוויי בלויע פּליטקעס שאָקאָלאַד מיט געטריקנטע ניסלעך צו 15 סאַנטים, נאָך וואַרמעס פֿלעגן מיר נעמען די שאָקאָלאַד און ביכער און אוועקלאָזן זיך אפֿן באַרג. דאָרט האָבן מיר שוין געהאַט אונדזערן אַן אָרט אין דער

* לענין, באַנד XIX, זייט 187.

פאמע געדיכטעניש פון וועלדל, וווּהין קיין אוילעם פלעגט ניט קומען און דאָרט, ליגנדיק אפן גראָז, פלעגט איליטש זיך פארטאָן אין לייענען.

אין יענער צייט האָבן מיר שטארק געשפּאָרט אינעם פערזענלעכן געברויך. איליטש האָט זייער פלייסיק געזוכט ערגעץ צו פארדינען — געשריבן וועגן דעם צו גראנאַטן, צו גאָרקין, צו די קרויווים. איינמאָל האָט ער אפילע אנטוויקלט פאר מאריק טימאָפייעוויטשן, אַנאַ איליניִשעס מאַן, א גאַנצן פאנטאַסטישן פּלאַן וועגן ארויסגעבן „א פּעדאגאָגישע ענציקלאָפּעדיע“, איבער וועלכער איך וועל ארבעטן. איך האָב צו יענער צייט זייער פיל געארבעט צו דערלערנען די פראגן פון פּעדאגאָגיק, זיך באקאָנט מיט דער פראקטישער אוועקשטעלונג פון די ציוריכער שולן. אנטוויקלענדיק אָט-דעם פאנטאסטישן פּלאַן, איז איליטש געווען אזוי פארכאפּט, אז ער האָט אפילע געשריבן וועגן דעם, אז עס איז וויכטיק, קיינער זאָל ניט אויסכאפּן דיזאָזיקע אידייע.

וואָס שייעך ליטערארישע פארדינסטן איז דער איניען צוגעגאנגען זייער שוואַך. דעריבער האָב איך באשלאָסן זוכן זיך ארבעט אין ציוריך. געווען איז אין ציוריך א ביוראָ פון עמיגראנטישע קאסעס, וואָס אין דער שפּיץ איז געשטאנען פעליקס יאקאָוולעוויטש קאָן. איך בין געוואָרן דער סעקרעטאר פון ביוראָ און מיטגעהאָלפן פעליקס יאקאָוולעוויטשן אין זיין ארבעט.

דער פארדינסט, עמעס, איז געווען קימאַט א פאנטאזיע, דער איניען איז אָבער געווען א גייטיקער, מע האָט געדארפט העלפן די כאווייִרים אונטערזוכן ארבעט, אָרגאניזירן פארשיידענע אונטערנעמונגען געבן מעדיצינישער שטיצע. געלט אין דער קאסע איז דעמאָלט געווען זייער ווייניק, אזוי אַז ס'איז געווען מער פּראָיעקטן, ווי רעאלע הילף. איך געדענק, אז ס'איז געווען אַ פּראָיעקט צו שאַפן אַ סאנאטאָריע, וועלכע זאָל זיך אליין אויסהאלטן, בא די שווייצער זיינען דאָ אזוינע סאנאטאָריעס: די קראנקע פארנעמען זיך עטלעכע שאָ א טאָג מיט גערטנערײַ, סעדערײַ אָדער מיט פלעכטן בענקלעך אף דער פרייער לופט, און דאָס פארביליקט שטארק דאָס אויסהאלטן זיי. דער פּראָצענט שווינדזיכטיקע צווישן דעם עמיגראנטישן אוילעם איז געווען זייער גרויס.

אָט אזוי האָבן מיר געלעבט אין ציוריך, שטיל און באשיידן, און די סיטואציע איז דערווייל געוואָרן אלץ מער רעוואָליוציאָנער. באגלייך מיט דער ארבעט אפן טעאָרעטישן געביט האָט איליטש געהאלטן פאר

העכסט וויכטיק אויסצוארבעטן א ריכטיקע טאקטישע ליניע. ער האָט
געהאלטן, אז די שפאלטונג אין צווישנפעלקערלעכן מאסשטאב איז
שוין רייף געוואָרן, אז מע מוז איינרייסן מיטן 2-טן אינטערנאציאָנאל,
מיט דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליסטישער ביוראָ, אז מע מוז א-
שטענדיק צערייסן מיט קאוטסקין און קאָמפּ. און מיט די קויכעס פון
דער צימערוואלדער לינקער אָנהייבן בויען דעם דריטן אינטערנאציאָ-
נאל. אין רוסלאנד מוז מען טייקעף איינרייסן מיט טשכעידזען און
סקאָבעליעוון, מיט די אָקיסטן*, מיט אלע יענע, וועלכע, ווי טראָצקי,
פארשטייען ניט, אז איצט איז ניט דערלאָזבאר קיין שום קאָמפּראָמיס
און פאראייניקעריי. מע דארף פירן א רעוואָלוציאָנערן קאמף פארן סאָ-
ציאליזם און אפן סאמע אָנראכמאָנעסדיקן אויפן דעמאסקירן די אָפּאָר-
טוניסטן, בא וועמען די ווערטער גייען זיך פאנאנדער מיטן טאַט, וואָס
פאקטיש דינען זיי דער בורזשואזיע, זיי פאראטן די אינטערעסן פונעם
פּראָלעטאריאט. קיינמאָל, דוכט זיך מיר, איז איליטש ניט געווען אזוי
אומבעשאָלעמדיק געשטימט, ווי אין די לעצטע כאדאָשים פון 1916
יאָר און אָנהייב 1917 י. ער איז געווען טיף איבערצייגט, אז עס דער-
גענטערט זיך די ר ע וו אָ ל י ו צ י ע.

*אָ. ק. — מיטגלידער פון אָרגאניזיר-קאָמיטעט.

# 1917

## (ביז דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע)

דעם 22 יאנוואר 1917 יאָר איז איליטש ארויסגעטראָטן אױף א יוגנט=פארזאמלונג, וואָס איז געווען אָרגאניזירט אינעם ציוריכער פאָלק=הויז, גערעדט האָט ער וועגן דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר. אין ציוריך איז דעמאָלט געווען א היפּשע צאָל רעוואָליוציאָנער=געשטימטע יוגנט פון אנדערע לענדער — פון דייטשלאנד, איטאליע און אנד., וואָס האָט ניט געוואָלט נעמען קיין אָנטייל אין דער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע, און פאר דערדאָזיקער יוגנט האָט וולאדימיר איליטש געוואָלט וואָס פולער באלויכטן די דערפארונג פונעם רעוואָליוציאָנערן קאמף פון די ארבעטער, באווייזן די באדייטונג פונעם מאָסקווער אופשטאנד; די רעוואָליוציע פון 1905 יאָר האָט ער געהאלטן פאר א פּראָלאָג צו דער קינפטיקער אייראָפּיישער רעוואָליוציע. עס איז אויסער יעדן צווייפל, — האָט ער געזאָגט, — אז אָט די קינפטיקע רעוואָליוציע וועט זיין א פּראָלעטארישע רעוואָליוציע, דערצו נאָך אין א מער טיפערער באדייטונג פון אָט=דעם וואָרט: א פּראָלעטארישע, א סאָציאליסטישע אויך לויט איר אינהאלט. אָט=די קינפטיקע רעוואָליוציע וועט באווייזן נאָך אין א גרעסערער מאָס, פון איין זייט, אז נאָר הארבע שלאכטן, ד. ה. בירגער=קריגן, קאָנען באפרייען די מענטשהייט פונעם קאפּיטאליסטישן יאָך, און פון דער אנדערער זייט, אז נאָר די קלאסנבאוווּסטזיניקע פּראָלעטאריער קאָנען און וועלן ארויסטרעטן אלס פירער פון דער קאָלאָסאלער מערהייט עקספּלואטירטע"*. אז די פּערספּעקטיוון זיינען אזעלכע, האָט איליטש קיין רעגע ניט געצווייפלט. אָבער ווי גיך עס וועט אָנקומען אָט=די קינפטיקע רעוואָליוציע, האָט ער, פאר=

---

* „לענין", באנד XIX, זייט 257.

שטייט זיך, וויסן ניט געקאָנט. „מיר עלטערע, וועלן עפשער ניט דערלעבן ביז די אנטשיידנדיקע שלאכטן פון אָט־דער אָנקומענדיקער רעוואָליוציע"*. — האָט ער מיט באהאלטענער באדויערונג פארענדיקט.

און פונדעסטוועגן האָט איליטש געטראכט נאָר וועגן אָט־דער רעוואָליוציע און צוליב איר האָט ער געארבעט. און אָט איינמאָל נאָך ווארמעס, ווען איליטש האָט זיך שוין געהאט אויסגעקליבן גיין אין ביבליאָטעק, און איך האָב נאָרוואָס פארענדיקט אויפראמען דאָס געפעס, איז געקומען בראָנסקי און רופט זיך אָפ צו אונדז: „און איר ווייסט גאָרניט?! אין רוסלאנד איז דאָך א רעוואָליוציע!" און ער האָט אונדז דערציילט, וואָס עס איז געווען געשריבן אין די עקסטרע טעלעגראמעס. אַז בראָנסקי איז אוועק האָבן מיר זיך באלד געלאָזט גיין צו דער אָזערע. דאָרטן אונטער אן אָפדאך פלעגט מען אויסהענגען די צייטונגען באלד נאָך זייער דערשיינען.

איבערגעלייענט האָבן מיר די טעלעגראמעס צו עטלעכע מאָל יעדערע. אין רוסלאנד איז ווירקלעך פאָרגעקומען א רעוואָליוציע. איליטשס געדאנק האָט גענומען האסטיקער ארבעטן. איצט געדענק איך שוין ניט, וויאזוי איז א דורך דער סאָף טאָג און די נאכט. אפמאָרגן זיינען אָנגעקומען די צווייטע רעגירונגס־טעלעגראמעס וועגן דער פעווראלער רעוואָליוציע, און איליטש שרייבט גלייך צו קאָלאָנטיי קיין שטאָקהאָלם. „פאר קיין פאל ניט ווידער לויטן טיפ פונעם 2־טן אינטערנאציאָנאל! פאַר קיין פאל ניט מיט קאַוטסקין! אומבאדינגט א מער רעוואָליוציאָנערע פראָגראם און טאקטיק" און ווייטער: „...ווי פריער רעוואָליוציאָנערע פראָפאגאנדע, אגיטאציע און קאמף מיטן ציל פון א אינטערנאציאָנאלער פראָלעטארישער רעוואָליוציע און געווינען די מאכט דורך „ראטן פון אַרבעטער־דעפוטאטן" (און ניט דורך די קאַדעטישע זשוליקעס)"**.

די ליניע האָט איליטש טייקעף גענומען א דייטלעכע אן אומקאָמפראָמיסלעכע, אָבער דעם שוווּנג פון דער רעוואָליוציע האָט ער נאָך ניט דערשפירט, ער האָט נאָך אלץ געמאָסטן לויטן שוווּנג פון דער רעוואָליוציע אין 1905 יאָר. דעריבער האָט ער גערעדט, אז די מאסע וויכ-

---

* לעניו, באנד XIX, ז. 357.

** לעניו, באנד XX, זייט 6—5.

פיקסטע אופגאַבע פאַרן געגעבענעם מאָמענט איז פאַרייניקן די לעגאַלע אַרבעט מיט דער אומלעגאַלער.

אפן צווייטן טאָג, אַלס ענטפער אַף קאָלאָנטייס טעלעגראַמע וועגן דעם, אַז עס זיינען נייטיק דירעקטיוון, שרייבט ער שוין אַנדערש, קאָנקרעטער, ער רעדט שוין ניט וועגן דערווערבן די מאַכט דורך די ראַטן פון אַרבעטער-דעפוטאַטן אין דער פערספעקטיוו, נאָר ער רעדט שוין וועגן קאָנקרעטן צוגרייטן זיך צום פאַרכאַפן די מאַכט, וועגן באַוואָפענען די מאַסן, וועגן קאַמף פאַר ברויט, פאַר שאָלעם און פרייהייט. „אין דער ברייט! נייע שיכטן אופהייבן! וועקן נייע איניציאַטיוו, נייע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע שיכטן, און זיי דערווייזן, אַז שאָלעם וועט געבן נאָר אַ באַוואָפנטער ראַט פון אַרבעטער-דעפוטאַטן, אויב ער וועט נעמען די מאַכט“*. צוזאַמען מיט זינאָוויעוון האָט איליטש זיך גענומען צונויפשטעלן אַ רעזאָליוציע וועגן דער פעווראַל-רעוואָליוציע.

שוין פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען עס איז אָנגעקומען די יעדיע וועגן דער פעווראַלער רעוואָליוציע, האָט איליטש גענומען זיך רייסן קיין רוסלאַנד.

סיי ענגלאַנד און סיי פראַנקרייך וואָלטן בעשומאופן ניט דורכגעלאָזט די באָלשעוויקעס קיין רוסלאַנד. פאַר איליטשן איז דאָס געווען קלאָר. „מיר האָבן מוירע,—שרייבט ער צו קאָלאָנטיי,—אַז אַרויספאָרן פון דער פאַרפלוכטער שווייץ וועט זיך ניט אַזוי גיך איינגעבן“. און אויסרעכענענדיק דערויף, רעדט ער זיך צונויף אין די בריוו פונעם 16 און 17 מאַרט צו קאָלאָנטיי וועגן דעם, וויאַזוי בעסער צו רעגולירן דעם פאַרקער מיט פיטער.

מע דאַרף פאָרן אומלעגאַל, קיין לעגאַלע וועגן איז ניטאָ, אָבער וויאַזוי? זינט עס איז אָנגעקומען די יעדיע וועגן דער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד, האָט איליטש פאַרלאָרן דעם שלאָף און האָט אין די שלאָפלאָזע נעכט האָבן זיך געבויט די סאַמע פאַנטאַסטישע פלענער. מע קאָן אַריבערפליען אַף אַן אַעראָפלאַן. וועגן דעם אָבער האָט מען געקאָנט טראַכטן נאָר באַנאַכט, אין האַלבן כאָלעם. מע האָט נאָר געדאַרפט אַרויסזאָגן עס אַפן קאָל, איז גלייך קלאָר געוואָרן די ניטרעאַלקייט פון אַט-דעם פלאַן, די אומעגלעכקייט אים צו פאַרווירקלעכן. מע מוז קריגן

* לעניןֿ, באַנד XX, זייט 8.

א פאס פון עפעס אן אויסלענדער און דערצו פון א נייטראל לאנד, בעסער פאר אלץ פון א שווער: א שווער וועט ווייניקער פאר אלץ ארויסרופן כשאד. א פאספאָרט פון א שווער קאָן מען קריגן דורך די שוועדישע כאווירים. איז אָבער דאָ א מעניע, וואָס מיר קענען ניט די שפראך. איז עפשער א פאספאָרט פון א שטומען? קאָן מען זיך אָבער לייכט ארויסכאפן מיט א וואָרט. „וועסט איינשלאָפן און אין כאָלעם דערזען מענשעוויקעס, וועסטו דאָך געווים אָנהייבן זידלען זיך: אויסוורפן! אויסוורפן! ווערט צונישט דיין גאנצע קאָנספיראציע“ — האָב איך געלאָכט.

פונדעסטוועגן האָט איליטש אָנגעפרעגט גאנעצקין, עפשער קאָן מען זיך אריבערפעקלען אף א קאָנטראבאנדנעם אויפן דורך דייטשלאַנד.

דעם 18=טן מארט, אין אָנדענק=טאָג פון דער פאריזשער קאָמונע, איז איליטש געפאָרן קיין שאָ=דע=פאָן — אַ גרויסער שווייצארישער ארבעטער=צענטער. איליטש איז אהין געפאָרן זייער גערן. דאָרט האָט געוווינט אבראמאָוויטש, א יונגער כאווער, וועלכער האָט געארבעט אף איינעם פון דאָרטיקע זאוואָדן און גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דער שווייצארישער ארבעטער=באוועגונג. וועגן דער פאריזער קאָמונע, וועגן דעם, וויאזוי אָנצווענדן איר דערפארונג צו רוסישער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, וויאזוי אויסצומיידן אירע פעלערן, — אָט וועגן דעם אלעם האָט איליטש געטראכט די לעצטע טעג, און דעריבער האָט זיך דער רעפעראט זיינער באקומען זייער א געלונגענער, און אפילו איליטש אליין איז געווען מיט אים צופרידן. אף אונדזערע כאווירים האָט דער רעפעראט געמאכט א קאָלאָסאלן איינדרוק, די שווייצער אָבער האָבן געהאַלטן, אז דאָס איז ווייניק רעאל — אפילו די שווייצארישע ארבעטער=צענטערס זיינען געווען זייער ווייט פון באנעמען די געשעענישן, וועלכע קומען פאָר אין רוסלאנד.

דעם 19=טן מארט איז פאָרגעקומען א באראטונג פון די פארשיידענע פאָליטישע גרופעס רוסישע עמיגראנטן — אינטערנאציאָנאליסטן, וואָס האָבן געוווינט אין דער שווייץ, וועגן דעם, וויאזוי מע זאָל זיך דורכקלייבן קיין רוסלאַנד. מארטאָוו האָט ארויסגערוקט א פראָיעקט — דערשלאָגן זיך א דורכלאָז=שיין פאר די עמיגראנטן דורך דייטשלאנד אלס אויסטויש פאר דייטשישע און עסטרייכישע געפאנגענע, וואָס זיינען אינטערנירט אין רוסלאַנד. אָבער קיינער איז דערויף ניט איינגעגאנ=

גען. נאָר איין לעגין האָט זיך אָנגעכאָפט פאר אָט־דעם פלאן. דורכפירן אים האָט מען באדארפט פאָרזיכטיק. בעסער פאר אלץ וואָלט געווען אָנהייבן פירן די אונטערהאנדלונגען לויט דער איניציאטיוו פון דער שווייצארישער רעגירונג. פירן אונטערהאנדלונגען מיט דער שווייצארישער רעגירונג האָט מען איבערגעגעבן גרימען. דערפון איז אָבער גאָרניט געוואָרן. אף די טעלעגראמעס, וואָס מע האָט אוועקגעשיקט קיין רוסלאנד איז קיין ענטפער ניט אָנגעקומען. אילימש האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. „וואָס פאר א מין פייניקונג דאָס איז פאר אונדז אלעמען זיצן דאָ אין אזא צייט!“ — האָט ער געשריבן גאנעצקין קיין שטאָקהאָלם. ער האָט זיך אָבער פעסט גענומען אין די הענט.

דעם 18־טן מארט האָט אין פיטער אָנגעהויבן דערשיינען די „פראוודא“ און אָנגעהויבן פונעם 20־טן מארט, האָט אילימש גענומען שרייבן אהין „בריוו פונדערווייטנס“. אזעלכע בריוו זיינען געווען פינף (דער ערשטער עטאפ פון דער ערשטער רעוואָליוציע“, „די נייע רעגירונג און דער פראָלעטאריאט“, „וועגן פראָלעטארישע מיליציע“, „ווי אזוי צו דערשלאָגן זיך א שאָלעם?“ „די אויפגאבעס פון דער רעוואָליוציאָנערער פראָלעטארישער מעלוכע־אָרדענונג“). געדרוקט איז געווען נאָר דער ערשטער בריוו אינעם טאָג, ווען לעגין איז געקומען קיין פיטער. די איבעריקע זיינען געלעגן אין רעדאקציע, און דער פינפטער איז אפילע ניט אָפגעשיקט געוואָרן אין „פראוודא“. אָנגעהויבן שרייבן האָט ער אים ערעוו אונדזער אָפפאָרן קיין רוסלאנד.

אין אָט־די בריוו האָט זיך באזונדערס בולעט אָפגעשפיגלט דאָס, וועגן וואָס אילימש האָט געטראכט די לעצטע צייט פארן אָפפאָרן. באזונדערס האָט זיך מיר פארגעדענקט דאָס, וואָס אילימש האָט דעמאָלט גערעדט וועגן מיליציע. אָט דער פראגע איז געווידמעט דער דריטער בריוו פונדערווייטנס „וועגן פראָלעטארישער מיליציע“. אָפגעדרוקט איז דער בריוו געוואָרן ערשט נאָך אילימשס טויט, אין 1924 יאָר. אין אָט־דעם בריוו האָט אילימש ארויסגעזאָגט זיינע געדאנקען וועגן דער פראָלעטארישער מעלוכע. דער, וואָס וויל פארשטיין ביזן גרונט לעגינס בוך „מעלוכע און רעוואָליוציע“, מוז אומבאדינגט דורכלייענען אָט־דעם בריוו „פונדערווייטנס“. דער גאנצער ארטיקל איז דורכגעדרונגען מיט אומגעהייערער קאָנקרעטקייט. וועגן א נייעם טיפ מיליציע, וועלכע באשטייט פון אלע אָן אויסנאם באוואָפנטע בירגער, פון אלע דערוואָקסע־

נע בירגער פון ביידע געשלעכטן, — אָט וועגן וואָס איליטש האָט געשריבן אין דעם ארטיקל. אויסער אירע מיליטערישע פליכטן, דאַרף דידאָזיקע מיליציע פּאַרווירקלעכן ריכטיק און שנעל די פּאַרטיילונג פון ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן, פּאַרווירקלעכן דעם סאַניטארן אויפזיכט, אכטונג געבן אף דעם, אז יעדע פּאַמיליע זאָל האָבן ברויט, אז יעדעס קינד זאָל האָבן א פלעשל גוטע מילך און, אז קיין איין דערוואַקסענער פון א רייכער פּאַמיליע זאָל ניט וואגן נעמען קיין איבעריק ביסל מילך ביז עס וועלן ניט באזאָרגט ווערן די קינדער, אז די פּאַלאַצן און רייכע הייזער זאָלן ניט בלייבן שטיין ליידיק, נאָר זיי אלע זאָלן אויסגענוצט ווערן אלס היים פאר די אָפּדאַכלאָזע און נויטבאַדערפטיקע. „ווער קאָן פּאַרווירקלעכן אָט־די אלע מאָסמיטלען, אויסער דער אלגעמיינער פאָלקמיליציע מיטן אומבאַדינגטן אָנטייל מיצאַד די פרויען באַגלייך מיט די מענער?“

דידאָזיקע מאָסמיטלען זיינען נאָך ניט קיין סאָציאַליזם. זיי קערן זיך אָן נאָר צו דער פּאַרטיילונג פונעם געברויך, און ניט צו דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע. — האָט איליטש געשריבן אין דעם זעלבן ארטיקל. „איצט גייט ניט אין דעם, וויאַזוי מע זאָל זיי טעאָרעטיש קוואַליפיצירן. עס וואָלט געווען דער גרעסטער פעלער, ווען מיר וואָלטן די קאָמפּליצירטע, לעבנסוויכטיקע, שנעל זיך פאַנאַנדערוויקלענדיקע פּראַקטישע אויפגאַבעס פון דער רעוואָלוציע, פּרוּוון אריינשפּארן אינעם פּראָקרוסטישן געלעגער פון שמאָל־פּאַרשטאַנענער „טעאָריע“, אָנשטאָט דעם, מע זאָל איינזען אין דער טעאָריע פריער פאר אלץ און מער פאר אלץ א האַנטבוך צו טאַט*. די פּראָלעטאַרישע מיליציע וואָלט פּאַרווירקלעכט די עכטע דערציִונג פון די מאַסן צום אָנטייל אין אלע מעלוכע־ענינים. „אזאַ מיליציע וואָלט אריינגעצויגן די יוגנטלעכע אין פּאָליטישן לעבן, געלערנט זיי ניט נאָר מיט ווערטער, נאָר אויך מיט מייסים, מיט ארבעט“**.

„אפן טאָג־סיידער שטייט איצט די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגע, אָבער בעשומויפן ניט אינעם שאַבלאָנעם זין פון ארבעט נאָר איבער שאַבלאָנע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אינעם זין פון צוציִען די אומדער־

---

* לענין, באַנד XX, זייט 38—39.

** דאָרטן, ז. 38.

הערט=ברייטע מאסן פון די אונטערדריקטע קלאסן אין דער אָרגאניזא=
ציע און אז אָט=די אָרגאניזאציע גופא זאָל פארקערפּערן די מיליטע=
רישע, אלגעמיין מעלוכישע און פאָלקווירטשאַפטלעכע אופגאבעס"*.
ווען דו לייענסט איצט, אין אסאך יאָרן ארום, אָט=דעם בריוו איליטשס,
שטייט ער דיר פאר די אויגן, מאמעש, ווי א לעבעדיקער, — פון
איין זייט, די אויסגעוויינלעכע ניכטערקייט פונעם געדאנק, דאָס קלאָרע
באנעמען די נויטווענדיקייט פון אן אומקאָמפּראָמיסלעכן, באוואָפנטן
קאמף, די ניט דערלאָזבארקייט פון קיינע שום האנאָכעס אין יענעם
מאָמענט פון קיינע וואקלונגען, און, פון דער אנדערער זייט—די קאָלאָ=
סאלע אופמערקזאמקייט צו דער מאסן=באוועגונג, צום אָרגאניזירן אף
א נייעם אויפן די ברייטסטע מאסן, די אופמערקזאמקייט צו זייערע
קאָנקרעטע נויטן, צום טייקעפדיקן פארבעסערן זייער לאגע. אָט וועגן
דעם אַלעם האָט איליטש אסאך געערדט דעם ווינטער 1916 —
1917 יאָר, באזונדערס די לעצטע צייט ערעוו דער פעוראל=רעוואָ=
לוציע.

די אונטערהאנדלונגען האָבן זיך פארצויגן. די צייטווייליקע רע=
גירונג האָט בעפּייִרעש ניט געוואָלט דורכלאָזן די אינטערנאציאָנאליסטן
קיין רוסלאנד, און די יעדיעס, וואָס זיינען אָנגעקומען פון רוסלאנד,
האָבן איידעס געזאָגט וועגן אייניקע וואקלונגען צווישן די כאוויירים.
אָט=דאָס אלץ האָט געצווונגען צווילן זיך מיטן אָפּפאָרן. איליטש האָט
אוועקגעשיקט גאנעציקין א טעלעגראמע, וועלכע יענער האָט אַגעוו בא=
באקומען ערשט דעם 25 מארט. „בא אונדז קומט פאָר אן אומפאר=
שטענדלעכער אָפּהאלט. די מענשעוויקעס פאָדערן א סאנקציע פונעם
ראט פון די ארבעטער=דעפּוטאטן. שיקט צו טייקעף עמעצן קיין פינ=
לאנד אָדער קיין פעטראָגראד, מע זאָל זיך צונויפריידן מיט טשכעיד=
זען, אף וויפל דאָס איז נאָר מעגלעך. געוואונטשן צו וויסן בעלעגינס מיי=
נונג**. אונטערן וואָרט בעלעגין מיינט מען די ביוראָ פונעם צענטראַל=
קאָמיטעט. דעם 18=טן מארט איז קיין רוסלאנד געקומען קאָלאָנטיי און
דערציילט, ווי עס האלט מיט לענינס קומען קיין רוסלאנד, עס זיינען
אָנגעקומען בריוו פון גאנעציקין. די ביוראָ פון צ"ק האָט דורך גאנעצ=

* לענין, באנד XX, זייט 39.

** „לענין=זאמלבוך" XIII, זייט 269.

קין אָפּגעגעבן א דירעקטיוו: „אוליאנאָוו מוז טייקעף קומען צופאָרן“ *. דידאָזיקע טעלעגראַמע האָט גאַנעצקי איבערגעטעלעגראַפירט לענינען. און וולאדימיר איליטש איז באשטאנען דערויף, מע זאָל אָנהייבן פירן אונטערהאַנדלונגען דורך פריץ פּלאַטענען, א שווייצאַרישן סאָציאַליסט-אינטערנאַציאָנאַליסט. פּלאַטען האָט מיטן דייטשישן געזאַנדטן אין דער שווייץ געשלאָסן א גענויעם שריפטלעכן אָפּמאַך. די הויפּט-פּונקטן זיינען געווען אַזוינע: 1) עס פאָרן אַלע עמיגראַנטן, אומאָפּהענגיק פון זייער קוק אַף דער מילכאָמע. 2) אין דעם וואַגאָן, אין וועלכן עס פאָרן די עמיגראַנטן, האָט קיינער קיין רעכט ניט אַריינצוגיין אָן פּלאַטענס דערלויבעניש. קיין שום קאָנטראָל ניט פון די פּאַספּאָרטן און ניט פון באַגאַזש. 3) די אָפּפאָרנדיקע פאַרפליכטן זיך צו אַגיטירן אין רוסלאַנד פאַר אָפּבייטן די דורכגעלאָזטע עמיגראַנטן אַף אַן אַנטשפּרעכיקע צאָל עסטרייכיש-דייטשישע אינטערנירטע. איליטש האָט גענומען זיך ענערגיש גרייטן צום אָפּפאָרן, צונויפגעשריבן זיך מיט בערן, זשענעווע, מיט א ריי כאַווירים. די וופּעריאָדאָוועצעם, מיט וועלכע איליטש האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן. אויסגעקומען איז איבערצולאָזן צוויי נאָענטע כאַווירים שווער-קראַנקע — קאַרל און קאַספּאַראָוו, וועלכע האָבן געהאַלטן באַם שטאַרבן אין דאַוואָס. איליטש האָט זיי אָנגעשריבן אַן אָפּשייד-גרוס.

פאַר דער ציוריכער צייטונג „Volksrecht“ האָט איליטש אָנגעשריבן „וועגן די אויפגאַבעס פון דער רסדא״פּ אין דער רוסישער רעוואָליוציע“, אָנגעשריבן אַן „אָפּשייד-בריוו צו די שווייצאַרישע אַרבעטער“, וועלכער האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער: „זאָל לעבן די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע, וואָס הייבט זיך אָן אין אייראָפּע!“** אָנגעשריבן האָט איליטש א בריוו „צו די כאַווירים, וועלכע מאַטערן זיך אין געפאַנגענשאַפט“. ווו ער האָט זיי דערציילט וועגן דער פאָרגעקומענער רעוואָליוציע און וועגן דעם פאָרשטייענדיקן קאמף. ניט אָנשרייבן זיי האָט מען ניט געקאָנט. אין דער צייט, ווען מיר האָבן נאָך געוווינט אין בערן, האָט מען געהאַט אָנגעהויבן און גאַנץ ברייט אַוועקגעשטעלט די שריפטלעכע פאַרבינדונג מיט די רוסישע געפאַנגענע, וועלכע האָבן

* „לענין-זאַמלבוך“ XIII, זייט 270.

** לענין, באַנד XX, זייט 70.

זיך געמאַטערט אין די דייטשישע לאַגערס. קיין גרויסע מאַטעריעלע הילף האָבן מיר זיי, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט געבן. מיר האָבן אָבער געהאָלפן מיט וואָס מיר האָבן געקאָנט. געשריבן זיי בריוו, געשיקט ליטעראַטור, און עס האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעקניפּט גאַנצע ענגע פאַרבינדונגען. נאָך אונדזער אָפּפאָרן פון בערן האָבן דידאָזיקע אַרבעט פאָרגעזעצט די סאַפּאַראָווס. אין די געפענגעניש-לאַגערס פלעגן מיר איבערשיקן אומלעגאַלע ליטעראַטור, מיר האָבן איבערגעשיקט. קאָלאָנטייס בראָשור וועגן דער מילכאָמע, וועלכע האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג, איבערגעשיקט אַ גאַנצע ריי בליטלעך און אַנדערע.

עטלעכע כאָדאָשים פאַר אונדזער אָפּפאָרן זיינען געקומען קיין ציוריך צוויי געפאַנגענע: איינער אַ וואָראָניעזשער פויער מיכאַילאָוו, און דער צווייטער — אַן אָדעסער אַרבעטער. זיי זיינען איבערגעשווּמען די באָדענער אָזערע און אַנטלאָפן פון דער דייטשישער געפאַנגענשאַפט. געקומען זיינען זיי צו אונדזער ציוריכער גרופּע. איליטש האָט מיט זיי זייער פיל געשמועסט. באַזונדערס פיל אינטערעסאַנטע זאַכן האָט וועגן דער דייטשער געפאַנגענשאַפט דערציילט מיכאַליאָוו. ער האָט דערציילט, ווי מע פלעגט פון אָנהייב אָפּשיקן די געפאַנגענע אוקראַיִנער קיין גאַליציע, ווי מע פלעגט צווישן זיי פירן אַן אוקראַיִנאָפילישע אַגיטאַציע, העצן זיי קעגן רוסלאַנד. נאָכדעם האָט מען זיי איבערגעוואָרפן קיין דייטשלאַנד און אויסגענוצט אַלס אַרבעט-קראַפט אין די רייכע פויערשע ווירטשאַפטן. „ווי באַ זיי איז עס אַלץ גוט איינגעאָרדנט, קיין איין סקאָרינקע גייט באַ זיי ניט פאַרלאָרן! אָט, אַז איך וועל זיך אומקערן צו זיך אין דאָרף — וועל איך פונקט אַזוי באַלעבאַטעווען!“ — האָט מיכאַליאָוו געטיינעט, געשטאַמט האָט ער פון די סטאַראָווערן, דעריבער האָבן אים דער זיידע און די באָבע פאַרווערט זיך לערנען: אַ טייוולאָנישער שטעמפּל, הייסט עס. שוין אין געפאַנגענשאַפט האָט ער זיך אויסגעלערנט גראַמאָטע. דער זיידע מיט דער באָבען פלעגן אים אַהינצו שיקן הירזש און שמאַלץ, און די דייטשן האָבן געקוקט און זיך געכידעשט, ווי ער קאָכט און עסט די הירזשענע קאַשע. אין ציוריך האָט מיכאַליאָוו געטראַכט אָנקומען אין פאָלקס-אוניווערסיטעט און איז געווען שטאַרק אופגעבראַכט דערפון, וואָס אין ציוריך זיינען ניטאָ קיין פאָלקס-אוניווערסיטעטן. מע האָט אים אינטערנירט. מע האָט אים

אוועקגעשטעלט גראָבן ערד, און ער האָט אַלײן באַוווּנדערט די דערשלאָגנקייט פֿון די שווייצאַרישע אַרבעט-מענטשן. „איך גיי אַזוי — פֿלעגט ער דערציילן, — אין דער קאָנטאָר באַקומען געצאָלט פֿאַר דער אַרבעט, ערשט איך זע, ווי עס שטייען שווייצאַרישע אַרבעטער און קאָנען זיך ניט באַשליסן אַריינגיין אינעווייניק, שטייען זיך בײַ דער וואַנט, כאַפּן אַמאָל אַ קוק אין פֿענצטער. ס'אַרא דערשלאָגן פֿאָלק דאָס איז! און איך בין צוגעגאַנגען, גלייך אַז עפֿן געטאָן די טיר, און לאָז זיך גלייך אין קאָנטאָר, — איך גיי דאָך באַקומען געלט פֿאַר מײַן האָרעוואַניע!" אָט דער פֿויער פֿון דער צענטראַלער שוואַרצערדישער געגנט, וואָס האָט גאָרוואָס אויסגעלערנט גראַמאָטע, און וואָס רעדט שוין וועגן דער דערשלאָגנקייט פֿון די שווייצאַרישע האָרעפּאַשניקעס האָט איליטשן זייער שטאַרק פֿאַרינטערעסירט. מיכאַליאָוו האָט נאָך דערציילט, אַז בײַם ער איז געווען אין געפֿאַנגענשאַפֿט, פֿלעגט צו זיי קומען צופֿאָרן אַ רוסישער גאַלעך. האָבן די סאָלדאַטן ניט געוואָלט אים אויסהערן און אָנגעהויבן שרייען און זידלען זיך, איז צוגעגאַנגען איינער אַ סאָלדאַט צום גאַלעך, אַ קוש געטאָן אים די האַנט און זיך אָפּגערופֿן: „פֿאָרט פֿאָטערל, בעסער אַוועק פֿונדאַנען, דאָ איז פֿאַר אייך קיין אָרט ניטאָ. מיכאַליאָוו און זײַנע כאַווײרים האָבן שטאַרק געבעטן, מיר זאָלן זיי מיטנעמען מיט זיך קיין רוסלאַנד. מיר האָבן אָבער ניט געוווּסט, וואָס מיט אונדז אַלײן קאָן טרעפֿן, — מע האָט דאָך געקאָנט אונדז אַלעמען אַרעסטירן. נאָך אונדזער אָפּפֿאָרן האָט זיך מיכאַליאָוו אַריבערגעצויגן קיין פֿראַנקרייך, אַפֿריער האָט ער געוווינט אין פּאַריז, נאָכדעם האָט ער געאַרבעט ערגעץ אויף אַ טראַקטער-זאַוואָד, שפּעטער ערגעץ אין מיזרעך-פֿראַנקרייך, וווּ עס איז געווען אַסאַך פּוילישע עמיגראַנטן, אין 1918 (אָדער אין 1919 י. איך געדענק שוין ניט גענוי) האָט מיכאַליאָוו זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד. איליטש האָט זיך מיט אים געזען. מיכאַליאָוו האָט דערציילט, ווי אין פּאַריז האָט מען אים און נאָך אייניקע, וואָס זיינען אַנטלאָפֿן פֿון דער דייטשישער געפֿאַנגענשאַפֿט, אַרויסגערופֿן אין דער רוסישער געזאַנדשאַפֿט און פֿאַרגעלייגט זיי זאָלן אונטערשרייבן אַן אופֿרוף וועגן דער נייטיקייט פֿאָרצוזעצן די מילכאָמע ביזן זיגרייכן סאָף. און כאָטש גערעדט מיט די סאָלדאַטן האָבן גאָר הויכע באַאַמטע, אויסגעפּוצטע מיט אַסאַך אָרדענס, האָבן די סאָלדאַטן פֿונדעסטוועגן דעם אופֿרוף ניט אונטערגעשריבן. „איך בין אופֿגעשטאַ-

נען און אזוי געזאָגט: צו דער מילכאָמע דאַרף מען מאַכן א סאָף און בין אוועק. פאמעלעך האָבן זיך ארויסגערוקט אויך די איבעריקע“. דערציילט האָט מיכאליאָוו, וואָס פאַר אן אגיטאַציע קעגן דער מילכאָמע עס האָט געפירט די יוגנט אינעם פראַנצויזישן שטעטל, ווו ער האָט געוווינט. מיכאליאָוו אליין איז שוין אפילע אין דער קלענסטער מאָס ניט געווען ענלעך אפן אמאָליקן וואָראָניעזשער פויער: אפן קאָפּ — א פראַנצויזישע קעפי, אַף די פיס — א וויקל-שנור פון כאַקי-קאָליר, דאָס פּאָנעם ריין אויסגעגאָלט. איליטש האָט איינגעאָרדנט מיכאליאָוון ארבעט ערגעץ אין א זאוואָד, אָבער אלע געדאַנקען מיכאליאָווס האָבן זיך געצויגן צום דאָרף. דאָס דאָרף זיינס איז אסאך מאָל איבערגעגאַנגען פון איין מאַכט צו דער צווייטער — פון די רויטע צו די ווייסע און ווידער צוריק. דעם מיטן דאָרף האָבן די ווייסע אינגאַנצן פאַרברענט, נאָר זייער שטוב איז געבליבן גאַנץ, און סיי די באָבע, סיי דער זיידע האָט נאָך געלעבט. מיכאליאָוו איז פאַרגאַנגען צו מיר אין הויפּט-פּאָליטופקלער און דערציילט וועגן דעם אלעם און וועגן זיך, אז ער קלייבט זיך אהיים. „וואָס זשע פאָרט איר ניט?“ — האָב איך אים א פרעג געטאָן. „איך וואַרט ביז עס וועט מיר אָפּוואַקסן א באָרד, ווייל, אז די אלטע וועלן מיך דערזען א געגאָלטן, וועלן זיי אוואַדע שטאַרבן פאַר צאַר!“ היינטיקס יאָר האָב איך באַקומען א בריוו פון מיכאליאָוון. ער ארבעט ערגעץ אין מיטל-אזיע אפן טראַנספּאָרט. ער שרייבט מיר, אז אין די טעג, וואָס זיינען געווען געווידמעט לענינס אָנדענק, האָט ער דערציילט, ווי ער האָט געטראָפן אין 17-טן יאָר איליטשן אין ציוריך, און אן ארבעטער-קלוב האָט ער דערציילט וועגן אונדזער לעבן אין אויסלאַנד. אויסגעהערט האָט מען אים, שרייבט ער, מיט געוואַלדיקן אינטערעס, נאָכדעם אָבער האָט מען אָנגעהויבן צווייפלען, צי איז דאָס עמעס, דעריבער בעט ער מיך באַשטעטיקן, אז ער איז טאַקע ווירקלעך געווען בא איליטשן אין ציוריך.

מיכאליאָוו איז געווען א שטיק צאַפּלדיק לעבן. פונקט אזוי צאַפּלדיק זיינען געווען אויך די בריוו פון די געפאַנגענע, וואָס פלעגן אָנקומען אין אונדזער קאָמיסיע צו העלפן די געפאַנגענע.

און איליטש האָט ניט געקאָנט אוועקפאָרן קיין רוסלאַנד, ניט אָנשרייבנדיק וועגן דעם, וואָס עס האָט אים מער פאַר אלץ גערעגט אין יענעם מאָמענט.

די קאַמערערס, בא וועמען מיר האָבן געוווינט אין א צימער, האָבן זיך געדונגען א וווינונג אין א נײַ הויז. אין דער נייער, רייגער, ליכטיקער דירע האָט מען אונדז אויסגעטיילט א צימער, א גרויסן און מיט אלע באַקוועמלעכקייטן, וווינען אָבער איז אונדז דאָרט אויסגעקומען ניט מער ווי א פּאָר טעג.

אז עס איז אָנגעקומען דער בריוו פון בערן וועגן דעם, אז פּלאַטענס אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דערפאָלג, אז געבליבן איז נאָר אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל און מע וועט קאָנען אָנהייבן קלייבן זיך אין וועג אריין, האָט איליטש זיך אויש א רים געטאָן פונעם אָרט: „לאָמיר פאָרן מיטן ערשטן צוג". ביזן צוג איז געבליבן אינגאַנצן צוויי שאָ. פאַר די צוויי שאָ האָט מען געדאַרפט ליקווידירן אונדזער גאַנצע „באַלעבאַטישקייט", זיך צעצאָלן מיט דער באַלעבאָסטע, אָפּטראָגן די ביכער אין ביבליאָטעק, זיך אײַנפּאַקן און דאָס גלייבן. „פאָר דו אליין, און איך וועל קומען מאָרגן". איליטש איז אָבער באַשטאַנען אויף זײַנס: „ניין, לאָמיר פאָרן צוזאַמען". אין משך פון צוויי שאָ איז אלץ אָפּגעטאָן געוואָרן: אײַנגעפּאַקט די ביכער, פאַרניכטעט בריוו, אָפּגעקליבן די נייטיקע קליידער, כפייצים, און ליקווידירט אלע איניאָנים.

מיטן ערשטן צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין בערן, זײַנען מיר ארויסגעפאָרן, האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז מיר האָבן זיך געמעגט ניט אײַלן, ווײַל געווען איז דאָס פייסעך-צײַט און איבער דעם האָט זיך דאָס אויסריכטן אונדזערע סיוויסיי פאַרהאַלטן.

אינעם בערנער פאָלקס-הויז האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקומען די כאַוויירים, וואָס זײַנען געפאָרן קיין רוסלאַנד. געפאָרן זײַנען מיר, די זינאָוויעווס, די אוסיעוויטשעס, אינעסע ארמאַנד, די סאַפאַראָוס, אָלגאַ ראַוויטש, אבראַמאָוויטש פון שאָ-דע פאָן, גרעבעלסקע, כאַריטאָנאָוו, לינדע, ראָזענבליום, באָיצאָוו, — מיכאַ צכאַקאַיאַ, די מאַריענהאָפס, סאָקאָלניקאָוו. קלוימערשט אלס רוסלענדער איז מיט אונדז מיטגעפאָרן אויך ראַדעק. סאַכאַקל 30 מאַן, אויב ניט רעכענען דעם פיריאָריקן יאַטל א זון פון א בונדיסטקע, וועלכע איז מיט אונדז מיטגעפאָרן — ראָבערט.

פּאַגלייט האָט אונדז פריץ פּלאַטען.

די באַשיצליכע האָבן אופגעהויבן א שרעקלעכן געפילדער קעגן דעם,

וואָס די באָלשעוויקעס פאָרן דורך דייטשלאנד. פארשטייט זיך, אז ווען די דייטשישע רעגירונג האָט געגעבן די דערלויבעניש דורכצופאָרן, איז זי ארויסגעגאנגען פון די מאָטיוון, אז א רעוואָלוציע איז דער גרעסטער אומגליק פאר א לאנד, דעריבער האָט זי געהאלטן, אז די דורכגעלאָזטע עמיגראנטן — אינטערנאציאָנאליסטן וועלן מיטהעלפן נאָך מער צו פאנאנדערוויקלען אין לאנד די רעוואָלוציע. און די באָלשעוויקעס האָבן טאָקע געהאַלטן פאר זייער פליכט פאנאָנדערצוּוויקלען אין רוסלאנד די רעוואָלוציאָנערע אגיטאציע און דער ציל פון זייער טעטיקייט איז געווען די זיגרייכע פּראָלעטארישע רעוואָלוציע. זיי איז קנאפּ־וואָס אָנגעגאנגען, וואָס פאר א מיין עס האָט דערביי די בורזשואזע דייטשישע רעגירונג. זיי האָבן געוווסט אפריער, אז די באשיצלער וועלן זיי פארווארפן מיט בלאָטע, זיי זיינען אָבער געווען זיכער, אז די מאסן וועלן סאָפּקאָלסאָף גיין נאָך זיי. דעמאָלט, דעם 27־טן מארט, האָבן נאָר די באָלשעוויקעס ריזיקירט צו פאָרן און אין א כוידעש אָרום זיינען מיטן זעלבן וועג דורך דייטשלאָנד דורכגעפאָרן העכער 200 עמיגראָנטן, צווישן זיי אויך ל. מארטאָוו און אנדערע מענשעוויקעס.

באם זעצן זיך אין צוג האָט מען בא אונדז קיין זאך ניט געפאָדערט — ניט קאָנטראָלירן די זאכן און ניט קיין פּאספּאָרטן. איליטש האָט זיך אינגאנצן איינגעשלאָסן אין זיך, אין די געדאנקען איז ער שוין געווען אין רוסלאנד. אפן וועג האָט מען ס'ראָוו גערעדט וועגן קלייניקייטן. איבערן גאנצן וואגאָן האָט זיך געטראָגן ראָבערטס פריילעכע קעלכל. ער האָט גאָר א באזונדערע סימפּאטיע געפילט צו סאָקאָלניקאָוון און מיט די פרויען האָט ער אפילע ריידן ניט געוואָלט. די דייטשן האָבן זיך געסטארעט באווייזן, אז בא זיי איז דאָ פון אלדאָסגוטס, דער קוכער פלעגט דערלאנגען זעלטן גוטע זעטיקעווארמעסן, צו וועלכע אונדזער עמיגראנטישער אוילעם איז געווען ניט שטארק צוגעוווינט. מיר האָבן געקוקט אין די וואגאָן־פענצטער און אונדז האָט געוווּנדערט די פולשטענדיקע אָפּוועזנהייט פון דערוואקסענע מאנצבילן: נאָר פרויען, יוגנטלעכע און קליינע קינדער האָט מען געקאָנט טרעפן אף די סטאנציעס, אף די פעלדער און אף די גאסן אין שטאָט. דאָס דאָזיקע בילד פלעגט זיך נאָכדעם אָפט דערמאָנען אין די ערשטע טעג נאָכן אָנקומען קיין פּיטער, ווו עס האָט, פארקערט איבעראשט די מאסע סאָלדאטן, וועלכע האָבן פארפולט אלע טראמווייען.

אפן בערלינער וואָקזאל האָט מען אונדזער צוג אריבערגעפירט אף א רעזערוו-ליניע. ניט ווייט פון בערלין האָבן אין א באזונדערע קופע זיך ארײַנגעזעצט עפעס דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראטן. קיינער פון אונדזערע האָט מיט זיי ניט גערעדט, נאָר איין ראָבערט האָט ארײַנגעקוקט צו זיי אין קופע און האָט זיי אָנגעהויבן אויספרעגן אף פראנצויזיש: „וואָס טוט דער קאָנדוקטאָר?“. צי האָבן די דייטשן געענטפערט ראָבערטן, וואָס דער קאָנדוקטער טוט, ווייס איך ניט, נאָר זייערע פראגעס פאָרלייגן די באָלשעוויקעס האָט זיך זיי טאקע ניט אײַנגעגעבן. דעם 31 מארט זײַנען מיר שוין געהאט ארײַנגעפאָרן קיין שוועדן. אין שטאָקהאָלם האָבן אונדז באגעגנט די שוועדישע סאָציאַל-דעמאָקראטישע דעפוטאטן — לינדהאגען, קארלסאָן, שטרעם, טורע נערמאן און אנד. אין זאל איז געווען אויסגעהאנגען א רויטע פאָן, מע האָט אײַנגעאָרדנט א פארזאמלונג. שטאָקהאָלם געדענק איך ניט גוט, די געדאנקען מײַנע זײַנען שוין דעמאָלט געווען אין רוסלאנד. פריץ פלאטענע און ראדעקן האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג ניט ארײַנגעלאָזט קיין רוסלאנד. בענעגייע די באָלשעוויקעס האָט זי עס ניט געוואגט צו טאָן. אף פינישע שיפלעך זײַנען מיר אריבערגעפאָרן פון שוועדן קיין פינלאנד. דאָ איז שוין געווען אלץ אייגנס, נאָענטס — די שלעכטע וואגאָנעס פון דריטן קלאס, רוסישע סאָלדאטן, אפן הארצן איז געווען מוירעדיק גוט. אין א ווײַלע ארום איז שוין ראָבערט געווען אף די הענט בא איינעם אן עלטערן סאָלדאט, ער האָט אים ארומגעכאפט מיט די הענטלעך פארן האלדז, עפעס געפלאפלט אף פראנצויזיש און געגעסן די קעז-פאסכע, מיט וועלכער דער סאָלדאט האָט אים מעכאבעד געווען. אונדזעריקע האָבן זיך צוגעכאפט צום פענצטער. אף די פעראָנען פון די סטאנציעס, וואָס מיר זײַנען פארבײַגעפאָרן, זײַנען סאָלדאטן געשטאנען מענגעמוויז. אוסיעוויטש האָט זיך ארויסגערוקט אין פענצטער און אויסגעשריען: „זאָל לעבן די אלוועלטלעכע רעוואָליוציע!“ די סאָלדאטן האָבן אין פארלעגנהייט זיך אומגעקוקט אף אים. עטלעכע מאָל האָט פארבײַ אונדז אדורכגעמארשירט עפעס איינער א בלאסער פאָרוטשיק, און ווען איך מיט איליטשן זײַנען ארײַן אין שכײַנעסדיקן לײַדיקן וואגאָן, האָט ער זיך נעבן אים צוגעזעצט און האָט אָנגעהויבן ריידן. דער פאָרוטשיק איז געווען א באשיצלער. איליטש האָט פארטיידיקט זײַן שטאנדפונקט און איז אויך געווען שרעקלעך בלאַס. ביסלעכווייז האָבן

סאָלדאַטן גענומען פאַרנעמען דעם וואַגאָן און איינגיכן איז ער געוואָרן פול געפּאַקט. די סאָלדאַטן האָבן זיך צעשטעלט אַף די בענק, קעדיי בעסער הערן און זען אָט-דעם, וואָס רעדט אַזוי פאַרשטענדלעך קעגן דער רויבערישער מילכאָמע. און מיט יעדער מינוט איז געשטיגן זייער אויפמערקזאַמקייט און די פּנימער זייערע זיינען וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ מער און מער אָנגעשטרענגט.

אין בעלאָאָסטראָוו האָבן אונדז באַגעגנט מאַריע איליִנישנע, שליאַפּניקאָוו, סמאַל און אַנדערע כאַווײרים. געקומען זיינען אויך אַרבעטערנס. סמאַל האָט מיך אַלץ איינגערעדט, איך זאָל ווי זאָגן עטלעכע באַגריסונג-ווערטער. באַ מיר זיינען אָבער אַלע ווערטער ווי אויסגערונען און איך האָב זיי גאָרניט געקאָנט זאָגן. די כאַווײרים האָבן זיך געזעצט צוזאַמען מיט אונדז. איליטש האָט זיי געפרעגט, צי וועט מען אונדז באַם אָנקומען אַרעסטירן. די כאַווײרים האָבן געשמייכלט. באַלד זיינען מיר אָנגעקומען קיין פּיטער.

די פּיטערער מאַסן, די אַרבעטער, סאָלדאַטן, מאַטראָסן זיינען געקומען באַגעגענען זייער פירער. עס איז געווען אַסאַך נאָענטע כאַווײרים, צווישן זיי מיט אַ ברייטן רויטן באַנד איבערן אַקסל — טשוגורין, אַ צוהערער פון דער שול אין לאָנזשומאָ. דאָס פּנים איז באַ אים נאַס פון טרערן. אַרום-און-אַרום — אַ יאַם מיט מענטשן, אַ סטיכיע.

דער, וואָס האָט ניט איבערגעלעבט קיין רעוואָליוציע, קאָן זיך אַפילע ניט פאָרשטעלן איר מאַיעסטעטישע פייערלעכע שיינקייט. רויטע פאָנען, אַ ערן-וואַך פון די קראָנשטאַטער מאַטראָסן, רעפלעקטאָרס פון דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, וועלכע באַלויכטן דעם וועג פון פינלענדישן וואָקזאַל ביז קשעסינסקעס פּאַלאַץ, פּאַנצער-אויטאָמאָבילן און לאַנגע רייען אַרבעטער און אַרבעטערנס, וועלכע באַוואַכן לענגאויס דעם וועג.

באַגעגענען אונדז אויפן פינלענדישן וואָקזאַל זיינען געקומען צופאָרן טשכעיִדזע און סקאָבעליעוו, אַלס אָפיציעלע פאָרשטייער פון פּעטראָגראַדער ראַט פון אַרבעטערשע און סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן. די כאַווײרים האָבן אַריינגעפירט איליטשן אין די קייזערלעכע צימערן, ווו עס זיינען געווען טשכעיִדזע און סקאָבעליעוו. אַז איליטש איז אַרויס אויפן פּעראָן, איז צו אים צוגעגאַנגען איינער אַ קאַפּיטאַן און אויסגעצויגענערהייט אים אָפּגעגעבן אַ ראַפּאָרט. איליטש האָט זיך פון אומגעריכ-

שטייט פארלאָרן אף א רעגע, און האָט א כאפ געטאָן די האנט צום דאָשעק. אפן פעראָן איז געשטאנען אן ערן-קאראול, פארביי וועלכן מע האָט דורכגעפירט אילימשן און דעם גאנצן עמיגראנטישן אוילעם אונדזערן. נאָכדעם האָט מען אונדז אלעמען אריינגעזעצט אין אווטאָמאָבילן, און אילימשן האָט מען ארופגעזעצט אף א פאנצער-אווטאָמאָביל און אלעמען אָפגעפירט אין קשעסינסקעס פאלאץ. „זאָל לעבן די אַלוועלטלעכע סאָציאלע רעוואָליוציע!“ האָט אילימש אויסגעשריען צום פילטויזנטקעפיקן האמוין, וואָס האָט אים ארומגערינגלט.

דעם אָנהייב פון דערדאָזיקער רעוואָליוציע האָט שוין אילימש געשפירט מיט אלע זיינע כושים.

געבראכט האָט מען אונדז אין קשעסינסקעס פאלאץ, ווו עס האָט זיך דעמאָלט געפונען דער צ.ק. און דער פעטראָגראדער קאָמיטעט. אינדערהויך האָט מען איינגעאָרדנט א כאוועריש גלעזל טיי, די פיטערער כאווײרים האָבן געוואָלט אָרגאניזירן באגריסונג-רעדעס, אילימש האָט אָבער איבערגעפירט דעם געשפרעך אף דעם, וואָס אים האָט מער פאר אלץ אינטערעסירט, ער האָט באלד גענומען ריידן וועגן דער טאקטיק, בא וועלכער מע דארף זיך האַלטן. ארום קשעסינסקעס פאלאץ זיינען געשטאנען האמוינים ארבעטער און סאָלדאטן. אילימשן איז אויסגעקומען ארויסטרעטן פונעם באלקאָן. די איינדרוקן פון דער באגעגעניש, פון אָט דער אופגעברויזטער רעוואָליוציאָנערער סטיכיע האָבן אלץ פארשטעלט.

נאָכדעם זיינען מיר אוועקגעפאָרן אהיים, צו אונדזעריקע, צו אנע אילינישנען און מארק טימאָפייעוויטשן. מאריע אילינישנע האָט געוווינט צוזאמען מיט זיי. געוווינט האָבן זיי אף דער פעטראָגראדער זייט, אף שיראָקע גאס. אונדז האָט מען אויסגעטיילט א באזונדערן צימער. גאָרא, דאָס יאטל, וואָס האָט זיך אופגעצויגן בא אנע אילינישנען, האָט לעקאָוועד אונדזער קומען אויסגעהאנגען איבער בײדע בעטן א לאָזונג „פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!“ יענע נאכט האָבן מיר קימאט ווי ניט גערעדט מיט אילימשן — עס איז דאָך ניט געווען קיין ווערטער אף אויסצודריקן דאָס איבערגעלעבטע, אָבער אויך אָן רייד איז אלץ געווען פארשטענדלעך.

די צייט דעמאָלט איז געווען אזא, אז מע האָט קיין איין רעגע ניט

געטאָרט פֿאַרלירן. אילימש האָט נאָך ניט באַוויזן אופשטיין, זיינען שוין כאַווייריִם נאָך אים געקומען צו פֿאָרן. אילימש און זינאָוויעוו זיינען אַוועקגעפֿאָרן אין אויספֿיר=קאָמיטעט פֿון פּעטראָגראַדער ראַט, קעדיי אָפּגעבן דאָרט א באַריכט וועגן דעם דורכפֿאָרן דורך דייטשלאַנד. פֿון דאָרטן איז ער אַוועקגעפֿאָרן אף א באַראַטונג פֿון די באָלשעוויקעס—מיטגלידער פֿון דער אַלרוסלענדישער קאָנפֿערענץ פֿון די ראַטן פֿון אַרבעטערשע און סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן. פֿאָרגעקומען איז די באַראַטונג אינעם טאַווּרישן פּאַלאַץ, ערגעץ אינדערהויך. אין א צענדליק טעזיסן האָט אילימש אַרויסגעזאָגט זיין קוק אף דעם, וואָס מע דאַרף איצט טאָן. און די דאָזיקע טעזיסן האָט ער אָפּגעשאַצט די זאַכלאַגע, קלאָר און דייטלעך אָנגעמערקט די צילן, צו וועלכע מע דאַרף שטרעבן, און אויך די וועגן, מיט וועלכע מע דאַרף גיין, קעדיי צו דערשלאָגן זיך די דאָזיקע צילן. דער אוילעם אונדזערער האָט אין ערשטן מאָמענט אַביסל זיך פֿאַרלאָרן. אַמאָל האָט זיך אויסגעוויזן, אַז שוין צו שאַרף שטעלט איצט אילימש די פֿראַגע, אַז ריידן וועגן א סאָציאַלער רעוואָליוציע איז נאָך צו פֿרי.

אין דעמזעלבן הויז אונטן איז פֿאָרגעקומען א זיצונג פֿון די מענשעוויקעס. איז געקומען פֿון דאָרטן א כאַווער און באַשטאַנען אף דעם, אַז אילימש זאָל דעמזעלבן באַריכט מאַכן אף אַן אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿון מענשעוויסטישע און באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן צוזאַמען. די באָלשעוויסטישע פֿאַרזאַמלונג האָט באַשטימט, אַז אילימש זאָל איבערכאַזערן דעמזעלבן באַריכט אף דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלע סאָציאַל=דעמאָקראַטן, און אילימש האָט אַזוי געטאָן. די פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען אונטן, אין גרויסן זאַל פֿון טאַווּרישן פּאַלאַץ, און איך געדענק, אַז דאָס ערשטע, וואָס מיר האָט זיך א וואָרף געטאָן אין די אויגן, איז געווען גאָלדענבערג (מעשקאָווסקי), וועלכער איז געזעסן אין פּרעזידיום. ביים דער רעוואָליוציע אין 1905 יאָר איז דאָס געווען א פֿעסטער באָלשעוויק, איינער פֿון די סאַמע נאָענטע כאַווייריִם אין קאַמף. איצט איז ער אַוועק נאָך פּלעכאַנאָוון און געוואָרן א באַשיצלער. גערעדט האָט לענין בא צוויי שאָ. קעגן אים איז אַרויסגעטראָטן גאָלדענבערג און אַרויסגעטראָטן איז ער אומגעהייער שאַרף, גערעדט וועגן דעם, אַז לענין איז דער, וועלכער האָט אופגעהויבן די פֿאָן פֿון בירגער=קריג אינווייניק אין דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראַטיע. מע האָט באַשיימפּערלעך געזען, ווי ווייט די וועגן זיינען זיך צעגאַנגען. פֿאַרגע=

דענקט האָט זיך מיר נאָך קאַלאָנטייס רעדע, — זי האָט זייער הייס פּאַרטייִדיקט לענינס טעזיסן,

פּלעכאַנאָוו אין זיין צייטונג „יעדינסטוואָ“ („איינהייט“) האָט אָנגערופן לענינס טעזיסן „רייד פון היץ“.

לענינס טעזיסן זיינען אין דריי טעג אַרום, דעם 7־טן אַפּריל, געווען אָפּגעדרוקט אין דער „פּראַוודאַ“. אף מאָרגן איז אין „פּראַוודאַ“ דערשינען קאַמעניעווס אַרטיקל „אונדזערע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן“, וווּ ער גרענעצט זיך אָפּ פון די דאָזיקע טעזיסן. אין קאַמעניעווס אַרטיקל ווערט אָנגעוויזן, אַז לענינס טעזיסן דריקן אויס נאָר זיין פּערזענלעכע מיינונג, אַז סיי די „פּראַוודאַ“ סיי די ביוראָ פון צ.ק. זיינען מיט אים ניט איינשטימיק. די באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן אף דער באַראַטונג, אף וועלכער עס איז אַרויסגעטראָטן לענין מיט זיינע טעזיסן, האָבן, הייסט עס, אָט־די טעזיסן זיינע ניט אָנגענומען, אַז אָנגענומען האָבן זיי נאָר די טעזיסן פון ביוראָ פון צ.ק. קאַמעניעוו האָט דערקלערט, אַז די „פּראַוודאַ“ בלייבט אף אירע פריערדיקע פּאָזיציעס.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אינווייניק אין דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע. געדויערט האָט ער אָבער ניט לאַנג. אין אַ וואָך אַרום איז פאָרגעקומען אַן אַלשטאָטישע קאָנפערענץ פון די פּעטראָגראַדער באָלשעוויקעס, אף וועלכער איליטשס שטאַנדפּונקט האָט געזיגט. די קאָנפערענץ האָט געדויערט אַכט טעג (פונעם 14 ביזן 22 אַפּרעל). אין אָט־די טעג זיינען פאָרגעקומען אַ גאַנצע ריי וויכטיקע געשעענישן, וועלכע האָבן באַוויזן, ווי ווייט לענין איז געווען גערעכט.

דעם 7־טן אַפּרעל — דעמזעלבן טאָג, ווען עס האָבן זיך באַוויזן לענינס טעזיסן — האָט נאָך דער אויספיר־קאָמיטעט פון פּעטראָגראַדער ראַט געשטימט פאַר דער „פרייהייט־האַלוואָע“.

אין די בורזשואַזע צייטונגען און אין באַשיצלערישע צייטונגען האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדע העצע קעגן לענינען און די באָלשעוויקעס. מיט קאַמעניעווס דערקלערונג האָט זיך קיינער ניט גערעכנט, אַלע האָבן געוווּסט, אַז אינעווייניק אין דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע וועט זיגן לענינס שטאַנדפּונקט. די העצע קעגן לענינען האָט מיטגעהאָלפן זייער שנעל צו פּאָפּולאַריזירן לענינס טעזיסן. די מילכאָמע האָט לענין קוואַליפיצירט ווי אַן אימפּעריאַליסטישע, אַ רויבערישע, און אַלע האָבן דערזען, אַז ער איז טאַקע בעמעס פאַר אַ שאָלעם. דאָס האָט

זייער שטאַרק געענגט די מאַטראָסן, סאָלדאַטן און אַלע די, פאַר וועמען די מילכאָמע איז געווען אַ פראַגע פון לעבן און טויט. דעם 10=טן אַפּרעל איז לענין אַרויסגעטראָטן פאַר אַ זײַט, סאָלדאַטן, דעם 15=טן אַפּרעל האָט אָנגעהויבן דערשײַנען די „סאָלדאַטסקאַיאַ פּראַוודאַ“, און דעם 16=טן אַפּרעל האָבן שוין די פּעטראָגראַדער סאָלדאַטן און מאַטראָסן אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט=דעמאָנסטראַציע קעגן דער העצע, וואָס ווערט געפירט קעגן לענינען און די באָלשעוויקעס.

דעם 18=טן אַפּרעל (דעם 1=טן מײַ) זײַנען איבער גאַנץ רוסלאַנד פאָרגעקומען גראַנדיעזע ערשטמײַיקע דעמאָנסטראַציעס.

און דעמזעלבן 18=טן אַפּרעל האָט מיליוקאָוו, דער מיניסטער פאַר אויסלענדישע ענינים, אין נאָמען פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ נאָטע, וו עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז זי וועט פירן די מילכאָמע ביזן זיגרײַכן סאָף און אַז זי האַלט פאַר נייטיק אויסצופילן אַלע פאַרפליכטונגען פאַר די פאַרבינדעטע. וואָס=זשע האָבן געטאָן די באָלשעוויקעס? זיי האָבן דערקלערט אין דער פּרעסע דעם טאָך פון די פאַרפליכטונגען. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז די צײַטווײַליקע רעגירונג זאָגט צו די פאַרבינדעטע אויסצופילן יענע פאַרפליכטונגען, וואָס עס האָט אָף זיך גענומען ניקאָלײַס רעגירונג און די גאַנצע צאַרישע באַנדע. זיי האָבן אָנגעוויזן, פאַר וועמען, אײַגנטלעך, זײַנען אָט=די פאַרפליכטונגען, אַז דאָס זײַנען פאַרפליכטונגען פאַר דער בורזשואַזיע.

און אָט, אַז פאַר די מאַסן איז דאָס אַלץ געוואָרן קלאָר, זײַנען זיי אַרויס אָף דער גאַס. דעם 21=טן אַפּרעל האָבן די מאַסן אָרגאַניזירט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע אָף נעווסקע. אָף דעמזעלבן נעווסקע האָבן אײַנגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַציע אויך די אָנהענגער פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג.

דיזאָזיקע געשעענישן האָבן באַהעפט די באָלשעוויקעס. די רעזאָליוציעס פון דער פּעטראָגראַדער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע זײַנען שוין אָנגענומען געוואָרן אין לענינס גײַסט.

דעם 21 און 22 אַפּרעל האָט דער צ.ק. אָנגענומען רעזאָליוציעס, וועלכע ווײַזן קלאָר אָן אָף דער נייטיקײַט צו דעמאַסקירן די צײַטווײַליקע רעגירונג, וועלכע האָט פאַרטיילט די קאָמפּראָמיסלעכע טאַקטיק פון פּעטראָגראַדער ראַט. גערופן צו איבערוויילן די אַרבעטערשע און סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן, גערופן צו פאַרטעמיקן די ראַטן, צו פירן אַ

ברייטע אופקלער-ארבעט, אין דערזעלבער צייט אָבער האָבן זיי אָנגעוויזן אַף דער ניטרעכטצייטיקייט פון די פּרוון טייקעף אַראָפּצוואַרפן די ציטווייליקע רעגירונג.

צום מאָמענט, ווען עס האָט זיך געעפנט די אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ (דעם 24 אַפּרעל). דריי וואָכן נאָכן פאַרעפנטלעכן לעניגס טעזיסן, איז שוין בא די באָלשעוויקעס געווען דערגרייכט פולשטענדיקע איינהייט.

נאָך אונדזער קומען קיין פּיטער פלעג איך ווייניקער זען אילייטשן — געאַרבעט האָט ער אין צ.ק., אין „פּראַוודא“, אַרומגעפאָרן אַף פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען. איך בין אַוועק אַרבעטן אין סעקרעטאַריאַט פון צ.ק., וואָס האָט זיך געפונען אין קשעסינסקעס פּאַלאַץ. די אַרבעט אין סעקרעטאַריאַט איז אָבער געווען ניט ענלעך אַף דער סעקרעטאַרישער אַרבעט אין אויסלאַנד, אָדער אַף דער סעקרעטאַרישער אַרבעט אין די יאָרן 1905-1907, ווען ס'איז אויסגעקומען לויט אילייטשס דירעקטיוון פירן א גאַנץ ברייטע זעלבשטענדיקע אַרבעט. סעקרעטאַר איז געווען סטאַסאָווע, זי האָט שוין געהאַט טעכנישע טוער, איך פלעג זיך צונויפרעדן מיט די טוער, וואָס פלעגן קומען, אָבער מיט דער אָרטיקער אַרבעט בין איך נאָך דעמאָלט ווייניק-וואָס געווען באַקאַנט. אָפט פלעגן קומען די מיטגלידער פון צ.ק., אָפטער פאַר אַלעמען סווערדלאָוו. אינפאָרמירט ווי געהעריק בין איך ניט געווען. דאָס, וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין באַשטימטע פונקציעס, האָט מיך שטאַרק געערגערט. דערפאַר אָבער האָב איך מיט געוואַלדיקער דורשט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס אַרומיקע לעבן. די גאַסן האָבן דעמאָלט פאָרגעשטעלט זייער אַן אינטערעסאַנט בילד: אומעטום האָבן זיך געקליבן הייפלעך מענטשן, אומעטום אָט אין די הייפלעך האָט מען היים דיסקוטירט וועגן דעם לויפנדיקן מאָמענט, וועגן אַלע געשעענישן. גייסט צו צו אַן אוילעם און הערסט זיך איין. פון שיראָקע צו קשעסינסקעס הויז בין איך איינמאָל געגאַנגען גאַנצע דריי שאָ — אַזוי אינטערעסאַנט איז געווען אָט דאָס מיטינגעווען אַף דער גאַס. קעגן אונדזער הויז איז געווען א הויף — עפּנסטו אַמאָל אויף באַנאַכט דאָס פענצטער און הערסט די הייסע שטרייטן. זיצט א סאָלדאַט, נעבן אים איז שטענדיק עמעצער דאָ — שטוב-אַרבעטערנס, קעכנס פון די שכייניש הויפן און א היפּשע צאָל יונגוואַרג. איינס אַזייגער באַנאַכט דערטראָגן זיך נאָך באַזונדערע, אָפּ-

געריסענע ווערטער: באָלשעוויקעס... מענשעוויקעס. דריי באנאכט: מיליוקאָוו... באָלשעוויקעס... און פינף אזייגער — ווידער דאָסזעלבע, פּאָליטיק, מיטינגעריי. די פּיטערער ווייסע נעכט דערמאָנען מיר איצט שטענדיק אָן דידאָזיקע נאכט-מיטינגען.

אין סעקרעטאריאט פונעם צ.ק. איז אויסגעקומען טרעפן זייער אסאך אוילעם, דאָרטן גופא אינעם קשעסינסקי-הויז האָט זיך געפונען אויך דער פּ.ק., די מיליטערישע אָרגאניזאציע און די „סאָלדאטסקאיא פּראוודא". אמאָל פלעג איך גיין אף די זיצונגען פון פּ.ק., האָב געענטער דערקאָנט דעם אוילעם, נאָכגעשפּירט נאָך דער ארבעט פונעם פּעטראָגראדער קאָמיטעט. שטארק אינטערעסירט האָט מיך אויך די ארבעטער-יוגנט. די באוועגונג האָט פארכאפּט די יוגנט. געווען זיינען צווישן זיי אָנהענגער פון פארשיידענע ריכטונגען — פון די באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס, עסערן און אנארכיסטן. די אָרגאניזאציע האָט ארומגעכאפּט בא 50 טויזנט יוגנטלעכע, די ערשטע צייט אָבער איז די אָרגאניזאציע געווען אין א היפּשער מאָס פארוואָרלאָזט. האָב איך אָנגעהויבן פירן צווישן זיי עפּעס אַן ארבעט. פונקט דער הייפער צו אָטדער יוגנט האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די שילער פון די עלטערע גרופּעס אין די מיטלשולן. אָפט פלעגן זיי מאכנעסווייז קומען צו קשעסינסקיס הויז און אויסשרייען פארשיידענע זידלערייען קעגן די באָלשעוויקעס מע האָט באַשיימפּערלעך געזען, אַז מע באַארבעט זיי ווי עס דאַרף צו זיין.

אינגיכן נאָך אונדזער אָנקומען — די דאטע געדענק איך ניט גענוי — בין איך בייגעווען אף א לערער-צוזאמענפאָר. אוילעם איז דאָרט געווען א יאם. די לערערשאפט איז געווען אינגאנצן אונטער דער ווירקונג פון די עסערן. אף דעם צוזאמענפאָר זיינען ארויסגעטראָטן אָנגעזעענע באשיצלער. דעם טאָג, ווען איך בין דאָרט געווען, אינדערפרי, נאָך פאר מיין קומען, איז ארויסגעטראָטן אלעקסינסקי. סאציאל-דעמאָקראטן — באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס — אינטערנאציאָנאליסטן זיינען דאָרט געווען א מאן 15-20. זיי האָבן זיך אלע פארזאמלט אין א באזונדער צימערל און באהאנדלט די פראגע וועגן דעם, פאר וואָס פאר א שול מע וועט דארפן קעמפן. פיל פון די בייוועזנדע האָבן נאָכדעם געארבעט אין די ראיאָנע דומעס. די לערער-מאסע איז געווען ערגסט אָנגעשטעקט מיטן שאָוויניסטישן משאד.

איך האָב געהערט איליטשס ביידע ארויסטרעטונגען דעם 4-טן אפּ=

רעל, געהערט זיינע ארויסטרעטונגען אַף דער פּעטראָגראדער קאָנפערענץ.

דעם 18-טן אפּרעל (1-טן מיי) האָט איליטש אָנטייל גענומען אין דער ערשטמייסקער דעמאָנסטראציע. ארויסגעטראָטן איז ער אַף דער אָכטע און אפן מארס-פעלד. די דאָזיקע ארויסטרעטונגען זיינע האָב איך ניט געהערט. איך בין א גאנצן טאָג אָפּגעלעגן אין בעט. אז איליטש איז צוריק געקומען, האָט מיך איבערראשט זיין אויפגערעגט פּאָנעם. אז מיר האָבן געוווינט אין אויסלאנד, פלעגן מיר יעדעס יאָר גיין אַף מאיאָווקעס, אָבער איין זאך איז א מאיאָווקע מיט א דערלויבעניש פון דער פּאָליציי, און גאָר אן אנדער זאך איז ווען עס פּראוועט א מאיאָווקע דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק, וואָס האָט פארניכטעט דעם צאריזם.

דעם 21-טן אפּרעל האָב איך געדארפט זיך באגעגענען מיט איליטשן בא דאנסקען. מע האָט מיר געגעבן אן אדרעס: אלט-נעווסקי, 3. און איך בין גאנץ נעווסקי דורכגעגאנגען צופוס. פון הינטער נעווסקער זאסטאווע האָט מארשירט א גרויסע ארבעטער-דעמאָנסטראציע. דער ארבעטער-אוילעם, וואָס האָט פארפלייצט די טראָטוארן, האָט זיי באגריסט „קום!“—האָט געשריען איין יונגע ארבעטערן צו דער צווייטער ארבעטערן, וועלכע איז געשטאַנען אפן טראָטואר. „קום, א גאנצע נאכט וועלן מיר ארומגיין!“ איקעגן דער ארבעטער-דעמאָנסטראציע האָט זיך באוועגט א צווייטער האמוין אין שטייפע היט און אין דאמען-היטעלעך, פונקט אזוינע שטייפע היט און דאמען-היטעלעך האָבן זיי באגריסט פונעם טראָטואר. נעענטער צו נעווסקער זאסטאווע איז דער ארבעטער-אוילעם געווען גרעסער און נעענטער צו מאָרסקאיא, באם פּאָליציייִשן בריק, איז שוין געווען א פארפלייצעניש פון שטייפע היט און דאמען-היטעלעך. צווישן אָט-דעם אוילעם האָט מען פון מויל צו מויל איבערגעגעבן די מייסע, ווי אזוי לענין האָט מיט דייטשישן געלד אונטערגעקויפט די ארבעטער, וואָס זיינען איצט אלע פאר אים. „שלאָגן דארפן מען אים, אָט-דעם לעגינען!“ האָט אויסגעשריען איינע א פיין אָנגעטאָנענע פרייל. „אויסראָטן דארף מען זיי אָט-די אויסוואורפן אלעמען ביז איינעם!“ — האָט זיך שטארק געקאָכט עפּעס איינער אין א שטייפער הוט. קלאס קעגן קלאס! דער ארבעטער-קלאס איז געווען פאר לענינען.

פונעם 24=טן ביזן 29=טן אפרעל איז פאָרגעקומען די אלרוסלענדישע אפרעל-קאָנפערענץ, וועלכע האָט ענדגילטיק פאראייניקט אַלע באָלשעוויקעס: בייגעווען זייגען אף איר 151 דעלעגאטן, מע האָט אויסגעוויילט א נייעם צ.ק., מע האָט באהאנדלט זייער וויכטיקע פראגעס — וועגן דעם לויפנדיקן מאָמענט, וועגן דער מילכאָמע, וועגן דער אגראר-פראגע און וועגן דער פארטיי-פראָגראם.

באזונדערס האָט זיך מיר פארגעדענקט איליטשס רעדע וועגן דעם לויפנדיקן מאָמענט.

אין דערדאָזיקער רעדע איז עפּעס באזונדערס בוילעט ארויסגעטראָטן איליטשס באַציונג צו די מאסן, ווי אויפמערקזאַם ער קוקט זיך צו צו דעם, מיט וואָס די מאסן עטעמען און וואָס זיי לעבן איבער. „עס איז אויסער יעדן צווייפל, אז דער פּראָלעטאריאט און דער האלב-פּראָלעטאריאט זיינען ניט פארינטערעסירט אין דער מילכאָמע, אלס קלאס. זיי גייען נאָר אונטער דער ווירקונג פון טראדיציעס און גענארעריי. זיי האָבן נאָך ניט קיין פּאָליטישע דערפארונג. פונדאנען שטאמט אונדזער אויפגאבע — דויערנדיקע אויפקלערונג. מיר מאכן ניט אפילע די מינדעסטע פּרינציפּיעלע האנאָכעס, מיר קאָנען אָבער ניט צוגיין צו זיי, ווי צו סאָציאל-שאָוויניסטן. דידאָזיקע עלעמענטן פון דער באפעלקערונג זיינען קיינמאָל סאָציאליסטיש ניט געווען, זיי האָבן ניט קיין שום באגריף וועגן סאָציאליזם, זיי וואכן ערשט אוף צום פּאָליטישן לעבן. אָבער דער באוווסטזיין זייערער וואקסט און ברייטערט זיך מיט אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט. צו זיי דארף מען קאָנען צוגיין מיט דערקלערונגען, און דאָס איז איצט די שווערסטע אויפגאבע, באזונדערס פאר א פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך נאָך נעכטן ערשט געפונען אין אונטערערד“*.

„פילע, דערין אויך מיר פערזענלעך,—האָט איליטש געזאָגט אין אָט-דער רעדע זיינער,, — איז אויסגעקומען ארויסצוטרעטן, באזונדערס פאר סאָלדאטן, און איך מיין, אז ווען מע זאָל אלץ דערקלערן פונעם קלאסן-שטאנדפונקט, איז מער פאר אלץ זיי ניט קלאָר אין אונדזער פּאָזיציע, וויאזוי אייגנטלעך ווילן מיר פארענדיקן מיט דער מילכאָמע, וויאזוי האלטן מיר פאר מעגלעך זי צו פארענדיקן. צווישן די ברייטע מאסן איז דאָ א מאסע מיספארשטייעניש, א פולשטענדיק ניט פאר-

* לענין, באנד, XX זייט 246—245.

שטיין אונדזער פּאָזיציע, דעריבער טאַקע דאַרפֿן מיר דאָ זיין אמערסטן פּאָפּולער" *.

„ווען מיר טרעטן ארוים פאַר די מאַסן, מוז מען זיי געבן קאָנקרעטע ענטפערס" *.

ניט נאָר צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך צווישן די ברייטע שיכטן קליינבירגער דאַרף מען קאָנען פירן אן אופקלער-ארבעט, — פלעגט זאָגן איליטש.

ריידנדיק וועגן קאָנטראָל, האָט וולאַדימיר איליטש געזאָגט: „קעדיי צו קאָנען קאָנטראָלירן, מוז מען האָבן מאַכט. אויב דאָס איז ניט פאַרשטענדלעך פאַר דער ברייטער מאַסע פונעם קליינבירגערלעכן בלאָק, דאַרף מען האָבן געדולד צו דערקלערן אים דאָס, אָבער פאַר קיין פאַל ניט זאָגן אים ניט עמעס" ***. קיין שום דעמאַגאָגיע האָט איליטש ניט דערלאָזט, און דאָס האָבן געפילט די סאָלדאַטן, דאָס האָבן געפילט די פויערים, וועלכע פלעגן מיט אים ריידן. צוטרוי געווינט מען אָבער ניט מיט איין קלאַפּ. אין אזא היציקער צייט האָט איליטש פאַרהיט זיין געוויינלעכע ניכטערקייט פון געדאַנק: „מיר זיינען איצט אַ מינדערהייט, די מאַסן געטרויען אונדז דערווייל ניט. וועלן מיר קאָנען וואַרטן: ווי די רעגירונג וועט זיך נעמען ארויסווייזן פאַר זיי, וועלן זיי אריבערגיין אף אונדזער זייט" ****. ניט ווייניק געשפּרעכן האָט איליטש געהאַט מיט די סאָלדאַטן און מיט פויערים, ניט ווייניק האָט ער שוין דעמאָלט געזען צוטרוי. ער האָט אָבער ניט געשאַפן קיינע אילוזיעס. „ס'איז ניטאָ קיין מער געפערלעכער פעלער, ווי בויען די טאַקטיק אף סוביעקטיווע פאַרלאַנגען דאָרט, וו עס איז נייטיק אָרגאַניזירטקייט. זאָגן, אז פאַר אונדז איז די מערהייט — טאָר מען ניט. אין געגעבענעם פאַל איז נייטיק אומצוטרוי, אומצוטרוי און ווידעראַמאָל אומצוטרוי. באַזירן דערויף די פּראָלעטאַרישע טאַקטיק, הייסט אוועקהאַרגענען זי" *****.

צום סאָף פון זיין רעדע וועגן דעם לויפנדיקן מאָמענט האָט איליטש געזאָגט: „די רוסישע רעוואָליוציע האָט געשאַפן די ראַטן. אין קיין איין בורזשואַז לאַנד אף דער גאַנצער וועלט זיינען אַזעלכע מעלוכע-אַנשטאַלטן ניטאָ און קאָנען ניט זיין, און קיין איין סאָציאַ-

* לעניין, באַנד XX, זייט 243. ** דאָרטן, זייט 247. *** דאָרטן, זייט 242.
**** דאָרטן, זייט 243. ***** דאָרטן, זייט 246

ליסטישע רעוואָליוציע קאָן ניט אָפּערירן מיט קיין שום מאַכט, אויסער דערדאָזיקער. די ראַטן פון די אַרבעטערשע און סאָלדאַטישע דעפּו-טאַטן דאַרפן נעמען די מאַכט ניט קעדיי צו שאַפן אַ געוויינלעכע בורזשואַזע רעפּובליק אָדער פאַרן אומיטלבאַרן איבערגאַנג צום סאָציאַליזם. דאָס קאָן ניט זיין. צוליב וואָס-זשע? זיי דאַרפן נעמען די מאַכט קעדיי צו מאַכן די ערשטע קאָנקרעטע שריט צו אָט דעם איבערגאַנג, טריט, וועלכע מע קאָן און מע דאַרף מאַכן. אין דער הינזיכט איז פּאַכעד — דער ערגסטער סוינע. פאַר די מאַסן דאַרף מען פּריידיקן, אַז דידאָזיקע שריט מוז מען מאַכן טייקעף, אַנדערש וועט די מאַכט פון די ראַטן פון די אַרבעטערשע און סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן ניט האָבן קיין שום זין און וועט קיין זאַך ניט געבן דעם פאָלק" *.

און ווייטער רעדט איליטש וועגן די דירעקטע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר די ראַטן. „מע דאַרף אָפּשאַפן דאָס פּריוואַט-אייגנטום אויף ערד. דאָס איז יענע אויפגאַבע, וועלכע שטייט פאַר אונדז דערפאַר, ווייל די מערהייט פאָלק איז פאַר דעם. צוליב דעם דאַרפן מיר די ראַטן. דורכפירן דאָסדאָזיקע מאָסמיטל מיט די אַלטע מעלוכע-באַאַמטע איז אוממעגלעך" **.

פאַרענדיקט די רעדע האָט איליטש מיט אַ ביישפּיל, וועלכער שיל-דערט, וואָס הייסט דעראָבערן די מאַכט אויף די ערטער. „צולעצט וועל איך זיך פאַרופן אויף איינער אַ רעדע, וועלכע האָט אויף מיר געמאַכט דעם גרעסטן איינדרוק. איינער אַ קוילנגרעבער האָט געהאַלטן אַ זעל-טענע רעדע. ניט באַנוצנדיק קיין איין איינגעכאַזערט וואָרט פון ביכל, האָט ער דערציילט, וויאַזוי זיי האָבן געמאַכט די רעוואָליוציע. באַ זיי איז געשטאַנען די פראַגע ניט וועגן דעם, צי וועט באַ זיי זיין אַ פּרעזידענט, אים האָט אינטערעסירט גאָר אַן אַנדער פראַגע: — אַז זיי האָבן צוגענומען די קוילנגרובנס, האָט מען געדאַרפט באַוואַכן די קאַנאַטן, קעדיי די פּראָדוקציע זאָל זיך ניט אָפּשטעלן. נאָכדעם האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן ברויט, וואָס זיי האָבן ניט געהאַט, און זיי האָבן זיך אויך צונויפגערעדט, וויאַזוי אים צו קריגן. אָט דאָס איז אַן עכטע פּראָגראַם פון דער רעוואָליוציע, און ניט קיין אויסגעלייענטע

* לענין, ווערק, ב. XX, ז. 250

** דאָרטן, ז. 250.

פונעם ביכל. אָט דאָס הייסט ווירקלעך פאַרכאַפן די מאַכט אַף די ערטער" *.

זינאַידאַ פאַוולאָוונאַ קרזשיזשאַנאָווסקאַיאַ האָט דערנאָך דערמאָנט, ווי איך האָב איר דערציילט וועגן אָט דעם קוילנגרעבערס רעדע און זי האָט דערביי צוגעגעבן: „איצט איז דער איקער, זיי זאָלן האָבן זייערע אייגענע אינזשעניערן. וולאַדימיר איליטש האַלט, אַ זעם וואָלט זייער גוט געווען, ווען גלעב זאָל פאָרן אַהינצו".

אַף דער קאָנפערענץ האָבן מיר באַגעגנט אַסאַך באַקאַנטן אוילעם. פאַרגעדענקט האָט זיך מיר, צווישן אַנדערע, די באַגעגעניש מיט פריסיאַגינען, אַ צוהערער פון דער לאָנזשיומאָער שול. עס האָט זיך פאַרגעדענקט, וויאַזוי ער האָט געהערט איליטשס רעדע און ווי די אויגן האָבן באַ אים געפינקלט. איצט איז שוין פריסיאַגין טויט. אין 1918 יאָר האָבן אים די ווייסע אַף אוראַל צעשאָסן.

אָנהייב מיי, 1917 יאָר, האָט איליטש געמאַכט אַן עסקיז פון ענדערונגען אין דער פאַרטיי־פראָגראַם. די אימפעריאַליסטישע מילכאָמע און די רעוואָליוציע האָבן געוואַלדיק איבערגעאַנדערשט דעם גאַנצן שטייגער און עס האָט זיך געפאָדערט אַ גאַנצע ריי נייע אָפשאַצונגען, נייע צוגענג — די פריערדיקע פראָגראַם איז שרעקלעך פאַרעלטערט געוואָרן.

זיין גאַנצער עסקיז פון דער נייער פראָגראַם־מינימום איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער שטרעבונג צו פאַרבעסערן, אויפהייבן דעם לעבנס־ניוואָ פון די מאַסן, לאָזן פריי זיך אַנטוויקלען זייער זעלבסט־טעטיקייט.

די אַרבעט מיינע אין סעקרעטאַריאַט האָט מיך וואָס ווייטער אַלץ מער באַלעסטיקט. געוואָלט האָט זיך מיר גיין אַף אומיטלבאַרער מאַסן־אַרבעט, עס האָט זיך אויך געוואָלט אָפטער זען איליטשן, פאַר וועמען איך בין געוואָרן אַלץ מער און מער אומרויִק. מע האָט קעגן אים געהעצט וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער. גייסט איבער פעטערבורגער זייט און הערסט ווי עפעס באַלעבאָסטעס דאָרטן טייגען: „וואָס זאָל מען פאָרט טאָן מיט אָט דעם לענינען, וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד? אין אַ ברונעם אים דערטרינקען, צי וואָס?" עס איז, פאַרשטייט זיך,

* לענין, ווערק ב. XX, ז. 305.

געווען קלאָר, פונוואַנען עס שטאַמען אָט די אַלע רייד וועגן אונטערגעקויפטקייט, וועגן פּאַראַט, אָבער אויסהערן זיי איז קיין גרויסער פאַרגעניגן ניט געווען. איין זאַך איז, ווען עסריידן בורזשויען, נאָר אַן אַנדער זאַך איז אָבער, ווען אַזוי ריידן מאַסן. פאַר דער „סאָלדאַטסקאַיאַ פּראַוודאַ“ האָב איך אָנגעשריבן וועגן דעם, ווער איז אַזוינס לענין. אָנגערופן האָב איך דעם אַרטיקל „אַ בלעטל פון דער פּאַרטיי־געשיכטע“. וולאַדימיר איליטש האָט דורכגעקוקט דעם מאַנוסקריפּט, אַריינגעטראָגן אייניקע אויסבעסערונגען, און געדרוקט איז ער געווען אינעם נומער 21 פון דער „סאָלדאַטסקאַיאַ פּראַוודאַ“, דעם 13 מיי 1917 י.

אַז וולאַדימיר איליטש פלעגט זיך אומקערן אַהיים אַן אויסגעמאַטערטער, פלעגט באַ מיר די צונג זיך ניט קערן פרעגן אים וועגן דער אַרבעט. אָבער סיי אים, סיי מיר האָט זיך געוואָלט דורכריידן, ווי אַמאָל, שפּאַצירנדיק. און מיר פלעגן אַמאָל, עמעס, זייער זעלטן, גיין שפּאַצירן איבער די שטילערע געסלעך פון פּעטראָגראַדער זייט. איין מאָל, געדענק איך, האָבן מיר דורכגעמאַכט אַזאַ מין שפּאַציר צוזאַמען מיט די כאַווערים שאַומיאַן און יענוקידזע. שאַומיאַן האָט דעמלט איבערגעגעבן איליטשן די רויטע זשעטאָנען, וואָס די זין זיינע האָבן אים אָנגעזאָגט, ער זאָל אָפּגעבן איליטשן. איליטש האָט געשמייכלט. איינמאָל זיינען מיר געגאַנגען שפּאַצירן צוזאַמען מיט מאַריע איליניטשנען אַף איינעם פון די אינדזלען, דאָרט איז אָבער אַ גרויסער אוילעם און עס האָט זיך ניט איינגעגעבן אָפּרוען.

פאַרקריצט אין זיקאָרן האָט זיך מיר איליטשס ארויסטרעטונג אַפן ערשטן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן פון אַרבעטערשע און סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן. דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין קאַדעטן־קאָרפּוס אַף דער ערשטער ליניע פונעם וואַסיליעווער אינדזל. געגאַנגען איז מען דורך לאַנגע קאָרידאָרן, אין די קלאַסן איז געווען איינגעאָרדנט אַ צוזאַמענוווינונג פאַר די דעלעגאַטן. אין זאַל, וואָס איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, זיינען די באָלשעוויקעס געזעסן ניט קיין גרויסע גרופּע אין הינטערגרונט. לענינס רעדע האָבן אַפּלאָדירט נאָר די באָלשעוויקעס אַליין, געווען איז אָבער אויסער יעדן ספק, אַז געמאַכט האָט זי אַ שטאַרקן איינדרוק. עמעצער האָט נאָכדעם דערציילט, אַז נאָך אָט דער רעדע איז קערענסקי דריי שאָ אָפּגעלעגן אָן באַוווסטזיין. אַף וויפל דאָס איז עמעס, ווייס איך ניט.

אין יוני זיינען פֿאָרגעקומען די וואַלן אין די ראַיאָנע דומעס. איך בין געגאַנגען קוקן, וויאַזוי עס גייט דורך די פֿאָרוואַל־קאַמפּאַניע אַפֿן וואַסיליעווער אינדזל. די גאַסן זיינען געווען פֿאַרפֿלייצט מיט ארבעטער־אוילעם. ס'ראָוו זיינען עס געווען אַרבעטער פֿונעם טרויבן־זאַוואָד. געווען אַסאַך אַרבעטערנס פֿון לאַפֿערמס פֿאַבריק. לאַפֿערמס פֿאַבריק האָט געשטימט פֿאַר די עסערן. אומעטום האָט מען היים דיסקוטירט, באַהאַנדלט האָט מען ניט די קאַנדידאַטן, ניט קיין פּערזאָנען, נאָר די טעטיקייט פֿון די פּאַרטייען. פֿאַרוואָס עס איז די אָדער יענע פּאַרטיי דערמאָנט האָבן מיר זיך דאַן די ראַיאָנע וואַלן אין פּאַריז. דאָרטן האָט איבערראַשט די אָפּוועזנהייט פֿון פּאָליטישער אָפּשאַצונג און די איבערוועגנדיקע מאַסע פּערזענלעכע בעזשבוינעס, וואָס מע האָט אַריינגעבראַכט אין די וואַלן. דאָ איז געווען פּונקט דער היפּעך. עס האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן, אַף וויפֿל די מאַסן זיינען אויסגעוואַקסן פּאָליטיש אין פֿאַרגלייך מיט די יאָרן 1905—1907. מע האָט געזען, אַז אַלע לייענען צייטונגען און פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען. אין איינער א גרופּע האָט מען גערעדט וועגן דעם, צי איז מעגלעך בא אונדז באַנאַפּאַרטיזם. צווישן דעם אוילעם האָט אַרומגעשמייעט איינע אַ שפּיקאַרטיקע פיגור פֿון קליינעם וווקס, וועלכע האָט אויסגעזען באַזונדערס פרעמד צווישן אָט דעם האַמוין אַרבעטער, וואָס זיינען אַזוי אויסגעוואַקסן די לעצטע יאָרן.

די רעוואָליוציאָנערע שטימונג בא די מאַסן איז וואָס ווייטער אַלץ מער געשטיגן.

אַפֿן 10־טן יוני האָבן די באָלשעוויקעס באַשטימט אַ דעמאָנסטראַציע. דער ראַטן־צוזאַמענפֿאָר האָט זי פֿאַרווערט און האָט באַשלאָסן, אַז דריי טעג דאַרפֿן קיינע דעמאָנסטראַציעס ניט פֿאָרקומען. איליטש איז באַשטאַנען דערויף, אַז די באַשטימונג פֿונעם פּ.ק. וועגן אָרגאַניזירן די דעמאָנסטראַציע זאָל אָפּגעשאַפֿט ווערן; ער האָט געהאַלטן, אַז וויבאַלד מיר אָנערקענען די מאַכט פֿון די ראַטן, מוז מען זיך אונטערוואַרפֿן די באַשלוסן פֿונעם צוזאַמענפֿאָר, קעדיי ניט געבן די קעגנער אַ געווער אין די הענט. אָבער אונטערן דרוק פֿון די מאַסן איז דער צוזאַמענפֿאָר געווען געצווונגען נאָכצוגעבן און האָט באַשטימט אַפֿן 18־טן יוני זיינע אַן אייגענע דעמאָנסטראַציע. ער האָט זיך אָבער אַליין ניט געריכט דערויף, וואָס עס איז נאָכדעם פֿאָרגעקומען. אין דער דע־

מאָנסטראַציע האָבן אָנטייל גענומען באַ 400 טויזנט אַרבעטער און סאָלדאַטן, 90 פּראָצענט פאָנען און פּלאַקאַטן זיינען געווען מיט די לאָזונגען פונעם באָלשעוויסטישן צ.ק. „די גאַנצע מאַכט די ראַטן!“ „אַראָפּ די 10 מיניסטאָרן־קאַפּיטאַליסטן!“ פאַר צוטרוי צו דער צייטווייליקער רעגירונג זיינען געווען אינגאַנצן 3 פּלאַקאַטן (איינער האָט געהערט דעם „בונד“, דער צווייטער — דער פּלעכאַנאָווישער „איינהייט“ און דער דריטער — אַ קאַזאַקישן פּאָלק). איליטש האָט כאַראַקטעריזירט דעם 18־טן יוני, ווי איינעם פון די איבערבראָך־טעג. „די דעמאָנסטראַציע דעם 18 יוני — האָט ער געשריבן, — איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דעמאָנסטראַציע פון די קויכעס און פון דער פּאָליטיק פונעם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער ווייזט אָן די ריכטונג פאַר דער רעוואָליוציע, וועלכער ווייזט אָן דעם אַרויסגאַנג פונעם טעמפּן ווינקל. דערין באַשטייט די ריזיקע היסטאָרישע באַדייטונג פון דער זונטיקדיקער דעמאָנסטראַציע, דערין באַשטייט איר פּרינציפּיעלער אונטערשייד פון די דעמאָנסטראַציעס באַ דער לעווייע פון די רעוואָליוציע־קאָרבאָנעס און אינעם טאָג פונעם ערשטן מיי. דעמאָלט איז עס געווען אַן אַלגעמיינע באַערונג פונעם ערשטן ניצאָכן פון דער רעוואָליוציע און פון אירע העלדן, אַ בליק, וואָס דאָס פאָלק האָט געוואָרפן צוריק, אַפן ערשטן עטאַפּ צו פרייהייט, וועלכן עס האָט דורכגעמאַכט אַמגיכסטן און אַמערסטן דערפאָלגרייך. דער ערשטער מיי איז געווען אַ *יאָנטעוו* פון ווונטשן און האָפענונגען, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון דער אַלוועלטלעכער אַרבעטערבאַוועגונג, מיט אירע אידעאַלן פון פרידן און סאָציאַליזם.

ניט די, ניט יענע דעמאָנסטראַציע האָבן זיך ניט געשטעלט פאַר קיין ציל אָנצוווייזן די *ריכטונג* פאַר דער רעוואָליוציעס ווייטערדיקן גאַנג און האָבן עס ניט געקאָנט אָנווייזן.. ניט די און ניט יענע האָבן ניט געשטעלט פאַר די מאַסן און אין נאָמען פון די מאַסן קיינע באַשטימטע, קאָנקרעטע ברענענדיקע טאָג־פראַגעס וועגן דעם, וווּהין און וויאַזוי עס דאַרף איצט גיין די רעוואָליוציע.

אין דעם זין איז דעם 18־טן יוני געווען די ערשטע פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע פון *טאַט*, אַ דערקלערונג ניט אינעם ביכל אָדער אין צייטונג, נאָר אַף דער גאַס, ניט דורך פירער, נאָר דורך די מאַסן, אַ דערקלערונג דערפון, וויאַזוי פאַרשיידענע קלאַסן האַנדלען, ווילן און

וועלן האַנדלען, קעדיי צו פירן די רעוואָליוציע ווייטער. די בורזשואַזיע האָט זיך אויסבאַהאַלטן...״*.

די וואַלן אין די ראַיאָנע ראַטן האָבן זיך פאַרענדיקט. איך בין אַדורך אין וויבאָרגער ראַיאָן. אין וויבאָרגער ראַיאָן זײַנען אַדורך דער=הויפּט באָלשעוויקעס און אַ קליינע צאָל מענשעוויקעס=אינטערנאַציאָנאַ=ליסטן, וואָס האָבן אַפילע ניט אָנגעהויבן אַרבעטן. אין דער ראַיאָנער אויפראַווע האָבן געאַרבעט אויסשליסלעך באָלשעוויקעס: ל. מ. מיכיי=לאָוו, קוטשמענקאָ, טשוגורין, נאָך איינער אַ כאַווער און איך. אונדזער אויפראַווע האָט זיך געפונען פון אָנהייב אין איין געביידע מיטן ראַיאָ=נעם פאַרטיי=קאָמיטעט, ווו סעקרעטאַר איז געווען זשעניע יעגאָראָווע. אויך לאַצים האָט דאָרטן געאַרבעט. צווישן דער אַרבעט פון אונדזער אויפראַווע און דער פאַרטיי=אָרגאַניזאַציע איז געווען די סאַמע ענגסטע פאַרבינדונג. די אַרבעט אינעם וויבאָרגער ראַיאָן האָט מיר זייער פיל געגעבן — דאָס איז געווען אַ גוטע שול פון פאַרטייישער און סאָוועטישער אַרבעט. פאַר מיר, וואָס האָט אַזויפיל יאָרן אָפגעלעבט אין דער עמיגראַציע וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט באַשלאָסן אַרויסטרעטן אפילע אַף ניט קיין גרויסע פאַרזאַמלונגען, וואָס האָט קיינמאָל ביז דעמאָלט ניט אָנגעשריבן קיין איין שורע אין דער „פראַוודאַ“, איז אַזאַ שול געווען שטאַרק נייטיק.

דער וויבאָרגער ראַיאָן האָט פאַרמאָגט אַ פעסטן באָלשעוויסטישן אַקטיוו. די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט גרויס צוטרוי בײַ די אַרבעטער=מאַסן. אינגיכן נאָך דעם, ווי איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן, איז מיר אויסגעקומען איבערנעמען די אַרבעט אין דער וויבאָרגער אָפטיילונג פון דער קאָמיסיע צו שטיצן די סאָלדאַטקעס. די אַרבעט האָב איך איבערגענומען בײַ מײַנער אַן אַלטער באַקאַנטער, מיט וועלכער מיר האָבן אַמאָל צוזאַמען געלערנט אין איין גימנאַזיע און שפּעטער צוזאַמען אָנגעפירט מיט דער זונטיק=שול. אין די ערשטע אַנטוויקלונג=יאָרן פון דער אַרבעטער=באַוועגונג איז זי געווען אַ סאָציאַל=דעמאָקראַטקע— דאָס איז געווען ניניע אַלעקסאַנדראָווע גערד, סטרוועס פרוי. איצט זײַנען מיר געשטאַנען גאָר אַף פאַרשיידענע פּאָליטישע פּאָזיציעס. אי=בערגעבנדיק מיר די איניאָנים, האָט זי געזאָגט: „אונדז געטרויען ניט

* לענין, באנד XX, ז. 248—249.

די סאָלדאַטקעס. וואָס מיר זאָלן ניט טאָן פאַר זיי, זיינען זיי אַלץ ניט צופרידן; זיי גלייבן נאָר די באָלשעוויקעס. נו, מיילע, „נעמט די אַרבעט אין אייערע הענט, עפשער וועט איר מאַכן בעסער!“. מיר האָבן ניט מוירע געהאַט נעמען זיך פאַר דער אַרבעט, מיר האָבן געהאַלטן, אַז צוזאַמען מיט די אַרבעטער, שטיצנדיק זיך אַף זייער זעלבסטעטיקייט, וועט זיך אונדז איינגעבן פאַנאַנדערוויקלען אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט.

די אַרבעטער־מאַסן האָבן אַרויסגעוויזן אַ קאָלאָסאַלע אַקטיוויקייט ניט נאָר אַפן פּאָליטישן געביט, נאָר אויך אַפן געביט פון קולטור. גאָר אינגיכן האָט זיך באַ אונדז אָרגאַניזירט אַ ראַט פאַר פאָלק־בילדונג, וווהין עס זיינען אַריין פאָרשטייער פון אַלע פאַבריקן און זאַוואָדן אין וויבאָרגער ראַיאָן. פון די פאָרשטייער פון די זאַוואָדן געדענק איך פּו־רישעוון, קאַיוראָוון, יורקינען און גאָרדיענקאָ. יעדע וואָך פלעגט מען זיך פאַרזאַמלען און באַהאַנדלען אַלע פּראַקטישע מאָסמיטלען. ווען עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן דער נייטיקייט פון אַלגעמיינער אָנפאַנג־בילדונג, האָבן די זאַוואָדן מיט די קויכעס פון די אַרבעטער גופע זייער שנעל דורכגעפירט אַ דיסקאָנט פון די אַנאַלפאַבעטן אַף די זאַוואָדן. די פאַבריקאַנטן האָט מען אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג, זיי זאָלן אויסשטעלן געביידעס פאַר שולן, און ווען איינער אַ פאַבריקאַנט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אַזאַ געביידע, האָבן די אַרבעטער אויפגע־הויבן אַ גוואַלדיקן סקאַנדאַל, זיי האָבן קלאָר געמאַכט, אַז איינע פון די געביידעס באַ דער פאַבריק איז פאַרנומען מיט „שלאָגלער“ (סאָל־דאַטן פון די באַזונדערס שאָוויניסטיש געשטימטע באַטאַליאָנען); גע־ענדיקט האָט זיך עס דערמיט, אַז דער פאַבריקאַנט האָט געמוזט דינגען אַ געביידע פאַר אַ שול. אַ ספּעציעלער אַרבעטער־קאָנטראָל איז געווען אַוועקגעשטעלט קעדיי אַכטונג צו געבן אַפן באַזונד פון די לימודים און אַפן אונטעריכט. ניט ווייט פון דער אויפראַווע איז איינגעשטאַנען דער ...יער־פאָלק. פון אָנהייב האָט ער זיך גערעכנט פאַר זייער אַ...

זיכערן, די „זיכערקייט“ זיינע איז אָבער זייער גיך אויסגערונען. ווי נאָר מע האָט אַוועקגעשטעלט דעם פאָלק אַף דער וויבאָרגער זייט, האָט מען צווישן די סאָלדאַטן אויפגעהויבן פירן אַן אַגיטאַציע. די ערשטע אַגיטאַטערס פאַר די באָלשעוויקעס זיינען געווען גראַדע די פאַרקוי־פערנס פון יאַדערן, קוואַס א.ד.גל. צווישן זיי זיינען געווען ניט ווייניק סאָלדאַטקעס. די אַרבעטערנס פון וויבאָרגער ראַיאָן זיינען שוין געווען

ניט ענלעך אַף יענע אַרבעטערנס, וועלכע איך האָב געקענט אין די 90ער יאָרן און אפילע אין דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר. אַלע זיינען זיי געווען פיין אָנגעטאָן, אַרויסגעטראָטן אַקטיוו אַף פאַרזאַמלונגען און זיינען געווען פּאָליטיש באַוווסטזיניק. איינע אַן אַרבעטערן האָט מיר דערציילט: „דער מאַן מיינער איז אַפן פראָנט. ביז איצט האָבן מיר מיט אים געלעבט גוט, ווי וועט זיין איצטער, אַז ער וועט צוריק קומען פון פראָנט, ווייס איך ניט. איך בין איצט פאַר די באָלשעוויקעס, איך גיי מיט זיי, און ווי איז זיין מיינונג דאָרטן אַפן פראָנט, ווייס איך ניט... צי האָט ער פאַרשטאַנען, צי האָט ער שוין געזען, אַז גיין דאַרף מען נאָר מיט די באָלשעוויקעס. איך טראַכט מיר אָפט באַנאַכט — און ווי אַז ער האָט נאָך ניט פאַרשטאַנען... איך ווייס נאָך ניט, צי וועל איך זיך דערוואַרטן, עפּשער וועט מען אים דאָרט דערהאַרגענען און איך, איך שפּיי שוין אויך מיט בלוט און פאָר איצט אין שפּיטאָל". שאַרף פאַרקריצט האָט זיך מיר אין זיקאָרן איר בלאַס, אויסגעצערט פּאָנעם מיט די רויטע פלעקן אַף די באַקן, איר באומרויִקן זיך וועגן דעם, עס זאָל איר ניט אויסקומען פאַנאַנדערגיין זיך מיטן מאַן איבער די פאַרשיידענע מיינונגען. אָבער אין דער קולטור־אַרבעט זיינען פונדעסטוועגן געגאַנגען פאָרויס ניט די אַרבעטערנס, נאָר די אַרבעטער זיי פלעגן אַריינדרינגען אין יעדער זאַך. דער כאַוועה גאָרדיענקאָ, צום ביישפּיל, האָט זיך זייער גוט געייסעקט מיט די קינדער־גערטנער. דער כאַוועה קוקלין האָט זייער אופמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך דער אַרבעט פון דער יוגנט.

איך האָב זיך אויך אָפּגעגעבן שטאַרק מיט דער אַרבעט צווישן דער יוגנט. די יוגנט, וועלכע האָט זיך גרופּירט אינעם פאַריין „ליכט און וויסן", האָט זיך אויסגעאַרבעט אירע אַן אייגענע פּראָגראַם. צווישן די יאַטן זיינען געווען באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס, אַנאַרכיסטן און אומפּאַרטייִשע. די פּראָגראַם איז געווען ביז גאָר אַ נאַיווע און אַ פּרימיטיווע, אָבער דעבאַטן אַרום איר זיינען געווען זייער אינטערעסאַנט. איינער פון די פּונקטן אין דער פּראָגראַם, צום ביישפּיל, האָט גערעדט וועגן דעם, אַז אַלע מוזן זיך אויסלערנען נייען. דעמלט רופט זיך אָפּ איינער אַ יאַט אַ באָלשעוויק: „צוליב וואָס־זשע דאַרפן אַלע זיך לערנען נייען? מיילע, מיידלעך פאַרשטיי איך, אַניט וועלן זיי ניט קאָנען צונייען אַ קנעפּל צו דעם מאַנס הויזן, אָבער צוליב וואָס דאַרפן זיך לערנען

אַלע?!" דיראָזיקע באַמערקונג האָט אַרויסגערופֿן אַ שטורעם דערווידערונגען. ניט נאָר די מיידלעך, נאָר אויך אַלע יאַטן זיינען געוואָרן אויסער זיך און זיינען אופֿגעשפּרונגען פֿון די ערטער — „קנעפּלעך צו די הויזן דאַרף דאָס ווייב צוניייען? ניט אַנדערש, סיידן דו ביסט פֿונעם זינען אַראָפּ! די אַלטע פֿרויען־פֿאַרשקלאַפֿטקייט האַלטסטו אונטער? דאָס ווייב איז דעם מאַנס אַ כאַווער, און ניט קיין דינסט!" דער אַווטער פֿונעם פֿאָרשלאָג, אַז נאָר די פֿרויען דאַרפֿן זיך לערנען נייען, האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. מיר געדענקט זיך אַ געשפּרעך מיט אַ צווייטן יאַט, וועלכער האָט זייער היים פּאַרטיידיקט די באָלשעוויקעס, מיט מוראַשאָוון. איך פֿרעג בא אים: „פֿאַרוואָס טרעט איר ניט אַריין אין דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע?" — „זעט איר, — האָט ער מיר געענטפֿערט, — עטלעכע אונדזערע יונגטלעכע זיינען שוין געווען אין דער אָרגאַניזאַציע. פֿאַרוואָס זשע זיינען מיר אַהין געגאַנגען? מיינט איר אַוואַדע דערפֿאַר, ווייל מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז די באָלשעוויקעס זיינען גערעכט? ניין, געגאַנגען זיינען מיר נאָר דערפֿאַר, ווייל די באָלשעוויקעס פֿלעגן געבן זייערע מיטגלידער רעוואָלווערן! אַזוי טויג אָבער ניט. גיין דאַרף מען באַוווסטזיניק; האָב איך אומגעקערט דעם בילעט מיינעם ביז איך וועל זיך ניט פֿאַנאַנדערקלייבן, ווי געהעריק איז". זאָגן דאַרף מען אָבער, אַז אין „ליכט און וויסן" זיינען פֿונדעסטוועגן אַריין יאַטן, וועלכע זיינען געווען געשטימטע רעוואָלוציאָנער, יאַטן, וועלכע וואָלטן שוין אין זייער אייגענער סוויווע בעשומויפֿן ניט געדולדעט קיין רעכטע אַרויסזאָגונגען. דער אוילעם איז געווען אַן אַקטיווער, אָפּט אַרויסגעטראָטן בא זיך אַף די זאַוואָדן און אַף די אייגענע פֿאַרזאַמלונגען, אָבער נאָך פֿול מיט צוטרוי. קעגן אָט דער צוטרויִלעכקייט איז שטאַרק אויסגעקומען צו קעמפֿן.

אַסאַך איז אויסגעקומען אַרבעטן צווישן די פֿרויען. איך האָב פֿאַרגעסן מיין פֿריערדיקע שעמעוודיקייט און פֿלעג אַרויסטרעטן אומעטום, ווו מע האָט נאָר געדאַרפֿט.

מיט לייב און לעבן האָב איך זיך אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַריינציִען די מאַסן דורכוויכן אין דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, מעגלעך מאַכן צו פֿאַרווירקלעכן יענע „פֿאָלקמיליציע", וועגן וועלכער איליטש האָט דעמלט געשטעלט די פֿראַגע.

אַז איך האָב גענומען אַרבעטן אינעם וויבאָרגער ראַיאָן, האָב איך

זיך נאָך זעלטענער אָנגעהויבן זען מיט איליטשן, און די צייט איז געווען אַ שאַרפע, דער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט. דער 18=טער יוני איז געווען ניט נאָר אַ טאָג, ווען עס האָבן דעמאָנסטרירט 400 טויזנט אַרבעטער און סאָלדאַטן אונטער די באָלשעוויסטישע לאָזונגען, דער 18=טער יוני איז געווען דער טאָג, ווען די צייטווייליקע רעגירונג האָט, נאָך דריי כאַדאָשים וואַקלעניש, אונטערן דרוק פון די פאַרבינדעטע, אָנגעהויבן אַ נייעם אָנגריף אויפן פראָנט. די באָלשעוויקעס האָבן שוין גענומען אַרויסטרעטן אין דער פרעסע און אויף פאַרזאַמלונגען. די צייטווייליקע רעגירונג האָט דערפילט, אַז זי פאַרלירט דעם באָדן פון אונטער די פיס. דעם 28=טן יוני האָט זיך אָנגעהויבן די מאַפּאָלע פון דער רוסישער אַרמיי אויפן פראָנט; און דאָס האָט שטאַרק אויפגערעגט דאָס מיליטער.

סאָף יוני איז איליטש צוזאַמען מיט מאַריע איליניטשנען אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע טעג אַפּרוען צו די באָנטש=ברויעוויטשעס אין דאָרף נייוואָלאַ נעבן דער סטאַנציע מוסטאַמיאַקי (ניט ווייט פון פּיטער). פאַר דער צייט האָבן אין פּעטראָגראַד אויסגעבראָכן אַזוינע געשעענישן: דער קוילנוואַרפער=פּאָלק, וואָס איז געשטאַנען אויף וויבאָרגער זייט, האָט באַשלאָסן אויפהייבן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. מיט צוויי טעג פאַר דעם האָט אונדזער אויפקלער=קאָמיסיע זיך צונויפגערעדט מיט דער קולט=אויפקלער=קאָמיסיע פונעם קוילנוואַרפער=פּאָלק, אַז מע זאָל זיך פאַרזאַמלען מאָנטיק, קעדיי צו באַהאַנדלען געמיינזאַם אייניקע פראַגן פון דער קולטור=אַרבעט. קיינער, פאַרשטייט זיך, פונעם קוילנוואַרפער=פּאָלק איז אויף דער זיצונג ניט געקומען, דער פּאָלק איז אינגאַנצן אַוועק. האָב איך זיך געלאָזט אין קשעסינסקיס הויז. אויפן סאַמסאָניעווער פּראָספּעקט האָב איך דעריאָגט די קוילנוואַרפער. אין פעסטע רייען האָבן מאַרשירט די סאָלדאַטן. אין זיקאָרן איז מיר פאַרבליבן אַזאַ מין בילד: פונעם טראָטואַר איז אַראָפּ אַן אַלטער אַרבעטער און, גייענדיק וואָקעגן די מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן, האָט ער זיך טיף פאַרנויגט פאַר זיי און הויך אַ זאָג געטאָן: „זעט=זשע ברידערלעך, איר זאָלט זיין פאַרן אַרבעט=פּאָלק!“ אין קשעסינסקיס פּאַלעץ, פון די כאַווייִרים, וועלכע איך האָב געטראָפן אין דער געבייִדע פון צ״ק, געדענק איך סטאַלינען און לאַשעוויטשן. דער פּאָלק האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן באַלקאָן פונעם פּאַלעץ, סאַליוטירט און אַוועקגעמאַרשירט ווייטער. נאָכדעם זיינען צו דער גע=

ביידע פון צ.ק. צוגעגאַנגען אַנדערע צוויי פּאָלקן און נאָך זיי — אַ גרויסע אַרבעטער=דעמאָנסטראַציע. אינאָווגט האָט מען אַוועקגעשיקט איינעם א כאַוועך קיין מוסטאמיאקי נאָך אילִיטשן. דער צענטראַל=קאָמיטעט האָט געוואָרפן אַ לאָזונג צו פאַרוואַנדלען די דעמאָנסטראַציע אין אַ פרידלעכע, און דער קוילנוואַרפער=פּאָלק האָט שוין דערווייל אָנגעהויבן בויען באַ זיך באַריקאַדעס. איך געדענק, ווי דער כאַוועך לאַשעוויטש, וועלכער האָט געפירט אַן אַרבעט אין אָט דעם פּאָלק, איז לאַנג געלעגן אין דער וויבאָרגער אופראווע אפן דיוואַן און געקוקט אַף דער סטעליע, איידער ער האָט באַדאַרפט גיין איינרעדן די סאָלדאַטן פונעם קוילנוואַרפער=פּאָלק, זיי זאָלן אָפּשטעלן די אַרויסטרעטונג. שווערלעך איז עס אים געווען צו טאָן. אַזוי האָט אָבער באַשטימט דער צענטראַל=קאָמיטעט. די זאַוואָדן און פאַבריקן האָבן געשטרייקט. פון קראָנשטאַט זיינען געקומען מאַטראָסן. אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פון באַוואָפנטע אַרבעטער און סאָלדאַטן איז געגאַנגען צום טאַווּרישן פּאַלעץ. אילִיטש איז אַרויסגעטראָטן פונעם באַלקאָן פון קשעסינסקיס פּאַלעץ. דער צענטראַל=קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף אָפּצושטעלן די דעמאָנסטראַציע. די צייטווייליקע רעגירונג האָט אַרויסגערופן יונקערס און קאָזאַקן. אַף סאַדאָווע גאַס האָט מען גענומען שיסן אין די דעמאָנסטראַנטן. יענע נאַכט האָט מען איינגעאָרדנט אילִיטשן אַ נאַכטלעגער באַ די סולימאָווס (אַף פּעטערבורגער זייט). דאָס סאַמע זיכערסטע אָרט, ווו מע האָט געקאָנט בעסער אויסבאַהאַלטן אילִיטשן, איז געווען אַף דער וויבאָרגער זייט. עס איז געווען באַשלאָסן, אַז ער וועט זיך געפינען באַם אַרבעטער קאַיוראָוו. בין איך פאַרגאַנגען נאָך אילִיטשן צו די סולימאָווס און מיר זיינען מיט אים אַוועק אַף דער וויבאָרגער זייט. געגאַנגען זיינען מיר פאַרביי דעם מאָסקווער פּאָלק איבערן בולוואַר. אַפן בולוואַר איז געזעסן קאַיוראָוו. דערזען אונדז האָט ער זיך אופגעהויבן און איז אַוועק עטוואָס פאָרויס, נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען אילִיטש, און איך בין אַוועק אָן א זייט. די יונקערס האָבן צעגראָמירט די רעדאַקציע „פּראַוודאַ“. באַטאָג איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון פּ.ק. אינעם וועכטער=ביידל פון רענאָס זאַוואָד, אילִיטש איז דאָרט אויך בייגעווען. באַהאַנדלט האָט מען די פראַגע וועגן אַ אַלגעמיינעם שטרייק און מע האָט באַשלאָסן קיין אַלגעמיינעם שטרייק ניט אָרגאַניזירן. פון דאָרטן איז אילִיטש אַוועק צו דער כאַווערטע

באַפאַנאָווע, אין לעסנאָיע, ווו ער האָט געזאָלט זיך טרעפן מיט אייניקע מיטגלידער פון צ.ק. יענעם טאָג האָט מען די אַרבעטער־באַוועגונג דערשטיקט.

אַלעקסינסקי, דער געוועזענער מיטגליד פון דער 2־טער דומע, דעפוטאַט פון די פעטראָגראַדער אַרבעטער, דער וופּעריאָדאָוועץ, אַמאָל אַ באַגענטער כוואַלער לויט דער אַרבעט, און פאַנקראַטאָוו, דער מיטגליד פון עסערישער פאַרטיי, אַן אַלטער שליסלבורגער, — אָט זיי ביידע האָבן אַרויסגעלאָזן אַ העצע־קלאַנג וועגן דעם, אַז לויט די ידיעות, וועלכע זיי פאַרמאָגן קלוימערשט, איז לענין — אַ דייטשישער שפּיאָן. מיט דערדאָזיקער העצע האָבן זיי גערעכנט פּאַראַליזירן לענינס ווירקונג און אַווטאָריטעט. דעם 6 יולי האָט די צייטווייליקע רעגירונג אָנגענומען אַ באַשלוס צו אַרעסטירן לענינען, זינאָוויעוון און קאַמענעוון. דער קשעסינסקי־פּאַלאַץ איז פאַרנומען געוואָרן מיט רעגירונג־מיליטער. פון קאיוראָוון האָט איליטש זיך איבערגעצויגן צו אַלילויעוון, ווו זינאָוויעוו האָט זיך אויך אויסבאַהאַלטן. קאַיוראָוו האָט געהאַט אַ זון אַן אַנאַרכיסט. יונגט האָט זיך דאָרט געפּאָרעט מיט באָמבעס, האָט עס ניט שטאַרק געפּאַסט פאַר אַ קאָנספּיראַטיווער דירע.

דעם 7־טן זייַנען מיר מיט מאַריע איליניטשנען געוועזן בא איליטשן בא די אַלילויעווס אין דירע. בא איליטשן איז גראָד דעמאָלט געווען אַ מאָמענט פון וואַקלונגען. ער האָט געבראַכט אַרגומענטן דערפאַר, אַז מע דאַרף זיך מעלדן צום געריכט. מאַריע איליניטשנע האָט שטאַרק דערווידערט קעגן דעם. „מיר מיט גריגאָרין האָבן באַשלאָסן זיך מעלדן, גיי זאָג וועגן דעם קאַמענעוון“ — האָט איליטש זיך אָפּגערופן צו מיר. קאַמענעוו האָט געוווינט דערביי, אין אַ צווייטער דירע. האָב איך זיך אָנגעהויבן איילן. „לאָמיר זיך צעזעגענען, עפשער וועלן מיר זיך שוין מער ניט זען“. האָבן מיר זיך אַרומגענומען. איך בין אַוועק צו קאַמענעוון און איבערגעגעבן אים איליטשס ווערטער. אינאָוונט האָט דער כוואַלער סטאַלין און אַנדערע כאַווערים איבערצייגט איליטשן, ער זאָל ניט גיין צום געריכט און דערמיט האָט מען אים געראַטעוועט דאָס לעבן. אינאָוונט איז בא אונדז אַף שיראָקער גאַס פאָרגעקומען אַן אונטערזוכונג. געזוכט האָט מען נאָר בא אונדז אין צימער. געקומען איז עפּעס איינער אַ פּאָלקאָווניק און נאָך איינער אַ מיליטער־מאַן אין אַ שינעל אַף אַ ווייסן אונטערשלאַק. צוגענומען האָבן זיי פון טיש עטלעכע

צעטעלעך און אייניקע פון מיינע דאָקומענטן. זיי האָבן מיך אַ פרעג געטאָן, צי ווייס איך ניט, ווו קאָן ערגעץ זיין איליטש, און דערפון האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך ניט געמאָלדן. אַפמאָרגן אינדערפרי בין איך אַוועק צום כאַווער סמילגאַ, וועלכער האָט אויך געווינט אַף דערזעלבער שיראָקע גאַס. געטראָפן האָב איך דאָרטן די כאַווייריס סטאַלין און מאַלאַטאָוו און זיך דערוווסט פון זיי, אַז איליטש און זינאַוויעוו האָבן באַשלאָסן זיך אויסבאַהאַלטן.

אין א טאָג ארום, דעם 9=טן, האָט זיך צו אונדז אריינגעוואַלגערט אַ גאַנצע כעוורע יונקערס. זיי האָבן זאָרגזאַם אונטערזוכט די גאַנצע שטוב. אַנע איליגישנעם מאַן, מאַרק טימאָפייעוויטש יעליזאַראָוו, האָבן זיי אָנגענומען פאַר איליטשן. זיי האָבן גענומען אויספרעגן זיך בא מיר, צי דאָס איז ער. די יעליזאַראָווס האָבן דעמלט געהאַט אַ שטוב=אַרבעטערן — אַ דאָרפיש מיידל אַנושקע. געווען איז זי ערגעץ פון אַ פאַרוואָרפן דערפל און קיין שום פאָרשטעלונג וועגן אלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום, האָט זי ניט געהאַט. זי האָט נאָר שטאַרק כיישעק געהאַט אויסלערנען זיך לייענען און שרייבן און יעדע פרייע מינוט פלעגט זי זיך א כאַפ טאָן פארן אלעפבייז. דאָס לערנען פלעגט איר אָבער אָנקומען זייער שווער: „ס'ארא דאָרפישער פלאָקן איך בין!“ — פלעגט זי אָפט אויסשרייען מיט צאַר. איך האָב זיך באמיט איר העלפן זיך אויסלערנען לייענען, דערצו האָב איך איר דערקלערט, וועלכע פארטייען עס זיינען דאָ, איבער וואָס עס קומט פאָר די מילכאָמע א.א.וו. וועגן לענינען האָט זי קיין שום באַגריף ניט געהאַט. דעם 8=טן בין איך אינדערהיים ניט געווען; אונדזערע האָבן נאָכדעם דערציילט, אַז צו אונדזער שטוב איז צוגעפאָרן עפעס אַן אווטאָמאָביל און געמאַכט אַ פיינטלעכע דעמאָנסטראַציע. פלוצעם לויפט אַריין אַנושקע און שרייט אויס: „עפעס אָלעניִנס זיינען דאָרט געקומען צופאָרן!“ ביים דער אונטערזוכונג האָבן די יונקערס גענומען זיך פאַנאַנדערפרעגן בא איר, אָנווייזנדיק אַף מאַרק טימאָפייעוויטשן, וויאַזוי מע רופט אים? האָט זי ניט געוווסט. האָבן זיי באַשלאָסן, אז דאָס באַהאַלט זי אים און וויל ניט אויסזאָגן. נאָכדעם זיינען זיי אַריין צו איר אין קיך און גענומען זוכן אונטערן בעט, צי האָט זיך דאָרט עמעצער ניט באַהאַלטן. אַנושקע איז געוואָרן אויסער זיך און האָט זיי אַ זאָג געטאָן: „טוט אַקאָרשט אַ זוך אין בראָט=אויוון, עפשער זיצט דאָרטן עמעצער“. פאַרנומען האָבן זיי דרייען—מיך, מאַרק טימאָ=

פּייעווימשן און אַגושקען און אָפּגעפירט אין גענעראַל=שטאַב. פאַנאַנדערגעזעצט האָט מען אונדז אָפּגערוקט אייגעם פון דעם אַנדערן און געבן יעדן אייגעם פון אונדז אַ וועקגעשטעלט אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס. פּלוצעם האָט זיך אַהער אַריינגעריסן אַ צעווילדעוועטע באַנדע אָפּיצירן און זיך געקליבן אַרופוואַרפן אַף אונדז. איז אָבער אַריין יענער פּאָלקאָווניק, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל געמאַכט באַ אונדז די אונטערזוכונג, אַ קוק געטאָן אַף אונדז און אַ זאָג געטאָן צו די אָפּיצירן: „דאָס זיינען ניט די, וועלכע זיינען אונדז נייטיק“. ווען איליטש וואָלט דאָ אַף אונדזער אָרט געווען, וואָלטן זיי אים אַף שטיקער צעריסן. אונדז האָט מען אָפּגעלאָזן. מארק טימאָפּייעוויטש האָט גענומען פּאָדערן, מע זאָל אונדז געבן אַן אַווטאָמאָביל צו פאָרן אַהיים. דער פּאָלקאָווניק האָט צוגעזאָגט און איז אַוועק. קיינער, פאַרשטייט זיך, האָט אונדז קיין אַווטאָמאָביל ניט געגעבן. האָבן מיר געדונגען אַ פורל. די בריקן אָבער זיינען געווען צעגומען און אַהיים האָבן מיר זיך דערקליבן ערשט אינדערפרי. זייער לאַנג געקלאַפּט אין טיר און שוין אַפילע געהאַט זיך דערשראָקן, צי איז עפּעס ניט געשען דאָ דערווייל מיט אונדזעריקע. סאָפּקאָלסאָף האָט מען אונדז געעפנט.

געווען איז באַ אונדזעריקע אַן אונטערזוכונג אויך אַ דריט מאָל. איך בין דאַן ניט געווען אינדערהיים. געווען באַ זיך אין ראַיאָן. איך קום אַהיים, ערשט דער אַריינגאַנג איז פאַרנומען מיט סאָלדאַטן, די גאַנצע גאַס איז פאַרפּלייצט מיט מענטשן. בין איך געשטאַנען אַ ווײַלע און אַוועק צוריק אין ראַיאָן — אַלציינס, וואָס וועל איך זיי העלפן? געקומען זיך צושלעפּן אין ראַיאָן שפּעט, קיינער איז שוין דאָרט ניט געווען, אויסער דער וועכטערן. אין אַ שטיקל צייט אַרום איז געקומען סלוצקי — אַ כאַווער, וועלכער איז ניט לאַנג געקומען פון אַמעריקע צוזאַמען מיט וואָלאָדאַרסקין, מעלניטשאַנסקין און אַנדערע. שפּעטער איז ער אומגעקומען אַפן דאָרעם=פראָנט, ער האָט זיך נאָר=וואָס געהאַט אַרויסגעדרייט פון אונטער אַרעסט און האָט מיך גענומען שטאַרק איינרייידן, איך זאָל ניט גיין אַ היים, נאָר שיקן פריער עמעצן זיך דערוויסן, וואָס עס הערט זיך דאָרט. זיינען מיר מיט אים אַוועק זוכן ערגעץ אַן אָרט, ווו איבערצונעכטיקן. קיין אַדרעסן פון כאַווײרים האָבן מיר ניט געוווסט, האָבן מיר אַהיפּשע צייט זיך אַרומגעשלעפּט איבערן ראַיאָן, ביז מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו פּאָפּאַנאָווען — אַ כאַווערטע לויט

דער אַרבעט אײגעם ראַיאָן, װעלכע האָט אונדז טאַקע אײנגעאָרדנט. אינדערפֿרי האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז קײנער פֿון אונדזערע איז ניט אַרעסטירט און די אונטערזוכונג האָט מען דאָסמאָל אויך געמאַכט לײַטישער, װי די פֿריערדיקע.

אילײטש צוזאַמען מיט זינאָװיעװן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן בײַם אַלטן אונטערערדישן טוער, בײַם אַרבעטער פֿון סעסטראָרעצקער זאַװאָד יעמעליאַנאָװ, אויף דער סטאַנציע ראַזליװ, ניט װײַט פֿון סעסטראָרעצק. בײַ אילײטשן איז בײַזן סאַמע לעצטן טאָג פֿאַרבליבן צו יעמעליאַנאָװן און צו זײַן פֿאַמיליע זײער אַ װאַרעמע באַציונג.

איך האָב אָנגעהויבן פֿאַרברענגען די גאַנצע צײַט אין װיבאָרגער ראַיאָן. אין די יולי־טעג האָט שטאַרק איבעראַשט דער אונטערשייד צװישן די קלײנבירגערלעכע שטימונגען און די שטימונגען בײַ די אַרבעטער. אין די טראַמװײען, אויף די גאַסן האָט פֿון אַלע װינקלען געשפּאַרט דער צאָרן פֿונעם קלײנבירגערלעכן באַלעבעסל. איז מען אָבער אַריבער דעם הילצערנעם בריק, װעלכער פֿירט צו דער װיבאָרגער זײַט, האָט מען באַלד דערפֿילט, אַז מע איז אַריבער אין גאָר אַן אַנדער װעלט. אַרבעט איז געװען אַריבערן קאָפּ. דורך דעם כאַװער זאָף און אַנדערע כאַװײרים, װעלכע זײַנען געװען פֿאַרבונדן מיטן כאַװער יעמעליאַנאָװן, פֿלעג איך באַקומען צעטעלעך פֿון אילײטשן מיט פֿאַרשײדענע שליכעסן. די רעאַקציע איז געװאַקסן. דעם 9־טן יולי האָט די פֿאַרײניקטע זיצונג פֿון א.צ.א.ק און פֿון אויספֿירקאָם פֿונעם ראַט פֿון די אַרבעטערשע און פּויערשע דעפּוטאַטן דערקלערט די צײַטװײליקע רעגירונג אַלס „רעגירונג צו ראַטעװען די רעװאָליוציע“; אין דעמזעלבן טאָג טאַקע האָט זיך אָנגעהויבן דאָס „ראַטעװען“. דעמזעלבן טאָג האָט מען אַרעסטירט קאַמעניעװן, דעם 12־טן יולי איז אָפּגעגעבן געװאָרן אַ באַפֿעל אײַנצופֿירן אַפֿן פֿראָנט טויט־שטראָף. דעם 15־טן יולי האָט מען פֿאַרמאַכט די „פּראַװדאַ“ און די „אָקאָפּנאַיאַ פּראַװדאַ“ און אָפּגעגעבן אַ באַפֿעל, װאָס האָט פֿאַרװערט צו אָרגאַניזירן מיטינגען אַפֿן פֿראָנט, אין העלסינגפֿאָרס האָט מען געמאַכט אַרעסטן צװישן די באָלשעװיקעס און פֿאַרמאַכט די דאָרטיקע באָלשעװיסטישע צײַטונג „װאָלנאַ“ („כװאַליע“). דעם 18־טן יולי האָט מען פֿאַנאַנדערגעלאָזן דעם פֿינלענדישן סײם, און דער גענעראַל קאָרנילאָװ איז יענעם טאָג

באַשטימט געוואָרן אַלס העכסטער קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי. דעם 22=טן יולי האָט מען אַרעסטירט טראָצקין און לונאַטשאַרסקין.

איניקן נאָך די יולי=טעג האָט קערענסקי צוגעטראַכט אַ מיטל, דורך וועלכן ער האָט געמיינט אופהייבן די דיסציפּלין אינעם מיליטער; ער האָט באַשלאָסן, אַז דעם קוילנוואַרפער=פּאָלק, וועלכער האָט אָנגעהויבן די אַרויסטרעטונג אין די יולי=טעג, דאַרף מען אַרויספירן און אַנטוואָפענען אפן פּלאַץ און עפנטלעך שטעמפּלען אים מיט שאַנד. איך האָב געזען, ווי דער אַנטוואָפנטער פּאָלק איז געגאַנגען צום פּלאַץ. די אַנטוואָפנטע סאָלדאַטן האָבן געפירט די פערד זייערע פאַרן צוים און אַזוי=פיל צאָרן האָט געברענט אין זייערע בליקן, אַזויפיל האַס האָט זיך געפילט אינעם גאַנצן לאַנגזאַמען גאַנג זייערן, אַז ס'איז קלאָר געווען, אַז צו קיין גרעסערער נאַרישקייט האָט שוין קערענסקי ניט געקאָנט זיך דערטראַכטן. און ווירקלעך, אין אָקטיאַבער איז דערדאָזיקער פּאָלק מיט עמעסער מעטירעסנעפעש געגאַנגען פאַר די באָלשעוויקעם, באַוואַכט איליטשן אין סמאָלני.

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי איז טאַקע אַריבער אף אַ האַלבלעגאַלן צושטאַנד. זי איז אָבער געוואַקסן און זיך געפעסטיקט; צום מאָמענט פון עפענען דעם פּאַרטיי=צוזאַמענפאָר, דעם 26=טן יולי, האָט זי שוין געציילט אין אירע רייען 177 טויזנט מאַן, אין צוויי מאָל מער, איידער מיט דריי כאָדאָשים צוריק, בא דער אַלרוסלענדישער אַפּרעל=קאָנפערענץ פון די באָלשעוויקעם. דער וווקס פון דער באָלשעוויסטישער ווירקונג, באַזונדערס צווישן מיליטער, איז געווען אויסער יעדן צווייפל. דער 6 צוזאַמענפאָר האָט נאָך פעסטער באַהאָפטן די באָלשעוויסטישע קויכעס. אינעם אופרוף, וואָס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אין נאָמען פון 6=טן צוזאַמענפאָר, האָט זיך גערעדט וועגן דער קאָנטער=רעוואָליוציאָנערער פּאָזיציע, וואָס די ציימווייליקע רעגירונג האָט פאַרנומען. „עס גרייט זיך אַן אַלוועלטלעכע רעוואָליוציע, אַ געראַנגל פון קלאַסן, — איז געזאָגט געוואָרן אינעם אופרוף! — אין אַט דעם געראַנגל גייט אונדזער פּאַרטיי מיט צעוויקלטע פאָנען. זי האָט זיי פעסט געהאַלטן אין אירע הענט, זי האָט זיי ניט פאַרנויגט פאַר די געוואַלט=טוער, פאַרעטער און בייזע העצער, פאַר די, וואָס האָבן פאַראַטן די רעוואָליוציע און זיך געשטעלט צו דינסט דעם קאַפּיטאַל. זי וועט אויך ווייטער האַלטן הויך די פאָנען, קעמפנדיק פאַרן סאָציאַליזם, פאַר

ברידערשאַפט צווישן פעלקער, ווייל זי וויים — עס קומט אָן אַ נייע באַוועגונג און עס דערגעענטערט זיך די טויט-שאָ פאַר דער אַלטער וועלט".

דעם 25 אווגוסט האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש פון די קאָרנילאָוועס אַף פעטראָגראַד. די אַרבעטער פון פיטער און, אין דער ערשטער ריי, פון וויבאָרגער ראַיאָן האָבן זיך, פאַרשטייט זיך, אַ וואָרף געטאָן פאַרטיידיקן פעטראָגראַד. אַנטקעגן די אָטריאַדן פון קאָרנילאָווס מיליטער, דער אַזויגערופענער „ווילדער דיוויזיע", זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן אונדזערע אַגיטאַטערס. גאָר איינגיכן האָט זיך קאָרנילאָווס מיליטער דעמאָראַליזירט. קיין עכטער אָנגריף האָט זיך שוין ניט באַקומען. דער גענעראַל קרימאָוו, וועלכער האָט געפירט דעם קאָרפוס אַף לעניגראַד, האָט זיך דערשאָסן. מיר האָט זיך פאַרגעדענקט די פיגור פון איינעם אונדזערן אַ וויבאָרגער אַרבעטער — אַ יונגן יאַט. געאַרבעט האָט ער לויט דער ליניע פון ליקווידירן די אַמעראַצעס. און אַפן פראָנט איז ער אַוועק צווישן די ערשטע. איז אָט געדענק איך, אַז ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון פראָנט, איז ער נאָך מיט דער ביקס אַפן אַקסל געקומען צולויפן אין דער ראַיאָנער דומע. אין דער אַרבעטער-שול האָט דעמלט פונקט אויסגעפעלט קרייד. פליט אַריין דערדאָזיקער יאַט, דאָס פּנים זיינס עטעמט נאָך מיט קאַמף-לוסט, כאַפט אַראָפ פון זיך די ביקס, שטעלט זי אַוועק אין ווינקל און הייבט אָן היציק ריידן וועגן קרייד, וועגן שרייב-ברעטער. אין וויבאָרגער ראַיאָן איז יעדן טאָג אויסגעקומען צו זען, ווי ענג עס בינדט זיך באַ די אַרבעטער זייער רעוואָליוציאָנערער קאַמף מיטן קאַמף פאַר באַהערשן די וויסנשאַפט, די קולטור.

לעבן וויטער אינעםביידל אַף דער סטאַנציע ראַזליוו, וווּ איליטש האָט זיך אויסבאַהאַלטן, איז געוואָרן אומעגלעך. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער האַרבסט, און איליטש האָט באַשלאָסן זיך אריבערקלייבן קיין פינלאַנד. דאָרטן האָט ער גערעכנט אָנשרייבן די אַרבעט, וואָס ער האָט פאַרטראַכט: „מעלוכע און רעוואָליוציע". צו דער אַרבעט האָט ער שוין געהאַט זייער פיל אויסצוגן, ער האָט זי שוין געהאַט אַרומגעטראַכט פון אַלע זייטן. אין פינלאַנד איז אויך באַקוועמער געוועזן נאָכצושפירן נאָך די צייטונגען. נ. א. יעמעליאַנאָוו האָט פאַר אים געקראָגן אַ פּאַספּאָרט פון אַ סעסטראָרעצקער אַרבעטער. מע האָט

אילימשן אָנגעמאָן אַ פאַריק און עמוואָס פאַרגרימירט. דמיטרי אילימש לעשמשענקאָ, אַן אַלטער פאַרטיי־כאַווער ויַיד פון די יאָרן 1905—1907, דער געוועזענער סעקרעטאַר פון אונדזערע באַלשעוויסטישע צייטונגען, באַ וועמען אילימש פלעגט יענע צייטן זייער אָפט נעכטיקן,— איצט איז ער געווען מיין געהילף אין דער קולטאַרבעט אין וויבאָרגער ראַיאָן, — אָט דער כאַווער לעשמשענקאָ איז צוגעפאָרן קיין ראַזליוו, האָט פאָטאָגראַפירט אילימשן (צום פאַספאָרט האָט מען געמוזט צולייגן א פאָטאָגראַפיש בילד). דער כאַווער יאַלאָווא, א פינלענדישער כאַווער, וועלכער האָט געדינט אַלס מאַשיניסט אַף דער פינלענדישער אייזנבאַן, — גוט געקענט האָבן אים די כאַוויירים שאָטמאַן און ראַכיאַ, — האָט זיך אונטערגענומען אַריבערפירן אילימשן אַלס זיינעם אַ קאָטשעגאַר. און אַזוי איז מאַקע געווען. די פאַרבינדונגען מיט אילימשן האָבן זיך אויך געפירט דורך דעם כ' יאַלאַווא, און איך בין נאָכדעם ניט איינמאָל פאַרגאַנגען צו אים נאָך אילימשס בריוו. דער כ' יאַלאַווא האָט אויך געוווינט אין וויבאָרגער ראַיאָן. אַז אילימש האָט זיך איינגעאָרדנט אין העלסינגפאָרס, האָט ער צוגעשיקט אַ כעמישן בריוו, אין וועלכן ער האָט גערופן קומען צו אים, אָנגעוויזן דעם אַדרעס און אויסגעמאָלט אַפילע אַ פלאַן, וויאַזוי דורכצוגיין, גאָרניט פרעגנדיק קיינעם. ווען איך האָב אָבער געוואַרעמט דעם בריוו איבערן לאָמפ, האָט אָפגעברענט אַ ברעג פונעם פלאַן. די יעמעליאַנאָווס האָבן מיר געקראָגן אַ פאַס פון אַ סעסטראָרעצקער אַלטער, ארבעטערן. האָב איך זיך ארומגעבונדן מיט א טוך און בין אוועקגעפאָרן קיין ראַזליוו צו די יעמעליאַנאָווס, און זיי האָבן מיר אריבערגעפירט איבער יעד גרענעץ פאַר די, וואָס ווינען באַם גרענעץ, איז געווען גענוג צו האָבן אַ פאַספאָרט אַף אַריבערצוגיין די גרענעץ. דורכגעקוקט מיין פאַספאָרט האָט עפעס איינער אַן אָפיצער. פון דער גרענעץ האָט מען געדאַרפט גיין אַ וויאָרסט 5 מיטן וואַלד ביז דער ניט גרויסער סטאַנציע אָלילאַ, ווו איך האָב געזאָלט זיך זעצן אין אַ סאָלדאַטישן צוג. אַלץ איז דורך זייער גלאַט, און נאָר דער אָפגעסמאַליעטער ברעג פונעם פלאַן האָט אביסל אונטערגעפירט — אַ לאַנגע צייט האָב איך אַרומגעבלאָנקעט, ביז איך האָב זיך אַרופגעשלאָגן אַף דער גאַס, וואָס איך האָב באַדאַרפט. אילימש האָט זיך זייער דערפרייט, ווען ער האָט מיך דערזען. מע האָט בעשיימפערלעך געזען, ווי פאַרבענקט ער האָט זיך, זיצנדיק אין אונ=

מערדערה, אין דער צייט, ווען עס איז אזוי נייטיק צו זיין אין צענטער פון דער קאַמף־צוגרייטונג. איך האָב אים דערציילט וועגן אַלץ, וואָס איך האָב נאָר געוווסט. אָפּגעזעסן אין העלסינגפאָרס בין איך אַ פּאָר טעג. אילי́טשן האָט זיך אומבאַדינגט געוואָלט גיין מיך באַגלייטן צום וואָקזאַל און ער האָט מיך אָפּגעפירט ביזן לעצטן קער־פּונקט. אָפּגערעדט האָבן מיר, אַז איך וועל קומען נאָכאַמאָל.

דאָס צווייטע מאָל בין איך געווען בא אילי́טשן אין אַ צוויי וואָכן אַרום. עפּעס האָב איך פאַרשפּעטיקט און באַשלאָסן ניט פאָרן צו די יעמעליאַנאָווס און גיין אַליין ביז דער סטאַנציע אַלילאַ. אין וואַלד גייענדיק האָט שוין גענומען ווערן טונקעלער — טיפער האַרבסט האָט זיך אָנגערוקט, נאָכדעם איז אופגעגאַנגען די לעוואָנע. די פיס האָבן אָנגעהויבן זינקען אינעם זאַמד און מיר האָט זיך אויסגעגעבן, אַז איך האָב זיך אַראָפּגעשלאָגן פון וועג. האָב איך זיך גענומען איילן. געקומען קיין אַלילאַ, ערשט דער צוג איז ניטאָ. געקומען איז ער ערשט אין אַ האַלבע שאָ אַרום. דער וואַגאָן איז געווען פול געפּאַקט מיט מאַטראָסן און סאָלדאַטן. געווען איז אַזוי ענג, אַז דעם גאַנצן וועג איז מיר אויסגעקומען שטיין. די סאָלדאַטן האָבן גערעדט אָפן וועגן אן אופשטאַנד. אַלע געשפּרעכן האָבן זיך געפירט נאָר וועגן פּאָליטיק. און דער גאַנצער וואַגאָן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ דורכוויסיקן ביז גאָר אופגערעגטן מיטינג. קיינער פון די זייטיקע איז אין וואַגאָן ניט אַריין, לעבאַטכילע איז געהאַט אַריינגעגאַנגען איינער אַ ציווילער. אַז ער האָט אָבער דערהערט, אַז. אַ סאָלדאַט דערציילט, וויאַזוי זיי האָבן אין וויבאָרג געוואָרפן אין טייך אָפיצערן, איז ער באַלד אַף דער ערשטער סטאַנציע ניט געוואָרן. אַף מיר האָט קיינער קיין אַכט ניט געלייגט. אַז איך האָב איבערגעגעבן אילי́טשן די סאָלדאַטישע געשפּרעכן, איז זיין פּאָנעם באַלד געוואָרן ערנסט פאַרטראַכט און נאָכדעם — וועגן וואָס איך האָב ניט גערעדט מיט אים, איז דידאָזיקע פאַרטראַכטקייט שוין מער ניט אַראָפּ בא אים פון פּאָנעם. מע האָט בעפייערעש געזען, אַז ריידן רעדט ער וועגן איינס און טראַכטן טראַכט ער וועגן גאָר עפּעס אַנדערש, וועגן דעם אופשטאַנד, וועגן דעם, וויאַזוי אים צוצוגרייטן.

דעם 13—14 סענטיאַבער שרייבט שוין וולאַדימיר איליטש אין צ.ק. דעם בריוו „דער מאַרקסיזם און דער אופשטאַנד“. סאָף סענטיאַבער האָט ער זיך אַריבערגעקליבן צוריק פון העלסינגפאָרס קיין ווי־

באַרג, קעדיי צו זיין נעענטער צו פּיטער; פון וויבאָרג שרייבט ער אַ בריוו צו סמילגען קיין העלסינגפאָרס (סמילגע איז דעמאָלט געווען דער פאָרזיצער פונעם געגנט-קאָמיטעט פון דער אַרמיי און פלאָט און פון די פינלענדישע אַרבעטער) וועגן דעם, אַז די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט דאַרף מען ווענדן אַף דער מיליטערישער צוגרייטונג אין די פינלענדישע טיילן פון דער אַרמיי און פלאָט צום פאָרשטייענדיקן אַראָפּוואַרפן קערענסקין. וועגן דעם, וויאַזוי מע דאַרף איבערבויען דעם גאַנצן מעלוכע-אַפּאַראַט, וויאַזוי מע דאַרף אָרגאַניזירן אַף אַ נייעם אויפן די מאַסן, וויאַזוי איבערצווועבן פונדאָסניי דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע „געוועב", ווי איליטש פלעגט זיך אויסדריקן,— אַט וועגן דעם אַלעם האָט איליטש אומדערמידלעך געטראַכט און וועגן דעם האָט ער געשריבן אינעם אַרטיקל „צי וועלן די באָלשעוויקעס קאָנען איינהאַלטן די מעלוכע-מאַכט?", געשריבן אינעם אויפרוף צו די פּויערים און סאָלדאַטן און אינעם בריוו צו דער פּיטערער שטאָט-קאָנפערענץ אַף דורכצולייענען עס אַף אַ פאַרמאַכטער זיצונג. דאָרט האָט ער שוין געהאַט אָנגעוויזן קאָנקרעטע מאָסמיטלען, וועלכע מע מוז אָנעמען, קעדיי צו נעמען די מאַכט. וועגן דעמזעלבן האָט ער געשריבן אויך צו די מיטגלידער פון צ.ק., מ.ק., פּ.ק. און צו די באָלשעוויקעס—מיטגלידער פון פּיטערער און מאָסקווער ראַטן.

דעם 7-טן אָקטיאַבער האָט איליטש זיך אריבערגעצויגן פון וויבאָרג קיין פּיטער. עס איז געווען באַשלאָסן אָפּהיטן אין אַלץ פולשטענדיקע קאָנספּיראַציע: ניט זאָגן זיין אַדרעס, ווו ער וועט זיך אויסבאַהאַלטן. אַפילע די מיטגלידער פון צענטראַל-קאָמיטעט. איינגעאָרדנט האָבן מיר אים אַף וויבאָרגער זייט, אַפּן ראָג פון לעסנאָי פּראָספּעקט, אין אַ גרויס הויז, ווו עס האָבן געוווינט קימאַט אויסשליסלעך אַרבעטער, בא מאַרגאַריטע וואַסיליעוונע פאָפאַנאָווע. די דירע איז געווען זייער אַ באַקוועמע דערמיט, וואָס צוליב זומער איז דאָרט קיינער ניט געווען, אַפילע קיין שטוב-אַרבעטערן, און מאַרגאַריטע וואַסיליעוונע אַליין איז געווען אַן איבערגעגעבענע באָלשעוויטשקע, וועלכע איז גערן ארומגעלאָפן לויט איליטשס פאַרשיידענע שליכעס. אין דריי טעג אַרום, דעם 10-טן אָקטיאַבער, האָט איליטש אָנטיילגענומען אין דער זיצונג פונעם צ.ק. בא סוכאַנאָוון אין דירע, ווו מע האָט אָנגענומען די רעזאָליוציע וועגן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. צען מיטגלידער פון צ.ק. (לענין, סווערדלאָוו

סטאַלין, דזשערזשינסקי, טראָצקי, אוריצקי, קאָלאָנטײַ, בובנאָוו, סאָקאָלניקאָוו און לאָמאָוו) האָבן געשטימט פֿאַר אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד. זינאָוויעוו און קאַמענעוו — קעגן.

דעם 15־טן אָקטיאַבער איז פֿאָרגעקומען א זיצונג פֿון דער פּעטראָגראַדער אָרגאַניזאַציע. פֿאָרגעקומען איז זי אין סמאָלנע (אָט דער פֿאַקט אַליין איז שוין גענוג באַווײַזלעך); געווען זײַנען דאָרט דעלעגאַטן פֿון די ראַיאָנען (פֿון ווײַבאָרגער ראַיאָן — 8 מאַן). איך געדענק, אַז פֿאַר אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד איז אַרויסגעטראָטן דזערזשינסקי, קעגן — טשודנאָווסקי. טשודנאָווסקי איז געווען פֿאַרוווּנדעט אַפֿן פֿראָנט און די האַנט איז בײַ אים נאָך געווען אונטערגעבונדן. מיט גרויס אויפֿרעגונג האָט ער אויפֿגעוויזן, אַז מיר טאָרן זיך ניט אײַלן, אַז מיר וועלן געוויס האָבן אַ מאַפּאָלע. ניטאָ קיין לײַכטערע זאַך, ווי שטאַרבן פֿאַר דער רעוואָלוציע. אויב אָבער מיר וועלן זיך לאָזן צעשיסן, וועלן מיר דערמיט נאָר אָנטאָן שאָדן דער רעוואָלוציע". טשודנאָווסקי האָט טאַקע ווירקלעך אָפּגעגעבן דאָס לעבן פֿאַר דער רעוואָלוציע — ער איז אומגעקומען אין דער צײַט פֿון בירגער־קריג. קיין פּראָוואָקאַטאָר איז ער ניט געווען, אָבער דער שטאַנדפּונקט זײַנער איז אַף דורך און דורך געווען אַ פֿעלערהאַפֿטער. די איבעריקע אַרויסטרעטונגען געדענק איך שוין ניט. בײַם אָפּשטימען האָט די איבערוויגנדיקע מערהייט געשטימט פֿאַר אַ טייקעפּדיקער אַרויסטרעטונג. דער גאַנצער ווײַבאָרגער ראַיאָן האָט געשטימט פֿאַר אַן אויפֿשטאַנד.

אַף מאָרגן, דעם 16־טן אָקטיאַבער, איז אין דער דומע פֿון לעסנאָיער אונטער־ראַיאָן פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרברייטערטע זיצונג פֿון צ.ק., אין וועלכער עס האָבן זיך, אויסער די מיטגלידער פֿונעם צ"ק, באַטייליקט אויך מיטגלידער פֿון אויספּירקאָם, פֿון פּעטראָגראַדער קאָמיטעט, פֿון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, פֿון פּעטראָגראַדער ראַט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען, פֿון זאַוואָדישע און פֿאַבריקישע קאָמיטעטן, פֿון די אײַזנבאַנער און פֿון פּעטראָגראַדער קרייז־קאָמיטעט. אַף דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג האָבן זיך באַהאַנדלט צוויי ליניעס: פֿון דער מערהייט — יענע, וועלכע זײַנען געווען פֿאַר אַ טייקעפּדיקן אויפֿשטאַנד, און פֿון דער מינדערהייט — די, וועלכע זײַנען געווען קעגן א טייקעפּדיקן אויפֿשטאַנד. פֿאַר לענינס רעזאָלוציע האָט געשטימט די איבערוויגנדיקע מערהייט — 19 שטימען, 2 האָבן געשטימט קעגן, 4 האָבן

זיך אינגאַנצן אָפּגעהאַלטן. די פראַגע איז געווען געלייזט. אַף אַ פּאַרמאַכטער זיצונג פון צ.ק. האָט מען אויסגעקליבן אַ מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן צענטער.

צו איליטשן פלעגט גיין אַ מינימאַלסטע צאָל באַזוכער. איך פלעג גיין, מאַריע איליניטשנע איז געווען און איינמאָל איז געווען דער כאַווער ראַכיאַ. איינמאָל, געדענק איך, איז געווען אַזאַ מין סצענע. פאָפאַנאָווען האָט איליטש ערגעץ אַוועקגעשיקט וועגן אַן איניען; אָפּגערעדט איז געווען, אַז ער אַליין זאָל קיינעם די טיר ניט עפענען און אַפילע זיך ניט אָפּרופן אַפן קלינגען באַ דער טיר. איך פלעג קלאַפּן מיט אַ באַשטימט-אָפּגערעדטן קלאַפּ. פאָפאַנאָווע האָט געהאַט אַ שוועסטערקינד, וועלכער האָט זיך געלערנט אין אַ מיליטערישן לערן-אַנשטאַלט. קום איך איינמאָל אינאָוונט און זע, אַז עס שטייט אָט דער יאַט אַף די טרעפּ און איז עפּעס שטאַרק פאַרלאָרן. דערזען מיך, רופט ער זיך אָפּ: „איר ווייסט, צו מאַרגאַריטען אין דירע האָט זיך עמעצער פאַרקליבן“. „וואָס הייסט פאַרקליבן?“ „יאָ, איר פאַרשטייט, איך קום צוגיין און נעם קלינגען, ענטפערט מיר עפּעס אַ מאַנצבילשע שטים; נאָכדעם האָב איך זייער לאַנג געקלונגען און קיינער ענטפערט שוין ניט“. דעם יאַט האָב איך עפּעס צוגעטראַכט אַ ליגן, אַז מאַרגאַריטע איז גאָר איצטער אַף אַ פאַרזאַמלונג און אַז די מאַנצבלשע שטים האָט זיך אים גאָר אויסגעדוכט. אָבער באַרויִקט האָב איך זיך ערשט דעמלט, ווען ער האָט זיך אַרופגעזעצט אַף אַ טראַמוויי און איז אַוועקגעפאָרן. נאָכדעם האָב איך זיך צוריקגעקערט, אָנגעקלאַפּט מיט אונדזער אָפּגערעדטן קלאַפּ און, איליטש האָט מיר געעפּנט די טיר, האָב איך אים גענומען זידלען.

„דער יאַט האָט דאָך געקאָנט מאַכן אַ טומל און צונויפרופן אַ וילעם“.

„איך האָב געמיינט, אַז עפּעס דרינגענדיקס“, — האָט זיך איליטש פאַרענטפערט. אויך איך בין די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען לויט איליטשס שליכעסן. דעם 24-טן אָקטיאַבער האָט ער אָנגעשריבן אין צ.ק. אַ בריוו וועגן דעם, אַז מע דאַרף נעמען די מאַכט טייקעף, היינט. מיט דעמדאָזיקן בריוו האָט ער אַוועקגעשיקט מאַרגאַריטען, ער האָט זיך אָבער ניט דערוואַרט, ביז זי וועט זיך אומקערן צוריק, אָנגעטאָן דעם פּאַריק און איז אַוועק אין סמאָלני. קיין רגע האָט מען ניט געטאָרט פאַרלירן. אַפן וועג האָט ער באַגעגנט מאַרגאַריטען און איר איבערגעגעבן, אַז ער גייט אין סמאָלני און זי זאָל אַף אים ניט וואַרטן.

דער וויבאָרגער ראַיאָן האָט זיך געגרייט צום אופֿשטאַנד. אין דער געבײַדע פֿון וויבאָרגער אופּראַווע זײַנען געזעסן 50 אַרבעטערס און אַ פֿרוי — אַ דאָקטערן האָט זיי אַ גאַנצע נאַכט געלערנט, וויאַזוי צו איבערבינדן פֿאַרווונדעטע. אין דער געבײַדע פֿונעם ראַיאָנעם קאָמיטעט האָט מען באַוואָפֿנט אַרבעטער, איין גרופּע נאָך דער אַנדערער זײַנען זיי געקומען אין קאָמיטעט און באַקומען געווער. אין וויבאָרגער ראַיאָן איז אָבער ניט געווען וועמען צו דערשטיקן — אַרעסטירט האָט מען נאָר עפּעס איינעם אַ פּאָלקאָווניק און עטלעכע יונקערס, וועלכע זײַנען געקומען אין אַרבעטער-קלוב טרינקען טיי. באַנאַכט זײַנען מיר מיט זשעניע יעגאָריעווען געפֿאָרן אַף אַ לאַסט-אַוטאָמאָביל קיין סמאָלני, זיך דערוויסן, ווי גייט עס דאָרט.

אינדערפֿרי דעם 25-טן (דעם 7-טן נאָיאַבער) 1917 יאָר איז די צײַטווײַליקע רעגירונג שוין געווען אַראָפּגעשלײַדערט. די מעלוכע-מאַכט איז אַריבער צום מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט — צום אָרגאַן פֿון פּעטראָגראַדער ראַט, וועלכער איז געשטאַנען בעראָש פֿונעם פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט און פֿונעם גאַרניזאָן. דעמזעלבן טאָג האָט דער מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערער ראַט איבערגעגעבן די מאַכט דעם 2-טן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפֿאָר פֿון די ראַטן פֿון די אַרבעטערשע און סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן. עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַן אַרבעטער-פּויערשע רעגירונג, עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ ראַט פֿון פֿאָלקס-קאָמיסאַרן, און אַלס פֿאָרזיצער זײַנער איז באַשטימט געוואָרן לענין.

Сдано в производство 22|VII—32 г. Подписано к печати 29|VIII—32 г.
Формат бумаги 72×105 1/32. 7 3/4 печ. л. 72000 п. зн. в л. „Эмес“127.
Уп. Главлита В—33411. Тираж 5000.
Редактор Л. Гольдберг. Техредактор И. Тененбаум.

Тип. изд-ва „Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак. № 649.